STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11424

HINTERN FORHANG

Zalmen Zylbercweig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן זילבערצווייג

הינטערן פּאָרהאַנג

ווילנע — 1928
ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Z. Zilbercwajg — „Hintern forhang"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט:

אַרטיקלען

די זכרונות פון יצחק ליבּרעסקאָ, דער איני־
ציאַטאָר פון גאָלדפאַדענס טעאַטער 5
יעקב גאָרדין אַלס באַאַרבּעטער פון גאָלדפאַ־
דען און קאָבּרין 118
יידיש טעאַטער אין ארץ־ישראל 140

עפּיזאָדן

ווי מ׳צאָלט מחבר־האָנאָראַר 157
יידישע יינגעלייט לאָזן נישט שפּילן יידיש טעאַטער 170
ער נעמט נישט קיין כאַבּאַר 174
פּעטש און קלעפּ פאַר קונסט 184
אַ מעשה מיטן „ווילדן מענטש" און מיט אַן אונטערקליידל 200

די זכרונות פון יצחק ליבערסקאָ
דער איניציאַטאָר פון גאָלדפאַדענס טעאַטער

פאָרוואָרט

עס איז איינגנטלעך שוין היינט נישט קיין מנהג צו שרייבן הקדמות, אָבער פאָרט קאָן איך זיך פון דעם דאָס מאָל נישט אָפּזאָגן, מחמת „די זכרונות פון יצחק ליבערסקאָ" פאָדערן אַ שטיקעלע אויפקלערונג.

דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1926, איך בין דאַמאָלס געקומען פון ארץ־ישראל קיין אַמעריקע, כדי צו זאַמלען מאַטעריאַלן פאַרן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער". מיין פּלאַן איז געווען זיך צו זען מיט די יידישע לעבעדיקע עלטערע און יינגערע אַקטיאָרן און טעאַטער־עסקנים און נעמען ביי זיי זייערע ביאָגראַפיעס פון די פאַרשטאָרבענע מאָהיקאַנער פון יידישן טעאַטער. כדי צו מאַכן אַ שטיקל טאָלק, בין איך פריער דורכגעגאַנגען ב. גאָרינס „יידישע טעאַטער־געשיכטע", און האָב פון דאָרט מיר געמאַכט אַ רשימה פון די אַלע טעאַטער־לייט, וואָס זייערע נעמען באַמערק איך מער נישט פיגורירן אויף די טעאַטער־צעטלען, אָדער מחמת זיי זענען שוין אויפן עולם־האמת, אָדער מחמת זיי זענען אַוועק פון דער יידישער בינע, און פאַרנעמען זיך היינט מיט אַלעם אין דער וועלט אַ חוץ מיט יידיש טעאַטער. איך האָב געוווסט, און דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז דידאָזיקע רשימה איז נאָר אַ מקצת שבמקצת פון די, וועלכע איך וועל דאַרפן נאָך אויפזוכן, אָבער פאָרט איז דאָס געווען דער יסוד, און אָט האָב איך צווישן די פאַרשידענע נעמען געפונען אין גאָרינס בוך (I ז"ז 203,

208, 209, 221 און 238) דערמאָנט דעם נאָמען פון יצחק ליבערסקאָ, וואָס זאָל זיין געווען גאָלדפאַדענס סעקרעטאַר, איז דערנאָך געקומען קיין אָדעס מיטן יידישן טעאַטער, דאַן אין רומעניע און ווידער צוריק קיין אדעס, שפּעטער זאָגט אים גאָלדפאַדען אָפּ, אָבער אַ שטיקל צייט נאָכדעם קומט ליבערסקאָ קויפן פּיעסן און צום סוף טרעפן מיר אים שפּילן מיט אַ יידישער טרופּע אין בערלין.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אויפצוזוכן מערערע אינפאָרמאַציעס וועגן אָט דעמדאָזיקן יצחק ליבערסקאָ. אָבער דעם אמת געזאָגט, האָב איך אים שוין נישט געהאַלטן פאַר קיין לעבעדיקן, און ווען אפילו יאָ, האָב איך געטראַכט, אַז ער מוז זיין ערגעץ ווו אין רומעניע, אָדער אין אַן אַנדער לאַנד אין אייראָפּע, און איך האָב דאָס זוכן אינפאָרמאַציעס וועגן אים אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדערער צייט.

איינמאָל בעת אַ שמועס מיטן זשורנאַליסט לעאָן גאָטליב, רופט ער זיך אָן:

— איך זאַמל דאָך מאַטעריאַלן פאַר אַ „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", אָבער אָט וועל איך אייך אָנרופן אַ נאָמען פון אַ מאַן, אַ וועטעראַן, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין יידישן טעאַטער, וואָרום מען קאָן זאָגן, אַז ער איז געווען דער ווירקלעכער גרינדער, און איך בין זיכער, אַז איר קענט אַפילו נישט דעם נאָמען.

איך בין געוואָרן זייער נייגיריק און געפרעגט: „ווער איז דאָס דער מאַן?"

— יצחק ליבערסקאָ — האָב איך באַקומען אַן ענטפער.

איך האָב דערויף מיין חבר געענטפערט, אַז דער נאָמען געפינט זיך אין מיין רשימה, אָבער איך ווייס נישט ווו דער מאַן איז.

דאַן האָט מיר קאָלעגע גאָטליב דערקלערט, אַז ליבערסקאָ געפינט זיך אין ניו-יאָרק, אָדער אין דער סביבה. גענוי וועגן דעם וועל איך זיך קענען דערוויסן ביי זיינע קינדער, וואָס

וווינען אין ניו-יאָרק. אָבער עס איז וויכטיק, אַז איך זאָל זיך מיט אים זען, ווארום ווען מען האָט מיט אַ צייט צוריק גע-פייערט דעם יובילײ פון יידישן טעאַטער, איז ליבערעסקאָ גע-קומען מיט טענות, אַז דער דאַטום איז נישט קיין ריכטיקער, ווארום ער איז געווען ביים געבורט פון יידישן טעאַטער, און ער ווייס גענוי די דאַטע.

איך בין געווען זייער דערפרייט פון מיין חברס מעל-דונג, און נאָכדעם ווי כ'האָב זיך דערוווּסט דעם אַדרעס פון ליבערעסקאָס אַ זון, האָב איך צו אים געשריבן אַ בריוו, אַז איך וויל זיך גערן זען מיט זיין פאָטער. דערויף האָב איך באַקומען תשובה, אַז זיין פאָטער איז איצט אין פילאַדעלפיע, נאָר תיכף ווי ער וועט קומען קיין ניו-יאָרק, וועט ער איינ-אָרדנען, אַז מיר זאָלן זיך זען.

אין איינעקע טעג אַרום האָב איך באַקומען פאָלגנדיק פּאָסטקאַרטל פון ליבערעסקאָן אַליין:

„געעהרטער זילבערצווייג.

יאָ, איך וויל אייך מיטהעלפען צו אייער אונטערנע-מונג, אָבער ביז מאָנטאָג דעם 6-טן דעצ. האָב איך קיין צייט. אַלזאָ, פאָן מאָנטאָג (ועד בכלל) און ווייטער קענט איהר מיר באַשטימען פלאַטץ, טאָג און שעה מיר זאָלען זיך באַגעגענען.

מיט סאָץ. גרוס
אייער יצחק ליבערעסקאָ"

איך האָב באַלד דערויף ליבערעסקאָן פאַרבעטן צו מיר, און צו דער באַשטימטער צייט איז געקומען אַן עלטערער מאַן מיט אַ פנים, וואָס האָט נאָך אין זיך אַ רויטלעכע פאַרב, מיטל-ווּקס, גענוג דיקלעך, אין ברילן, קורץ געשוירענע וואָנ-סעס און אַ ראַזירטע באָרד.

דער מאַן האָט זיך פאָרגעשטעלט:

— יצחק ליבערעסקאָ.

און האָט באַלד באַמערקט, אַז ער הערט אַ ביסל שווער־לעך, דעריבער מוז איך העכער רעדן.

איינס־צוויי האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט. איך האָב אים געבעטן דערציילן מיר זיין ביאָגראַפיע, אָבער ווען ער האָט נאָר אָנגעהויבן רעדן, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז עס וואָלט געווען נישט קיין יושר צו מאַכן אַ קצור פון זיין ביאָגראַפיע, וועלכע אַנטהאַלט אַ שטיק יידישע קולטור־געשיכטע מיט איבער פופציק יאָר צוריק, און זייער פיל אומבאַקאַנטע פרטים וועגן דער אַנטשטייונג פון יידישן טעאַטער. איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו פאַרנאָטירן זיינע ווערטער אין דער פאָרם פון זכרונות.

דערצו איז צוגעקומען אַ מערקווירדיקער פאַל. ווען ליברעסקאָ רעדט, דוכט זיך, אַז גאָלדפאַדען רעדט, אַזוי באַ־נוצט ער די זעלבע אויסדרוקן, וואָס גאָלדפאַדען, און טיילמאָל כאַפּט ער אויך אויפן אויסערן דעם זעלבן אָנבליק, וואָס גאָלד־פאַדען. עס האָט זיך מאָמענטנווייז אויסגעדוכט, אַז גאָלדפאַדען זיצט פאַר מיר, און דערציילט זיינע זכרונות פון „יענע ערשטע טעג".

איין סצענע ווען ליברעסקאָ האָט דערציילט, ווי אַזוי ביי אים אין שטוב אין יאַס (ער זאָגט נישט „יאַסי") האָט גאָלדפאַדען זיך געגרייט צו גיין אַרויסנעמען די דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט אין יאַסי, ליברעסקאָס פרוי האָט אים אָבער דערפון אָפּגעהאַלטן און פאָרגעלייגט בעסער צו גרינדן אַ יידיש טעאַטער, און גאָלדפאַדען האָט כהרף־עין אָנגענומען דעם פאָרשלאַג און געענדערט זיין מאַרשרוט, האָט ליברעסקאָ נישט נאָר דערציילט, נאָר אויך אָפּגעשפּילט ווי אַן אמתער קינסטלער, כאָטש ער איז קיינמאָל נישט אַרויסגעטראָטן אויף דער בינע.

אָבער נאָכדעם ווי ער האָט אַ ביסל גערעדט, האָט ליב־רעסקאָ געמוזט מאַכן אַ הפסקה, וואָרום ער איז פאָרט 76 יאָר אַלט, און עס איז אים שווער לאַנג צו רעדן. עס איז אים אויך שווער אַרויסצוגיין אין גאַס. איך האָב דעריבער באַשלאָסן

אים צו באַזוכן, און אַזוי בין איך 4 מאָל געווען ביי אים. יעדעס מאָל בין איך געזעסן אייניקע שעה, און כמעט סטע-נאָגראַפיש פאַרנאָטירט אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט. אָפט האָט ער זיך שפּעטער דערמאָנט זאַכן, וואָס זענען פריער געשען, און איך האָב עס נאַטירלעך ביים שרייבן סיסטעמאַטיזירט. ווי גאַנץ אָפט ביי אַלטע לייט, געדענקט ער גענוי מיט די קלענסטע פּרטים אַלץ, וואָס ער דערציילט, און אויף וויפל איך האָב טייל זאַכן פאַרגליכן אין שפּעטערדיקע שמועסן מיט עלטערע אַקטיאָרן און מיטן באַקאַנטן אָפּערעטן-שרייבער יאָ-זעף לאַטיינער, וואָס האָט אויך געלעבט אין יענער עפּאָכע, האָט אַלץ גענוי געשטימט, אַזוי, אַז איך קען מיט אַ רויק געוויסן זאָגן אויף ליבערעסקאָס זכרונות, אַז זיי זענען ריינע געשיכטע, אויף וויפל סוביעקטיווע זכרונות, הגם געהאַלטן ווי אָביעקטיוו, קאָנען עס בכלל זיין.

ליבערעסקאָ האָט אויך געהאַט פיל בריוו פון גאָלדפאַדע-נען און פאַרשידענע דאָקומענטן פון יענער צייט, נאָר דאָס אַלץ איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת דאָס איינפאַלן פון אַ הויז אין בוקאַרעסט, אין וועלכן ער האָט געוווינט.

איך האָב ביים שרייבן די זכרונות זיך באַמיט צו האַלטן זיי אין זיין, ליבערעסקאָס, שפּראַך. איך האָב אויך אויסגעמיטן צוצוגעבן „פּעפּער און זאַלץ", ווי מען טוט אָפט ביים שרייבן פרעמדע זכרונות.

די זאַך האָט מיר אויסגעוויזן צו הייליק, אַז איך זאָל אַנדערש האַנדלען.

1

איך ווער אַ דייטש

מיין פאָטער שטאַרבט צו 106 יאָר — איך ווער געבוירן צו זיין שבעים-מאָל — די ליבע מוז אויך אָנקומען צו אַ שדכן — די ערשטע ביכלעך — „חברה קנאָפּל" און „חברה פּאַנטאָפל" — די באַזוכן ביי גוטע יידן — יידן פון לייפּציג באַשטעטיקן, אַז ס'איז פאַראַן גאַז — אין בית-המדרש גלויבט מען נישט די מעשיות וועגן אַ באַן — דער גלח, וואָס פּראָטעסטירט דורך אַ פּריזירער — פון ליבער ווערט ליבערעסקאָ — איך סטראַשע מיטן גוי — מען קוקט נאָך אין גאַס דעם דייטש — דער ברית אין טעמפּל.

געבוירן געוואָרן בין איך מיט 76 יאָר צוריק אין יאַס רומעניע. איך געדענק גענוי דעם דאַטום, דעם יידישן און אויך דעם נישט-יידישן. עס איז געווען י"ד כסלו תרי"א, 30 נאָוועמבער (אַלטער סטיל) 1850.

מיין פאָטער איז דאַמאָלס אַלט געווען 70 יאָר, און האָט נאָכדעם נאָך געלעבט 36 יאָר. נאָך מיר זענען פאַראַן נאָך 6 קינדער. דער לעצטער איז געבוירן געוואָרן ביי זיינע 86 יאָר. מיין פאָטער איז געווען 72 יאָר אויבער-שמש אין דער „רוי-

טער בריקער שול" אין יאַס, וואָס האָט זיך גערופן „בית־הכנסת הגדול של גשר האדום".

איך האָב געלערנט אין אַ חדר, אין בית־המדרש און ב"ר' מעכעלען אין ישיבה אין יאַס. קיין נישט־יידישע לימודים האָט מען מיך נישט געלאָזט לערנען, און ערשט ווען כ'האָב חתונה געהאַט צו 19 יאָר, האָב איך זיך אויסגעלערנט אונטערשרייבן אויף גוייש.

דער טאַטע, וואָס איז געווען אַ גרויסער פאַנאַטיקער, האָט געזאָגט, אַז ער וויל מיר נישט מטמא זיין דעם קאָפּ מיט די גויישע זאכן.

מיין פאָטער האָט אָפּגעווינט 30 יאָר מיט אַ פרוי, און אַזוי ווי ער האָט נישט געהאט מיט איר קיין קינדער, האָט דער רבי אים געהייסן זיך מיט איר גטן. דער טאַטע איז געווען עטלעכע יאָר אַ גרוש, און ווען ער איז אַלט געווען 58 יאָר, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ 14 יאָריק מיידל, און זי איז עס שפּעטער טאַקע געוואָרן מיין מאַמע.

מיט מיין פרוי האָב איך געווינט טיר ביי טיר. דאָס הייסט, מיינע עלטערן און אירע עלטערן זענען געווען שכנים, און מיר האָבן זיך פאַרליבט איינער אין אַנדערן, אָבער מיר האָבן נישט געטאָרט קיינעם דערציילן וועגן אונדזער ליבע, וואָרום אונדזערע עלטערן האָבן אויף אַזאַ זאַך געקוקט ווי אויף טריפה־פסול. נאָר אַזוי ווי מיר האָבן פאָרט געוואָלט חתונה האָבן, האָבן מיר אונטערגעשיקט אַ שדכן צו אונדזערע עלטערן, און זיי האָבן מסכים געווען צום שדוך, און ווען איך בין אַלט געווען 19 יאָר, האָב איך חתונה געהאַט.

ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר 12—13 האָט מיר מיין פאָטער געבראַכט וויקטאָר הוגאָס ביכל „לב הנקבר חי ודברי המת", געשריבן אין ריימען, און צו מיר געזאָגט:

— נאַ, לייען עס!

איך האָב עס געהאַלטן אַ סך יאָרן און נישט געלייענט.

ערשט ווען כ׳האָב עס איבערגעלייענט, האָב איך געהאַט דער־
פון שטאַרק הנאה.

שפּעטער, ווען איך האָב נאָך געפירט אַ ליבע מיט מיין שפּעטערדיקע פרוי, האָט איינער אַ פריינט מיינער מיר אויג טערגערוקט ליניעצקיס „פּוילישע יינגל״ און איך האָב דערפון שטאַרק אָנגעקוואָלן, ווייל איך האָב זיך געזען דאָרט געשילדערט. איך האָב דאָס ביכל געגעבן צו לייענען מיין געליבטע, און זי האָט אויך מסכים געווען, אַז דאָס איז זייער אַ גוט ביכל.

איך בין דאַמאָלס נאָך געווען אַ מאמין, איך האָב אָפּ־געהיט אַלע מצוות, אָבער אייניציקווייז בין איך געוואָרן אַ שטיקל צווייפלער. אָבער דאָס געהערט נישט דאָ אַהער. דאָ וויל איך נאָר רעדן וועגן מיין שייכות צום יידישן טעאַטער און וועגן די ערשטע טעג פון יידישן טעאַטער, וועלכע איך האָב מיטגעלעבט.

מיין פּריוואַטע ביאָגראַפיע פון מיין 3 יאָריקן ביז מיין 50 יאָריקן עלטער, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, און זייט ווען איך האָב מער גאָרנישט געטון, ווי געגעסן און גע־לייענט — האָב איך באַשריבן און דעם מאַנוסקריפּט אָפּגע־געבן מיינעם אַ זון, וואָס וועט עס פאַרעפנטלעכן ערשט נאָך מיין טויט.

ווי יעדער ייד האָט מען ביי אונדז אין שטוב אויך גע־טראַכט וועגן תכלית פאַר מיר, און מען האָט גערעכנט מיך צו מאַכן פאַר אַ שוחט. פאַרוואָס עפּעס אַ שוחט? ווייל אין בעסאַראַביע האָב איך געהאַט אַ פעטער אַ שוחט.

פאַר דער חתונה האָט דער טאַטע מיך געהייסן פאָרן צום סאַדיגורער רבין, ווייל ער איז אַ גדול בישראל. האָט די מאַמע געזאָגט, אַז אויב שוין יאָ פאָרן צו אַ רבי, טאָ זאָל איך שוין פאָרן קיין ריישא, וואָרום זי איז דאָרט געבוירן געוואָרן.

איך האָב זיך געלאָזט פאָרן קיין גאַליציע, און האָב

דאָרט באַזוכט אַלע גוטע יידן און רבנים, די שולן און בתּי־מדרשים.

ברוך שאָר איז געווען דעם טאַטנס שוועסטער־קינד, און ער האָט מסכּים געווען, אַז איך זאָל פאָרן מיט דער באַן, וועל איך שפּעטער האָבן וועגן דעם צו דערציילן אין בית־המדרש.

אָבער עס איז מיר באַשערט געווען צו דערציילן חידושים נישט נאָר וועגן דער באַן, נאָר אויך וועגן גאַז.

איינמאָל האָב איך בײַ ברוך שאָרן אין לעמבערג געזען דורכן פענסטער, ווי אַ גוי גייט צו מיט אַ שטעקל צו עפּעס אַ לאַמטערן און איינס־צוויי ברענט דאָרט, און ס'לייכט זיך פון דאָרט אַ פלאַם, וואָס מען רופט גאַז. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָרט מוזן אוודאי זיין אַזעלכע קנויטן, וועלכע מ'צינדט אונטער, אָבער ברוך שאָר האָט מיר דערקלערט דעם ענין פון גאַז, און כּדי צוצוגעבן שטאַרקייט זיינע ווערטער, האָט ער מיך צומאָרגנס צוגעפירט אין דער גאַז־אַנשטאַלט.

ווען איך בין אַהיימגעקומען קיין יאַס און וועגן דעם דערציילט אין בית־המדרש, האָט מען מיר נישט געוואָלט גלויבן און געשריגן, אַז איך בין מגזם. געראַטעוועט האָט מיך אַ ייד פון לייפּציג, וואָס איז גראָד געווען אין בית־המדרש און ער האָט באַשטעטיקט, אַז מיינע ווערטער זענען אמת און אַז בײַ זיי אין לייפּציג, באַנוצט מען זיך שוין לאַנג מיט גאַז.

אין יאַס זענען דאַמאָלס געווען 70—80 טויזנט יידן, און עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת. עס זענען שוין דאַמאָלס געווען אייניקע, וואָס האָבן מחלל שבת געווען בפרהסיה, און מען פלעגט זיי שטאַרק רודפן. מען פלעגט זיי פאַרוואַרפן מיט שטיינער, און איך אַליין בין טאַקע אויך געווען איינער פון די, וואָס האָבן זיי געוואָרפן שטיינער. אויסער זיי זענען געווען צוויי גרויסע פּאַרטייען: „חברה קנאָפּל" (אנשי אמת) און „חברה פאַנטאָפל" (קאָנסערוואַטיון). פאַרשטייט זיך, אַז די רבנים און שוחטים זענען געווען מיט דער לעצטער פּאַרטיי.

די „חברה קנאָפּל" האָבן זיך עקסטרע אָראָפּגעבראַכט אַ

פרעדיקער פון פראַנקרייך און אַ יידישן אויפגעקלערטן רב, און אויך אייגענע שוחטים. זיי וואָלטן עס אפשר נישט געטון. איך מיין צו זאָגן, אַז פיל פון זיי וואָלטן זיך געקאָנט באַגיין אינגאַנצן אָן די כּלי-קודש. זיי האבן זיי אָבער געברױכט כּדי צוצוציען צו זיך דאָס פאָלק.

מיין פאָטער איז געווען אויבער-שמש אין דער „רויטער בריקער שול", אָבער איינעם פון מיין טאַטנס פריערדיקע מתפּללים, וואָס איז „קאַליע" געוואָרן און איז אַריבער צו דער „חברה קנאָפּל", איז פּלוצלונג איינגעפאַלן אַ פּלאַן, אַז מען וואָלט געדאַרפט אין זייער סינאַגאָגע צונעמען אַלס שמש עפּעס אַ יונגנמאַן, און ער האָט אַרויסגעשטעלט מיין קאַנדידאַטור.

דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן, און אַזוי ווי עטלעכע פון די מתפּללים, וואָס האָבן פריער געדאַוונט ביי מיין פאָטער אין שול, האָבן מיך געקענט, האָבן זיי מסכּים געווען דערצו.

זיי האָבן געזאָגט: „אַזוי ווי דער פאָטער איז אַ לייט, וועט ער אויך אוודאי זיין אַ לייט".

און אַזוי בין איך נאָך דער חתונה געוואָרן אַ שמש. דער טאַטע איז געווען שמש אין דער שול פון די קאָנסערוואַטיוון, און איך ביי די אויפגעקלערטע.

אָבער די „חברה קנאָפּל" האָט זיך מיט דער סינאַגאָגע נישט באַגנוגנט. די רומענישע רעגירונג האָט געוואָלט בילדן די יידן, נאָר אין די רומענישע שולן האָט מען געלערנט אין בלויזן קאָפּ, און אויסער דעם איז דאָרט געווען חלול-שבת. דעריבער האָבן דאָרט יידן נישט אַריינגעגעבן זייערע קינדער, נאָר זיי האָבן געהאַט אייגענע שולן, אין וועלכע מען האָט געלערנט רומעניש און אַ ביסל העברעיש.

די „חברה קנאָפּל" האָט באַשלאָסן צו עפענען אייגענע שולן אַזעלכע. מען האָט געמאַכט אַ „טאַקסע" און יעדער מיטגליד האָט געמוזט באַצאָלן חודש-געלט. יעדער האָט דערפאַר געהאַט אַ רעכט איינצושרייבן אַ קינד אין שולע, נאָר אַזוי ווי די רייכע האָבן עס נישט געדאַרפט פאַר זייערע קינדער, האָבן זיי אויף זייער רשות אַריינגענומען אָרעמע קינדער.

אזוי ווי מיר האָט מען אויך געגעבן ארבעט ביי דידאַ־זיקע שולן, האָב איך געפילט, אַז איך טו אַן עברה, אָבער איך בין שוין דאַמאָלס געווען היפּאָקריטיש. מיין פרומקייט איז שוין געווען בלויז אַן אויסערלעכע, און אינערלעך האָב איך שוין מער געהערט צו די פרייגעזאָנענע.

די „חברה קנאָפּל" האָט געגרינדעט צוויי אזעלכע שולן אין אייגענע הייזער, און צוגענומען עקסטרע העברעישע, דייטשע און רומענישע לערער — די לעצטע זענען געווען בלויז גויים.

מיט איין לערער האָט פּאַסירט אַ מערקווירדיקער עפּיזאָד. ער איז געווען אַ גלח, אָבער ער האָט געהאַלטן שטאַרק מיט יידן, און איז בכלל געווען אַ שטיקל פרייגעזאָנענער מענטש. דער סינאָד האָט זיך אָבער דערוווסט, אַז דער גלח איז נישט קיין גלח בלב ונפש, אַז ער איז אַן אפיקורס, און ער האָט פּארפירט קעגן אים אַ פּראָצעס. דעם גלח האָט געדראָט, אַז ער זאָל ווערן אויס גלח.

ווען דער גלח האָט זיך דערוווסט פון דעם פּראָצעס, איז ער אוועק צו אַ באַרבער, און האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגאָלט. דערנאָך איז ער געגאַנגען צום סינאָד. ווען ער איז דאָרט אַריינגעקומען, האָט אים דער שומר־הסף נישט געוואָלט אַריינלאָזן, מחמת דאָרט לאָזט מען נישט אַריין קיין פּריוואַטע מענטשן, נאָר לויטער גלחים. אָבער דער גלח האָט אים אויפגעוויזן, אַז ער איז אַ גלח, און מען האָט אים אַריינגעלאָזט. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער אויסגערופן מיט טריומף, וויזנדיק אויף זיין אָפּגעגאָלטקייט.

— כ׳האָב מיך אַליין אַראָפּגעוואָרפן.

די „חברה קנאָפּל" האָט דאַמאָלס דעם „דימיסיאָנירטן" גלח אַנגאַזשירט פאַר דער 4־טער קלאַס. בסך־הכל האָבן אין זייערע שולן געלערנט 36 ביז 38 לערער.

אזוי ווי אין דער סינאַגאָגע איז געווען ווייניק צו טון, האָט מען מיר אַלץ מער אַרבעט אָפּגעגעבן אין דער שולע. אזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן איינצוקאַסירן דאָס מיטגלידער־

געלט, און אויסצאָלן די שכירות די לערער. איך האָב שוין דאַמאָלס געהאַט אַ ווייב, און איין קינד איז מיר שוין אפילו געהאַט געשטאָרבן, אָבער מען האָט נאָך מיך אַלץ גערופן „ייִנגל".

רומעניש האָב איך געקענט זייער שוואַך רעדן און שרייבן, נאָר פאַרשטאַנען וואָס יענער רעדט האָב איך יאָ. און איינמאָל נאָכדעם ווי אַ לערער האָט זיך מיט מיר צעשמועסט אויף רומעניש, רופט ער זיך אָן צו די אַנדערע לערער:

— פאַרוואָס זאָל מען אונדזער גאַנצן ברויטגעבער, יצחק, (אַזוי האָבן זיי מיך גערופן), נישט מאַכן פאַר אַ מענטש? ער זאָל גיין אָנגעטון ווי עס דאַרף צו זיין, ער זאָל לערנען און עפּעס קענען. מ'דאַרף אים געבן צו לייענען ביכלעך.

אַ העברעישער לערער האָט מיר דערציילט וועגן מאַפּו, און באַלד דערויף מיר געבראַכט זיין „אשמת שמרון" און „עיט צבוע". אַזוי ווי נאָך דער חתונה האָבן מיר געוווינט ביי מיין פרויס עלטערן, האָט מיין שווער באַמערקט דידאָזיקע ביכער, אָבער ער האָט מיר גאָרנישט פאַרגעוואָרפן. ער איז נישט געווען שטרענג צו מיר, ער האָט מיך ליב געהאַט. ווען איך האָב געלייענט מאַפּוס העברעישע ראָמאַנען, האָב איך זיי איבערזעצט וואָרט אין וואָרט פאַר מיין ווייב אויף יידיש. זי איז געווען אַזוי איבערגענומען, אַז איינמאָל איז זי אויפגעשפּרונגען און געשריגן: ווו איז אַ מעסער, וואָרום זי וויל שטעכן זמרין *).

דערנאָך האָט מען מיר געבראַכט צו לייענען פּרץ סמאָלענסקיס „התועה בדרכי החיים", וואָס איך האָב ווידער איבערגעזעצט פאַר מיין פרוי אויף יידיש, ליניעצקיס „פּאָל בוניק" און אַנדערע זיינע זאַכן.

די ביכער האָבן אונדז אינגאַנצן צעשרויפט, און איך מיטן ווייב האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פירן זיך אַנדערש ווי ביז היינט, און אויך זיך אַנדערש אָנטון. איך האָב אָנגעהויבן גיין אין געסט צו די לערער, און אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז איך האָב זיך „געשמדט". וואָס טוט מען? ווי אַזוי

---

*) דעם אינטריגאַנט פון מאַפּוס ראָמאַן

נעמט מען ענדערן דאָס צרט לעבן, אַז מען וווינט ביי טאַטע-מאַמע, און זיי זענען מקפּיד אויף יעדן שריט און טריט. בלייבט, אַז מען מוז אָפּוואַרטן אַ געלעגנהייט, און דערויף איז נישט אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן.

אין יאַס איז געווען אַ גרויסער גביר און פילאַנטראָפּ. די שטאָט האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ היימישן באַראָן הירש. געהייסן האָט דער גביר יצחק ניישאָן, און אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער, אָדער זיי זענען אים געשטאָרבן, האָט ער זיך אויפגעבויט אַן אייגענעם טעמפּל, אין וועלכן ס'האָבן געדאַווענט געווייזענע מתפּללים פון דער שול. דער דרך-ארץ צו ניישאָנען איז געווען אומבאַשרייבלעך, מען האָט אויף אים געקוקט ממש ווי אויף אַ מיניסטער. און אַזוי ווי מען האָט אין דאָזיקן טעמפּל געדאַרפט צונעמען אַ שמש, האָט מען ווידער אַרויסגעשטעלט מיין קאַנדידאַטור. ניישאָן אַליין האָט מיך געקענט, און איך בין אים געפעלן, אָבער מיין הילוך איז געווען צו פרום פאַר זיין טעמפּל.

דאָ האָט זיך אונטערגערוקט איינער אַ סטודענט שוואַרצפעלד, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ דאָקטאָר און פּאַרוואַלטער ביים באַראָן הירש, און ער איז דערנאָך אויסגעוויזן געוואָרן פון רומעניע. ער האָט זיך גענומען מיך מאַכן פאַר אַ לייט. ראשית כל האָט ער געענדערט מיין נאָמען. אַזוי ווי איך האָב געהייסן ליבער, און „ליבער" האָט געקלונגען דייטש, האָט ער דערקלערט, אַז פון היינט אָן וועל איך הייסן ליברעסקאָ. ליברעסקאָ קלינגט שוין רומעניש, און נאָכדעם ווי ער האָט מיר געפּשרט דעם נאָמען, האָט ער מיך דעם ערשטן יולי (א. ס.) 1873 צוגענומען אַלס „טעמפּל-שמש". דער גבאי האָט אָבער באַלד דערקלערט, אַז איך קאָן דאָ אין טעמפּל נישט טראָגן קיין לאַנגן קאַפּטאַן, און איך האָב זיך באַלד צומאַרגנס אָנגעטון „דייטש". איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ מלבושים-געשעפט און געהייסן זיך געבן אַ דייטש מלבוש.

דער פּאַרקויפער, ר' שאול זאַנד, אַן אַלטער, פרומער ייד, מיין שווערס אַ קרוב. וואָס האָט מיך גוט געקענט, האָט זיך

אָפּגעזאָגט מיר צו פּארקויפן. ער האָט גערעכנט, אַז עס וועט זיך מאַכן אַ גרויסער סקאַנדאַל, און ער אַלס „גורם לידי עבירה" וועט האָבן אַ שווארצן סוף.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? — האָט ער צו מיר גע־טענהט — דיין שווער און שוויגער וועלן דאָך מיך דערהרגענען.

איך האָב אים אָבער בארויקט, און געקויפט ביי אים דריי אָנציגער מיטאָמאַל, דערנאָך האָב איך צוגערופן אַ דראָשקע, און כאָטש ס'איז געווען אַ שיינער טאָג, האָב איך געהייסן צומאַכן די דראָשקע פון אויבן, און בין געפאָרן אין א הוט־געשעפט, און זיך דאָרט געקויפט אַ צילינדער.

עס איז געווען פרייטיק. איך געדענק עס גענוי. אַלע ווייבער: מיין מאַמע, די שוויגער, דער שוויגערס מוטער און מיין אייגן ווייב זענען געווען אין שטוב, אָבער זיי האָבן זיך געפּאָרעט ביים אויוון. איך האָב זיך אינדערשטיל אריינגעכאַפּט, איבערגע־לאָזט דאָס פּעקל מיט די נייע מלבושים און בין אריין צום באַרבער.

— ר' הערש — זאָג איך צו אים — שערט מיך אָפּ פראַנצעזיש.

דאָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע ביי די אינטע־ליגענטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די פרומע. דער באַר־בער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויגן פּונקט ווי כ'וואָלט משוגע געוואָרן, אָבער איך, וואָס כ'האָב שוין פעסט באַשלאָסן צו ווערן אַ „מענטש", האָב זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר זיין בליק, און אים געענטפערט:

— איר שערט מיך אָפּ, אויב נישט גיי איך אַריבער צום גוי.

ר' הערש האָט דאָן איינגעזען, אַז איך מיין נישט אויף קאַטאָוועס, און אַזוי ווי אַרויסלאָזן מיך איז אים פאָרט געווען אַ שאָד, האָט ער מיט אַ קרעכץ מיך געהייסן זיצן, און באַ־מערקט:

— אָבער זאָלסט למען־השם נישט זאָגן דעם טאַטן ווער עס האָט דיר דאָס געטון.

ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן מיט דער מאַשין און די שעֶר, אָבער די גאַנצע צייט האָט ער כּסדר געקרעכצט, און ווען ער איז צוגעקומען צו די פּאות, האָט ער זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, און אַריינגערופן זיין ווייב.

— דו זעסט, רחל, — זאָגט ער צו איר — איציקל ווערט דאָך אַ גוי.

און ער קרעכצט וויטער. ער שערט און קרעכצט. איך האָב געפילט, אַז ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל קומען אין אַנדערע הענט, אָבער פּרנסה!...

אין שטוב האָב איך זיך אַריינגעגנבעט ווי איך וואָלט באָר וואָס צוריקגעקומען פון עפּעס אַ מאָרד, וואָס איך בין באַגאַנגען. דערנאָך האָב איך אַריינגערופן צו אונדז אין חדר מיין ווייב, און איר געבעטן, אַז זי זאָל דערווייל פאַררעדן די איבעריקע לייט, כּדי ס'זאָל קיינער נישט אַריינקומען, און איך זאָל זיך קאָנען איבערטון. איך וויל זיי ווייזן פּאַרטיקס — האָב איך געזאָגט.

מיין ווייב האָט מיך געהאָרכט און איז צוריק אַריין צו די ווייבער. זיי זענען געווען גענוג פאַרעסקנט, און מיין ווייב האָט נאָך צוגעהאָלפן דערצו, אַז עס זאָל זיי קיינעם נישט איינפאַלן אַריינצוכאַפּן זיך צוליב וואָס עס איז אין אונדזער חדר. איך האָב זיך גיכן אָנגעטון אומגעשטערט, און ערשט באַכדעם ווי כ'בין שוין געווען איינגאַנצן אָנגעטון אַלס דייטש, האָב איך געעפנט די טיר, און האָב זיך געווענדעט צו די ווייבער:

— מאַמע, שוויגער, געפעל איך אייך אַזוי?

עס איז שווער צו שילדערן וואָס פאַר אַן איינדרוק איך האָב אין דער ערשטער מינוט געמאַכט אויף דער מאַמען און אויף מיין שוויגער. זיי האָבן כּהרף עין באַקומען היסטעריקע, און מיין ווייב, וואָס האָט פאַר נחת געשמייכלט, האָט זיי געמוזט ראַטעווען.

אַן ענלעכע סצענע, נאָר שוין מער מאַנסביליש, האָט זיך אָפּגעשפּילט ווען דער טאַטע און דער שווער האָבן מיך דערזען אין דער נייער הלבשה, אָבער איך און מיין ווייב האָבן שוין

פריער געהאַט באַשלאָסן, אַז אַזוי וועט עס בלייבן און מיר זעגען אויך גרייט געווען צו קעמפן פאַר אונדזער איבערצייגונג.

די יונגע לייט, וועלכע האָבן נעבעך אויך געחלומט זיך אַזוי אָנצוטון, נאָר זיי האָבן נישט געהאַט גענוג מוט און מעגלעכקייטן צו פאַרווירקלעכן זייער חלום, האָבן אויף מיר געקוקט מיט קנאה, ווי אויף אַ העלד. אָבער ווען כ'בין דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין מיין דייטשישער הלבשה, בין איך אין הינטערגעסל כסדר געווען אויף אָבסערוואַציע. מען האָט רק געהערט נאָכגעשרייען:

— איטע, פעסל, זע נאָר ווער ס'גייט, ס'איז דאָך ליבער, משהס זון!

איך האָב זיך אומיסטן אויסגעדרייט כלומרשט צו קוקן ווער עס רופט, אָבער באמת האָב איך געוואָלט, אַז מען זאָל מיך טאַקע אָנקוקן און זען וואָס איך האָב אויפגעטון.

פרומע לייט האָבן די געשיכטע אויפגענומען מיט צער. זיי האָבן געזאָגט, אַז איך בין שוין אַ פאַרלוירענער, און אַז איך וועל שוין חזיר אויך עסן.

אָבער די גאַנצע אויסטערלישקייט האָט נאָר געקאָנט זיין אין הינטערגעסל, ווי כ'בין אָבער אַריין אין דער גרויסער גאַס, האָב איך שוין נישט געמאַכט קיין איינדרוק, וואָרום דאָרט זענען געווען פיל דייטש-געקליידעטע. דאָרט בין איך באַלד אויסגעמישט געוואָרן מיט אַ סך, וואָס זענען געגאַנגען אָנגעטון אַזוי ווי איך. יונגעלייט, וואָס האָבן מיך געקענט, האָבן מיך באַגריסט, טייל מיט אַ שמייכל, טייל מיט אָפענער פרייד.

אָבער דער עיקר שמחה איז געווען ווען איך בין געקומען אין טעמפל. דאָ איז יעדן געפעלן מיין הלבשה, און ווען ניישאַץ איז צוריקגעקומען פון די בעדן *), איז ער געווען זייער צופרידן וואָס איך האָב זיך אַזוי אָנגעטון. דערווייל איז מיר געבוירן געוואָרן אַ זון. ניישאַץ אַליין איז געווען סנדק, און דער ברית איז געפראַוועט געוואָרן אין טעמפל.

*) בעדער.

2.

גאָלדפאַדען איז געקומען.

דער פאַריין „ציון" און ציוניזם — איך בין די אַדרעס פון דער באַריטמטער בערלינער קאָנפערענץ אין יאָר 1877 — דער שפּיאָנאַזש אויף מיין שטוב — דער ליטוואַק ברענגט גאָלדפאַדענס בלאַט — דער בריוו-טרעגער מיט די גולדענס — גאָלדפאַדען וויל קומען קיין יאַסי דאָרט אַרויסגעבן זיין בלאַט — איך זאַמל אויסקינפט וועגן אים — אַ פריץ איז געקומען! — דער קבלת-פנים ביי דער באַן — דער פאַריין „חוטי-הזהב" — גאָלדפאַדען גרייט זיך צו זיין ערשטן אויפטריט.

אין יאָר 1874 איז ביי אונדז געגרינדעט געוואָרן דער פאַריין „ציון". דאָס איז נישט געווען קיין ציוניסטישער פאַריין. ער האָט אַבסאָלוט נישט געהאַט צו טון מיט ארץ־ישראל. די אויפגאַבע פון פאַריין איז געווען צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן אין רומעניע. אָבער די־דאָזיקע אויפגאַבע זיינע האָט געמוזט זיין געהיים, וואָרום די רעגירונג, וועלכע האָט פאַר דער וועלט געשריגן, אַז זי באַהאַנדלט גוט אירע יידן, האָט דאָך נישט געקענט דערלויבן אין איר אייגן לאַנד אַ פאַריין, וואָס איז קעגן איר. פאַר דער רעגירונג האָט אַלזאָ געהייסן, אַז דער פאַריין איז א סאָציאַלער, אַ הילפס-פאַרבאַנד. דעם נאָמען „ציון" האָט דער פאַריין געהאַט, ווייל ער איז געווען א סימבאָלישער. סימבאָל איז דאָך אַ צייכן און „ציון" איז אויף דער טייטש „צייכן".

אַזוי ווי איך בין אויך געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דאָזיקן פאַריין, און ער האָט מיך זייער פאַראינטערעסירט, האָב איך אַלס אָנדענקען אַ נאָמען געגעבן מיין זון „בן-ציון".

אין 1877 איז אין בערלין פאָרגעקומען די קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זענען באַשטעטיקט געוואָרן די נאַציאָנאַלע

רעכט פֿון די יידן אין רומעניע. די רומענישע יידן האָבן צו־ דערדאָזיקער קאָנפֿערענץ געשיקט 3 „כּמו" דעלעגאַטן, וועלכע האָבן געהאַט מיט זיך אַלע דאָקומענטן, און זיי זענען געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט דעם „ציון־פֿאַריין", וואָס האָט זיי יע־ דעסמאָל געדאַרפֿט צושיקן נייע דאָקומענטן אָדער אויפֿקלערונגען וועגן געוויסע ענינים.

צווישן דעם פֿאַריין און די דעלעגאַטן איז אַלזאָ געווען אַ שטאַרקע שריפֿטלעכע פֿאַרבינדונג. נאָר אַזוי ווי די יידישע גבירים אין רומעניע האָבן זיך געשראָקן, אַז די קאָרעספּאָנדענץ זאָל אָנקומען אויף זייער אַדרעס, וואָרום אין פֿאַל ווען מען זאָל דאָס אַנטדעקן, וואָלט מען מיאוס אָפּגעשניטן, האָב איך גענומען אויף מיר, אַז די בריוו פֿון בערלין זאָלן אָנקומען אויף מיין אַדרעס. און ווען מען האָט זיי געדאַרפֿט עפּעס דרינגענדיק ענטפֿערן, פֿלעג איך צופֿאָרן קיין טשערנאָוויץ, אַריבער דאָרט די גרענעץ און טעלעגראַפֿירט קיין בערלין.

ביי מיין פּרנסה האָב איך תּמיד געהאַט גענוג צייט צו לייענען ביכער, און אַזוי איז איינציקווייז ביי מיר געוואָרן אַזאַ מין „בית ועד לחכמים", דער לייען־זאַל פֿון דער שטאָט. נישט נאָר איך אַליין האָב געלייענט, נאָר עס פֿלעגן קומען צו מיר אויך אַנדערע משׂכּילים לייענען, און יעדער טאַטע האָט שוין געוווּסט, אַז אויב זיין קינד גייט צו ליבערעסקאָן, איז ער אַן אַפּיקורס.

איינמאָל האָט איינער פֿינקעלשטיין באַמערקט, אַז זיינע 2 זין ווערן אים פֿון צייט צו צייט פֿאַרפֿאַלן, און גאָבדעם ווי ער האָט געמאַכט אַ חקירה ודרישה, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די זין זיינע גייען אַריין צו ליבערעסקאָן.

ווי געוויינלעך האָט מען געזאָגט, אַז ביי מיר טוען זיך אָפּ מעשׂים תּעתּועים. וואָס פֿאַראַ ביין און אומנאָרמאַלישעס עס איז נאָר דאָ אויף דער וועלט, האָט מען אַרויפֿגעלייגט אויף די באַזוכער פֿון מיין שטוב, און דעריבער איז פֿינקעלשטיין גע־ וואָרן זייער באַזאָרגט ווען ער האָט דערהערט, אַז זיינע קינדער גייען צו מיר.

פינקעלשטיין איז אָבער נישט געווען קיין פוילער ייד און אָנשטאָט צו פאַרלאָזן זיך אויף דעם, וואָס אַנדערע זאָגן, האָט ער באַשלאָסן זיך איבערצייגן מיט די אייגענע אויגן. און אַזוי איז ער איינמאָל געקומען צו מיר, און זיך געשטעלט הינטער די פענסטער אַריינקוקן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געטראָפן עטלעכע יינגעלייט זיצן ביי אַ טיש מיט ביכער און לערנען.

ער איז באַלד דערויף אַריין צו מיר אין שטוב און געזאָגט:

— אויב דאָס איז עס, וועל איך אַליין אויך קומען צו דיר.

אין יאַס איז צו יענער צייט געווען אַ ליטווישער מוכר־ספרים גרינבערג, ביי וועלכן כ'פלעג קויפן ספרים. איינמאָל, דאָס איז געווען אין 1876, קומט ער צו מיר מיט אַ בשורה, אַז ער האָט פאַר מיר אַ ניי בוך.

איך עפן דאָס בוך. עס איז אַ זשורנאַל „דאָס בוקאָווי־נער איזראַעליטישע פאָלקס־בלאַט", רעדאַקטירט פון אברהם גאָלדפאַדען.

איך האָב נאָך פריער געהאַט געלייענט אַ ספר „ציצים ופרחים" פון איינעם אברהם גאָלדענפאַדים. און כ'האָב אפילו געלייענט אַ קריטיק פון לינעצקין איבער אים. אָבער איך בין נישט געווען זיכער, אַז דאָס איז עס דער אייגענער. דאָך איז מיר דער זשורנאַל שטאַרק געפעלן און כ'האָב אים געקויפט. דאָרט איז געווען אָנגעוויזן אַן אַדרעס קיין טשערנאָוויץ. און איך האָב אַהין, אָט צו דעם גאָלדפאַדען צוגעשיקט אַ גולדן מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל מיר שיקן דאָס בלאַט. באַלד דערויף האָב איך צוריק באַקומען אַ קוויטאַנציע אויף דעם גולדן און אַ בריוו פון גאָלדפאַדען אין וועלכן ער שרייבט מיר, אַז עס גע־פעלט אים זייער וואָס עס האָט זיך געפונען אין יאַסי אַ ייד, וואָס שרייבט אויס זיין בלאַט, און ער בעט מיך זייער אונטער־צושטיצן זיין בלאַט.

צו יענער צייט בין איך שוין געווען דער פאַרטרעטער פון „השחר", „העברי" פון בראָד. איך בין געווען, ווי מען האָט

עס דאַמאָלט גערופן, דער סוחן שלעמ"לפ (שלא על מנת לקבל פרס. ד. ה. אַן אַגענט לשם מצוה, אָן פאַרדינסט).

אַרויסגעבן פעריאָדישע אויסגאַבן איז דאַמאָלס געווען זיי־ער שווער, וואָרום די עסטרייכישע רעגירונג האָט פאַרלאַנגט 3000 גולדן קויציע פאַר אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ בלאַט און אַזוי ווי אַזאַ סומע האָבן דאָך די אַרויסגעבער נישט גע־האַט, האָבן זיי זיך אַן עצה געגעבן, און יעדע וואָך אַן אַנדערן נאָמען געגעבן זייער בלאַט. דערצו האָבן זיי נישט געדאַרפט קיין דערלויבעניש, און דעריבער האָט דאָס דער „עברי" גע־הייסן „עברי אנכי", און דערנאָך ווידער אַנדערש.

ווי עס פלעגט נאָר אונטערקומען עפּעס אַ ניי בלאַט, האָב איך עס געקויפט און געוואָרן דער אַגענט דערפון עס צו פאַרשפּרייטן.

ווען איך האָב אַלזאָ באַקומען דעם בריוו פון גאָלדפאַ־דען, האָב איך באַשלאָסן אויך צו ווערן זיין אַגענט, און כ'האָב אָנגעהויבן זאַמלען אַבאָנענטן פאַר אים. דורכשניטלעך האָב איך יעדן טאָג געמאַכט איין אַבאָנענט, און תיכף דערויף צוגעשיקט דעם גולדן אַבאָנאַמענט־געלט.

ווי גאָלדפאַדענס פרוי, פּאָליע, האָט מיר שפּעטער דער־ציילט, איז געווען אַ צייט ווען מיט די גולדענס האָב איך זיי ממש אויפגעהאַלטן. גאָלדפאַדען איז צו יענער צייט געווען אַ גרויסער קבצן, און זיי האָבן זיך אומעטום אָנגעבאָרגט, אָבער כדי איינצוקויפן זיך דאָס סאַמע נויטיקסטע אין גאַס, האָט פרוי גאָלדפאַדען געמוזט האָבן געלט, און זיי פלעגן דעריבער מיט אומגעדולד אָפּוואַרטן דעם בריוו־טרעגער, וואָרום טאָמער איז גע־ווען אַ בריוו פון ליבערעסקאָן, איז אינעווייניק געלעגן אַ גולדן אָדער מער און מען האָט געקענט גיין אין גאַס אַריין עפּעס קויפן...

ווען גאָלדפאַדען האָט געזען וואָס פאַר אַ אַגענט ער האָט אין מיר, און, אַז יאָס נעמט אַ שיין ביסל עקזעמפּליאַרן פון זיין בלאַט, שרייבט ער מיר איינמאָל בערך אַזאַ בריוול:

„אומבאקאנטער פריינט ליבערסקא!

מיין בלאט וואלט זייער גוט אוועק, נאר דאס וואס יעדעס מאל מוז איך ענדערן דעם נאמען, דערהרגעט דאס געשעפט. ווידער. ארויסגעבן כסדר אונטער איין נאמען קאן איך נישט, מחמת כ'האב נישט קיין 3000 גילדן אויף אריינצוטראגן קויציע, אבער אזוי ווי אין יאסי איז נישטא קיין געזעץ, אז מען מוז אריינטראגן 3000 גילדן אויף קויציע, דארט קאן מען פריי ארויסגעבן א בלאט, בעט איך אייך, אז איר זאלט מיר שרייבן אויב עס איז נישט גלייך דאס צו טון און אפשר וואלט איר מיך אראפגעבראכט קיין יאסי".

ווען כ'האב באקומען דעמדאזיקן בריוו, איז מיר דער פלאן זייער געפעלן. איך האב זיך געטראכט: „עס זענען דא פאראן אזויפיל משכילים, זאל צוקומען נאך איינער, אלע עסן, וועט ער אויך מיטעסן". אבער אזוי ווי גאלדפאדען האט נישט געשריבן, אז ער וויל אליין אראפקומען, נאר, אז איך זאל אים אראפברענגען, האב איך באשלאסן פריער זיך נאכצופרעגן ווער ער איז.

גראד איז דאמאלס, אין יאר 1876 פארגעקומען א יום-טוב, וואס איז פאר טייל געווען א גרויסער טרויער. עס זענען דאמאלס געווען 100 יאר, ווי מען האט בוקאווינע צוגענומען צו עסטרייך. לכבוד דעם איז אין טשערנאוויץ געפראוועט געווארן א גרויסער יום-טוב און אין גאנץ רומעניע איז געווען א גרויסער טרויער. אבער אזוי ווי דער גרעסטער טייל יידן אין רומעניע זענען ווייטער געבליבן עסטרייכישע אונטערטאנען, האבן זיי זיך געפילט יום-טובדיק און לכבוד דער פייערונג אין טשערנאוויץ האט מען אויסגעוויילט 2 יידן, וועלכע מען האט אהין געשיקט זיך צו באטייליקן אין דאזיקן יום-טוב.

איינעם פון זיי, מטות שמחה ראוונער, א גרויסער העברעער, דירעקטאר פון בית-היתומים, וואס ביישאץ האט געגרינדעט, האב איך געבעטן, אז ער זאל אין טשערנאוויץ איינציען *)

*) צונויפקלייבן.

אינפאָרמאַציעס וועגן גאָלדפאַדענען, און ווען ער איז צוריקגע־קומען, האָט ער מיר טאַקע געבראַכט אַ גאַנצן ראַפּאָרט, וואָס פּאַראַ מענטש גאָלדפאַדען איז. ראַוונער האָט נישט געהאַט קיין שווערע אַרבעט, וואָרום דער ראַבינער פון טשערנאָוויץ ד״ר אַנ־געל איז געווען זיין פעטער.

איך האָב באַקומען אַ ראַפּאָרט, אַז גאָלדפאַדען איז אַ גרויסער שרייבער, נאָר ער איז אויף גרויסע צרות.

דער ראַפּאָרט האָט מיך צופרידנגעשטעלט און איך האָב אַרויסגעשיקט צו גאָלדפאַדענען געלט, אַז ער זאָל קומען; נאָר אַזוי ווי פּערזענלעך האָבן מיר זיך נישט געקענט, האָבן מיר אין די בריוו אָפּגערעדט, אַז ווען די באַן וועט קומען, זאָלן מיר ביידע אויסרופן איינער דעם אַנדערנס נעמען.

אין יענער צייט איז אין יאַס געווען אַ זומער=גאָרטן וואָס האָט געהייסן „מאַרקס־גאָרטן״, און דאָרטן פלעגן זינגען פאַרשידענע לידלעך די בראָדער זינגער גראָדנער און פינקל. זיי פלעגן אויך זינגען גאָלדפאַדענס לידלעך. און ווען גראָדנער האָט דערהערט אַז גאָלדפאַדען קומט, האָט ער זיך זייער דערפרייט און ווען ער האָט מיך געזען, זאָגט ער צו מיר:

— אוי, גאָלדענפאַדים קומט! ווער ברענגט אים, מסתמא, איר?!

אַזוי האָט זיך די ידיעה, אַז גאָלדענפאַדים־גאָלדפאַדען קומט, פאַרשפּרייט איבער גאַנץ יאַס, און ביי די משכּילים איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה, און אין טאָג ווען גאָלדפאַדען איז געקומען, זענען ביי דער באַן געשטאַנען 30—40 דראָשקעס מיט מענטשן, וואָס זענען אים געקומען מקבל=פּנים זיין.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען איז אַרויסגעגאַנגען אַ מאַן אַ הויכער, אַ שיינער, אַ פּאָר דיקע וואָנסעס מיט אַ קמץ=באָרדן אין אַ צילינדער אין דער וואַכנס.

ער האָט פאַרשפּאָרט צו רופן, וואָרום איך האָב באַלד זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז ער, און אונדזער שמחה איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן זיך באַלד צוקושט.

דער עולם איז תּיכּף צוגעלאָפֿן און אים געגעבן שלום־עליכם.

ווען דער קאָמיסאַר האָט געזען די סצענע, האָט ער געפֿרעגט, וואָס דאָ איז אַזעלכעס, ווער דער גאַסט איז.

מיר האָבן זיך באַלד אַריינגעזעצט אין אַ דראָשקע, וואָס איז געפֿאָרן די ערשטע און נאָך אונדז אַלע אַנדערע דראָזשקעס.

אין גאַס האָט מען אויך כּסדר געקוקט און דאָס פֿאָלק האָט זיך געדענקט, אַז דאָס איז אַוודאי געקומען אַ גרויסער פּריץ.

ווען גאָלדפֿאַדען האָט מיך געפֿרעגט אין וועלכן האָטעל מיר פֿאַרפֿאָרן, האָב איך אים געענטפֿערט, אַז אין האָטעל ליבערעסקאַ.

— איר האָט דען אַ האָטעל? — האָט ער מיך געפֿרעגט.

— יאָ, פֿאַר אַזעלכע חשובֿע געסט ווי איר — האָב איך אים געענטפֿערט.

גאָלדפֿאַדען איז געווען נתפּעל. ערשטנס פֿון דעם פֿיינעם קבלת־פּנים, דאַן פֿון דער אַנטוישונג. ער האָט געמיינט צו טרעפֿן אַ שמש פֿון אַ טעמפּל, עפּעס אַ יידל מיט פּאות, צום סוף האָט ער געטראָפֿן אַ היינטוועלטיקן יינגערמאַנטשיק.

אין שטוב ביי מיר איז דערווייל געוואָרן ערגער ווי אין אַ האָטעל. די משׂכּילים האָבן געהאַלטן אין איין קומען. שטענדיק איז געווען אַ געפּילדער און אַ טומל, און כּסדר האָט מען געמוזט דערלאַנגען צום טיש.

מיר האָבן אויך באַלד געגרינדעט אַ פֿאַריין „חוטי הזהב“ (גאָלדענפֿאַדים), און גאָלדפֿאַדענען דערקלערט אַלס ערן־פּרעזידענט פֿון דעם פֿאַריין. שפּעטער האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן צו הערן מיינונגען, אַז אַזוי ווי עס עקזיסטירט שוין אַ פֿאַריין „לבנון“ איז ניט כּדאַי צו צעברעקלען די כּוחות, און מען האָט טאַקע מבֿטל געמאַכט דעם נייעם פֿאַריין און באַשלאָסן צו פֿאַרשטאַרקן דעם פֿאַריין „לבנון“, פֿון וועלכן מיר האָבן גאָלדפֿאַדענען דערקלערט אַלס ערן־פּרעזידענט.

דער פֿאַריין „לבנון“ האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין גאַלאַץ,

כראַיאָלא און בוקאַרעשט, און שפּעטער געבראַכט נוצן פאַר דער גרינדונג פון יידישן טעאַטער.

די גאַנצע צייט זינט גאָלדפאַדען איז געקומען איז געווען אוי ווי חול-המועד. עס איז געווען אַ וואָכעדיקער יום-טוב, אָבער איינמאָל האָט זיך גאָלדפאַדען צו מיר אָנגערופן:

— וואָס וועט זיין דער סוף, כ'בין דאָך שוין דאָ צוויי וואָכן. מיין ווייב זיצט אין דער היים אָן אַ פּרוטה, און מען דאַרף דאָך איר צושיקן עפּעס געלט.

האָב איך געענטפערט גאָלדפאַדענען, אַז דאָס לייכטסטע וואָלט געווען, אַז ער זאָל געבן אַ פאָרלעזונג פון זיינע זאַכן. גאָלד-פאַדען האָט מסכים געווען און איך בין אַריינגעגאַנגען צום בעל-הבית פון גאָרטן, שמעון מאַרק, צו פירן מיט אים אונטער-האַנדלונגען וועגן האָנאָראַר פאַר גאָלדפאַדענס אַרויסטריט.

3

יידיש טעאַטער אין די וויקעלער.

גאָלדפאַדענס אויפטריט צוליב זיין ווייב — ער זינגט און דער עולם וויל אים שלאָגן — דער מאָמענט ווען דער געדאַנק וועגן יידיש טעאַטער איז געבוירן געוואָרן — גאָלדפאַדען זאָגט, אַז „מען וועט שפּאָרן נאַפּאָלעאָנס מיט לאָפּאַטעס" — גראַדנער גאָלט זיך אָפּ די וואָנסעס — ווי אַזוי גאָלדפאַדען שרייבט — די ערשטע טרופּע — אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד וועגן פּראַנצויזיש און קלאַוויר־שפּילן — אַ ייד וויל נישט געבן זיין זאַל פאַר יידישע זינגער — די ערשטע פאָרשטעלונגען אין באָטאָשאַן זענען אויך אויף צרות — „לבנון" נעמט אַראָפּ די טרופּע קיין גאַלאַץ — דער ערשטער דערפאָלג — קריסטלעכע אַקטיאָרן לויבן דאָס שפּילן — דער ערשטער אימפּרעסאַריאָ — אין בוקאַרעסט — גאָלדפאַדען וויל אַנטלויפן פון טעאַטער.

שמעון מאַרעקן האָב איך איינגערעדט, אַז ער וועט פאַרדינען אַ סך געלט ווען גאָלדפאַדען וועט ביי אים אויפטרעטן. דער חשבון איז געווען אַ פשוטער: ערשטנס האָבן נאָך פריער גראַדנער און פינקל געזונגען פיל לידער גאָלדפאַדענס, און דאָס פובליקום ווייסט שוין, אַז עס איז פאַראַן איינער גאָלדפאַדען, און יועט זיכער וועלן אליין אים זען און הערן. והשנית האָט דאָך גאָלדפאַדען געמאַכט אַזאַ רושם ביי די משכילים אין שטאָט, און זיי וועלן דאָך אים זיכער קומען הערן.

און טאַקע צוליבן דאָזיקן חשבון, האָט מאַרעק מסכים געווען צו געבן גאָלדפאַדענען 100 פראַנק פאַר זיין אויפטריט

און דאָס געלט האָט גאָלדפאַדען באַלד אַוועקגעשיקט צו זיין פרוי, וואָס איז געבליבן אין טשערנאָוויץ.

דעם אָוונט ווען גאָלדפאַדען איז אויפגעטראָטן, איז דער גאָרטן טאַקע געווען פול, אָבער גאָלדפאַדען האָט געהאַט אַ גרויסן מאַראַלישן ‚ דורכפאַל. גאָלדפאַדען אַליין האָט וועגן זיין דורכפאַל געשריבן *), אָבער נישט דערציילט די ריכטיקע סבה פון דורכפאַל. באמת איז עס געקומען צוליב גאָלדפאַדענס שולד. ער האָט נישט געהאַט קיין קול צו זינגען פאַר אַ פובליקום, און ער האָט זיך געשטעלט זינגען זיינע אייגענע לידער, וועלכע גראַדנער פלעגט פריער פאַרן זעלבן עולם זינגען מיט חן און אַ גוטן טעם.

דער עולם איז געווען דערבייבער זייער בייז. ערשטנס, וואָס זיי האָבן געצאָלט טייערע פרייזן פאַר די בילעטן. דאָס האָט שמעון מארעק געמאַכט כדי זיך אָפּצונעמען די 100 פראַנק וועלכע ער האָט געגעבן גאָלדפאַדענען עקסטרע, והשגית האָט דער עולם געקוקט אויף גאָלדפאַדענען ווי אויף איינעם, וואָס שפּעט אָפּ פון אים, דעת עולם; און דערבייבער איז ביי טייל דער כעס געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אים געוואָלט שלאָגן.

גראַדנער מיט מיר האָבן קוים אָפּגעראַטעוועט גאָלדפאַדענען פון קלעפּ און איך האָב אים אַרויסגעזעצט אויף אַ דראָשקע, און אָפּגעפירט צו מיר אַהיים.

נאָכן דאָזיקן דורכפאַל, האָט גאָלדפאַדען ערנסט און ענערגיש זיך גענומען צו זיין פּלאַן אַרויסצוגעבן זיין בלאַט

---

*) גאָלדפאַדען פאַרענטפערט זיך, אַז די יידן פון יאַסי זענען געווען איגנאָראַנטן, זיי האָבן נישט געוווסט צו שעצן אַן אויטאָר, אָבער ס'איז נישט. אמת. די שטאָט יאַס האָט דאַמאָלס פאַרמאָגט זייער אַ סך געבילדעטע יידן און זייער באַלעזענע אין דייטש, פראַנצויזיש. גראָד פון דעם קלאַס זענען באַשטאַנען די באַזוכער פון יענעם אָוונט, ווען גאָלדפאַדענען האָט זיך פאַרגלוסט צו זינגען דער, וואָס האָט אים געוואָלט מכבד זיין מיט אַ שטעקעלע, איז אויך נישט געווען קיין גראָבער יונג, נאָר ער איז געווען אַ היציקער, און ער האָט געזאָגט, אַז גאָלדפאַדען מאַכט חוזק פון עולם. (י. ל.)

און צומאָרגנס רופט ער זיך אָן צו מיר, אַז מיר זאָלן אַרויסגיין אין גאַס זאַמלען אַבאָנענטן פאַר זיין בלאַט.

איך געדענק די סצענע אַזוי ווי איצט, אַזוי איינגעקריצט האָט זיך דאָס בילד אין מיין זכרון.

גאָלדפאַדען איז שוין געשטאַנען אָנגעטון אין צילינדער און גענומען דעם שטעקן אין האַנט צו גיין אין גאַס אַריין, רופט זיך פלוצלונג אָן מיין פרוי צו אים:

— מאסיע גאָלדפאַדען, אין בוקאַרעסט איז שוין פאַראַן אַ בלאַט „היועץ", שטאַרבט דער רעדאַקטאָר זיבן מאָל אין טאָג פאַר הונגער. וואָס וועט איר אויפטון? איר וועט אויך אַרויסגעבן א בלאַט, וועט איר ביידע שטאַרבן פאַר הונגער? איר פאָלגט מיך בעסער, האַקט אָפּ פון דעם משוגעת. יידן פעלט אַ טעאַטער, נעמט זיך בעסער דערצו. איך האָב געלעזן פון אייך „די מומע מוסיע" אין 4 אַקטן, עס איז אַקוראַט ווי צום שפילן, נאָר איר האָט עס געמאַכט בלויז צום לייענען, קאָנט איר עס דאָך מאַכן טאַקע צום שפילן. איך מיין אַ יידיש טעאַטער אַקוראַט ווי ביי גויים, נישט אַזוי ווי גראַדנער און פינקל מאַכן.

ווען מיין ווייב האָט געענדיקט רעדן, האָט גאָלדפאַדען אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן, אויסגעטון דעם הוט און געזאָגט צו מיר:

— איר ווייסט, ליברעסקאָ, אייער ווייב האָט מיר געגעבן אַן אידעע. מ'וועט שאַרן „נאַפּאָלעאָנס" מיט לאָפּאַטעס.

מיר האָבן באַלד געשיקט רופן גראַדנערן, און אים דערציילט דעם פּלאַן וועגן שפּילן טעאַטער. גראַדנער האָט מסכּים געווען און געזאָגט, אַז רומענישע אַקטיאָרן, וואָס פלעגן אים קומען הערן, האָבן אים אָפט געקושט, און געבעטן, אַז ער זאָל מאַכן אַ טעאַטער ווי ביי לייטן, נאָר ער האָט דאָס נישט געטון, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו שפילן.

גראַדנער האָט באַלד געבראַכט אַ גאַנצע חברה. ווער זיי זענען געווען, געדענק איך נישט. גראַדנער אַליין האָט זיך אָפּגעגאָלט די וואָנסעס. עס איז אויך אונטערגעקומען אַ שיין יינגל

שכר גאָלדשטיין, אויב פינקל איז אויך געווען, געדענק איך נישט. אָבער ער איז זיכער אויך געווען פון די ערשטע, ער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט גראַדנערן אין מאַרקס גאָרטן, נאָר, דאַכט זיך, אַז שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן, און פינקל איז נישט געווען ביי דער גרינדונג פון יידישן טעאַטער.

גאָלדפאַדען אליין האָט זיך באַלד באַגייסטערט פון דעם נייעם פּלאַן. ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז אייגנטלעך געקומען קיין יאַס, און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי מיר אין שטוב שרייבן אַ טעאַטער־שטיק. ער האָט שוין דאַמאָלס געהאַט פּאַרטיק אייניקע לידער פון דער שפּעטערדי־קער פּיעסע „די באָבע מיטן אייניקל", און ער האָט געמאַכט פון די לידער אַ גאַנץ טעאַטער-שטיק.

ווען גאָלדפאַדען האָט זיך געזעצט שרייבן, האָט אים מיין ווייב געמוזט אַוועקשטעלן 6—5 גלעזער מיט איינגעמאַכטס מיט אַ גרויסן לעפל.

— אַז מען עסט איינגעמאַכטס — האָט ער געזאָגט — און מיט אַ גרויסן לעפל, שרייבט זיך נאָך בעסער.

אָבער נישט נאָר ער, נאָר אַזוי ווי עולם האָט געהאַלטן כסדר אין איין קומען צו גאָלדפאַדענען, האָבן זיי דערווייל מיטגעגעסן, און מיין ווייב, וואָס איז געווען אַ מכניס־אורח, האָט פאָרט געהאַט פאַריבל, וואָס מען האָט איר אַזוי שנעל אַ תל געמאַכט פון ביסל איינגעמאַכטס.

איינשטודירט דאָס שטיק „די באָבע מיטן אייניקל" האָט מען ביי מיר אין שטוב.

דער קלעזמער, וואָס האָט מיט זיי איינשטודירט, האָט גע־הייסן וועלוול דער גרויסער, וואָרום ס'איז געווען נאָך אַ וועלוול קלעזמער, וועלכן מ'האָט גערופן וועלוול דער קליינער.

איצט וויל איך אויף אַ רגע זיך אַוועקכאַפּן פון טעאַטער, און דערציילן אַן עפּיזאָד וועגן גאָלדפאַדענען, וואָס קאָן נוצלעך זיין פאַר זיין כאַראַקטעריזירונג.

איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז דער גביר פון יאַס איז געווען יעקב ניישאַץ, מיט וועלכן איך האָב זיך זייער גוט

געקענט, מחמת איך בין געווען שמש אין זיין טעמפּל. איך האָב דעריבער געהאַלטן פאַר מיין חוב צו באַקענען מיין גאַסט גאָלדפּאַדען מיט ניישאַצן. און כ'בין טאַקע מיט אים געגאַנגען אַהין אויף אַ באַזוך.

גאָלדפּאַדען פלעגט תמיד זאָגן, אַז ער קען שפּילן פּיאַנאָ און רעדן פראַנצויזיש. איך בין דעריבער געווען זיכער, אַז מיט דידאָזיקע צוויי זאַכן וועט גאָלדפּאַדען זייער אויסנעמען אין אַזאַ אַריסטאָקראַטישע שטוב ווי ניישאַצס, און האָב וועגן די צוויי מעלות גאָלדפּאַדענס זיי פריער אָנגעזאָגט. צום סוף האָב איך געהאַט עגמת־נפש.

ניישאַץ האָט געהאַט אַ פּירצן יאָריק אייניקל, וואָס האָט טאַקע ביידע זאַכן געקענט און ווען ער האָט זיך געשטעלט רעדן פראַנצויזיש מיט גאָלדפּאַדענען, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז גאָלדפּאַדען קען נישט. דאָס זעלבע איז אויך געווען ווען ער האָט גענומען שפּילן אויפן קלאַוויר. אָבער דאָך האָט מען דעם דרך־ארץ צו גאָלדפּאַדענען נישט פאַרלוירן, מחמת מען איז געווען זיכער, אַז ער איז זייער געבילדעט אין העברעיש.

שפּעטער אַריין האָט דער פּראָסטער עולם באַקומען אַזאַ דרך־ארץ צו גאָלדפּאַדענען, אַז מען האָט אים פּשוט געטראָגן אויף די הענט.

אַלזאָ, מען האָט צו מזל איינשטודירט דאָס טעאַטער־שטיק, אָבער ביז וואָס־ווען איז געוואָרן הערבסט. עס האָט אָנגעהויבן רעגענען. אין גאַס איז געווען קאַלט, און אין מארקס גאָרטן האָט מען איצט נישט געקאָנט שפּילן. מען מוז זוכן אויסזוכן אַן אַנדער אָרט. און דאָ איז מיר איינגעפאַלן אַריינצוגיין צו זעליג ריישער (באַנקיר), וואָס האָט געהאַט אַ שיינעם זאַל.

איך האָב אים דערקלערט, אַז עס וועט זיין שיין פאַר יידן אַן אייגן יידיש טעאַטער, אַז מען האָט איינשטודירט אַ שטיק, און די חברה שפּילער וואַרטן שוין אויף שפּילן ווי אויף משיחן. אָבער ער האָט מיך אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער:

— וואָס, איך וועל פאַרשמוצן מיין זאַל מיט יידישע זענגער?

ליבערעקאַ (3)

— ס'איז דאָך נישט קיין זענגער — האָב איך אים גע=ענטפערט — ס'איז גאָלדפאַדען, אַ דיכטער, אַ געבילדעטער מאַן.

אָבער, רעד היינט — רעד מאָרגן, ער וויל נישט.

איך האָב נישט געפועלט.

וואָס טוט מען פאָרט? קיין פּרוטה געלט איז נישטאָ, אַפילו נישט אויף אַלטע מלבושים.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט אָן דעם פאַריין „לבנון", פון וועלכן מיר האָבן גאָלדפאַדענען באַשטימט אַלס ערן=פּרעזידענט און אָט בין איך געקומען צום פאַריין מיט אַ פאָרשלאָג, אז אַזוי ווי זיין ערן־פּרעזידענט וויל מאַכן אַ יידיש טעאַטער, נאָר ער האָט נישט קיין געלט-מיטלען דערצו, דאַרף מען אים אונטערשטיצן. קיינער האָט זיך דערפון נישט אָפּגעזאָגט, נאָר פּראַקטיש האָט דאָס נישט געבראַכט קיין נוצן, וואָרום דער פאַריין איז ערשט געווען אַן אָנפאַנגער און אָרעם. אַזוי אָבער ווי דער פאַריין האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין אַנדערע שטעט, ווו עס האָבן געוווינט רייכע מיטגלידער, האָט מען פון דער צענטראַלע אין יאַס געבעטן דאָרט, אַז מען זאָל אונטערשטיצן גאָלדפאַדענען אין זיין אונטערנעמונג.

די נאָענטסטע גרויסע שטאָט פון יאַס איז געווען באָטאָ=שאַן, און רייזע=הוצאות קאָסט נישט קיין סך. דאָרט וווינען אַ סך יידן, פון וועלכע אַ גרויסער טייל זענען גאַליציאַנער, וועלכע האָבן שוין באַזוכט די בראָדער זינגער, און עס איז דער־ריבער קלאָר געווען, אַז עס איז גלייך צו פאָרן קיין באָטאשאַן דאָרט אָנהייבן שפּילן.

איך האָב אויפגעזוכט עפּעס איינעם אַ בעקער־יינגל ראָ־זענבלום, אַ בוכבינדער שוואַרץ, און נאָך אייניקע נישט וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז שפּעטער באַלד אַוועק פון יידישן טעאַטער. און זיי, צוזאַמען מיט גאָלד=פאַדען, גראַדנער און גאָלדשטיין, זענען אַוועק קיין באָטאשאַן. איך בין מיט זיי נישט מיטגעפאָרן, וואָרום איך האָב דאָך גע=האַט אַ פּאָסטן אין ביישאַצ טעמפּל.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָב איך באַקומען פון גאָלדפאַדענען אַ בריוו, אַז „זיי זענען אומגליקלעך". אמת, אַז

בינו לבינו איז אויסגעבראָכן אין לאַנד אַ גרויסע מהומה צוליב דער רוסיש-טערקישער מלחמה, אָבער איך מיין, אַז דער דורכפאַל אין באָטאַשאַן איז נישט געווען צוליב דעם, נאָר ווייל דאס פובליקום איז געווען אומצופרידן פון דער טרופּע.

גאָלדפאַדען האט מיך אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן מיט בריוו, וואָס ער זאָל טון. ער האָט געבעטן נאָר אַן עצה, וואָרום געלט האָט ער געוווסט, קאָן ער נישט באַקומען.

איך האָב באַלד דערויף געמאַכט אַ זיצונג פון דער יאַסער צענטראַלע פון „לבנון", און מיר האָבן אָוועקגעשריבן צו אונדזער פאַריין אין גאַלאַץ, אַז אַזוי ווי גאָלדפאַדען, אַ זייער באַגאַבטער מענטש, איז אין באָטאַשאַן אויף גרויסע צרות, וואָלט געווען זייער גלייך, אַז ער זאָל קומען קיין גאַלאַץ דאָרט שפּילן, און מיר בעטן, אַז מען זאָל אים דאָרט אונטערשטיצן.

מ'האָט אויך אַרויסגעשיקט גאָלדפאַדענען מיט דער טרופּע אייניקע הונדערט פראַנק אויף הוצאות, און די גאַנצע טרופּע איז געקומען קיין גאַלאַץ. דאָ האָט זי געשפּילט אין אַ גרויס טעאַטער און געהאַט דערפאָלג. די רומענישע פּרעסע האָט זייער געלויבט די פאָרשטעלונגען. די קריסטלעכע אַקטיאָרן פון רומענישן טעאַטער האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אין דער פּרעסע.

אין בוקאַרעסט האָבן דאַמאָלס בראָדער זינגער געזונגען און ווען זיי האָבן דערהערט פון גאָלדפאַדענס טעאַטער, איז ביי זיי געוואָרן אַ גרויסער טומל און איינער, אַ געוויסער לאַזאַר, וואָס האָט געהאַט אַ קאַפע-הויז אין בוקאַרעסט, איז ספּעציעל געקומען קיין גאַלאַץ, און אויף זיינע הוצאות גענומען גאָלדפאַדענען מיט דער גאַנצער טרופּע קיין בוקאַרעסט, ווו זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן אין זאַל „פּאָמול ווערדי" („דער גרינער בוים").

ווי אַזוי די געשעפטן האָבן אויסגעזען אין בוקאַרעסט, קאָן מען זען דערפון, וואָס אין מיטן ווינטער האָב איך באַקומען פון גאָלדפאַדענען אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט מיר, אַז די עצה, וואָס מיין פרוי האָט אים געגעבן, וועלכע האָט

זיך אין אָנהויב אויסגעוויזן אַלס אַ גוטע עצה, טויג באמת אויף כּפּרות. ער, גאָלדפאַדען, מיט דער טרופּע גייען אויס פון הונ־גער. דאָס איינציקע גליק איז דאָס, וואָס דורכן טעאַטער איז ער געקומען קיין בוקאַרעסט, און אַזוי ווי עס איז איצט מלחמה־צייט, האָפט ער צו קאָנען פאַרדינען ביי די פּאָדראַטשיקעס.

4

אויס שמש און געוואָרן פּאַרוואַלטער ביי גאָלדפאַדענען.

בריליאַנטענע געשעפטן צוליב די פּאָדראַדטשיקעס — גראַדנער קומט מיט אַ צווייטער טרופּע קיין יאַסי — ווי אַזוי לאַטיינער ווערט אַ דראַמאַטורג — „צוויי קוני לעמעל" און „שולמית" האָבן צוויי טאַטעס — איך מאַך אַ פּיעסע פון דיקס אַ מעשה — גאָלד־פאַדען מאַכט מיך אויס שרייבער — אברהם בער גאָטלאָבער פראַוועט זיין 63 יאָריקן געבורטסטאָג — איך זע צום ערשטן מאָל שפּילן גאָלדפאַדענס טרו־פּע — דער באַנקעט אין בוקאַרעסט — די יידישע קריגס־צייטונג „דער טעלעגראַף" — איך דימיסיאָ־ניר אַלס שמש און פאָר אַוועק צו גאָלדפאַדענען אַלס פאַרוואַלטער.

דער צופאַל האָט אָבער געוואָלט, אַז דאָס יידישע טעאַ־טער זאָל פאָרט געגרינדעט ווערן, און טאַקע אברהם גאָלדפאַ־דען זאָל זיין דער גרינדער, און אַזוי האָט זיך פּלוצלונג גע־מאַכט אַ בריליאַנטענע צייט אין בוקאַרעסט.

עס איז געווען אינמיטן ברען פון דער טערקיש־רוסישער מלחמה, און אין בוקאַרעסט האָבן זיך ארומגעדרייט פאַרשידענע קלוגע פּאָדראַדטשיקעס און יוצר משרתים, וועלכע האָבן גע־

מאַכט אַ לייכטן גראָשן, און זיי האָבן נאָר געזוכט אַן אָרט ווי אויסצוגעבן דאָס לייכט פאַרדינטע געלט. אין זייער זכות האָבן די געשעפטן פון גאָלדפאַדענס טעאַטער זיך אָנגעהויבן אַזוי פאַרבעסערן, אַז קיין בילעטן ביי דער קאַסע האָט מען נישט באַקומען, נאָר מען האָט געמוזט אָפּקויפן ביי איבערקויפער און צאָלן אָפּטרעט-געלט.

דער מצב האָט אַזוי געדויערט אַ יאָר צייט.

אונטער דער צייט איז דערווייל יאַס געבליבן אָן יידישן טעאַטער, וואָרום גראַדנער, וועלכער איז געווען די ערשטע פידל אין יאַס, איז דאָך געווען מיט גאָלדפאַדענען אין בוקאַרעסט. נאָר פלוצלונג איז אָנגעקומען קיין יאַס אַ טרופּע מיט זילבערמאַן און פרוי, ווײַנבערג (וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ פערד=דאָקטאָר), מאָגולעסקאָ און נאָך 2—3, וואָס זייערע נעמען געדענק איך נישט. געשפּילט האָבן זיי אייניקע פּיעסן, וועלכע זיי האָבן צוגעגנבעט פון גאָלדפאַדענען, זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום מורא פאַר אים, וואָרום קיין אויטאָר-רעכט איז דאַמאָלס אין רומעניען נישט געווען. באַזונדערס האָט פון די שטיק, וועלכע זיי האָבן געשפּילט, זייער אויסגענומען „די קאַפּריזנע כלה־מויד” פון גאָלדפאַדען.

איינמאָל רופן זיך אָן צו מיר אייניקע פון די, וואָס האָבן גאָלדפאַדענען אויסגעלאַכט בעת זיין ערשטן אויפטריט אין מאַרקס גאָרטן:

— ווען מיר וואָלטן געוווּסט, אַז „אייער” גאָלדפאַדען וועט מאַכן אַזאַ שטיק, וואָלטן מיר אים גאָר אנדערש באַהאַנדלט. ס׳טוט אונז פּשוט באַנג וואָס מיר האָבן אים דאַמאָלס באַליידיקט.

צווישן די משכּילים וואָס פלעגן צו מיר אַרײַנקומען זענען געווען צוויי פּערזאָן יוסף כּתבן און יצחק גאָלדנטאַל, וואָס זענען דאַמאָלס נאָך געווען סטודענטן, און זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך זייערן אַ גוטן פריינט לאַטיינער.

לאַטיינער איז אייגנטלעך נישט געווען זיין ריכטיקער נאָמען. באמת האָט ער גאָר געהייסן אַנדערש, נאָר אַזוי ווי ער

האָט נישט געהאַט קיין חשק צו גיין דינען אין מיליטער, האָט ער ביי אַן אַלטער אלמנה פאַר געלט זיך פאַרשריבן אויף איר נאָמען אַלס איר עלטערער זון, און באַקומען דעם נאָמען יוסף לאַטיינער, פון וואָס עס איז שפּעטער געוואָרן יאָזעף לאַטיינער.

אָט דער לאַטיינער, ווי איך וועל אים אויך רופן, ווייל מען קען אים נאָר אונטער דעם נאָמען, איז געווען אַ יאַסער, און האָט געלערנט אין דער זעלבער ישיבה וואָס איך, ווען כ'בין געווען גאָר יונג. ווען ער האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו מיר, איז ער געגאַנגען יידיש געקליידעט, און זיין מעלה איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געקענט שרייבן און לייענען דייטש. ער פלעגט יעדעס מאָל מיט זיך מיטברענגען דייטשישע ווערק און זיי פאָרלייענען.

איינמאָל האָט ער געבראַכט אַ דייטשיש ביכל „נאַטהאַן שלומיאל", און ווען ער האָט עס פאָרגעלייענט, זענען מיר שיעור צעזעצט געוואָרן פאַר געלעכטער. פון יעדער שורה האָבן מיר געמוזט קייכן, אַזויפיל הומאָר און קאָמישעס איז דאָרט געווען. עס איז אונדז אַזוי געפעלן, אַז מיר האָבן געבעטן לאַטיינערן אַז ער זאָל עס נאָכאַמאָל פאַר אונדז פאָרלייענען.

מיין פרוי, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר א גאַנצן טע־אַטער־מבין, האָט זיך דאַן אָנגערופן צו לאַטיינערן:

— לאַטיינער, עס וואָלט גלייך געווען צו מאַכן דערפון אַ יידישע פּיעסע.

לאַטיינערן איז דער פּלאַן געפעלן, און טאַקע ביי מיר אין שטוב האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און געמאַכט דערפון די „צוויי שמואל־שמעלקעס". עס איז גוט אַרויס, און די טרופּע האָט עס גענומען שפּילן, און ס'איז געווען אַ גוטער דערפאָלג. אַזוי ווי דורך דער פּיעסע איז ער געוואָרן מחותן מיט די אַק־טיאָרן, און אַ „יודע ספר" איז ער געווען, איז ער געוואָרן דער סופלער פון דער טרופּע און באַלד אויך זייער „פאַר־פאַסער".

וועגן דערדאָזיקער פּיעסע איז עס שפּעטער געווען אַ גאַנצע מחלוקה צווישן לאַטיינערן און גאָלדפאַדענען, וואָרום

גאָלדפאַדען האָט פון זעלבן דייטשן ביכל געמאַכט זיין שפּעטער באַרימטע קאָמעדיע „די צוויי קוני־לעמל".

לאַטיינער האָט אויסערדעם געהאַט נאָך אַ טענה צו גאָלדפאַדענען, וואָרעם אויך אויף דער טעמע פון אַ צווייטער פּיעסע האָבן זיי זיך ביידע צונויפגעטראָפן. גאָלדפאַדענס שווער, ווערבל, האָט אַרויסגעגעבן אַ העברעיש ביכל „גור והולדה", האָט לאַטיינער דערפון געמאַכט אַ פּיעסע „די ליבע פון ירושלים" אָדער אויף רומעניש „אַמאָראַ יערוזאַליים". שפּעטער האָט גאָלדפאַדען באַאַרבעט זיין שווערס ביכל אין דער באַרימטער אָפּערעטע „שולמית", וועלכע האָט ביי אים געהייסן „די טאָכטער פון ירושלים".

ווען מען האָט אויפגעפירט לאַטיינערס „די ליבע פון ירושלים" האָט מען צוגענומען נייע אַקטיאָרן, און אויך אַרויסגעגנבעט אַקטיאָרן פון גאָלדפאַדענען.

אין יאַס איז אויך געווען אַ גאָרטן, וואָס האָט געהייסן „פּאָמול ווערדי", און אָט האָט די טרופּע אָנגעהויבן שפּילן אין דאָזיקן גאָרטן, וואָס איז געווען מער געשיצט קעגן אַ שלעכט וועטער.

און דאָ האָב איך געפּרוווט מיינע כּוחות, אַקוראַט אַזוי ווי אַלס חסיד האָב איך געהאַלטן פון אַלע גוטע יידן, אַקוראַט אַזוי האָב איך אַלס אַפּיקורס ליב געהאַט צו לייענען אַלע יידישע ביכלעך, וואָס זענען דאַמאָלס אַרויס, און אַזוי פלעג איך לייענען אַלע אייזיק מאיר דיקס ביכלעך. איינמאָל איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט זיינס אַ ביכעלע פון 6 זייטן מיטן נאָמען „די צוויי קליינע קאַטערינטשיקעס", האָב איך עס איבערגעלייענט, און געפרעגט מיין ווייב, אויב עס איז נישט קיין פלאַן צו מאַכן דערפון אַ טעאַטער־שטיק. זי איז אויך געווען ביי דער זעלבער מיינונג, און אַזוי האָב איך טאַקע געמאַכט דערפון אַ פּיעסע אין 4 אַקטן „די דערפּילטע ליבע". די טרופּע האָט באַלד אָנגענומען מיין פּיעסע צום שפּילן. דעם אמת געזאָגט, איז דאָס נישט געווען קיין סימן אַז די פּיעסע טויג, נאָר עס איז געווען, אַז ס׳איז ליבערסקאָס.

דער עולם האט תמיד געהאַט צו מיר דרך־ארץ. קיין געבילדעטער מענטש בין איך קיינמאָל נישט געווען, אַקוראַט ווי כ׳בין נישט געווען קיין עם־הארץ, נאָר כ׳פּלעג ליב האָבן שטענדיק צו גיין מיט געבילדעטע מענטשן, און דאָס האָט אימפּאָנירט.

דאָסמאָל האָט די טרופּע געמאַכט אַ ריזיקן אַפּיש, ווי נאָך קיינמאָל ביז דאַמאָלס. די פּיעסע איז געשטעלט געוואָרן שמחת־תורה ביינאַכט, ווען דער עולם איז געווינלעך אין אַ געהויבענער שטימונג.

לאַטיינער, וואָס איז געווען דער „פּאַרפּאַסטער״ פון דער טרופּע, האָט מיר צוגעגעבן חשק ווייטער צו שרייבן, וואָרום ער האָט גאַרנישט געהאַט וואָס אויסצובעסערן אין מיין פּיעסע.

ווען מען איז געגאַנגען שפּילן די פּיעסע, האָט מיר לאַטיינער פריער אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך צוגרייטן, וואָרום מען וועט מיך אַרויסרופן אויף דער בינע. עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט האבן דעם כבוד, אבער איך האָב זיך שרעקלעך געשעמט, און ווען דאָס פּובליקום האָט אויף דער פּרעמיערע מיך אַרויסגערופן, בין איך טאַקע אין אָנהויב נישט אַרויס, נאָר ערשט צום סוף נאָך דער פאָרשטעלונג, בין איך אַרויס, און האָב פאָרגעלייענט מיינס אַ ליד אין 4 סטראָפן.

אין מיין פּיעסע איז געווען אַ ראָל פון אַ ליבהאָבער, און אין דער גאַנצער טרופּע איז נישט געווען ווער עס זאָל שפּילן דידאָזיקע ראָל. האָט מאָגולעסקאָ, דער קאָמיקער פון דער טרופּע, גענומען צו שפּילן דעם ליבהאָבער, וואָרום ער האָט געהאַט חשק צו שפּילן ליבהאָבערס.

בינתים איז צו מיר געקומען אברהם בער גאָטלאָבער פון „מפיצי השכלה״, אַז אזוי ווי איך פאַרנעם זיך מיט כלל־זאַכן, באַזונדערס מיט צייטונגס־ענינים, זאָל איך זען אים צו שטיצן, וואָרום ער הויבט אָן אַרויסצוגעבן אַ בלאַט „הבקר אור״. גאָטלאָבער איז דאַמאָלס געווען אַן עלטערער מענטש. ער האָט טאַקע ביי מיר אין שטוב געפּייערט זיין 63 יאָריקן געבורטס־טאָג, אָבער דאָך האָט ער נאָך געוואָלט לעבן פון

אייגענער אַרבעט. איך בין אַרויס צוזאַמען מיט אים אין גאַס צו באַקאַנטע, געשאַפן אייניקע הונדערט פראַנק, און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין בוקאַרעסט צו גאָלדפאַדענען. גאָטלאָבער פלעגט מיר דערציילן, אַז ער איז געווען גאָלדפאַדענס לערער אין דער ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר און גאָלדפאַדען פלעגט אים רופן „רבי״.

באַלד נאָכדעם ווי מיין פּיעסע איז אין יאַס געשפּילט געוואָרן דורך גראַדנערס טרופּע, האָב איך באַקומען פון בוקאַרעסט אַ בריוו פון גאָלדפאַדענען מיט טענות צו מיר. ווי איז יושר — שרייבט ער מיר — איר האָט מיך געבראַכט צום יידישן טעאַטער, צום סוף העלפט איר נאָך מיינע שונאים, און ער בעט מיך, אַז איך זאָל תּיכּף צונעמען ביי גראַדנערס טרופּע מיין פּיעסע, און אויב איך וויל ווייטער שרייבן, טאָ זאָל איך נישט שרייבן פאַר זיי.

דער בריוו האָט מיך איבערגענומען, און איך האָב באַלד צוריקגענומען פון דער טרופּע מיין פּיעסע מיטן אויסרייד, אַז איך וויל זי איבעראַרבעטן און אַריינשטעלן אַ שטיקל קאָמישע ראָל פאַר מאָגולעסקאָ, און כ׳האָב זי צוגעשיקט צו גאָלדפאַדענען. וואָס ער האָט מיט מיין פּיעסע געטון, ווייס איך נישט עד היום. איין זאַך ווייס איך, אַז כ׳האָב קיינמאָל נישט באַמערקט, אַז גאָלדפאַדען זאָל זיך האָבן מיט איר באַנוצט. אין בריוו, וואָס כ׳האָב געשריבן צו גאָלדפאַדענען האָב איך אויך אָנגעגעבן, אַז מער שרייב איך נישט קיין פּיעסן.

נאָכדעם ווי כ׳האָב די פּיעסע צוגעשיקט צו גאָלדפאַדענען, האָב איך דער טרופּע דערציילט דעם אמת, און מיר האָבן זיך דערווייטערט איינער פון אַנדערן.

אַזוי ווי ס׳איז געוואָרן ווינטער, האָט די טרופּע אָנגעהויבן שפּילן אין אַ זאַל.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט אַ געלעגנהייט צו פאַרדינען געלט ביי ציימונגען. צוליבן קריג איז דער עולם געווען זייער פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס עס הערט זיך, און אין בוקאַרעסט האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ יידיש בלאַט,

דאַכט זיך, „דער טעלעגראַף", וואָס האָט געבראַכט טעלעגראַ־מעס פון דער שלאַכט. דאָס איז געווען אַ געשעפט. בלויז אין יאַס זענען פאַרקויפט געוואָרן 10 טויזנט בלעטער אַ טאָג. איך בין געווען דער אַגענט, און כ'האָב געהאַט צו מיר 12—15 יינגלעך, וואָס האָבן פאַרקויפט דאָס בלאַט אין גאַס.

ווי געוויינלעך, ווען מען פירט געשעפטן נישט אויפן אָרט, אַנטשטייען מיספאַרשטענדנישן, און אַזוי איז אויך אויס־געבראָכן אַ מיספאַרשטענדניש צווישן מיר און דער רעדאַקציע, און איך בין געפאָרן קיין בוקאַרעסט אויסגלייכן דעם סכסוך. פאַרפאָרן בין איך אין אַ ביליקן האָטעל נעבן דער באַן, דאָרט האָב איך איבערגעלאָזט מיינע זאַכן, און אין אָוונט בין איך אַוועק אין יידישן טעאַטער, צו גאָלדפאַדענען.

אָבער נאָך איידער איך בין אַליין געקומען קיין בוקאַ־רעסט, האָט גאָלדפאַדען געהאַט אַ גרוס פון מיר. איך האָב געהאַט אַ פריינט, בערקאָוויטש, אַ קלוגער מענטש, און ער האָט נישט געהאַט אין יאַס וואָס צו טון, האָב איך אים גע־געבן אַ בריוו צו גאָלדפאַדענען, אַז איך בעט אים צו באַ־שעפטיקן ביי עפּעס אין טעאַטער, און איך גאַראַנטיר פאַר אים. גאָלדפאַדען האָט אים באַלד דערויף צוגענומען אַלס קאַסירער פון זיין טעאַטער.

ווען כ'בין צוגעגאַנגען צו דער קאַסע האָב איך נישט געוואָלט אויסנוצן מיין באַקאַנטשאַפט, און האָב אַנידערגעלייגט 4 פראַנק פאַר אַ בילעט, אָבער בערקאָוויטש האָט מיך דער־זען, און האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— וואָס, איר גייט קויפן אַ בילעט — האָט ער געשריגן — איר זייט משוגע צי וואָס?

באַלד זענען אויך אָנגעקומען גאָלדפאַדען מיט זיין פרוי, און זיי האָבן זיך זייער הארציק מיט מיר באַגריסט און מיך אַריינגעפירט אין טעאַטער. דאָ האָט מיך גאָלדפאַדען קודם כל צוגעפירט צו גאָטלאָבערן, און אים געזאָגט:

— ס'איז דאָך מיין ליבערסקאָ!

געשפּילט דעם אָוונט האָט מען „ברײנדעלע קאָזאַק". דער

זאַל איז געווען געטיילט אין צוויי חלקים, אין איינעם איז געווען דאָס טעאַטער, און דער אַנדערער חלק איז געווען אַ זאַל פאַר חתונות. גאָלדפאַדען האָט באַלד געהייסן דעקן אַ אַ טיש. און נאָך דער פאָרשטעלונג זענען אַלע, די גאַנצע טרופּע, אַסך חסידים פון דעם טעאַטער און אַפילו די יידן, וואָס פלעגן באָרגן געלט די אַקטיאָרן, זיך צוזאַמענגעקומען אין דעם זאַל, און פון אויבן אויף איז געווען אַן אויפשריפט אויף רומעניש „אייזיק ליבּרעסקאָ". עס איז געווען אַ באַנקעט פאַר מיר. איך בין געווען איבּערראַשט און זייער צופרידן, וואָס גאָלדפאַדען ווייזט אַרויס אַזאַ דאַנקבאַרקייט. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אויך געהאַלטן טאָאַסטן, און גאָלדפאַדען האָט פאַר אַלעמען דערציילט ווי אַזוי איך האָב אים געבראַכט קיין יאַס, ווי אַזוי מיין ווייב האָט געגעבן דעם פּלאַן צום טעאַטער א. ד. ג.

ווען איך האָב נאָכן באַנקעט געוואָלט צוריקפאָרן אין האָטעל, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איך האָב שוין דאָרט נישט וואָס צו פאָרן, וואָרום גאָלדפאַדען האָט שוין אַרויסגענומען מיינע זאַכן צו זיך, און האָט שוין באַצאָלט פאַרן טאָג, וואָס איך בין געווען אין האָטעל.

גאָלדפאַדען האָט נישט געהאַט קיין צייט. ער האָט געשריבן נייע זאַכן און געמוזט איינשטודירן מיט דער טרופּע, פלעג איך מיט זיין פרוי זיך דורכפאָרן אין אַ שליטן איבער דער שטאָט. און אַזוי האָט מען מיך אָפּגעהאַלטן 10—12 טאָג אין בוקאַרעסט.

ענדלעך בין איך דאָך אַהיימגעפאָרן און אין צען חדשים נאָך מיין באַזוך און בוקאַרעסט, באַקום איך אַ בריוול פון גאָלדפאַדענען.

ער שרייבט מיר:

„איך קען דאָך אייך, ליבּרעסקאָ, איר זייט נישט קיין רעליגיעזער מענטש. וואַרפט אַוועק דעם טעמפּל, איר זייט אַ פעיקער מענטש, קומט צו מיר. איר וועט ווערן מיין פאַר-וואַלטער".

יינג בין איך געווען. דאָס טעאַטער האָט זיין רייץ, האָט

מיך גאָלדפאַדענס בריוו אינגאַנצן צומישט. איך האָב תיכּף מסכּים געווען צו זיין פאָרשלאַג. מיין ווייב איז אָבער געווען קעגן און מיט געוואַלד האָב איך נישט געוואָלט גיין. איך האָב דעריבער מיט איר געפירט לאַנגע דיסקוסיעס ביז איך האָב זי איבערגערעדט, און זי האָט אויך מסכּים געווען.

בין איך אַוועק צו ניישאַצן און זיך אָנגעגעבן אין די־מיסיע. ביי אַלעמען האָט מיין שריט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַרוווּנדערונג. מען איז געווען איבערראַשט. אָבער איך בין געווען פעסט און איבערלאָזנדיק מיין פרוי מיט דריי קינדער אין יאַס, בין איך אַוועק צו גאָלדפאַדענס טרופּע, וואָס איז שוין בינתים אַריבערגעפאָרן קיין גאַלאַץ.

5

קיין רוסלאַנד!

נישטאָ וואָס צו שפּילן, פאָרט מען קיין בראַאי־לאַ — צוריק אין בוקאַרעסט — חברה אַקטיאָרן לעבן אַ גוטן טאָג — גאָלדפאַדענס באַציונג צו דער טרופּע — עס פעלט „זאַלץ און פעפער” צו „ני בע, ני מע, ני קוקעריקו” — ווי אַזוי גאָלד־פאַדען שרייבט — לאַטיינער קומט קאָנקורירן מיט גאָלדפאַדענען — מען גנבעט אַרויס לאַטיינערן פון דער טרופּע — גאָלדפאַדען וויל נישט שפּילן לאַטיינערס פּיעסן — די ראָל פון פּראָצענטניקעס ביים טעאַטער — די אָפּשטאַמונג פון „האָצמאַך” — גאָלדפאַדען בעט זיך איבער — דורך אַ רינגל פאָרן מיר קיין אָדעס.

ווען איך בין אָנגעקומען צו דער טרופּע קיין גאַלאַץ, זענען די געשעפטן נישט געווען קיין געהויבענע. די סיבּה איז

געווען דאָס, וואָס די טרופּע איז געווען אויסגעשפּילט. זי האָט פּשוט נישט געהאַט וואָס צו שפּילן. גאָלדפאַדען האָט דעריבער געשיקט בערקאָוויטשן קיין בראַאילאַ, אַז ער זאָל אַ שמעק טון אויב מען קאָן דאָרט שפּילן. בראַאילאַ איז פאַר אונדז געווען נאָר אַ האַלב-גייע שטאָט. אמת, אַז געשפּילט דאָרט האָבן מיר נאָך קיינמאָל נישט, נאָר ווייל בראַאילאַ איז נישט געווען ווייט, פלעגט מען אָפט פון דאָרט קומען קיין גאַלאַץ צו אונדז אין טעאַטער.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געוואַרט צו הערן שוין די גוטע בשורות פון בערקאָוויטשן, און אַזוי ווי ער איז נישט צוריקגעקומען, בין איך צומאָרגנס געפאָרן קיין בראַאילאַ. איך האָב דאָ באַלד געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיטן באַזיצער פון זאַל, און האָב תּיכּף דעפּעשירט צו גאָלדפאַדענען, אַז ער זאָל קומען מיט דער טרופּע. געקומען בין איך פרייטיק, און האָב תּיכּף אויסגעקלעפּט אַפישן און איינגעאָרדנט אַזוי, אַז מיר זאָלן קאָנען שפּילן שבת.

ווען גאָלדפאַדען האָט באַקומען מיין דעפּעשע, האָט ער אויפגעלעבט. אַלע האָבן פשוט געטאַנצט פאַר שמחה, וואָרום פון גאַלאַץ האָט מען שוין נישט געקאָנט ציען קיין פּרנסה, און דאָ האָב איך אין איין טאָג געדונגען דאָס טעאַטער אין אַ פרעמדער שטאָט, געדרוקט און אויסגעקלעפּט אַפישן אויף קרעדיט.

מיט מיין שנעל איינאָרדענען בראַאילאַ בין איך באַלד געוואָרן אַ גאַנצער חשוב ביי דער טרופּע.

ווען גאָלדפאַדען איז געקומען באַלד צופאָרן און דערזען קלעבן די אַפישן אין גאַס, האָט ער אָנגעקוואָלן און מיך זייער געלויבט. די געשעפטן זענען דאָ געווען גוטע, נאָר מער ווי איינציקע פאָרשטעלונגען האָט מען דאָ נישט געקענט געבן און עס איז געבליבן, אַז מיר זאָלן צוריקפאָרן קיין בוקאַרעסט, וואָרום בינו לבינו האָט גאָלדפאַדען אָנגעהויבן צוגרייטן פרישע פּיעסן. איצט בין איך שוין געווען דער גאַנצער מאַכער, דער „יאַ טעביע דאַם" אין דער טרופּע.

חברה אַקטיאָרן, וואָס האָבן געהאַט עפּעס געלט פון בראַזילא, האָבן זיך געלעבט ווי גאָט אין אָדעס, מען האָט זיך צום עסן געהייסן דערלאַנגען קאַטשקעס מיט הינער און ווײַן, און איידער וואָס־ווען איז יעדערער פון זיי שוין געווען פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ אַריבער. נאָר זיי האָבן געגלויבט אין מיר, אַז איך וועל זיי אַרויסציען פון דער בלאָטע.

פרוי גאָלדפאַדען, וואָס האָט באַמערקט די באַציונג פון די אַקטיאָרן צו מיר, האָט איינמאָל געזאָגט צו גאָלדפאַדענען אין מיין קעגנוואַרט:

— די אַקטיאָרן האָבן ליבערסקאָן ליבער ווי דיך, ער וועט דיך נאָך אַרויסטרייבן פון דער טרופּע.

גאָלדפאַדענס פרוי האָט ווירקלעך געהאַט אַ סיבה צו זיין אייפערזיכטיק, וואָרום דעם אמת געזאָגט האָט גאָלדפאַדען, באַזונדערס זיין פרוי, שלעכט באַהאַנדלט די אַקטיאָרן און זיי האָבן אים נישט ליב געהאַט, נאָר זיי האָבן זיך געפילט אָן אים הילפלאָז, און האָבן געגלויבט, אַז אָן זיינע פּיעסן קאָנען זיי נישט מאַכן קיין לעבן.

גאָלדפאַדענס פרוי האָט דאָס פאַרשטאַנען, און איינמאָל האָט זי גאַנץ אָפן אַרויסגעזאָגט:

— נאָך אַ נס, וואָס גאָלדפאַדען שרייבט פּיעסן, ווען נישט, וואָלט מען אים איינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן.

דורך דער צייט וואָס די טרופּע איז געווען אין גאַלאַץ און אין בראַאילא, איז דערוייל אין בוקאַרעסט פאַרטיק געוואָרן אַ שיין טעאַטער „די זשיגניצע" מיט לאָזשן און אַ קאָמפּאָרט, וועלכן מיר האָבן ביז דאַמאָלס נאָכנישט געהאַט.

וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז קיין נייע פּיעסן האָבן מיר נישט.

גאָלדפאַדען האָט דאַמאָלס געהאַלטן אין מיטן מאַכן אַ ניי שטיק „ני בע, ני מע, ני קוקעריקו", און מיר האָבן געוואַרט דערויף מיט אומגעדולד.

אַזוי ווי איך בין געווען דער הויפּטמאַכער פון דער טרופּע, בין איך צוגעגאַנגען צו גאָלדפאַדענען, און אים געפרעגט:

— איר מאַכט דאָך שוין פּראָבן אויף דעם נייעם שטיק, פאַרוואָס שפּילט מען עס נאָכנישט?

— ווייל עס פעלט נאָך זאַלץ און פעפער — האָט מיר גאָלדפאַדען געענטפערט.

אָט דער אויסדרוק „זאַלץ און פעפער” איז געווען זיי־נער, און מיט אים פלעגט ער מיינען צו זאָגן, אַז מען דאַרף נאָך עפּעס צו טון צו דער פּיעסע, אַז זי זאָל האָבן אַ טעם.

איינמאָל ווען מיר זענען אַלע: גאָלדפאַדען, זיין פרוי, זיין שוועסטער כינקע, איינער אַן אַלטער מאַן הערצל, וועלכן מען פלעגט אָרומשיקן מיט שליחותן, צוקערמאַן און בערגער געווען צוזאַמען, דערזען מיר פּלוצלונג, אַז גאָלדפאַדען איז נישטאָ.

פרעגט זיין ווייב:

— ווו איז אברהם?

קיינער ווייסט איר נישט צו ענטפערן.

גאָלדפאַדען האָט געהאַט אַן עקסטרע צימער, ווו ער איז געזעסן און געשריבן. פּלוצלונג עפנט זיך די טיר פון דעם צימער און גאָלדפאַדען גיט אַ געשריי:

— ליבערסקאָ!

גיי איך אַריין און דערזע גאָלדפאַדענען זיצן צומישט איבער אייניקע מוזיק־בלעטלעך נאָך מיט דער פעדער אין דער האַנט.

— גייט שוין — זאָגט ער צו מיר — און אַנאָנסירט, אַז אין 3 טעג אַרום שפּילן מיר מיינע אַ נייע זאַך „ני בע, ני מע, ני קוקעריקו”. אַלץ איז שוין איינשטודירט, באַר ס'האָבן מיר געפעלט נאָך 2 לידלעך, האָב איך זיי איצטער געמאַכט.

ווייל מיר רעדן שוין וועגן דעם, ווי אַזוי גאָלדפאַדען פלעגט שרייבן, וויל איך דערציילן, אַז גאָלדפאַדען פלעגט גאַנץ אָפט אינמיטן נאכט זיך אויפכאַפּן, ווייל עס איז אים איינגעפאַלן עפּעס אַ ליד, אַן איינפאַל, אַ וויץ, אָדער אַ סצע־נע, פלעגט ער תיכף אַראָפּשפּרינגען פון בעט, און עס פאַר־

שרייבן. איינמאָל האָב איך געטראָפן ביי אים פאַרשריבן אַ ליד מיט קרייד אויף דער ערד.

די נייע פּיעסע האָט אַזוי אויסגענומען, אַז די אַקטיאָרן, וואָס זענען געווען שולדיק איבערן קאָפּ, האָבן זיך גאָר שנעל פון אַלעם אָפּגעצאָלט.

דערהערט אין יאַס, אַז אין בוקאַרעסט מאַכט מען גוטע געשעפטן, איז זיך אין אַ שיינעם טאָג אָנגעקומען די יאַסער טרופּע מיט לאַטיינערן אַלס סופלער און מחבר.

דערווייל האָב איך באַקומען שרעקלעכע שמערצן אין אַ פוס, און די דאָקטוירים האָבן מיך געעצהט צו פאָרן קיין אָדעס און זיך באָדן אין לעמאַן.

גאָלדפאַדען האָט באַלד געמעלדעט זיין שווער ווערבל אין אָדעס, אַז איך קום אַהין, און ווען כ'בין אָנגעקומען האָבן מיך אויפן וואָקזאַל אָפּגעוואַרט ווערבל מיט 2 זין און אַ טאָכטער.

אַ פּנים אָבער, אַז טראָץ דעם, וואָס ער האָט מיך געהייסן דאָרט וואַרעם אויפנעמען, האָט גאָלדפאַדען געהאַט אַ חשד, אַז מיין נסיעה קיין אדעס איז געווען צוליב אַנדערע צוועקן און ווען כ'בין צוריקגעקומען, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, און מיך געפרעגט אויב כ'בין נישט געפאָרן קיין אדעס וועגן דער צווייטער טרופּע, ד. ה. וועגן לאַטיינער און גראַדנערס טרופּע.

אַזוי ווי די הויפּטראָל האָט דאַמאָלס געשפּילט אין דער טרופּע דער מחבר, איז געווען קלאָר, אַז אויב מען וועט ביי דער טרופּע צונעמען איר מחבר, וועט זי זיך לאַנג נישט האַלטן, און גאָלדפאַדען האָט זיך טאַקע געווענדעט צו מיר, אַז איך זאָל זען לאַטיינערן אַריבערצונעמען צו אונדז.

איך בין אַוועק צו לאַטיינערן און כ'האָב מיט אים איינגעטענהט, אַז ער וועט זיין ביי אונדז סופלער, און באַקומען אַ גוט געהאַלט.

לאַטיינער האָט זיך געטראַכט, אַז עס איז באמת אַ גו

טער שידוך, וואָרום מסתּמא וועט גאָלדפאַדען שפּילן זיינע פּיעסן אויך, האָט ער מיך געפאָלגט.

ער האָט אַרויסגענומען אַלע זיינע פּיעסן, און אויפן קעסטל אין וועלכן זיי זענען געווייגלעך געלעגן, האָט ער אַרויפגעשטעלט אַ ליכט. קיינעם פון דער טרופּע איז נישט איינגעפאַלן, אַז ער האָט די פּיעסן אַרויסגענומען, אָבער אין דער אמתן האָט דאָס ליכט באַדייט, אַז ער איז געשטאָרבן פאַר דער טרופּע און ער שטעלט דעריבער אַ ליכט ווי ביי אַ מת.

לאַטיינער צוזאַמען מיט מיר זענען דאַן אַוועקגעפאָרן קיין זשורזשאווא ביי דער בולגאַרישער גרענעץ, און עס איז טאַקע אַזוי געווען ווי גאָלדפאַדען האָט גערעכנט: די טרופּע איז זיך צופאַלן, און זיי זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן. ערשט דאַמאָלס בין איך מיט לאַטיינערן צוריקגעקומען.

לאַטיינער איז אָבער באַלד געוואָרן אומצופרידן. ער האָט געמיינט, אַז גאָלדפאַדען וועט שפּילן זיינע פּיעסן. אָבער גאָלדפאַדען האָט נישט געוואָלט שפּילן לאַטיינערס קיין פּיעסע, איז לאַטיינער אַרומגעגאַנגען מיט אַ לאַנגע נאָז און ווען איך בין גראָד צו דער צייט אַרויס פון גאָלדפאַדענס טרופּע, איז ער אויך אַרויס און צוריק אַריין אין זיין טרופּע, וואָס האָט זיך באַלד ווידער צונויפגעשטעלט.

פאַרוואָס איך בין אַוועק פון גאָלדפאַדענען איז די סבה געווען אַזאַ: די אַקטיאָרן פלעגן פרעסן און זויפן און הולטייען. וויפל מען האָט פאַרדינט איז אַלץ געווען ווייניק, וואָרום מען האָט אויסגעגעבן געלט אויף רעכטס און אויף לינקס, און אַזוי ווי אַזויפיל האָט מען פאָרט נישט פאַרדינט, פלעגט מען זיך באָרגן ביי „גוטע ברידער” — פּראָצענטניקעס. מען פלעגט זיך נישט שטעלן אויפן פּראָצענט, אַבי צו קריגן אַ לעבעדיקן פראַנק אין דער האַנט אַריין, און אַזוי איז דער חוב געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. דאָס זעלבע האָט אויך געטון גאָלדפאַדען אַליין. עס איז אַלזאָ געקומען דערצו, אַז וויפל דאָס טעאַטער האָט פאַרדינט, איז קיינמאָל נישט געווען

קיין פּרוטה ביי דער נשמה, וואָרום דער פּראָצענט, וועלכן מען האָט געדאַרפט צאָלן די פּראָצענטניקעס, האָט אַלץ אויפגעפרעסן. ווי געוויינלעך, זענען די פּראָצענטניקעס על פּי רוב געווען פון געמיינער אָפּשטאַמונג, און אַזוי ווי זיי זענען געווען נאָענטע מחותנים מיט די אַקטיאָרן, האָבן זיי געלייגט זייער סטעמפּל אויף דער אויפפירונג פון די אַקטיאָרן.

דאָס איז געווען קעגן מיינע געפילן, און נאָכדעם ווי כ׳האָב וועגן דעם איינינקע מאָל גוט אויסגעמוסרט גאָלדפאַדענען און ער האָט מיך נישט געוואָלט פאָלגן, האָב איך מיר געמאַכט אַ ברוגז און בין אַרויס פון דער טרופּע.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך געהאַט אַ ביז הארץ אויף גאָלדפאַדענען, וואָרום דורך אים האָב איך דאָך פאַרלוירן דעם גוטן פּאָסטן אַלס שמש אין ניישאַצס טעמפּל, ווו כ׳וואלט געקאָנט זיין מיין גאַנץ לעבן אויף אַ גוטע פּרנסה. דאָס איז געווען פון דער מאַטעריעלער זייט, פון דער גייסטיקער זייט בין איך אָבער געווען צופרידן, וואָס אַ דאַנק גאָלדפאַדענען בין איך פריי געוואָרן פון היפּאָקריטסטווע, וואָרום שוין דאַמאָלס האָב איך יום־כפור נישט געפאַסט און פּסח נישט שטאַרק מקפּיד געווען אויף חמץ, און עס וואָלט מיר זייער נישט באַקוועם געווען מיט אַזאַ אָנשויאונג צו זיין אָנגעשטעלט אין אַ רעליגיעזער אינסטיטוציע.

איך האָב תיכף אַראָפּגעבראַכט מיין ווייב מיט די קינדער קיין בוקאַרעסט, און אָנגעהויבן צו ווערן אַ הויזירער. ווען פרוי גאָלדפאַדען האָט מיך געזען אַרומגיין מיט מיין ביסל סחורה, האָט זי מיר אַ נאָמען געגעבן „האָצמאַך". אָט דעם נאָמען, וואָס עס טראָגט שפּעטער דער הויזירער אין „די באָבע יאַכנע" („די צויבערין").

איך האָב שוין פריער דערמאָנט וועגן אַ פאַריין „ציון", אַ מין פריימויערער לאָזשע. צווישן די מיטגלידער פון דאָזיקן פאַריין זענען געווען פיל געבילדעטע לייט, ווי דאָקטוירים א. ד. ג., גאָלדפאַדען האָט דורך דער צייט וואָס ער האָט געשפּילט אין בוקאַרעסט זיך באַקענט מיט מערערע מיטגלידער,

און אַזוי איז ער געגאַנגען צו ד״ר בלומפעלד, ח׳ שמואל לייב אָפּענבערג און צו איינעם אַ משׂכּיל עקיבא חאַשמאַל, וואָס האָט אין בוקאַרעסט געשפּילט די זעלבע ראָל וואָס איך אין יאַס און זיך פֿאַר זיי באַקלאָגט, פֿאַרוואָס איך בין אַוועק פֿון אים.

אַלע דריי זענען דאַן געקומען צו מיר און מיר געזאָגט, אַז כ׳זאָל אַוועקלייגן דאָס הויזירן, ווייל כ׳וועל דערפֿון נישט האָבן קיין פּרנסה פֿאַר מיר, מיין ווייב און אונדזערע דריי קינדער, נאָר כ׳זאָל צוריקגיין צו גאָלדפֿאַדענען. איך האָב זיך אָבער געעקשנט, אַז נישט, זענען זיי אַוועק און געקומען צוזאַמען מיט גאָלדפֿאַדענען.

גאָלדפֿאַדען איז צו מיר צוגעגאַנגען, מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און מיך איבערגעבעטן. גאָלדפֿאַדען איז אייגנטלעך געווען אַ גרויסער בעל־גאווה, און ער וואָלט צו מיר נישט געקומען, און נאָך דערצו מיך איבערבעטן, נאָר די טרופּע האָט אים נישט ליב געהאַט, און ווען איך פֿלעג זיין, פֿלעג איך פֿאַרגלעטן די סכסוכים, וואָס פֿלעגן אָפֿט אויסברעכן צווישן אים און די אַקטיאָרן, אָדער צווישן די אַקטיאָרן גופֿא. אַזוי אָבער ווי איך בין אַוועק, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן ארומצוקריגן, און עס איז געווען שרעקלעכע מחלוקות, דעריבער האָט מען זיך דאָס געגוויטיקט אין מיר, דעם רודף־שלומניק.

— איך דאַרף האָבן פֿון אייך אַ גרויסע טובה — האָט גאָלדפֿאַדען צו מיר געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט מיך איבערגעבעטן.

— אַזוי פֿאַרשטיי איך פֿאַרוואָס איר זענט געקומען צו מיר — האָב איך אים געענטפֿערט — לאָמיר טאַקע הערן וואָס איר ווילט.

— מיין שווער האָט מיר געשריבן — ענטפֿערט מיר גאָלדפֿאַדען — אַז אַזוי ווי עס קומען איצט דאָרט צוריק מענטשן פֿון רומעניע, און זיי דערציילן גאַנצע „גבורות" וועגן מיין טעאַטער, וואָלט געווען אַ געשעפֿט, אַז די טרופּע זאָל קומען קיין אָדעס.

אין אָדעס האָבן דעמאָלט שוין געשפּילט ישראל ראָזענ־בערג מיט אייניקע יונגעלייט, נאָר דער עולם האָט נישט גע־האַלטן פון זיי.

אַוודאי האָב איך מסכּים געווען, אַז אין אָדעס קאָן מען מאַכן אַ געשעפט. ערשטנס, בין איך דאָך נאָך פריער געווען אין אָדעס און געזעען אויפן אָרט, אַז ס'איז דאָרט פאַראַן אַ פּובליקום פאר אַ יידיש טעאַטער; והשנית, האָט מען דאָרט געקענט גאָלדפאַדענען נאָך פון פריער; והשלישית, זענען די צוריקגעקומענע פון רומעניע טאַקע אַרומגעגאַנגען און געפּויקט וועגן גאָלדפאַדענס טרופּע.

אָבער ווי אַזוי קומט מען מיט דער טרופּע קיין אָדעס?

דערצו זענען פאַראַן צוויי שטערונגען: גאָלדפאַדען און געלט.

יאָ, גאָלדפאַדען איז טאַקע אויך געווען אַ שטיקל שטע־רונג, וואָרום גאָלדפאַדען האָט פריער געפירט געשעפטן אין אָדעס, און ער האָט דאָרט באַנקראָטירט אַכציק טויזנט רובל און ווען ס'פלעגן קומען צו אים בעלי־חובות מאָנען, פלעגט ער זיי זינגען לידלעך, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט.

אָט די מדה פון זינגען לידלעך האָט גאָלדפאַדען נאָך געהאַט ווען ער האָט געלערנט אין דער ראַבינער־שולע. ער פלעגט אָפט דאָרט זינגען אייגענע פאַראַזישע לידלעך אויף די לערער. אָבער אָפט פלעגט ער אויך פאַרפאַסן און באַלד זינגען פאָרנאָגראַפישע לידלעך.

פאַרשטייט זיך, אַז זיינע בעלי-חובות האָבן זיך מיט די לידלעך נישט באַגנוגנט, און ווען גאָלדפאַדען האָט געזען, אַז זיי ווערן ערנסטער און דראָענדיקער, האָט ער געמאַכט פּיס פון רוסלאַנד, וואָרום לויט דעם דאַמאָלסטיקן רוסישן געזעץ (וואָס איז שפּעטער בטל געוואָרן) האָט מען געהאַט דאָס רעכט צו אַרעסטירן איינעם וואָס איז שולדיק געלט און צאָלט נישט.

די צווייטע מניעה איז געווען געלט: דאָ איז געווען אַ דאָפּלטע צרה. ערשטנס, איז מען ווידער געווען שולדיק חובות אַ גאַנצן באַרג מיט מענטשן, און זיי וואָלטן נישט אַרויסגע־לאָזט די אַקטיאָרן. והשנית, כּדי צו פאָרן מיט דער גאַנצער

קאַפּעליע, האָט מען דאָך געדאַרפט האָבן עפּעס אַ סומע, און דאָ איז, ווי דער שטייגער, נישטאָ קיין פּרוטה.

אָבער אַזוי ווי גאָלדפאַדען האָט מיך געהאַלטן פאַר אַן אויפטועד, דעריבער איז ער עס געקומען צו מיר, אַז איך זאָל אויסגעפינען אַ פּלאַן ווי אַזוי מיר זאָלן אַלע קאָנען פאָרן קיין אָדעס.

איך בין געשטאַנען און געטראַכט וואָס טוט מען דאָ, און דאָ האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויף גאָלדפאַדענס אַ פינגער, אויף וועלכן ס'איז געזעסן אַ רינגל אין ווערט פון פירהונדערט פראַנק און כ'האָב אויסגערופן:

— אָט דאָס רינגל אייערס וועט אונדז ברענגען קיין אָדעס.

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז כאָטש גאָלדפאַדען איז דאַמאָלס געווען אויף גרויסע צרות, אָבער צירונג האָט אים נישט געפעלט. אין פאַרלויף פון די גוטע טעג, וואָס זענען אָפט געווען ביים טעאַטער, האָט גאָלדפאַדענס פרוי זיך איינגעקויפט זייער פיל טייערע קאָסטיומען און צירונג.

גאָלדפאַדען האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן וואָס איך מיין און ער האָט געשמייכלט. קיין לאָמבאַרדן זענען דאַמאָלס אין בוקאַרעסט נישט געווען, בין איך אַוועק צו אַ באַקאַנטן און ביי אים געבאָרגט דרייהונדערט פראַנק אויף דעם רינגל. אַז כ'בין געקומען צו גאָלדפאַדענען מיט די דרייהונדערט פראַנק, פרעגט ער מיך וואָס עס וועט איצטער זיין, וואָרום מיט די דרייהונדערט פראַנק קאָן דאָך די טרופּע סיי ווי סיי נישט פאָרן. באַרויק איך אים:

— מיר וועלן יאָ פאָרן קיין אָדעס, נאָר איר און איך, אַלע אַנדערע בלייבן דערווייל אין בוקאַרעסט.

איך האָב מיין פרוי איבערגעלאָזט צוואַנציק פראַנק, גאָלדפאַדען האָט זיין פרוי גאָרנישט איבערגעלאָזט, וואָרעם אַזוי ווי זיין פרוי האָט געפירט זייער אַ ברייט לעבן און פון צייט צו צייט פלעגט זי דאָך פאַר אַלעמען באַצאָלן, האָט זיך קיי־נער נישט אָפּגעזאָגט איר צו געבן פון שענסטן און פון

בעסטן, אָן געלט. גאָלדפאַדען האָט בכלל דאַמאָלס זיך גע־פירט גרויס. ער האָט געוווינט אין זעקס צימערן און פלעגט נישט גיין, נאָר פאָרן אין גאַס.

בקצור, אַזוי זענען מיר מיט קנאַפּע דרייהונדערט פראַנק אין טאַש אָפּגעפאָרן קיין אָדעס.

6

„קאַרמאַנטשיקעס“ *) עליד...

דער קבלת־פּנים אין אָדעס — דער גביר וואָס באָרגט 5000 רובל — דאָס געלט אונטערן שאַל און דאָס געלט אין רענצל — דאָס באַגעגעניש מיט די צוויי יונגע לייט — עס העלפט גאָרנישט! — אין קעשענעוו מאַך איך ויברח — זיי זענען ווי־דער דאָ! — דער רוסישער קאַפּיטאַן ראַטעוועט מיך — גאָלדפאַדען שטעלט מיר פאָר זיינע „פריינט“ — אָפּגעראַטעוועט די טרופּע און זיך.

ווען מיר זענען געקומען צו דער גרענעץ־שטאָט אונגען, האָט מיך גאָלדפאַדען דאָרט פאָרגעשטעלט פאַר אַ רוסישן קאַ־פּיטאַן. דער קאַפּיטאַן איז געווען אַ דייטש און גערעדט יידיש ווי אַן אמתער ייד. גאָלדפאַדען האָט אים געזאָגט, אַז איך בין זיין סעקרעטאַר, און, אַז מיר פאָרן איצט קיין אָדעס דינגען אַ טעאַטער, און באַלד נאָכדעם וועל איך פאָרן ברענגען די טרופּע פון בוקאַרעסט; דעריבער בעט ער אים, דעם קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל מיר פאַרגרינגערן די פאָרמאַליטעטן ביים איבער־קוקן און באַזאָרגן די פּעקלעך פון די אַקטיאָרן.

דער קאַפּיטאַן האָט עס צוגעזאָגט גאָלדפאַדענען מיטן באַדינג, אַז ער זאָל מיט מיר מיטשיקן אַ פּושקע פאַר סיגאַ־

---

*) טאַשן־גנבים.

רעטן פון טולא, וועלכע מ'באַקומט צו קויפן אין אָדעס.

ווען מיר זענען געקומען קיין אָדעס, האָבן מיר געהאַט אַ גרויסן קבלת־פּנים: אפשר 500—600 מאַן זענען געקומען צום וואָקזאַל אונדז באַגריסן. נאַטירלעך איז אויך געווען גאָלדפאַדענס פאַמיליע, אָבער דער איבעריקער עולם איז באַשטאַנען פון זיינע פאַרערער, וואָרום די רוסישע פּרעסע האָט געמעלדעט, אַז גאָלדפאַדען קומט, און מען האָט אים אין אָדעס געקענט נאָך פריער אַלס דעקלאַמאַטאָר.

עס איז געווען אייניקע טעג פאַר פּסח 1879, און מיר זענען איינגעשטאַנען ביי זיין פאַמיליע.

אין אָדעס איז דאַמאָלס געווען אַ „רעמעסלעני קלוב", פלעגן דאָרט שפּילן אייניקע יונגעלייט מיט איינעם אַ ווינקל־אַדוואָקאַט ישראל ראָזענבערג אין דער שפּיץ.

ראָזענבערג איז געווען אין מלחמה־צייט אין בוקאַרעסט, און איז דאָרט געווען אויף גרויסע צרות, האָט ער זיך געדרייט אַרום יידישן טעאַטער, מען פלעגט אים אַמאָל געבן אַ סטאַטיסטן־ראָל. אַז ער איז געקומען אַהיים קיין אָדעס, האָט ער דאָרט צוזאַמענגעשטעלט אַ שטיקל טרופּע, און געשפּילט אין „רעמעסלעני קלוב".

ווען מיר זענען אָנגעקומען, האָבן זיי געשפּילט. נאָר זיי האָבן זיך פאַר אונדז געשעמט לויט די גרוסן, וואָס זיי האָבן באַקומען וועגן אונדזער טרופּע.

מיר האָבן זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. אָבער וואָס קאָן מען טון, אַז כדי צו ברענגען די טרופּע דאַרף מען האָבן אייניקע טויזנט רובל? אַז פּסח וועלן מיר שוין נישט קאָנען שפּילן, איז שוין געווען קלאָר, און גאָלדפאַדען האָט דערווייל אינדערשטיל אַביסל צוגעהאָלפן ראָזענבערגס טרופּע.

ווי זאָגט אָבער דאָס יידישע פאָלקסווערטל: „גאָט באַשאַפט דאָך די פּראָסטע פאַר דער היץ", אַזוי האָט זיך אויך געעפנט פאַר אונדז אַ האָפענונג צו באַקומען די נייטיקע סומע אויף אַראָפּברענגען די טרופּע:

אין אָדעס איז דאַמאָלס געווען אַ יידישע מיליאָנערן־פּיר-

מע „קאָהן עט גאַראָוויטש" אָדער הורביץ. דער עיקר דעה־זאָגער פון דער פירמע איז געווען קאָהן. ער איז געווען אַזאַ גביר, אַז ער האָט זיך געלאָדנט מיט דער רוסישער רעגירונג וועגן אַ פּאָדריאַד, וואָס ער האָט צוגעשטעלט אין דער קריגס־צייט, און געמאַכט ביי דער רעגירונג 50—60 מיליאָן רובל, און טאַקע געוווּנען 24 מיליאָן רובל. אָבער אַז עס איז באַשערט, איז דאָך נישט שייך. איך האָב שפּעטער געהערט, אַז ער איז געשטאָרבן אַן אביון און משוגע דערצו.

גאָלדפאַדען האָט זיך דערוווּסט, אַז קאָהן האָט אַ ברייטע האַנט, און ער האָט אויך ליב טעאַטער, און ער האָט דעריבער אָנגעהויבן אונטערצושיקן קאָהנען פאַרשידענע מענטשעלעך, אַז ער זאָל אונדז אויסבאָרגן דאָס געלד וואָס מיר דאַרפן האָבן, כדי צו ברענגען די טרופּע. דער הויפּט־פאַר־מיטלער אין דעם ענין איז געווען איינער אַן עושר מיטן נאָמען זעליגמאַן.

אזוי זענען אַריבער אייניקע טעג, און איינמאָל זאָגט צו מיר גאָלדפאַדען:

— קומט מיט מיר. כ'האָב שוין גערעדט און אַלץ באַזאָרגט, און מיר וועלן באַקומען געלט.

גאָלדפאַדען האָט זיך אין אָדעס ווייטער ברייט געפירט. און איידער מיר האָבן זיך ארומגעקוקט, האָט ער געהאַט אויפגעגעסן דאָס ביסל געלט, וואָס מיר האָבן געבראַכט. און ער האָט אָנגעהויבן כאַפּן אין בופעט אָן געלט. אַליין צום גביר קאָהן האָט גאָלדפאַדען נישט געוואָלט גיין, וואָרום ער האָט געוווּסט, אַז מען האָט צו אים נישט קיין גרויסן צוטרוי און אים וועט מען קיין געלט נישט באָרגן.

ער האָט מיך דעריבער אַריינגעפירט צו קאָהנען, און נאָכדעם ווי ער האָט מיך פאָרגעשטעלט אַלס זיין פאַרוואַלטער און סעקרעטאַר, האָט ער געזאָגט:

— גאָספּאָדין קאָהן, אים קאָנט איר געבן געלט. ער איז אַן ערלעכער מאַן.

און באַלד נאָכדעם איז גאָלדפאַדען אַוועק. קאָהן האָט מיך באַקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ און געזאָגט:

— ווען גאָלדפאַדען זאָגט, אַז איר זענט אַן אָרנטלעכער מאַן, האָב איך גאָר נישט קיין צווייפל. נאָר איר זאָגט דאָך אַליין, אַז איר זענט פון יאַסי. דאָ, אין אָדעס זענען פאַראַן זייער גרויסע סוחרים פון יאַסי, ווי ליבלינג עט ראָס, קאַהאַנע, געצל מרגליות. זאָגט מיר ווער פון זיי קען אייך, און ביי וועמען פון זיי קען איך פרעגן אויף ליבערעסקאָן.

דאָ מוז איך דעם לעזער עפּעס דערציילן, כּדי עס זאָל אים אַלץ קלאָר זיין: היינט צו טאָג איז אַמעריקע די תבואה-שפּייזערין פון אייראָפּע, דאַמאָלס איז געווען אַקוראַט פאַרקערט. אַמעריקע פלעגט קויפן תבואה אין יאַס, און די תבואה פלעגט עקספּעדירט ווערן דורך אָדעס, דעריבער פלעגן די גרעסערע יאַסער סוחרים האָבן זייערע אָפּטיילונגען אין אָדעס.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע יאַסער פירמעס האָבן מיך געקענט, און איך האָב דעריבער געענטפערט קאָהנען, אַז ער קאָן שיקן צו וועמען פון זיי ער וויל.

קאָהן האָט באַלד אַריינגערופן אַ מאַן, און אים געשיקט אין גאַס אַריין. מיר זענען געבליבן זיצן און שמועסן ביז דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך געזוימט אַ האַלבע שעה, איז צוריקגעקומען, און אָפּגעגעבן אַזאַ ראַפּאָרט:

— מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ליבערעסקאָ איז אַן אָרימאַן, נאָר אַ הויפּט-אָרנטלעכער מענטש, וואָס מען וועט אים געבן געלט אָדער סחורה (זיי האָבן געמיינט, אז עס האַנדלט זיך וועגן קויפן סחורה) וועט ער צוריקברענגען.

קאָהן איז געווען זייער צופרידן פון דעם ענטפער, און נאָכדעם ווי מיר האָבן געמאַכט אַ חשבון, האָט ער אַרויסגענומען 5000 רובל, זיי אַרויפגעלייגט מיר אויפן לייב, און אַרומגעוויקלט מיט אַ רויטן שאַל. דאָס האָט ער געטון, ווען אויסער אונדז ביידע איז קיינער נישט געווען, אַזוי, אַז קיינער האָט דערפון נישט געוווסט, און ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ביז איך וועל קומען קיין בוקאַרעסט, זאָל איך נישט אויפ-

וויקלען. ער האָט מיר אויך אָנגעזאָגט צו קויפן אַ בילעט צווייטע קלאַס ביז בוקאַרעסט און מיר געגעבן הוצאות לדרך.

עס איז שוין באַלד 50 יאָר, און פונדעסטוועגן געדענק איך עס גאַנץ גענוי: 170 קערבלעך. כ'האָב איבערגעציילט, און דאָס געלט אַריינגעלייגט אין אַ רענצל, וואָס כ'פלעג טראָגן אויף זיך, אַזוי ווי די קאָנדוקטאָרן אויף די טראַמווייען. קאָהן האָט געוואָלט, אַז כ'זאָל תיכף ומיד פאָרן, האָב איך געזאָגט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, וואָרום אַלס אויסלענדישער בירגער האָב איך מיין פּאַס ביים גראַדאָנאַטשאַלניק.

קאָהן האָט זיך צולאַכט:

— דאָס מאַכט נישט אויס.

און אין אייניקע שעה אַרום האָט ער מיר געלאָזט ברענגען מיין פּאַס געשטעמפּלט צום פאָרן.

אָפּגעפאָרן בין איך ביינאַכט. אָבער אַזוי ווי איך האָב געהאַט ביי זיך אַזאַ גרויסע סומע, האָב איך מורא געהאַט אַרויסצוגיין איבער דער פּרעמדער שטאָט, און בין שוין ביז אין אָוונט געבליבן ביי קאָהנען אין שטוב. מען האָט געשיקט נאָך גאָלדפאַדענען, ער האָט מיר באַלד געבראַכט אַ זילבערנע ציגאַרעטן-פּושקע פאַר 14 רובל פאַר דעם רוסישן קאַפּיטאַן, און אַזוי זענען מיר דריי געפאָרן צו דער באַן. מער איז קיינער נישט געווען: איך, גאָלדפאַדען און קאָהן, אַ רויטער ייד מיט אַ רויטער באָרד, וואָס שטייט מיר נאָך היינט פאַר די אויגן.

איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל פאָרן דריטע קלאַס, ווייל דאָרט בין איך זיכערער, אָבער זיי האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט רק צווייטע. און ווער וויל דאָס נישט פאָרן בעסער?

האָב איך טאַקע געקויפט אַ בילעט צווייטע קלאַס, קיין אונגעני, די רומעניש גרענעץ. זוי ווען די באַן איז אַוועק, האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז איך בין איינער אַליין אין וואַגאָן. איך האָב אָנגעהויבן זיך שטאַרק צו שרעקן. אמת, אַז קיינער ווייסט טאַקע נישט, אַז איך האָב מיט מיר 5000 רובל, אָבער איך ווייס דאָך יאָ, האָב איך מורא געהאַט.

און דאָ האָט פּאַסירט אַ געשיכטע, וואָס קלינגט ווי רבה

בר רב חנא'ס גוזמאות, אָבער איך פאַרזיכער מיט מיין ערנוואָרט, אַז דאָס איז אַ ווירקלעכע געשיכטע וואָס האָט דעמאָלט מיט מיר פּאַסירט און וואָס האָט געקאָנט ברענגען דערצו, אַז גאָלדפאַדענס טרופּע זאָל קיין אָדעס נישט קומען.

אַלזאָ, אַזוי ווי איך זיץ עטלעכע מינוט אין באַן, קומען אַריין צוויי יינגעלייט און זעצן זיך אַוועק נעבן מיר. איך וואַרף אויף זיי אַ בליק, נאָר איך קען נישט דערקענען אויב זיי זענען יידן אָדער קריסטן. דאָ נעמט איינער פון זיי אַרויס אַ פלעשל בראָנפן מיט אַ גלעזל, און ווענדעט זיך צו מיר אויף יידיש:

— נו, מיר וועלן טרינקען?

ער וואַרט נישט, און גיסט מיר אָן אַ גלעזל. איך אָבער וואָס האָב זיך פריער נאָך גענוג געשראָקן, האָב זיך אָנגעהויבן נאָך מער צו שרעקן, ווייל כ'האָב זיך שוין גענוג אָנגעהערט וועגן די שווינדלער, וואָס פאָרן אַרום אויף באַנען און פאַרשלעפערן מענטשן, און דערנאָך באַראַבעוועט מען זיי, האָב איך דעריבער שאַרף געענטפערט:

— ליבער פריינט, פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך טרינק?

— ווי טרינקט מען עס נישט? — האָב איך באַקומען אַן ענטפער צוריק, אָבער איך בין געבליבן ביי מיינס און האָב נישט געטרונקען.

ערשט מיר פאָרן ווידער אַ שטיקל, רופט זיך דער אַנדערער אָן:

— פּאַזשאַלוסטאַ, *) נעמט אַ ציגאַר!

— כ'רויכער נישט! — ענטפער איך, כאָטש רויכערן פלעג איך גראָד יאָ.

נאָר וואָס אינטימער די יינגעלייט זענען מיט מיר געוואָרן, אַלץ מער אומצוטרוי האָב איך באַקומען צו זיי.

דערווייל הויבן מיר אָן צו שמועסן. פרעגן זיי מיך וואוהין איך פאָר, ענטפער איך זיי, אַז איך בין אַ רומענער, אַ סוחר,

*) ביטע.

קיין אָדעס בין איך געקומען צוליב מסחר. איך דערציי̈ל זיי, און זיי הערן מיך וויק אויס, און איך בין זיכער, אז זיי גלייבן מיר יעדעס וואָרט...

אזוי שמועסנדיק, זענען מיר געקומען צו דער סטאַציע ראזדעל, וווּ מען שטייט אַ האַלבע שעה, ווייל דאָ איז אַ קנויטנפונקט. קיין רענדל מיט זאַכן האָב איך נישט געהאַט, בלויז אַ שטעקן, וועלכן כ'האָב די גאנצע צייט געהאַלטן אין דער האַנט, און אָפּט זיך אַ טאָפּ געטון דאָס רענצל, וואָס כ'בין געגאַנגען אָנגעטון. דאָס פּעקל מיטן גרויסן געלט האָב איך אַפילו נישט געטאַפּט, כדי עס נישט צו פאַרראַטן.

— איר גייט אַראָפּ טרינקען טיי? — פרעגן מיך די יינגעלייט.

עס האָט זיך מיר נישט געגלוסט צו גיין צוזאַמען מיט זיי, אָבער טיי האָט זיך פאָרט געוואָלט טרינקען, און דאָך האָב איך זיך מיישב געווען, אַז אין וואָקזאַל האָב איך אַלנפאַלס פאַר זיי ווייניקער מורא ווי אין וואַגאָן, וווּ מער ווי מיר דריי איז קיינער נישטאָ.

ביים טיי טרינקען האָב איך זיי ערשט שטאַרק אָנגעהויבן חושד צו זיין, אַז זיי זענען נישט קיין ערלעכע מענטשן, ווייל זיי האָבן מיך געזעצט אין דער מיט. איך האָב זיך געפילט נישט באַקוועם, און כ'האָב מורא באַקומען פאַר מיין געלט, נישט פאַר די 5000 רובל, וועגן וועלכע כ'בין זיכער געווען, אַז קיי- נער ווייסט גאָרנישט, נאָר פאַר די 150 רובל, וואָס זענען מיר געבליבן אין רענצל, וואָס כ'האָב געטראָגן אונטערן פּאַלטאָ.

כ'האָב זיך כסדר געקנעפּלט דעם פּאַלטאָ, און בכלל נישט געוווּסט וואָס צו טון. אין טאַש האָב איך געהאַט באַזונדער קליינגעלט, און ווען עס איז געקומען צו צאָלן, האָב איך גע- האַט אַ גאַנצן קאַמף, די יינגעלייט האָבן געוואָלט דורכאויס צאָלן פאַר מיר, און איך האָב נישט דערלאָזט. איך האָב גע- טענהט, אַז איך האָב ליב צו צאָלן פאַר מ יי ן טיי.

די יינגעלייט האָבן אָבער בשום אופן מיך נישט געוואָלט

לאָזן באַצאָלן, בין איך געוואָרן ביי מיר נאָך פעסטער, און שטרענג זיי אָפּגעזאָגט.

די סבה פאַרוואָס איך האָב זיי נישט געוואָלט לאָזן צאָלן, איז די, וואָס נאָכדעם ווי יענער צאָלט פאַר דיר, ווערט ער געוויינלעך צוגעלאָזענער, אינטימער, און איך האָב דאָס געוואָלט אויסמיידן.

נאָכדעם ווי כ'האָב באַצאָלט פאַר דער טיי, בין איך צו-ריק אַריין אין דער באַן, אָבער נישט מער אין דער צווייטער, נאָר אין דער דריטער קלאַס, צווישן יידן פון אַ גאַנץ יאָר. דאָ האָב איך זיך געפילט עפּעס זיכערער, און כ'האָב באַשלאָסן צו פאָרן אין דער דריטער קלאַס ביז אינדערפרי.

אָבער אַזוי ווי דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין, האָב איך באַקומען געסט — די צוויי יונגעלייט זענען אַריינגעקומען צו מיר:

— ה' ליבערעסקא (איך האָב זיי זיך פאָרגעשטעלט מיט מיין נאָמען), איר האָט זיך געוויס טועה געווען. קומט אַריין צו אונדז.

און דער אַנדערער זאָגט ווידער:

— איר האָט געטרונקען, איר זענט מיד, דאָ האָט איר דאָך נישט ווו זיך אָנצושפּאַרן. קומט אַריין אין דער צווייטער קלאַס. איר זענט דאָך אַ צווייטער קלאַסניק.

בקיצור, זיי האָבן מיך אַזוי לאַנג פאַרנודעט, אַז כאָטש איך האָב פעסט באַשלאָסן זיך נישט צו רירן, האָב איך אַליין נישט געפילט, ווי איך האָב זיך געלאָזט אָנגעמען ביי דער האַנט און איבערפירן צוריק אין זעלבן וואַגאָן אין וועלכן מיר זענען פריער געווען.

עס האָט אַביסל געדויערט, האָט זיך איינער פון זיי גע-מאַכט, אַז ער דרימלט און דער אַנדערער, אַז ער פאַלט פון שלאָף, און יעדעס מאָל האָט ער מיר ביים כלומרשטן פאַלן, געגעבן אַ קלאַפּ. איך האָב אָבער מיר אַ נדר געטון נישט צו שלאָפן, און אַלץ צוליב די 150 רובל, וועגן די 5000 האָב איך גאָרנישט געטראַכט, וואָרום וועגן זיי ווייסט דאָך קיינער נישט.

חברה האָבן שוין געזען, אַז איך וועל נישט איינשלאָפן, האָבן זיי אויך געזאָגט, אַז זיי קענען נישט שלאָפן, און אַזוי ווי עס איז געווען חול-המועד פּסח, ווען די טעג זענען שוין גרעסער, האָט בינו לבינו שוין אָנגעהויבן צו שאַרען אויף טאָג, און מיר זענען אָנגעקומען קיין קעשענעוו. דאָ דאַרף מען ווידער אַ ביסל וואַרטן, אַ האַלבע שעה אָדער מער, זענען מיר ווידער אַלע דריי אַראָפּגעגאַנגען טרינקען טיי, און ווידער האָבן מיר זיך געזעצט אַזוי ווי אויף דער פריערדיקער סטאַנציע. מיט כּל הקונצן האָב איך זיך פון זיי אַרויסגעדרייט, און באַשלאָסן פאַר קיין פאַל נישט ווייטער צו פאָרן מיט דעם צוג, וואָרום כ'האָב געזען, אַז די חברה-לייט ווילן מיך בשום אופן נישט אָפּלאָזן.

איך בין אַריין אין שטאָט, גענומען אַ פיאַקר, און מיך געהייסן צופירן צום שפּיטאָל, וווּ ז'ער אויפזעער, ה' כאַזאַן, איז געווען מיינער אַ באַקאַנטער. פריִזנלעך האָבן מיר זיך נישט געקענט, נאָר אַזוי ווי ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין „מפיצי השכּלה", פלעגן מיר זיך דורכשרייבן.

ס'איז געווען נאָך גאַנץ פרי. כ'האָב אָנגעקלונגען אין טויער, און דער וועכטער האָט מיר געעפנט. כ'האָב אים געזאָגט, כ'דאַרף צו כאַזאַנען, קוקט ער מיך אָן: אַזוי פרי? דערווייל האָט אָבער כאַזאַן דורכן פענסטער דערהערט מיין נאָמען, האָט ער מיך אַרויפגערופן.

ביי אַ גלעזל טיי האָבן מיר זיך צושמועסט.

— כ'האָב געהערט, אַז איר פירט אַ טרופּע, אַז איר זענט געוואָרן אַן אַקטיאָר — זאָגט ער צו מיר.

— עס איז נאָר אמת אויף אַ העלפט — ענטפער איך אים, און דערציייל אים די גאַנצע מעשה מיט דעם געלט און מיט די צוויי יונגע לייט, וועלכע איך בין אפשר אַ חושד בכשרים.

— איר האָט געטון ווי אַ חכם — זאָגט ער צו מיר — זיי זענען זיכער קאַרמאַנטשיקעס. איר קאָנט אָבער פון דאַנען פאָרן ערשט מאָרגן. און כּדי אייער בילעט זאָל נישט פאַרלירן

זיין ווערט, מוז מען מעלדן, אַז איר זייט קראַנק. און דאָס וואָס איר זייט אין אַ שפּיטאָל, דאָס איז אַקוראַט זייער גוט.

ער האָט באַלד געשיקט אַ מענטש צום באַן־נאַטשאַלניק, און מ׳האָט מיר צוריקגעבראַכט מיין בילעט מיט אַן אויפשריפט, אַז ער איז גוט פאַר מאָרגן.

ערשט איצט האָב איך מיר דערלויבט אַ טאַפּ צו טון דאָס אָרט. ווו עס ליגט דאָס גרויסע געלט און כ׳האָב געפילט, אַז כ׳האָב עס.

א גאַנצן טאָג בין איך געווען ביי מיין באַקאַנטן. דאָ האָב איך אויך איבערגענעכטיקט, און צומאָרגנס פאַרטאָג בין איך ארויסגעפאָרן. אין אַנדערטהאַלבן־צוויי שעה בין איך געווען אין אונגען, די גרענעץ־שטאָט צווישן רומעניען און רוסלאַנד.

אָבער ווי גרויס איז געווען מיין פאַרוואונדערונג און גלייכציטיק די שרעק ווען כ׳גיי אַרויס אויפן וואָקזאַל און כ׳דערזע פאַר מיר מיינע צוויי יונגעלייט, פון וועלכע כ׳האָב זיך נעכטן מיט צרות אַרויסגעדרייט.

זיי לויפן צו מיר צו:

— זדראַווסטוווויטע *), וואָס איז געווען מיט אייך?

— כ׳האָב פאַרשפּעטיקט — רעד איך זיי איין — און מ׳האָט מיר איבערגעשריבן דעם בילעט אויף היינט.

— ווו האָט איר גענעכטיקט? — ווייזן זיי אַרויס צו מיר אַ גרויסן אינטערעס.

— ביי באַקאַנטע — ענטפער איך, און מיין מוח אַרבעט שוין פלעגער ווי פון זיי בטור צו ווערן, וואָרום איך זע דאָך שוין, אַז זיי טשאַטשקען אויף מיר.

דאָ איז אונטערגעקומען דער רוסישער קאַפּיטאַן. ער האָט מיך באַלד דערקענט.

— נו, ווו איז מיין פּושקע?

— זי איז דאָ — ענטפער איך און דערלאַנג זי אים.

חברה האָבן דערזען, אַז דער קאַפּיטאַן האָט מיט מיר אַזאַ שמחה, זענען זיי געבליבן שטיין אַן אַ זייט.

---

*) גוט מאָרגן.

דער קאַפּיטאַן האָט מיך דערווייל אַריינגענומען אין בו־פּעט, און באַצאָלט פאַר מיר. אַז איך האָב געפילט, אַז דער קאַפּיטאַן איז שוין „מיינער", זאָג איך צו אים:

— קענט איר נישט אַמאָל, ה' קאַפּיטאַן, די צוויי יונגע־לייט, וואָס דרייען זיך דאָ ארום?

— געוויס קען איך זיי — ענטפערט ער — זיי זענען קאַרמאַנטשיקעס.

עס האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין הארצן.

— טאָ פארוואָס אַרעסטירט איר זיי נישט, אַז איר ווייסט וואָס זיי זענען? — פרעג איך.

— דער זאַקאָן *) זאָגט, אַז מען קאָן זיי נאָר אַרעסטירן ווען מ'כאַפּט זיי ביי דער האנט.

דאָ דערצייל איך דעם קאַפּיטאַן ווי אַזוי זיי היטן מיך אָפּ די גאַנצע צייט, און אַז זיי וואַרטן אפנים דאָ אַ גאַנצן טאָג, כדי אַרויסצוקריגן מיינע הונדערט און פופציק קערבלעך (וועגן די פינף טויזנט האָב איך אים אַ מכה דערציילט, ווייל דאָס האָב איך מורא געהאַט אפילו אים צו דערציילן), טאָ ווי אַזוי דרייט מען זיך פון זיי ארויס?

— אָ, דאָס וועט זיך מאכן — בארויקט מיך דער קאַ־פּיטאַן — זיי וועלן צוזאַמען מיט אייך נישט פאָרן, איר פאָרט אַליין! — און רופט צו איינעם, יאָסקע, אַז ער זאָל גיין אין וואָלאָסט **) דאָרט לאָזן אונטערשרייבן מ״ין פּאַס, און די פּע־סער פון די צוויי יונגעלייט זאָל מען פאַרהאַלטן ביז ער, דער קאַפּיטאַן, וועט אַהינקומען.

ווען מיר זענען אין פּיפצן מינוט אַרום אַרויסגעקומען פון בו־פּעט, האָט מען מיר שוין צוגעטראָגן מ״ין פּאַס. ווי די יונ־געלייט האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך צו מיר געווענדעט, אַז זיי בעטן מיך אַ טובה: זיי האָבן נעכטן געגעבן זייערע פּע־סער און ביז איצט האָבן זיי נאָכנישט צוריקבאַקומען די פּע־

---

*) געזעץ.

**) רעגירונגס-באַצירק.

סער, און דעריבער בעטן זיי מיך, אַז איך זאָל וועגן דעם אי־בערן מיטן קאַפּיטאַן.

איך האָב זיי שאַרף געענטפערט, אַז איך בין נישט קיין מעקלער. די יונגעלייט זענען געבליבן שטיין ווי געטראָפן פון אַ דונער. בינו לבינו איז אָנגעקומען דער צוג, און איך בין אַוועקגעפאָרן קיין בוקאַרעסט.

ווער זיי זענען האָב איך נישט געוווּסט.

ווען מיר זענען שוין אַלע געווען אין אָדעס, און דאָרט געשפּילט צוויי פאָרשטעלונגען, רופט מיך גאָלדפאַדען אַריין צו זיך:

— איר ווילט זען צוויי מענטשן, וואָס פרעגן זיך אויף אייך?

תּיכּף זענען מיר אויפן געדאַנק אַרויפגעשווומען די צוויי קאַרמאַנטשיקעס און איך פרעג אים:

— אפשר די צוויי, וואָס זענען געפאָרן מיט מיר?

— יאָ, — ענטפערט גאָלדפאַדען מיט אַ געלעכטער, און באַלד קומען אַריין מיינע צוויי יונגעלייט, וואָס באַגריסן זיך מיט מיר:

— זדראַווסטוויטע גאָספּאָדין ליבּרעסקאָ — און צו גאָלד־פאַדענען זאָגן זיי — אָ, ער איז אַ מאַן מיט שכל!

— איר וואָלט מיך דעמאָלס אפשר אָפּגעשאָכטן? — זאָג איך צו די יונגעלייט.

— אָ, ניין, מיר הרגענען נישט קיין מענטשן.

— וואָס דען האָט איר גערעכנט צו טון?

— מיר האָבן גערעכנט, אַז איר וועט איינשלאָפן, דאַ־מאָלס וואָלטן מיר זיך שוין מיט אייך אַן עצה געגעבן, וואָרום דער קאָנדוקטאָר איז אויך אונדזערער. און אויף אונדזערן אַ צייכן פאַרשליסט ער דעם וואַגאָן, און איר קאָנט זוכן דעם נעכטיקן טאָג.

— און דאָס אַלץ האָט זיך אייך געלוינט צוליב הונדערט און פופציק רובל, וואָס איך האָב געפירט?

— פאַר וועמען האַלט איר אונדז? איר מיינט, אַז מיר

ליבּרעסקאָ (5)

האָבן נישט געוווּסט, ווער איר זייט און אַז איר האָט פינף טויזנט רובל אויף אַ שאַל? מיר האָבן נישט געמיינט די הונ־דערט און פופציק רובל. אָבער אויב עס איז אייך יאָ געלונגען צו קומען אַהיים בשלום, זייט איר אַ גוטער ברודער, און קומט מאַכן אַ לחיים.

גאָלדפאַדען איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געלאַכט, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, זענען די צוויי חברה־לייט געווען „אייגענע מענטשן" אין טעאַטער. חסידים פון די אַקטיאָרן, וועלכע זיי האָבן מער ווי איינמאָל געבאָרגט געלט, נאָר זייער פּראָפעסיע איז געווען קאָרמאַנטשיקעס.

ווען מ'האָט קאָהנען דערציילט פון דער גאַנצער געשיכ־טע, האָט ער מיר געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— איר האָט נישט בלויז געראַטעוועט די טרופּע, נאָר אויך אייער כבוד. וואָרום ווען איר קומט אָן געלט, וואָלט מען אייך נישט געגלויבט, נאָר מ'וואָלט געזאָגט, אַז איר האָט גע־מאַכט אַן אָנשטעל. אַזוי אָבער האָבן מיר אייך צוריק בשלום און אין דעם זכות אַ יידיש טעאַטער.

7

ווי גאָט אין אדעס.

די גוטע בשורה פאר דער טרופּע — איך באצאָל די חובות — פּאָלי און כינקע גאָלדפאדען אלס גראנד־דאַמען — די באַן קאָסט נאָר אַ האַלבן פּרייז — טויזנטער מענטשן באַגריסן אונדז אויף די גאַסן פון אדעס — אויספאַרקויפטע טעאַטערס — מ׳פאַרלאַנגט די „אמתע ברײַנדעלע קאָזאַק" — ווי אַזוי גאָלדפאַדען שרייבט ראָלן — דאָס שפּיצל פון דער בוקארעסטער טרופּע — די געשעפטן אין מאַרינסקי־טעאַטער — אויף דאטשע און דאָס טעאַטער־קאַנטאָר — גאָלדפאדען ווערט גאוההדיק — דער קלאַפּ פון פּעטערבורג.

אין פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך דערציילט א זייטיקע מעשה, וואָס האָט פּאסירט אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין רייזע קיין בוקארעסט צו ברענגען די טרופּע. דאָ וויל איך דערציילן ווי אַזוי די טרופּע איז געקומען, און ווי אַזוי מען האָט אָנגעהויבן שפּילן אין אָדעס.

די ליניע פון אונגען קיין בוקאַרעסט איז געווען אַ נייע, האָב איך מורא געהאַט אויף איר צו פאָרן. איך בין געפאָרן דורך יאַס קיין בוקאַרעסט, און כ׳האָב געגעבן אַ דעפּעשע צו מאַדאם גאָלדפאַדען, אז איך קום. זי איז אָבער שוין געווען שטאַרק באַאומרויקט וועגן מיר, ווייל איר מאַן האָט איר אויך דעפּעשירט, אַז איך בין אַרויסגעפאָרן. און אזוי ווי איך האָב פאַרזוימט אַ טאָג אין וועג, האָט מען אין בוקאַרעסט זיך געשראָקן, אויב עס איז נישט געשען מיט מיר אַן אומגליק אין וועג, בפרט, אַז כ׳האָב געפירט מיט זיך געלט.

אויפן וואָקזאל האָט מיך אָפּגעוואַרט דער קאַסירער בערקאָוויטש. איך האָב געוואָלט פון דאָ צופאָרן צו מיין ווייב, אָבער בערקאָוויטש לאָזט מיך נישט.

— ניין — זאָגט ער — צו ערשט מוזט איר צופאָרן צו מאַדאַם גאָלדפאַדען. זי גייט אַרום ווי משוגע. און אויב איר וועט נישט באַלד קומען, וועט זי זאָגן, אַז איר האָט נישט אין זינען דאָס געשעפט.

איך האָב געמוזט נאָכגעבן און אַוועק צו מאַדאַם גאָלד־פאַדען. נאָכדעם ווי כ׳האָב איר אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע, האָט זי מיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן אויף ווייבלעך אין אָדעס, אויב איר מאַן איז מיט וועמען פון זיי מחותן.

דאָס האָט מיך גוט פאַרדראָסן. צו דעם האָב איך זיך געמוזט אַזוי איילן, און נישט זען זיך מיט מיין ווייב און קינדער, אָבער פּאַ׳פּאַלן: איך בין אַ סאָלדאַט אויף סלוזשבע*)

די שמחה ביי דער טרופּע איז געווען זייער גרויס, און מען האָט פשוט נישט געוווסט ווו מיך צו זעצן.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון צוויי־און־פערציק מענטשן, נישט חלילה בלויז אַקטיאָרן, נאָר אַקטיאָרן מיט זייערע ווייבער, פינף־זעקס בעסערע מוזיקאַנטן און אייניקע בעלי־חובות, וועלכע עס קומט גרויסע געלטער און מען מוז זיי מיטנעמען קיין אָדעס, כדי זיי צו באַצאָלן פון די דאָרטיקע איינגאַמען.

ווייזט אויס, אַז די אַקטיאָרן האָבן דערשנאַפּט, אַז איך האָב אַ סך געלט, האָבן זיי אָנגעהויבן גאָר צו שטעלן קאָנ־דיציעס. דער רווח האָט זיי גענומען, זיי ווילן פאָרן, אַז זיי שטאַרבן פשוט, נאָר דערביי האַלטן זיי זיך גרויס, אַז אויב מ׳וועט זיי נישט נאָכגעבן דאָס און דאָס, פאָרן זיי נישט. דער עיקר פאָדערונג איז, אַז מען זאָל באַצאָלן זייערע חובות. פאַר־שטייט זיך, אַז כ׳האָב קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט און כ׳האָב דערקלערט, אַז כ׳צאָל די חובות פון די אַקטיאָרן. און דאָ האָבן די אַקטיאָרן אָנגעהויבן אויפצוגעבן פאַלשע חובות. מ׳האָט אונטערגעשטעלט כלומרשטע בעלי־חובות, די אמתע האָט מען געבעטן צו טענהן, אַז עס קומט זיי מער. און דעם רעשט האָבן די אַקטיאָרן צוגענומען אין טאַש אַריין. מיר האָבן דאָס

---

*) אין דינסט.

אַלץ פֿאַרשטאַנען, נאָר גיי טו, אַז אָן דער טרופּע קאָן מען גאָרנישט אויפֿטון אין אָדעס.

דורך אַ מעקלער האָב איך געגעבן צו מאַכן צווייאונפֿערציק פּעסער. וואָס האָבן נאַטירלעך געקאָסט טייערער ווי דורך אַ דירעקטן וועג, אָבער עס איז געגאַנגען באַדייטנדיק שנעלער. אַלעמענס פּעסער האָב איך גענומען צו מיר אין טאַש, און געהייסן ברענגען די פּעקלעך צו דער באַן.

מיין ווייב האָב איך איבערגעלאָזט אין בוקאַרעסט מיט אַ גאַנץ קליינער סומע. אויסער איר זענען געבליבן אין בוקאַרעסט פֿרוי גאָלדפֿאַדען, גאָלדפֿאַדענס שוועסטער ליבקע, אַ פֿעטער, אַן עלטער־פֿעטער יחזקאל, איינער אַ בעל־חוב יאָסל און דער סופֿלער בערגער. דאָס פֿאָרן פֿון פֿרוי גאָלדפֿאַדען אַליין וואָלט געדאַרפֿט קאָסטן מער ווי פֿון אַ האַלבע טרופּע. אַזוי ראָסקאָשנע *) האָט זי זיך געפֿירט. זי מיט איר שוועגערין ליבקע זענען געווען אַזוי באַשמוקט מיט צירונג, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי די רייכסטע פֿרויען פֿון גאַנץ בוקאַרעסט.

פֿרוי גאָלדפֿאַדען האָט זיך אויך אויסגעצאָלט פֿון אירע חובֿות, און זי איז דעריבער געוואָרן אַ בטוח. און האָט טאַקע ווידער אָנגעהויבן נעמען אויף רעכטס און לינקס.

ביי אַזאַ לאַגע איז קיין וווּנדער נישט, אַז כ'בין געבליבן שטיין אָן געלט, און כ'האָב טעלעגראַפֿיש אַרויסגעפֿאָדערט פֿון אָדעס נאָך טויזנט רובל, וועלכע גאָלדפֿאַדען האָט באַלד צוגעשיקט.

ווען פֿרוי גאָלדפֿאַדען איז געבליבן אין בוקאַרעסט, האָט מיין ווייב שפּעטער געבאָרגט ביי מיינעם אַ שוואָגער אייניקע הונדערט פֿראַנק פֿאַר איר, כּדי זי זאָל קאָנען פֿאָרן קיין אָדעס. דער חוב איז אַ לענגערע צייט געבליבן חוב. און ווען מיין שוואָגער פֿלעגט מיך דערמאָנען און איך האָב געזאָגט וועגן דעם פֿרוי גאָלדפֿאַדען, האָט זי מיר געענטפֿערט: „איר ווייסט דאָך, אַז עס איז נישטאָ". אָבער נאָך אַ צייט האָט גאָלדפֿאַדען מיר באַצאָלט דעם חוב.

*) רייך.

כ׳געדענק אַזוי ווי איצט: עס איז געווען באַלד נאָך פסח, דאָנערשטיק ביינאַכט. מיר זענען אַלע געפאָרן צווייטע קלאַס שנעלצוג. די באַן איז געווען פון אַ דייטשישער קאָמפּאַניע. און איך האָב זיך געווענדעט מיט אַ פּעטיציע צום דירעקטאָר. האָט ער מסכים געווען אונדז צו רעכענען נאָר 50 פּראָצ. פון פּאַסאַזשיר־ און באַגאַזש־טאַריף. דערנאָך האָב איך דעפּעשירט צו גאָלדפאַדענען, אַז מיר קומען אַלע אָן שבת אינדערפרי.

אויף דער באַן זיצנדיק האָב איך זיך געפילט גליקלעך און זיך געטראַכט, אַז כ׳האָב דערגרייכט דעם העכסטן גראַד, וואָס אַ יאַסער אָרעמאַן האָט נאָר געקאָנט דערגרייכן.

ווען מיר זענען געקומען צו דער גרענעץ אין אונגען, האָט דער קאַפּיטאַן טאַקע געהאַלטן וואָרט. ער האָט שנעל דורכגעפירט די רעוויזיע און אונדז באַלד איבערטראַנספּאָרטירט, אַזוי, אַז פּינקטלעך שבת אינדערפרי זענען מיר געקומען קיין אָדעס.

אויפן וואָקזאַל האָבן אונדז באַגעגנט גאָלדפאַדען מיטן שווער, פאַרשידענע משכילים און די וויכטיקסטע טעאַטער־חסידים. נאָך אַ גרעסערע איבערראַשונג האָט דערוואַרט אונדז אין דרויסן: די גאַסן זענען געווען באַלאַגערט פון טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געקומען אונדז באַגריסן און אָנקוקן.

די ערשטע פאָרשטעלונג האָט געזאָלט גיין „קאָלדוניאַ", (די כשוף־מאַכערין) אין „רעמעסלענני קלוב".

זאָג איך צו גאָלדפאַדענען:

— מ׳דאַרף דאָך אָנאָנסירן, מ׳דאַרף דאָך געבן צו זעצן אַן אַפיש.

שמייכלט גאָלדפאַדען:

— פאַר היינט און פאַר מאָרגן זענען שוין אַלע בילעטן פאַרקויפט. און מ׳גייט אַרום אין גאַס, און מען צאָלט איבער די פרייזן.

מיר האָבן געענדיקט שפּילן 12 ביינאַכט, האָט דער עולם נישט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר כאָטש נעכטיקן אין טעאַטער, און מען זאָל אָנהויבן איבער אַ נייעס צו שפּילן. אַזוי פאַרכאַפּט זענען זיי געווען פון שפּילן.

עטלעכע וואָכן האָבן מיר דאָ געשפּילט 4־5 מאָל אין וואָך, און כסדר איז געווען דער זאַל אויספאַרקויפט.

מיר האָבן באַלד אָפּגעצאָלט דאָס גאַנצע געלט קאָהנען. קאָהן האָט געמאַכט פאַר אונדז אַן אויפנאַמע ווי פאַר שלמה המלכן, און גאָלדפאַדען איז געוואָרן שטאָלץ.

געלד האָט אָנגעהויבן פליסן צו אַלדע רוחות. מ'האָט זיך געוואָרפן מיט געלט ווי מיט בלאָטע, גאָלדפאַדען האָט גענומען איינעקע צימערן אויף רישעליעווסקאַ (שפּעטער פּושקינסקאַ) גאַס און דאָרט געעפנט א טעאַטראַלנאַיאַ קאַנטאָרע. גאָלדפאַדען אַליין האָט זיך דאָרט געהאַט אַ באַזונדער צימער. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ שווייצער אין אַן אוניפאָרם, און ווער עס האָט געוואָלט אַריינגיין, אַפילו אַן אַקטיאָר פון דער טרופּע, האָט מען געמוזט זיך פריער מעלדן.

איינמאָל רופט מיך גאָלדפאַדען אַריין צו זיך אין צימער:

— ליבערסקאַ, מ'מוז ראַטעווען די טרופּע. איר מוזט ברענגען די אמתע ברײַנדעלע קאָזאַק.

וואָס עפּעס פּלוצלונג ראַטעווען, און ווער איז עס די „אמתע ברײַנדעלע קאָזאַק"? מוז איך דערציילן פאָלגנדיקס.

גאָלדפאַדען פלעגט האָבן אַ טבע אָנצושרייבן די הויפּט־ראָלן פון זיינע פּיעסן צוגעפּאַסט צו זיינע אַקטיאָרן. ער האָט אויסגעצייכנט אויסשטודירט דעם כאַראַקטער פון זיינע הויפּט־אַקטיאָרן און נאָכדעם אָנגעשריבן אַ גרויסע ראָל, וועלכע האָט געהאַט אין זיך די זעלבע אייגנשאַפטן, וואָס דער אַקטיאָר, וועלכער האָט זי געדאַרפט שפּילן, און ממילא איז דער אַקטיאָר געווען אויסגעצייכנט אין דער ראָל. גאָלדפאַדען האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער וועט זיך מיט מיר, צו מאַכן פאַר מיר אַ ראָל, וועל איך באַקומען אַ נאָמען אַלס אַ גרויסער אַקטיאָר, כאָטש כ'האָב קיינמאָל נישט געשפּילט. איך האָב זיך נישט געוועט, ווייל כ'האָב געגלויבט גאָלדפאַדענען.

אַלזאָ, אַזוי האָט ער געמאַכט „שמענדריק" פאַר מאָגולעסקאַן, און אַזוי „ברײַנדעלע קאָזאַק" פאַר דער אַקטריסע ראָזי פרידמאַן. זי איז געווען אַזוי גלענצדיק אין דער ראָל, אַז מען

האָט גאָר פֿאַרגעסן ווי זי הייסט און אומעטום האָט מען זי גערופֿן „בריינדעלע קאָזאַק". ווען זי פֿלעגט גיין אין גאַס, האָט מען איר נאָכגעוויזן מיט די פֿינגער: „אָט גייט בריינדעלע קאָזאַק". אין בוקאַרעסט נאָך האָט זי זיך צעקריגט מיט גאָלדפֿאַדענען און ווען די גאַנצע טרופּע איז געפֿאָרן קיין אָדעס, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָרן, ווייל זי וויל נישט שפּילן מיט גאָלדפֿאַדענען. איך האָב שוין פֿריער דערמאַנט, אַז די אַקטיאָרן זענען נישט געווען שטאַרק צופֿרידן פֿון גאָלדפֿאַדענען און זיי פֿלעגן זיך אָפּט צעלויפֿן פֿון אים. בלויז איין לייזער צוקערמאַן איז שטענדיק געבליבן מיט אים.

אָפּזאָגן זיך אָבער פֿון שפּילן „בריינדעלע קאָזאַק" אין אָדעס האָבן מיר נישט געקענט, וואָרום קיין ראָסקאָש אין פּיעסן האָבן מיר נישט געהאַט. האָט גאָלדפֿאַדען איינגעלערנט די טיטל־ראָל „בריינדעלע קאָזאַק" מיט דער אַקטריסע מאַרגאַרעטאַ שוואַרץ.

אונדזערע פֿאָרשטעלונגען אין אָדעס האָבן אָבער באַזוכט פֿיל פֿון די, וואָס האָבן אונדז געזען שפּילן אין בוקאַרעסט „בריינדעלע קאָזאַק" מיט ראָזי פֿרידמאַן, און זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען און געוואַלדעווען אין טעאַטער:

— גיט אונדז די אמתע בריינדעלע קאָזאַק!

גאָלדפֿאַדען האָט געהאַלטן, אַז זיי זענען גערעכט, און דעריבער איז ער דאָס געקומען צו מיר אַלס פֿאַרוואַלטער פֿון דער טרופּע, אַז איך זאָל ברענגען די אמתע בריינדעלע קאָזאַק.

— איך ווייס אַפֿילו נישט, ווו זי איז — זאָגט גאָלדפֿאַדען צו מיר — אָבער איר מוזט מיר זי ברענגען. איך האָב שוין צוגעגרייט אייער פּאַס, נעמט וויפֿל געלט איר האָט אין קאַסע, און פֿאָרט קיין רומעניע זי ברענגען. איך האָב אַפֿילו 10 מענטשן צו שיקן, נאָר איך וויל דאָס קיינעם נישט אָנטרויען נאָר אייך. פֿאָרט און ברענגט זי פֿאַר יעדן פּרייז. איר מעגט אַפֿילו באַצאָלן אַ פֿערטל יאָר אין וועג, און גיט איר נאָך אַלע קאָנדיציעס.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געמוזט פֿאָרן. דורך דער

צייט האָב איך דערווייל מיין ווייב איבערגעשיקט פון בוקאַרעסט צוריק קיין יאַס, און פרוי גאָלדפאַדען איז שוין געווען אָנגעקומען קיין אדעס.

אזוי ווי כ'האָב זיך געהאַלטן פאַר אַ סאָלדאַט אויף סלוושבע, בין איך, פאַרבייפאָרנדיק יאַס, נישט אַריינגעפאָרן אין שטאָט צו מיין פרוי און קינדער, נאָר כ'האָב מיין פרוי אַרויסגערופן אויפן וואָקזאַל, און בין באַלד פון דאָרט געפאָרן קיין בוקאַרעסט.

אָנגעקומען קיין בוקאַרעסט, הויב איך זיך אָן נאָכצופרעגן אויף ראָזי פרידמאַן, און צו מיין גרויסער פרייד דערוויס איך זיך, אַז זי איז דאָ, טאַקע אין בוקאַרעסט. איך האָב זי באַלד אויפגעזוכט. זי האָט געהאַט צוזאַמענגעשטעלט אַן אייגענע טרופּע, און אַזוי ווי זי האָט געהאַט אַ נאָמען אין גאָלדפאַדענס פּיעסן, האָט זי זיי ווייטער געשפּילט. אָבער דעם אמת געזאָגט, איז די גאַנצע טרופּע געווען קאַליקעס, און נאָר זי אַליינע איז געווען אַ רעכטע אַקטריסע.

אַז די אַקטיאָרן האָבן מיך דערזען, האָבן זיי באַלד פאַרשטאַנען צו וואָס איך בין געקומען, און עס איז געוואָרן ביי זיי תשעה באָב. זיי זענען געקומען צו מיר, און אָנגעהויבן וויינען. אַז איך קוילע זיי. איך האָב זיי געטרייסט, אַז די בעסערע אַקטיאָרן קאָנען פאָרן מיט מיר. דאָס האָט זיי באַרויקט, ווייל יעדערער פון זיי האָט דאָך געטראַכט, אַז ער געהערט צו די בעסערע אַקטיאָרן. איך ווידער האָב מיר געטראַכט, אַז אמת, מיר דאַרפן אין אונדזער טרופּע נישט קיין אַקטיאָרן אויסער ראָזי פרידמאַן, נאָר אַזוי ווי גאָלדפאַדען האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל אָן איר נישט קומען און, אַז כ'זאָל איר נאָכגעבן אַלע קאָנדיציעס, איז נישט קיין געוואַלד אויב איך וועל אויסער איר מוזן מיטנעמען נאָך אייניקע אַקטיאָרן, אויב אָן דעם וועט זי נישט קאָנען פאָרן.

כ'האָב גענומען אַ דראָשקע, און בין פאַרפאָרן אין „שאָסע”, דער פּלאַץ, ווו מען הוליעט, און דאָרט בין איך אַריין

מיט ראָזי פרידמאַן אין אַ גרויסן רעסטאָראַן, און גענומען מיט איר איינטענהן. אָבער זי איז געווען פאַרעקשנט.

— איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט גאָלדפאָדענען, און איך וויל צו אים נישט פאָרן — האָט זי געזאָגט.

— איך האָב אים אויך נישט ליב — האָב איך איר געענטפערט און באַלד צוגעגעבן — אָבער מיך, ראָזי, האָסטו ליב, טאָ זאָל זיך דיר דוכטן, אַז דו פאָרסט מיט מיר.

זי האָט מסכים געווען, נאָר דערנאָך האָט זי געשטעלט אַ באַדינג:

— איך פאָר מיט אייך, נאָר אויב איך וועל אַרויס פון דער טרופּע, זאָלט איר אויך אַרויס, און אויב איר וועט אַרויס, וועל איך אויך אַרויס. מיר גייען ביידע שטענדיק צוזאַמען.

מיר האָבן זיך געגעבן די הענט.

דערווייל האָב איך נאָכאַמאָל געזען די טרופּע אירע שפּילן און בין געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז נישטאָ קיין איין אַקטיאָר פון זיי אַרויסצונעמען, און דעריבער האָב איך אָפּגעמאַכט מיט די אַקטיאָרן, אַז דערווייל פאָר איך מיט ראָזי פרידמאַן, און שפּעטער אַקטיאָר עס וועט ווערן קומען צו אונדז, דאַרף נאָר אָנשרייבן אַ בריוועלע. בינו לבינו איז אָבער די טרופּע ווייטער געבליבן שפּילן אין בוקאַרעסט.

אָבער באַלד ווי מיר זענען אַרויסגעפאָרן, האָט זיך די טרופּע מיישב געווען, אַז אָן ראָזי פרידמאַן וועט זי נישט קאָנען שפּילן, און חברה האָבן באַשלאָסן מיר אָפּצוטון אַ שפּיצל. זיי האָבן טעלעגראַפירט צו דער גרענעץ קיין ראָמאַן, אַז פרידמאַן איז אַ גנבטע, זי האָט זיי באַגנבעט, און דעריבער בעטן זיי זי צו פאַרהאַלטן. נאַטירלעך האָבן זיי געוווסט, אַז ווען עס וועט קומען צו אַן אויספאָרשונג, וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז זיי זענען אומגערעכט, אָבער ביז וואָס־ווען וועט זי דערווייל נישט קאָנען פאָרן מיט מיר און האָבן אומאַנגענעמלעכקייטן, און וועט אפשר בינו לבינו באַקומען חרטה.

ווען מיר זענען ביידע אָנגעקומען קיין ראָמאַן, ווי מען

דאַרף טוישן די באַן, האָט אונדז דער פּרעפעקט מקבל־פּנים געווען און אונדז אַרעסטירט.

איך האָב זיך נישט פאַרלוירן און דערקלערט ראַזין, אַז אויב איך וועל נאָר קאָנען אַריין אין שטאָט און אויפזוכן שתדלנים, וועט מען אונדז באַלד באַפרייען, און דעריבער בעט איך זי צו בלייבן דערווייל אַליין אַלס משכון, ביז איך וועל צוריקקומען. זי האָט מסכים געווען און אַזוי האָט מען מיך דערווייל אָפּגעלאָזט אין שטאָט אַריין. אַלס מיטגליד פון אָרדן „ציון", האָב איך אויפגעזוכט א מיטגליד פון זעלבן אָרדן, וועלכער איז מיט מיר אַוועק צו דער פּאָליציי. מיר האָבן צוזאַמען דערקלערט די ווירקלעכע סיבה, פאַרוואָס חברה באַשולדיקט זי אַלס גנבטע, און דער אָרטיקער מיטגליד פון „ציון", וואָס איז געווען אַ שטיקל דעה־זאָגער ביי דער פּאָליציי, האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אונדז צוצושטעלן, אויב דער פּראָצעס וועט פעסטשטעלן, אַז ראָזי פרידמאַן האָט ווירקלעך געגנבעט, און אַזוי אַרום זענען מיר באַפרייט געוואָרן, אָבער בינתים האָבן מיר פאַרשפּעטיקט דעם צוג און געמוזט דאָ נעכטיקן.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר דעם „שטיקל" האָבן מיר באַשלאָסן, אַז קיינער פון דער חברה אַקטיאָרן טאָר צו גאָלדפאַדענען נישט אַנגאַזשירט ווערן.

די שמחה ווען מיר זענען געקומען קיין אדעס איז געווען זייער גרויס, און ווען כ'האָב געזאָגט צו גאָלדפאַדענען, אַז איך וויל אים אָפּגעבן חשבון, וויפל די נסיעה האָט געקאָסט, האָט ער געענטפערט:

— אַ קיסר, אָדער אַ מלך, אָדער אַ מיניסטער, אַז זיי שיקן וועמען אָפּטון אַ שטיקל פּאָליטיק, פרעגן זיי נישט קיין חשבון. איר האָט אָנגעאַרבעט אַ דיפּלאָמאַטיש שטיקל, וויפל איר האָט געמאַכט הוצאות, איז כּס ווערט.

— אויב אַזוי — האָב איך זיך אָנגערופן האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט — טוט מיר בטובה, וואָס כ'האָב נישט גענומען נאָך 200 רובל, וואָלט איך געהאַט פאַר מיר.

שפילן די טרופע האָב איך שוין נישט געטראָפן אין „רעפּובליקאַנישן" ...

שפּילן די טרופּע האָב איך שוין נישט געטראָפן אין „רע־מעסלעגני קלוב". נאָר אין „מאַרינסקי־טעאַטער" און ווען מען האָט אַנאָנסירט, אַז מען שפּילט „ברײַנדעלע קאָזאַק" מיט דער אמתער ברײַנדעלע, פּ' ראָזי פרידמאַן, איז געוואָרן אַן אויסכאַ־פּעניש אויף בילעטן, אַז איידער מ'האָט זיך אַרומגעקוקט איז קיין זכר פון קיין בילעט נישט געווען.

דאָס גרויסע טעאַטער איז געווען איבערפולט. נישט מען איז געזעסן, נאָר מען איז געשטאַנען איינער אויפן אַנדערן. קיין אומזיסטע האָט מען אינגאַנצן נישט אַרײַנגעלאָזט.

מיט איין וואָרט: עס איז מקוים געוואָרן גאָלדפאַדענס נביאות: „מ'האָט געשאַרט גאָלד".

אַז חברה האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן זױלכע געשעפטן, האָט מען אָנגעהויבן ערשט אַ לעב צו טון: נעבן אָדעס איז פאַראַן אַ דאַטשע און לעב-אָרט אַקערזש, וואָס מען האָט גע־רופן אויף דײַטש „ליבענטאַל", ווײַל עס איז געווען נעבן דײַ־טשישע קאָלאָניעס. אָט דאָרט האָט זיך גאָלדפאַדען באַזעצט מיט דער גאַנצער טרופּע. יעדער האָט זיך גענומען אייניקע צימערן. די חברה צוזאַמען מיט גוטע ברידער האָבן פאַרנומען אפשר אַ האַלב דאָרף. און אַז אַ גביר האָט געוואָלט דאָרט אַרויספאָרן, האָט ער שוין ממש נישט געהאַט קיין אָרט.

אַזוי ווי ליבענטאַל ליגט איבערן טײַך, האָט די טרופּע זיך אָפּגעדונגען אייגענע שיפלעך אויפן טײַך. און זי האָט אויך געהאַט ספּעציעל אָפּגעדונגענע 4-3 לינייקעס (צופאָר=וואַגאָנעס), וועלכע האָבן צוגעפירט נאָר די טרופּע.

אַז איך האָב דערזען דאָס בילד, האָב איך אָנגעהויבן צו שרײַען צו גאָלדפאַדענען, אַז ער מאַכט זיך אומגליקלעך.

— הערט אויף — האָב איך צו אים געזאָגט — איר וועט דאָך דאָ האָבן אַזאַ שוואַרצן סוף ווי אין בוקאַרעסט.

אָבער ער הערט מיך ווי די קאַץ.

קיין פראָבן מאַכט מען נישט, ווײַל כּל זמן די געשעפטן זענען גוטע, האָט גאָלדפאַדען נישט קיין קאָפּ צו שרײַבן. און ווען ער קומט קיין אָדעס, זיצט ער בײַטאָג אין ספּעציעלן

טעאַטער=קאַנטאָר, וווּ מען מוז זיך פריער מעלדן בײַם שווייצער, אפילו איך.

דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. איך האָב, להבדיל, אַזוי ווי ירמיהו, געפילט די רואינע, דעם חורבן וואָס עס מוז קומען.

— גאָלדפאַדען — זאָג איך אַמאָל צו אים — מיר לעבן דאָ אַ גוטן טאָג, און מײַן ווײַב שטאַרבט פאַר הונגער. כ'דאַרף דאָך איר שיקן עפּעס געלט.

ענטפערט ער מיר קאַלט:

— שיקט!

דער טאָן האָט מײַן כעס נאָך פאַרגרעסערט.

אָבער דאָ האָט זיך אונטערגערוקט אַ געשיכטע, וואָס האָט מיך דערווײַל געמאַכט פאַרגעסן אָן מײַן כעס: פון פּעטערבורג איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז עס איז פאַרווערט צו שפּילן אין אָדעס יידיש טעאַטער.

וואָס טוט מען?

8

ויסעו ויחנו...

גאָלדפאַדען פאָרט קיין פּעטערבורג — איך ווער באַלעבאָס פון דער טרופּע — מיר שפּילן ווידער אין יאַס — ווידער דערלויבט צו שפּילן יידיש טעאַטער — דער טיפּ פון אַ פּראָצענטניק — די געשיכטע אין דער לאָזשע — ראָזענבערג וויל אַ"ם מסרן — איך שלאָג זיך מיטן שווייצער — איך וויל אהיים! — גאָלדפאַדען שיקט מיך קיין יעליסאַוועטגראַד.

גאָלדפאַדען האָט אפילו געהאַט אַ סך עצה=געבערס, נאָר איך בין געווען דער עצה־געבער. מיט מיר פלעגט ער רעדן

אַנדערש און אין אַ באַזונדערער שטוב אויג אויף וו״ג.
בטבע איז ער געווען אַ שטאַרקער חונף ביים רעדן, ווען ער פלעגט עפּעס דאַרפן פון יענעם. און פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי ווי ער האָט מיך איצט געדאַרפט האָבן, האָט ער מיך שוין אויפגעצוקט:

— איך דאַרף שוין ווידער פון אייך אַ טובה, ליבערסקאַ — זאָגט ער צו מיר.

— וואָס איז נייעס? — פרעג איך.

— איך וויל אייך שיקן קיין פּעטערבורג. איך וועל אייך מיטגעבן אַ בריוו צו אַלעקסאַנדער צעדערבוים. ער קען אייך נישט פאַרזענלעך, נאָר ער האָט געוווסט, אַז איר זייט אין יאַס. ער האָט מיר אַמאָל אַליין געזאָגט, אַז ער האָט געהערט פון אייך. צעדערבוים וועט שוין עפּעס מאַכן, אַז מיר זאָלן קאָנען שפּילן אין וועלכער עט איז פאָרם אַלס דייטש-יידיש טעאַטער, אָדער ווי ער וועט עס מאַכן.

— און וואָס וועט איר ביז דאַמאָלס טון מיט דער טרו־פּע? — פרעג איך — מילא, איר וועט זיך אַן עצה געבן, אָבער די טרופּע וועט זיך דאָך צעפאַלן, אַזאַ עסק קאָן דאָך אַמאָל דויערן חדשים.

— ניין, ס׳וועט לאַנג נישט דויערן — ענטפערט מיר גאָלדפאַדען — איך האָב זיך שוין פאַרשטענדיקט מיט צעדער־בוימען. ער הייסט שיקן אַ מענטש.

— אָבער וואָס וועט דערווייל די טרופּע טון?

— זאָלן זיי דערווייל טון וואָס זיי ווילן.

— ניין, דאָס טויג נישט — דערקלער איך — איר מיינט, גאָלדפאַדען, אַז תמיד וועט איר האָבן אַזעלכע קרעפּטן ווי איצט? איך האָב אַן אַנדערן פּלאַן. קודם כל קאָן איך נישט פאָרן קיין פּעטערבורג. אָט האָט מען נאָר וואָס געהאָנגען דריי מאַן אין אָדעס, צוויי קריסטן און אַ ייד, ווייל מ׳האָט זיי געמסרט אַלס ניהיליסטן. עס איז איצט אַזאַ צייט וואָס מען זוכט ניהי־ליסטן. איך בין עס נישט, אָבער איך קען נישט קיין רוסיש. אַ רוסישער אַקטיאָר אָדער אַן אַנדערער רוס קאָן נאָך אַמאָל

אָנרעדן, אַז איך בין אַ ניהיליסט און איך קען גיין פֿאַר אַ כּפּרה, ווייל כ'בין דאָך שטום. אַלזאָ, איך קאָן נישט פֿאָרן, אָבער פֿאַרוואָס זאָל איך עפּעס פֿאָרן? פֿאָרט איר אַליין! נאָר וואָס וועט דערווייל זיין מיט דער טרופּע?

— די טרופּע וועל איך דערווייל אויסהאַלטן אין די קליי־נע שטעטלעך. דער פֿאַרבאַנט פֿון פּעטערבורג איז דאָך בפירוש נאָר אויף אָדעס. און פֿאַר אַ מתנת־יד וועט מען קאָנען שפּילן אין די קליינע ערטער. אַזוי גלויב איך — זאָגט גאָלדפֿאַדען.

— ניין, איך בין אין אַן אַנדערע מיינונג — זאָג איך — אָבער צוערשט לאָמיר נאָר ענדיקן וועגן פּעטערבורג. אַלזאָ, איר פֿאָרט. איר קענט רעדן ריסיש, צווייטנס האָט איר אַ היטל און אַ שווערדל פֿון דער ראַבינער־שולע, איך האָב אייך דאָס גע־זען טראָגן אויף פּאַראַדן, און עס מאַכט אַן איינדרוק. און די טרופּע וועל איך דערווייל אויסהאַלטן.

— ווי אַזוי?

— דאָס איז שוין אַן אַנדערע זאַך. די טרופּע מיט אייער ווייב, מיט די שוועסטערן, מיט אַלע, נעם איך קיין יאַס. זיי האָבן דאָך אַלע פּעסער.

— אוי ווי — כאַפּט זיך גאָלדפֿאַדען — דאָס איז דאָך אַ טייערער פּלאַן, דאָס איז מיר גאָרנישט איינגעפֿאַלן. אין יאַס זענען איר דאָך ביי זיך אין דער היים.

די עטלעכע הונדערט קערבלעך, וואָס מיר האָבן צונויפֿ־געקראַצט, האָט גאָלדפֿאַדען גענומען אויף הוצאות.

פֿאַרן פֿאָרן האָט גאָלדפֿאַדען צונויפֿגערופֿן די טרופּע און זיי דערקלערט:

— וואָס ליבערעסקאָ וועט זאָגן, זאָלט איר אים פֿאָלגן. ער איז פֿאָלנער *) בעל־הבית!

גאָלדפֿאַדען האָט געהאַלטן, אַז ער קאָן זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן, און ער האָט מיר אויסגעדריקט זיין צופֿרידנקייט, וואָס די טרופּע גייט זיך נישט פֿונאַנדער.

---

*) פֿולשטענדיקער.

— אָט דאָס האָב איך דאָך געוואָלט — ענטפער איך אים.

גאָלדפאַדען איז אַוועקגעפאָרן און איך האָב מיר אָנגעהויבן ברעכן דעם קאָפּ, ווו נעמט מען געלט אַריבערצופירן די טרופּע קיין יאַס, ווייל נאָך אַלע ברילִיאַנטענע געשעפטן, האָט קיינער פון דער טרופּע נישט געהאַט קיין פּרוטה ביי דער נשמה.

אין אדעס זענען דאָך אָבער געווען אָפּטיילונגען פון די תבואה-פירמעס, בין איך אריינגעגאַנגען צו איינע אַזאַ פירמע „ליבלינג עט ראָס”, אַ שוואָגער מיט אַן אײדעם. זיי זענען געווען גרויסע גבירים אין יאַס, בעל-הבתים אין טעמפּל, ווו איך בין פריער געווען, און זיי האָבן מיך גוט געקענט.

איך האָב דערקלערט, אַז איך וויל רעדן מיט גאָספּאָדין ראָס. דאָס איז געווען דער אײדעם, אַ יונגערמאַן נאָך, אַ ווינער. ער האָט מיך גערן אויפגענומען. איך האָב אים דערציילט די גאַנצע סיטואַציע. אַז מיר מאַכן גוטע געשעפטן אין יידישן טעאַטער האָבן אַלע געוווּסט, און כאָטש ראָס אַליין פלעגט צו אונדז אין טעאַטער נישט קומען, האָט ער אָבער געוווּסט פון דער געשיכטע מיט קאָהנען, וואָס האָט אונדז געבאָרגט 6000 רובל, און נאָכן אויסהערן מיין גאַנצן מאָנאָלאָג, פרעגט ער מיך:

— וואָס דאַרפסטו?

— געלט זיי צו פירן קיין יאַס.

— און מיט וואָס ביסטו גאַראַנטירט פאַר די שאַלט־קעס?

— ע, איך בין געזיכערט!

— 1000 רובל באַקומסטו ביי מיר.

איך האָב אפילו געדאַרפט מער, נאָר איך האָב מורא געהאַט מער צו בעטן טאָמער באַקומט ער אינגאַנצן חרטה.

באין ברירה האָבן מיר דערווייל נאָר מיטגענומען אַ האַלבע טרופּע.

ווען מיר זענען געקומען קיין יאַס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל:

— ליבערעסקאָ האָט געבראַכט גאָלדפאַדענס טרופּע!

ערשטנס, האָט נאָך גאָלדפאַדענס טרופּע ביז דאַמאָלס

נישט געשפּילט אין יאַסי. און צווייטנס, בין איך דאָ געווען אַ שב-דבר.

איך און פרוי גאָלדפאַדען האָבן זיך געטיילט מיט דער אַרבעט: איך בין געווען פאַרוואַלטער און זי קאַסירער.

מיר האָבן באַלד אָנגעהויבן שפּילן. אַזוי ווי די געשעפטן זענען געווען זייער גוטע, האָבן מיר גאָר שנעל אַראָפּגעבראַכט די אַנדערע האַלבע טרופּע, און צוריקגעצאָלט ראָסן די 1000 רובל.

אַזוי האָבן מיר אייניקע חדשים געשפּילט אין „פאָמול ווערדי", וואָס איז, ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, אַ גרויסער גאָרטן.

די טרופּע האָט מיר געוואָלט באַווייזן ווי געשעצט כ'בין ביי זיי, האָבן זיי מיר איינמאָל געשטעלט אַ בענעפיס. דאָס הייסט, זיי האָבן איינפאַך דעם אָוונט געשפּילט אומזיסט. איך בין מיט קיין בילעטן נישט אַרומגעגאַנגען פאַרקויפן, און דערביי איז געווען אַזאַ דערפאָלג, אַז דער אָוונט האָט געבראַכט די גרעסטע איינצאַמע פאַר דער גאַנצער צייט, און עס איז נישט געווען צו באַקומען קיין לעק פון אַ בילעט.

מיין בענעפיס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, ווייל אויף די אַפישן איז געשטאַנען מיין נאָמען מיט גרויסע בוכשטאַבן, און אין יאַסי איז דאָס געווען אַ גרויסע סענסאַציע, סיי ביי די פרומע און סיי ביי די אויפגעקלערטע יידן. מ'האָט מיך דאָרט ליב געהאַט און רעספּעקטירט.

אייניקע חדשים איז גאָלדפאַדען געזעסן אין פּעטערבורג. מיר האָבן אים די גאַנצע צייט געשיקט געלט. און ענדלעך איז אָנגעקומען פון גאָלדפאַדענען אַ טעלעגראַמע, אַז ער האָט באַקומען אויפן גאַנצן תחום פון רוסלאַנד אַ דערלויבעניש, און פאָרט קיין אדעס, וווהין די גאַנצע טרופּע זאָל באַלד קומען.

עס איז שוין אַריבער אַ לאַנגע צייט פון דאַמאָלס, און פיל זאַכן האָב איך פאַרגעסן. זיי פעלן מיר איצט שטאַרק.

אלזאָ, דאַרף מען פאָרן קיין אדעס, אָבער ווידער די אַלטע קרענק, נישטאָ אויף הוצאות. מאַדאַם גאָלדפאַדען פלעגט פּשוט שלינגען געלט, גאָלדפאַדענען האָט מען געשיקט, די אַק-

טיאָרן האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג — טאָ פון וואַנען זאָל זיין?

נישטאָ קיין אַנדער עצה, ווי ווידער צו באָרגן ביי ליבלינג עט ראָס, אָבער זיי זענען גראָד געווען אין אדעס, איז געבליבן, אז איך זאָל אַליין פארן קיין אדעס, דאָרט באָרגן געלט, און דאַן אַרויסנעמען די טרופּע.

די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין יאַס, האָבן די אַקטיאָרן נאר געהאַט צו טון מיט פּראָצענטניקעס, מ'פלעגט זיך תמיד ביי זיי לייען געלט. בלויז איין אַקטיאָר, דער טויבער משה טייך, האָט געקליבן געלט, ווייטער אלע אַנדערע, וויפל טויזנטער מען האָט געמאַכט, איז צומאָרגנס נישט געווען קיין פּרוטה. און אָט האָבן צוויי פון די פּראָצענטניקעס: לייזער לודנער און יוסף יהודה נאדלער, וואָס זענען געווען שותּפים, פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן אין דער קאַסע אַריינזעצן זייערן אַ קאַסירער, וואָס זאָל האָבן די קאַסע אין דער האַנט, און אַזוי נאָך זיך אָפּנעמען דאָס געבאָרגטע געלט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן מסכים געווען, און יוסף יהודה נאַדלער האָט צו דעם צוועק געגעבן זיינעם אַ שוועסטערס זון יאָסעלע. דאָס איז דער איצטיקער יאָזעף עדעלשטיין, דער דירעקטאָר פון קעסלערס סעקאנד־עוועניו־טעאַטער אין ניו־יאָרק. ער האָט באַקומען 2 פראַנק אַ נאַכט פארן זיין קאַסירער.

אָט די צוויי פּראָצענטניקעס האָבן מיר פאָרגעלייגט, אַז זיי זאָלן אונדז באָרגן אויף הוצאות קיין אָדעס און זיי האָבן מסכים געווען. זיי האָבן אונדז געבאָרגט אייניקע טויזנט פראַנק אויף זייער גרויסע פּראָצענט, מיטן באַדינג, אַז מיר זאָלן אויף זייערע הוצאות מיטנעמען איינעם פון זיי, לייזער לודנערן, וואָס זאָל זיין אין אדעס קאַסירער, און נאָך אַ וואָך, העכסטנס צוויי, זאָל ער צוריק באַקומען דאָס געבאָרגטע געלט, און פאַר דער דאָזיקער קורצער צייט האָבן זיי געדאַרפט באַקומען פּראָצענט ווי פאַר אַ יאָר.

עס איז געווען אַ שווערער קרבן. אָבער מיר האבן געווסט, וואָס אדעס איז פאַר אונדז, אַז עס לוינט אונדז אַלץ און מיר האָבן געשלאָסן דאָס געשעפט.

ווען מיין פאַמיליע האָט געהערט, אַז איך לאָז זיך ווידער מיט דער טרופּע קיין אדעס, האָט מען מיך אָנגעהויבן ממש צו שילטן, וואָס איך שלעפּ זיך אַרום מיט יידישע שיקסעס און יידישע שקצים. אָבער מיר האָבן די אַלע קללות וחרמות נישט געאַרט, אַבי דאָס ווייב מיינס האָט געהאַלטן מיט מיר. זי האָט אָפּט געליטן צרות און אויך הונגער, אָבער זי איז געווען אויף מיין זייט.

אין אָדעס האָבן מיר שוין געטראָפן גאָלדפאַדענען און נעבן אים האָט זיך געדרייט ישראל ראָזנבערג. ער האָט אין דער טרופּע געשפּילט קליינע ראָלן, אָבער דערפאַר האָט ער געשפּילט אַ גרעסערע ראָל ביי דער פּאָליציי...

דער פּראָצענטניק לודנער איז געווען אַ „געפּערלעך” די-קער מענטש. צווישן 500 מענטשן קאָן מען אַזעלכע נישט טרעפן. ווען מיר פלעגןביידע פאָרן אין אַ דראָשקע, בין איך געלעגן אויף אים, וואָרום ער פלעגט אַריבערבייגן די גאַנצע דראָשקע צו זיך. געוויינלעך פלעגט ער פאַר דער פאָרשטע-לונג זיצן אין דער קאַסע, און דערנאָך פלעגט ער אַריינגיין אין טעאַטער.

איינמאָל האָבן מיר געהאַט פון אים גרויס עגמת-נפש. צוליב זיין דיקקייט האָט מען אים נישט געקאָנט געבן קיין שטול, נאָר געמוזט געבן אַליין אַ לאָזשע, ווו ער האָט געהאַט באַקוועם צו זיצן. עס איז נאָך דער פאָרשטעלונג, דער גאַנצער עולם איז שוין דאָ אין האָטעל, נאָר לודנער איז נישטאָ. אַזוי ווי קיין פּאַס האָט ער נישט געהאַט, נאָר אַ צעטל גילטיק בלויז אַריבערצופאָרן אויף צוויי טעג, האָבן מיר זיך זייער געשראָקן וועגן אים. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר אים אַרומגעזוכט און אומזיסט. ערשט צומאָרגנס, ווען דער וועכטער האָט גענומען אויסרייניקן דאָס טעאַטער, האָט ער אים געפונען שלאָפן אין דער לאָזשע. ער האָט זיך געפילט דאָרט אַזוי באַקוועם, אַז ער האָט זיך געהאַט אויסגעטון די שיך, האָט מען אים טאַקע די שיך און דעם גאָלדענעם זייגער צוגעגנבעט בעת ער איז געשלאָפן, און גאָלדפאַדען האָט זיי אים געמוזט צוריק קויפן.

ווען ער פלעגט גיין אין גאַס, האָט ער אַרויסגערופן אַזאַ געקוק, אַז פיל פאַרבייגייענדיקע רוסן פלעגן אים בפיוון געבן אַ שטופּ אין זיין גראָבן בויך.

דערווייל זענען אַריבער די 2 וואָכן, און לודנער האָט נישט צוריקבאַקומען זיין גאַנץ געלד. אין קאַסע איז געגוג אַריינגעקומען. גאָלדפאַדענס „פריינטלעך" האָבן אָבער געגוג געמאָלקן, און עס האָט שטענדיק געפעלט אַיין טאָג צו דער וואָך...

לודנער האָט אָנגעהויבן שרייען וואָס וועט זיין דער סוף. ער קאָן דאָ מער נישט זיצן, ער וויל צוריק זיין געלט און וויל אַהיימפאָרן. דאָ איז ראָזנבערג געקומען מיט אַ פּראָיעקט. מילא, צוריקגעבן אים זיין געלט איז נישטאָ, אָבער מאַכן, אַז ער זאָל אַהיימפאָרן, דאָס קען מען יאָ. אַזוי ווי לודנער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו ווינען אין אָדעס, האָט ראָזנ־בערג אים געוואָלט משלח זיין דורך פּאָליציי און דאַמאָלס וועט לודנער מיינען רייך, אַז ער ווערט פריי, און מ׳לאָזט אים אַהיימפאָרן. איי דאָס געלט, וואָס מען איז אים שולדיק? — דאָס וועט מען אים אַהיימשיקן ווען ס׳וועט זיין.

איך האָב זיך דערפון דערוווּסט, און עס האָט אַלץ אין מיר אויפגעקאָכט. איך ברענג אַ מענטש, וועט אים ראָזנבערג אַרויסשיקן דורך פּאָליציי. איך האָב באַשלאָסן וועגן דעם זיך תיכּף דורכשמועסן מיט גאָלדפאַדענען, אָבער ביי דער טיר שטייט דער שווייצער און לאָזט נישט אַריין.

— מ׳קאָן נישט — זאָגט ער.

— אַ יעדער קאָן נישט — ענטפער איך אים מיט רוגזה — אָבער איך קאָן יאָ.

און איך האָב אַוועקגעשטופּט דעם שווייצער, בין אַריין און פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר.

גאָלדפאַדען האָט דערקענט, אַז עס גייט עפּעס, פרעגט ער מיך:

— איר זענט אין כּעס, ליבערעסקאָ?

— יאָ, איך בין שטאַרק אין כּעס — ענטפער איך מיט

היין — איך האָב געבראַכט אַ מענטש, אַז מען זאָל אים מסרן; ער איז דאָך אַ דיקער מענטש און איר ווילט, אַז ער זאָל שטאַרבן פון שרעק.

צעלאַכט זיך גאָלדפּאַדען:

— וואָס, איר ווייסט שוין?

— יאָ, איך ווייס שוין פון דעם, גאָלדענעם פּלאַן. שיקט שוין נאָך ראָזנבערגן.

ראָזנבערג האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס נישט טון; איך האָב אים דערביי נישט געשוויגן, ווייל כ'האָב אים פיינט געהאַט, אָבער ער פלעגט מיך שטאַרק רעספּעקטירן.

און איצט, גאָלדפּאַדען — האָב איך זיך אָנגערופן — וויל איך אַזוי: די גאַנצע איינקונפט פון שבת און זונטאָג באַשטים איך פאַר לודנערן, און מיר וועלן זיך מיט אים איינ-גאַנצן אָפּרעכענען; ביי אַ דאָקטאָר וועל איך נעמען אַ צעטל, אַז זייט ער איז געקומען קיין אָדעס איז ער קראַנק געווען, און מ'וועט אים צוריקשיקן קיין יאַס.

— גאָלדפּאַדען איז מסכים:

— איך האָב דאָך אייך פאַר מיין פּאָרן געמאַכט פאַר בעל-הבית, זענט איר נאָך בעל-הבית.

מאָנטאָג אינדערפרי האָבן מיר באַצאָלט דעם פּראָצענטניק און מיר, גאָלדפּאַדען, איך און אפילו ראָזנבערג האָבן אים נאָך באַגלייט צו דער באַן.

אַ צווייט מאָל ווען כ'האָב ווידער געוואָלט אַריינגיין צו גאָלדפּאַדענען און דער שווייצער האָט מיך אויך נישט געלאָזט, האָב איך אים ווידער אַוועקגעשטופּט און געמאַכט גאָלדפּאַדענען אַ סקאַנדאַל.

— וואָס בין איך ביי אייך? — האָב איך געשריגן — קיין געלט דאַרף מען שוין נישט באָרגן, שפּילן שפּיל איך דאָך נישט, טאָ צו וואָס דאַרפט איר מיך? כ'קען מער נישט אויס-האַלטן, כ'וויל אהיימפאָרן! וואָס בין איך אַ יינגל מיט אַ שומר ביי דער טיר?

גאָלדפּאַדען האָט אַריינגערופן דעם שווייצער, אים גע-

מאַכט כּלומרשט אַ שוואַרצן סוף, נאָר איך האָב אפילו אין זיין אויסשגצן דעס שווייצער געפילט, אַז ער איז צופרידן דערפון, וואָס מען לאָזט מיך נישט אַריין פריער ווי נאָך דער מעלדונג.

אָבער גאָלדפאַדען האָט מיך בארויקט און דערקלערט, אַז ער דאַרף מיך יאָ האָבן און אַלס ראיה האָט ער מיך געהייסן באַלד פאָרן קיין יעליסאַוועטגראַד, כּדי דאָרט איינצואָרדענען פאָרשטעלונגען פון אונדזער טרופּע.

9

פון אברהם צו נפתלי גאָלדפאַדען

אָבערלענדער פאָרט אַלס דאָלמעטשער — דער מחבר וואָס קומט צו מיר אַלס פאַרלעגער — דאָס מאָדנע באַגעגעניש אין דער „כּל נדרי"-נאַכט — יעליסאַוועטגראַדער דירעקטאָר וויל נישט פאַרדינגען אויף יידיש טעאַטער — גאָלדפאַדען שפּילט אין ניקאָלאַיעוו — איך און ראָזע פרידמאַן טרעטן אַרויס — איך גיי איבער צו נפתלין — די „גע-שעפטן" אין קעשענעוו — מיין קינד איז קראַנק — אַדיע!

מילא, פאַרפאַלן, אַז מ'הייסט פאָרן, מוז מען פאָרן. אָבער איך בין דאָך אַ שטומער. איך קען דאָך נישט קיין רוסיש. האָט מיר גאָלדפאַדען געגעבן דעם יונגענמאַן אָבערלענדער, אַ ברו-דער פון דער אַקטריסע סאָפיע אָבערלענדער, די שפּעטערדיקע מאַדאַם אַדלער.

גאָלדפאַדען האָט תּמיד געהאַט אַרום זיך אַ גאַנצן עט-קאַדראָן מיט מענטשעלעך, וועלכע מיר האָבן גערופן „פּריינט-לעך", און דידאָזיקע מענטשן האָבן געצויגן פון דער קאַסע אַקוראַט אַזויפיל, ווי די אַקטיאָרן גופא.

נאָכדעם ווי אָבערלענדער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך גאָלדפאַדען צו מיר אָנגערופן:

— איך גיב אייך מיט אָבערלענדערן, אָבער נישט מער ווי אַלס דאָלמעטשער. ער האָט אייך קיין שום דעה נישט צו זאָגן. איר דאַרפט זיך מיט אים אַפילו קיין שום עצה אויך נישט האַלטן.

אַלזאָ, פאָרן מיר. אָבער פאַרן פאָרן זאָגט מיר נאָך גאָלדפאַדען אָן אַ פסוק מיט אַ שטעקן:

— איך גיב אייך דאָ אַן אינסטרוקציע, וועלכע איר זאָלט אָפּהיטן. איר זייט אַ פרייגעזאָגענער, איך וויל אייך נישט פרום מאַכן, נאָר אויף דער צייט, וואָס איר וועט זיין אין יעליסאַוועטגראַד, זאָלט איר נישט אַרויסווייזן וואָס איר זייט. עס איז צוויי טעג פאַר יום־כפור, זאָג איך אייך אָן, אַז איר זאָלט נישט עסן עפנטלעך אום יום־כפור. היט זיך, וואָרום עס וועט ווערן אַ טומל. יידן האָבן פיינט, אַז מען איז אַן אפיקורס בפרהסיא.

כ'וויל דאָ נישט באַרירן ווי אַזוי דער אָנזאָג האָט אויף מיר געווירקט, נאָר כ'האָב באַשלאָסן צו פאָלגן גאָלדפאַדענען.

עס איז געווען שוין באַלד סוף 1879 ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין יעליסאַוועטגראַד, טאַקע ווען מען האָט געשלאָגן כפרות. געטריי גאָלדפאַדענס אָנזאָג, האָב איך זיך געהייסן אָפּפירן אין אַ יידישער אַכסניה, נישט אין קיין האָטעל.

ווען אָבערלענדער האָט דאָס דערהערט, פרעגט ער מיך:

— איר ווילט שפּילן דעם רבי, ליבערעסקאָ?

— וואָס איז עס אייער עסק? — ענטפער איך אים — איר גייט זיך וויגן אין אַן אַנדערן האָטעל. פרעגט זיך נאָך אויפן דירעקטאָר פון טעאַטער, און מאָרגן באַלד אינדערפרי זאָלט איר ברענגען אַ ראַפּאָרט.

איך האָב מיר געהייסן אין דער אַכסניה געבן אַ סאַמאָוואַר. כ'האָב זיך אָנגעזשלאָקעט מיט טיי, און אַזוי ווי כ'בין געווען זייער מיד, האָב איך זיך באַלד געלייגט שלאָפן און פעסט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. גאַנץ פרי — מ'קלאַפּט. רוף

איך: „ענטרעע‟, ווי דער מנהג איז געווען אין רומעניען.

קומט אַריין אַ יונגערמאַן מיט א בערזועלע.

— זייט איר ה׳ ליבערסקאַ?

און, אַז איך ענטפער אים, אַז יאָ, נעמט ער אַרויס אַ וויזיט־קאַרטע און דערלאַנגט זי מיר. איך גיב אַ קוק, דערזע איך, אַז עס איז אויף רוסיש, זאָג איך אים, אַז לײדער קען איך קיין רוסיש נישט לייענען. שטעלט ער זיך פאַר מיר פאָר:

— באַרטשאַווסקי! כ׳בין אַ לערער פון העברעיש אין דער יידישער שול.

זייער ווויל. הייס איך שוין דערלאַנגען טיי פאַר צוויי פּערזאָן.

— פונוואַנען ווייסט איר ווי איך הייס און וואָס האָט אייך געבראַכט צו מיר?

אָבערלענדער האָט מיר נעכטן דערציילט וועגן אייך — ענטפערט דער יונגערמאַן — אָבער נישט נאָר איך, נאָר אַ סך ווייסן שוין פון אייך. דער עולם האָט זיך פשוט מחיה געווען. אמת, אַז די טרופּע איז נאָך נישטאָ, אָבער דער פּאַרוואַלטער איז שוין דאָ. אָבערלענדער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז איי־ער דאָלמעטשער. און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איר צו־זאַמען מיט גאָספּאָדין ווערבעל האָבן שוין אַרויסגעגעבן אייניקע פּיעסן פון גאָלדפאַדענען, און ס׳איז אַמאָל געווען אַנאָנסירט, אַז איר און גאָספּאָדין ווערבעל קויפן זאַכן צום דרוקן, און אַזוי ווי איך האָב אָנגעשריבן אַ זשאַרגאָניש ווערק, בין איך געקומען צו אייך.

און דאָ דערלאַנגט מיר דער יונגערמאַן זיין ספר. איך וואַרף בלויז אַ בליק, דערזע איך, אַז די הקדמה אַליין איז אויך גענוג גרויס. זאָג איך צו דעם יונגעמאַן:

— כ׳וועל דאָך איצט נישט לייענען. ווען מיר וועלן דאָ שפּילן, וועל איך גיכער צייט האָבן, וועלן מיר דאַמאָלס רעדן. און איצט האָב איך צו אייך אַ בקשה. איר זייט אַ לערער, היינט איז ערב יום־כפור, זייט איר דאָך פריי, וויל איך אייך בעטן, אַז איר זאָלט מיר ווייזן די שטאָט, און מיך אויך אַריינ־פירן צום דירעקטאָר פון טעאַטער.

— דער דירעקטאָר פון טעאַטער — ענטפערט מיר דער לערער — איז אַ קריסט, אַ רוס, אַ רייכער מאַן, ער איז זעלטן אין יעליסאַוועטגראַד און, דוכט זיך, אַז טאַקע היינט איז ער אויך נישט הי.

דערווייל איז אַריינגעקומען אַבערלענדער און געמעלדעט, אַז דער דירעקטאָר איז אין פעטערבורג אָדער אין מאָסקווע, און ער קומט ערשט אין עטלעכע טעג אַרום.

כ'האָב געגעבן אָבערלענדערן אַ ביסל געלט און גענומען ביי אים דעם אַדרעס פון זיין האָטעל. אויב איך וועל אים הייסט עס דאַרפן, וועל איך אים אָפזוכן. דערנאָך האָב איך זיך מיט דעם לערער אַרויסגעלאָזט אין גאַס. צוערשט האָבן מיר געזאָלט באַקוקן די יידישע אַנשטאַלטן, אָבער איידער וואָס־ווען, האָב איך געמוזט גיין צו אים אין שטוב, ווו מיר האָבן געגעסן אַ גוט מיטאָג, טאַקע מיט קרעפּלעך. דער לערער האָט דאַן געזאָגט צו זיין ווייב, אַז צום פאַרפאַסטן וועט ער, ווי זי ווייסט שוין, נישט קומען, און מיר לאָזן זיך אין גאַס אַריין. איך זאָג דעם לערער, אַז צו „כל נדרי” וויל איך גיין אין אַ שול הערן אַן עכטן יידישן בעל־תפלה, נישט קיין קאַנטאָר מיט אַ כאָר.

דער לערער זאָגט מיר צו, נאָר אַז ס'קומט דער אָוונט, פירט ער מיך אין אַ שול מיט אַ כאָר.

מ'האַלט נאָך אין מיטן די „יעלות”, שריי איך צו אים, אַז עס נודעט מיך, איז ער מסכים מיט מיר אַרויסצוגיין.

דרויסן רוימט ער מיר איין אַ סוד:

— איר ווילט האָבן פאַרגעניגן, נאָר טאָמער נישט, זאָלט איר אויף מיר נישט ברוגז זיין.

און דאָס זאָגנדיק, ציטערט ער אינגאַנצן. אַ געדאַנק פאַלט מיר איין, אַז דער ייִנגערמאַן פאַרשטייט מיך נישט, און ער וויל מיך פירן אויף יענע „מקומות”. די פאַנטאַזיע הויבט ביי מיר אָן אַרבעטן: די כל נדרי־נאַכט און אין דער נעץ פון זינד...

אָבער איך טראַכט מיר, אַז עס איז פאָרט אינטערעסאַנט

צו זעען וווהין ער וויל מיך פירן, און איך גיי מיט אים.

מיר דרייען זיך אריין אין אַ הינטערשטע גאַס, וואָס איז נישט ברוקירט און אַזוי קומען מיר צו אַ הויז. ער קלאַפּט געהיימניספול אָן אין דער טיר.

— ווער איז דאָרט? — הערט זיך אַ קול, און עס עפנט זיך אַ שפּאַרע אין דער טיר, און אַזוי ווי מ'דערזעט מיך אַ חוץ דעם לערער, וויל מען צוריק פאַרקלאַפּן די טיר. אָבער דאָ קלאַפּט מיין באַגלייטער נאָך אַמאָל אָן, און זאָגט:

— איך גאַראַנטיר!

און מיר ווערן ביידע אַריינגעלאָזט אין אַ גרויסער שטוב. אין שול זאָגט מען נאָך „יעלות", און דאָ זיצן ביי אַ גרויסן טיש יידן מיט בערד, אויף די פענסטער ליגן זעקלעך מיט טליתים. אויפן טיש שטייט אַ גרויסער סאַמאָוואַר, און דער עולם זיצט אָן די היטלען און מ'טרינקט. אַנדערע רויכערן נאָך צו אויך.

איך בין געבליבן שטיין ווי צומישט: אַזאַ בילד אין יע-נער צייט ביי אַזעלכע יידן אין דער נאַכט פון כל נדרי האָב איך מיר אַפילו אין דער פאַנטאַזיע נישט געקענט פאָרשטעלן. איך גלויב מיר מיינע אייגענע אויגן נישט, און קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן. ערשט איך דערזע פאַרשידענע שטיקלעך לייוונט און מאַסן, פאַרשטיי איך, אַז מיר געפינען זיך ביי אַ שניידער.

דער לערער שטעלט מיך פאָר פאַר די יידן און פאַר דעם בעל-הבית. דאָס איז אַ סאָלדאַטסקער שניידער מיטן נאָמען סמאָלענסקי. ער זיצט זיך טאַקע אין דער שפּיץ פון טיש אויס-געטון דאָס רעקל. מ'בעט מיך צו צום טיש און מ'גיסט מיר אָן טיי, אָבער איך זאָג זיך אָפּ צו טרינקען. איז מען מיך מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס, דערקלער איך, אַז איך רויכער נישט.

דער עולם, אַ מאַן 30—40, קוקט מיך אָן פאַרחידושט, אָבער איך דערקלער זיי, אַז זיי קענען טון, וואָס זיי ווילן, איך וועל זיי חלילה נישט שטערן, נאָר איך וועל נישט טרינקען און נישט רויכערן.

דערהערט ווער איך בין, הויבט דער עולם אָן צו שמועסן וועגן טעאַטער, מ'פרעגט מיך אויס וועגן דער טרופּע, און מיר

ווערן אינטימער. איינציקווייז געוווין איך זיך צו צום דאָזיקן מערקווירדיקן בילד, און איך פֿאַרבינד אַ שמועס מיטן בעל־הבית. זע איך, אַז ער איז אַ מערקווירדיקער טיפּ, לייג איך אים פֿאָר, אַז מיר זאָלן דערציילן אונדזערע ביאָגראַפֿיעס, ענטפֿערט מיר דער שניידער, אַז מיין ביאָגראַפֿיע אינטערעסירט אים נישט, נאָר זיינע וועט ער מאַכן בקיצור.

— געבוירן בין איך אין סמאָלענסק, כ'האָב נישט געקענט נישט מיין מוטער און נישט מיין פֿאָטער. ווען כ'בין אַלט געווען 5 יאָר, האָט מען מיך צוגענומען צו די סאָלדאַטן, כ'האָב געפּאַשעט חזירים, אָבער מען האָט מיר כּסדר געזאָגט, אַז כ'בין אַ זשיד. ווען כ'בין עלטער געוואָרן, האָב איך אָנגעהויבן מער צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָס באַדייט, אָבער באַלד האָט מען מיך ווידער אָפּגעגעבן אַלס סאָלדאַט. ווען מען האָט מיך געוואָלט שמדן, האָב איך געזען, אַז אַנדערע ווילן נישט, האָב איך אויך נישט געוואָלט. גראָד האָבן מיר געהאַט אַ גוטן קאָמאַנדיר, האָט ער אַזוי געלאָזט. כ'האָב אויסגעדינט 25 יאָר. כ'האָב זיך פֿאַרליבט אין אַ מיידל, אַ טאָכטער פֿון אַ סאָלדאַט. אַ יידישער סאָלדאַט האָט אונדז געגעבן חופּה וקידושין, אָט דאָס איז מיין מיידל, און מיין ווייב איז אין שול. ווען כ'בין באַפֿרייט געוואָרן פֿון די סאָלדאַטן, האָב איך זיך אויסגעלערנט שרייבן רוסיש און גוט ביינען. איך מעג וויגען אומעטום. מ'האָט מיך געראַטן פֿאָרן קיין יעליסאַוועטגראַד, ווייל דאָ שטייען תּמיד 15,000 סאָלדאַטן און עס זענען דאָ פֿאַראַן אָפֿיצירן און עס איז טאַקע אמת. דאָ האָט מען מיך אויסגעלערנט דאַווענען, שפּעטער האָט מיר מיין רבי געבראַכט יידישע ביכלעך. אין אָנהייב בין איך געווען אַ בעל־הבית אין שול, שפּעטער בין איך געוואָרן אָפּגעקילט, דערנאָך האָט מיך מיין רבי געלערנט העברעיש.

דער בעל־הבית האָט איבערגעריסן, און מיך אַריינגעפֿירט אין אַן אַנדערער שטוב. אַרום און אַרום איז געווען אַ ביבליאָטעק פֿון יידישע, העברעישע און רוסישע ביכער.

— איר זעט אָט די אַלע ביכער — זאָגט ער צו מיר — אַלץ געלערנט! יום־כּפּור האָב איך מיר געמאַכט פֿאַר אַ מצווה

„כל דכפין יתי ויאכל". מיין ווייב גרייט אָן פּאָר 20—30 מענטשן, און ווען מען גייט פון שול, גייט מען אויך פון מיין שול.

דידאַזיקע געשיכטע האָט אייגנטלעך נישט קיין שייכות צום יידישן טעאַטער, אָבער איך האָב זי דאָ דערציילט, כדי צו כאַראַקטעריזירן יענע צייט אין וועלכע אַ פּאַרוואַלטער פון אַ יידישן טעאַטער האָט געמיינט, אַז ער מוז זיך מאַכן פרום, כדי מ'זאָל נישט באָיקאָטירן די טרופּע, בעת אין דער ווירקלעכקייט האָבן אפיקורסים שוין דאַמאָלס נישט געפעלט.

אָפּגעוואַרט עטלעכע טעג, איז טאַקע דער דירעקטאָר צו־ריקגעקומען, אָבער כאָטש גיב אים אַ קרענק, וויל ער נישט פאַרדינגען דעם זאַל אויף יידיש טעאַטער. אַלס באַזונער האָט ער ליב יידן, נאָר פּריינלאָזן יידיש טעאַטער וויל ער נישט. ער וויל נישט טריף מאַכן דעם בנין.

נישטאָ, אַלזאָ, קיין אנדערע ברירה, ווי אַהיימצופאָרן קיין אָדעס, אָבער דאָ איז ווידער נישטאָ אויף דער הוצאה, מ'האָט מיר טאַקע געזאָלט שיקן געלט, אָבער געשיקט האָט מען נישט. לאָז איך איבער ביים בעל־הבית פון דער אכסניה מיינע מלבושים און 6 צענזורירטע פּיעסן, וועלכע כ'האָב מיטגענומען מיט זיך. דער בעל־הבית האָט זיך אַפילו שטאַרק געקווענקלט אויב די ביכלעך האָבן עפּעס אַ ווערט, אָבער נאָכדעם ווי כ'האָב אים אויפגעוויזן, אַז אָן די ביכלעך קאָנען מיר זיך נישט רירן, האָט ער דאָך מסכים געווען און מיר געגעבן אויף הוצאות.

געקומען קיין אָדעס. קיינער איז נישטאָ. די גאַנצע טרופּע איז אין ניקאָלאַיעוו. פאָר איך אַהין, דאָ דאַרף מען מיך טאַ־קע האָבן, און נישט אזוי מיך ווי די צענזורקעס.

— ווו זענען די צענזורירטע פּיעסן?

— די פּיעסן זענען פאַרזעצט!

און וואָס זאָל איך אייך זאָגן: עס איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם ביז מען האָט אויסגעלייזט די פּיעסן און מיינע מלבושים.

אין ניקאָלאַיעוו האָב איך דערפילט, אַז כ'בין שוין איינ־

גאַנצן איבעריק, און כ'האָב זיך ווידער געווענדעט צו גאָלד־פּאַדענען, אַז איך וויל אַהיימפאָרן קיין יאַס.

גאָלדפאַדען האָט נישט אָפּגעלייקנט, אַז ער דאַרף מיך מער נישט האָבן, נאָר ער האָט צו מיר אַן ענין. אַזוי ווי ער האָט אַ ברודער נפתלי און ער האָט אים אַרויסגעשיקט מיט אַ טרופּע קיין קעשענעוו, און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז דער ברודער טויג נישט, ער איז אַ הוליאַק, זאָל איך פאָרן צו אים אַלס פאַרוואַלטער.

איך האָב אַ טראַכט געטון, אַז אַ היים קיין יאַס מוז איך דאָך פאָרן דורך קעשענעוו, האָב איך מסכים געווען.

איך בין אַרויס פון אברהם גאָלדפאַדענס טרופּע. ראָזי פרידמאַן האָט געהאַלטן אונדזער אָפּמאַך, און איז אויך אַרויס און איך בין אוועקגעפאָרן צו נפתלי גאָלדפאַדענס טרופּע אין קעשענעוו.

די טרופּע האָט דאָ געשפּילט אין גראָסמאַנס טעאַטער. דאָס איז געווען אַ שטאָטיש טעאַטער, וואָס האָט געהערט צו אַ יידן, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ האָטעל, וווּ די אַקטיאָרן זענען איינגעשטאַנען.

די אַקטיאָרן האָבן גאַנצע טעג געשיכורט, מ'האָט גע־האַלטן אין איין שפּילן אין קאָרטן, קיינער האָט נישט געהאַט אין זינען דאָס שפּילן און די געשעפטן זענען געווען טאַקע אַזעלכע, אַז די אַקטיאָרן זענען שוין געווען פאַרשולדיקט ביז איבערן קאָפּ, און קיינער האָט זיי שוין נישט געוואָלט געטרויען קיין פּרוטה. עס איז געווען אַ רוינע, נישט קיין טעאַטער און איך האָב געזען, אַז איך האָב נישט דאָ וואָס צו פאַר־וואַלטן.

אוועקפאָרן אַליין גלוסט מיך אָבער נישט. שרייב איך אַוועק אַ בריוול צו מיין ווייב, אַז זי זאָל מיך קומען אַהיים־נעמען, ווייל כ'שעם זיך אַליין אוועקצופאָרן.

מיין ווייב איז טאַקע באַלד געקומען צו פאָרן. ווען נפתלי גאָלדפאַדען האָט געהערט, אַז איך פאָר אַהיים, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד:

— וואָס הייסט, איר פאָרט אַהיים? אברהם האָט דאָך אייך געשיקט אונדז אַרויסצונעמען פון דער בלאָטע.

און דאָ איז מיין ווייב געפאַלן אויף אַ גוטן פּלאַן:

— וואָס זאָל אָבער מיין מאַן טון, אַז אונדזער קינד איז קראַנק און ער מוז אַהיימפאָרן.

און איך ווידער גיב נאָך צו, אַז אפשר וועל איך דער־ווייל אין יאַס שאַפן געלט, און וועל אַראָפּנעמען אַהין די טרופּע.

איך האָב געוווּסט, אַז איך נאַר אים פּשוט אָפּ, וואָרום כ׳האָב גאָרנישט געטראַכט עפּעס צו טון פאַר דער טרופּע, אָבער איך האָב שוין געוואָלט אַרויסקומען, און איך בין טאַ־קע אַהיימגעפאָרן מיט מיין ווייב.

געקומען אַהיים פרעגן מיך מיין ווייב מיט איר מוטער:

— נו, וואָס וועט יעצט זיין?

— איך וויל מער נישט קענען קיין טעאַטער — דער־קלער איך פייערלעך — כ׳האָב זיך באַנאַרישט אַ יאָר־אַנדערט־האַלבן. כ׳בין אָבער נאָך אַ יונגערמאַן. גענוג! אויס טעאַטער. פאַר מיר עקזיסטירט מער נישט קיין טעאַטער!

10

דאָס טעאַטער ציט...

„צו להכעיס" גאָלדפאַדענען — ספּיוואַקאָווסקיס פּלאַן — דער צענזאָר, וואָס זאָגט אונטער — אַ מאָדערנער האָמער — די פאַרייניקונג פון צוויי טרופּעס — ווי אַזוי מפטרט שלעכטע אַקטיאָרן — דער סוף פון אַרמענישן געליבטן — איך גיי גיך אַן אויסגע־טראָטענעם וועג — פּעטש אָנשטאָט געלט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום קומט אַ גאַסט אין שטעטל יעקב ספּיוואַקאָווסקי. אַ הויכער שיינער מאַן, ער האָט געהאַט

געשפּילט ביי גאָלדפּאַדענען און ער האָט מיך געקענט, און דעריבער געקומען צו מיר אין שטוב. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט, און איך פרעג אים אויב ער איז געקומען מיט אַ טרופּע.

שטעלט זיך אַרויס, אַז ניין, ער איז געקומען איינער אַליין, ער האָט געהערט, אַז איך בין צוקריגט מיט גאָלדפאדענען.

ענטפער איך אים, אַז צוקריגט מיט גאָלדפּאַדענען בין איך נישט, נאָר איך בין סתם בייז אויף אים.

— גוט — זאָגט ספּיוואַקאָווסקי — איך וויל צונויפשטעלן אַ טרופּע אויף רוסלאַנד. איינמאָל צו האָבן פּרנסה, צווייטנס, אָפּצוטון גאָלדפּאַדענען אויף להכעיס, אַז ער זאָל נישט מיינען, אַז ער איז איינער.

מיר איז זייער געפעלן דער „להכעיס", און עס האָט זיך אין מיר צופלאַקערט אַ חשק אים מיטצוהעלפן.

— קיין געלט האָט איר דאָך אבער נישט? — פרעג איך אים.

— ניין. נאָר איידער מ׳וועט צונויפשטעלן אַ טרופּע, וויל איך מאַכן עטלעכע דעקלאַמאַציע-אָוונטן.

אויב עס וועט האָבן אַ מאַטעריעלן דערפאָלג האָב איך נישט געקאָנט וויסן, נאָר אַז אַ מאָראַלישן, יאָ, דאָס האָב איך געוווּסט, ווייל ספּיוואַקאָווסקי איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּאָרלעזער.

אין יאַס איז געווען א גוויישער גאָרטן, האָט ער געהייסן „מאַקס-גאָרטן" (נישט שמעון מארקס), בין איך אַוועק צום בעל-הבית, און האָב רעקאָמענדירט ספּיוואַקאָווסקין. ער האָט דעקלאַמירט אין דעם גאָרטן אייניקע אָוונטן, און האָט טאַקע פאַרדינט אייניקע הונדערט פראַנק. איך האָב ביי אים אַלס פאַרוואַלטער גאָרנישט גענומען באַצאָלט, נאָר כ׳האָב עס געטון בלויז אַלס אַמביציע, פאַרוואָס ער האָט זיך צוקריגט מיט גאָלדפּאַדענען.

דער כעס אויף גאָלדפּאַדענען איז ביי מיר געווען זייער גרויס צוליב זיין פירונג, און צוליב זיין האַלטונג צו די אַקטיאָרן און קילער באַציונג צו מיר.

נאָך עטלעכע טעג פּאַלט צו מיר אַריין ספּיוואַקאָווסקי מיט אַ פּלאַן, אַז אַזוי ווי אין באָטאַשאַני, וווּ גאָלדפאַדען איז מיט זיין טרופּע אין אָנהייב דורכגעפאלן, שטייען איצט לאַטיי־נער מיט מאָגולעסקאָ, און זיי מאַכן שלעכטע געשעפטן, וואָלטן מיר געדאַרפט דאָרט אַריינפאָרן.

אַז מיין ווייב האָט דערהערט ווי מיר פּלאַנעווען צוזאַמען וועגן פאָרן, רופט זי זיך אָן צו מיר:

— דו האָסט דאָך געוואָלט אָפּלאָזן דאָס טעאַטער?!

— כ'האָב ווידער באַקומען חשק — ענטפער איך איר — לאָמיך נאָר פאָרן מיט אים, און מער נישט.

און אַזוי בין איך מיט ספּיוואַקאָווסקין געפאָרן קיין באָ־טאַשאַני. דאָרט האָבן מיר טאַקע געטראָפן אַ טרופּע. די נעמען פון די אַקטיאָרן געדענק איך נישט, און אַלע פיר: לאַטיינער, מאָגולעסקאָ, ספּיוואַקאָווסקי און איך זענען מיר אַריינגעפאָרן קיין אדעס. דאָרט איז גראָד קיינער נישט געווען, ווייל אברהם גאָלדפאַדען האָט נאָך געשפּילט אין ניקאָלאַיעוו, און זיין ברו־דער נפתלי האָט זיך נישט געקענט אַרויסדרין פון קעשענעוו.

דאָס „מאַרינסקי־טעאַטער” אין אָדעס האָט געהערט צו איינעם אַ גרעק מיטן באַרימטן נאָמען האָמער, אַ שיינער, הויכער מאַן מיט 2 גרויסע באַקן־בערד. ער פלעגט פאַרדינגען דאָס טעאַטער פאַר פאַרשידענע טרופּעס אין אַלערליי לשונות. זומער פלעגט ער פאַרדינגען דאָס טעאַטער אויף אַ גאַנצער וואָך. ווינטער פלעגט ער האַלטן אַ רוסישע טרופּע, און אייניקע טעג אין וואָך פלעגט ער אָפּגעבן דאָס טעאַטער פאַר אַנדערע טרופּעס. לאַטיינער און מאָגולעסקאָ האָבן געמאַכט מיט האָ־מערן אַ קאָנטראַקט. ספּיוואַקאָווסקי איז געבליבן אין אָדעס דערווייל צו מאַכן דעקלאַמאַציע־אָוונטן און איך האָב גענומען איבערשרייבן צענזורקעס. דערביי האָב איך זיך מיישב געווען מיטן צענזאָר באַרדאַך, וואָס איך זאָל יאָ שרייבן און וואָס נישט. פאַר מיין אַרבעט האָט מיר האָמער געצאָלט 90 רובל אַ חודש, און אין קאָנטראַקט איז אויסגערעדט געוואָרן, אַז ער איז גילטיק נאָר אויב די פּיעסן וועלן צענזורירט ווערן.

נאָכן איבערשרייבן די צענזורקעס פון די עטלעכע פּיעסן, וועלכע די נייע טרופּע האָט גערעכנט צו שפּילן, בין איך אהיימגעפאָרן, ווייל האָמער האָט דערקלערט, אַז אַזוי ווי ער איז שותּפות מיט דער טרופּע, דאַרף ער נישט קיין פּאַרוואַל־טערס. ער וועט אַליין פּאַרוואַלטן.

אַהיימגעקומען צו מיין ווייב, זאָג איך צו איר:

— מעגסט מאַכן פּטור שפּטרני. איך גיב זיך מער נישט אָפּ מיט טעאַטער.

עס איז אָבער נישט אַזוי געווען:

איינמאָל באַקום איך אַ בריוו פון פּאָקשאַני. עטלעכע אַקטיאָרן און אַקטריסעס פון דאָרט, צווישן זיי איינער ראָזענ־בלום, אַ געוועזענער בעקער, אַ שלעכטער אַקטיאָר, אַ פּיסק, וואָס האָט זיך ליב צו קהלן, און גאָלדיצע, שרייבן מיר, אַז זיי האָבן געהערט, דאָס איך האָב זיך צוקריגט מיט גאָלדפאַ־דענען, האָבן זיי געטאַנצט פאַר שמחה, און אַזוי ווי איך האָב געראַטעוועט גאָלדפאַדענען, בעטן זיי מיך, אַז איך זאָל אויף זיי רחמנות האָבן, און קומען צו זיי, זיי וועלן זיין מיינע ק נ ע כ ט.

באַקומען דעם בריוו, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער חשק צוצופאָרן צו זיי. אָבער דאָסמאָל האָט זיך מיין ווייב געשטעלט אַקעגן. זי האָט געטענהט, אַז איך מוז שוין אַמאָל האַלטן וואָרט און איבעררייסן מיט די אַקטיאָרן. אָבער וואָס מער זי האָט גערעדט אַנטקעגן, אַלץ מער האָט זיך דער חשק אין מיר צופלאַקערט און איך האָב מיין ווייב איבערגערעדט, און בין געפאָרן קיין פּאָקשאַני.

געקומען אַהין — אַ שמחה, אַ גדולה. זיי וואָלטן מיר גערן געשיקט אויף הוצאות, נאָר זיי האָבן נישט געהאַט.

איך ווייס נישט ווי אַזוי עס איז געשען, נאָר ווען מ'האָט דאָרט באַקומען פון מיר אַ בריוו, אַז איך קום, איז געוואָרן אַ טומל, אַזוי, אַז אַלע האָבן געמיינט, אַז עס קומט אַ גביר, וואָס וועט שוין באַצאָלן אַלע חובות פון דער טרופּע. מ'האָט מיך אָפּגעפירט אויף אַ דראָשקע אין „רויטן האָטעל" פון איי־

געם פּנחס, און דאָס איז געווען אַ נייער באַווייז, אַז ס׳איז געקומען אַ גביר. און דאָ איז געקומען דער אמתער קבצן.

אָפּגעפרייט זיך, זאָג איך צו זיי:

— איך וויל זען אייער טרופּע שפּילן.

— ווי אַזוי קאָן דאָס זיין, אַז מיר שפּילן גאָרנישט? — פרעגן זיי מיך.

— טאַ מאַכט עקסטרע פּראָבע פון אַ שטיק, וועל איך שוין זען.

מיר זענען אַוועק אין „ליפּעסקוס טעאַטער״, וואָס האָט געהערט צו איינעם אַ קריסט, אַן אַקטיאָר, וועלכער פלעגט אַליין דאָרט שפּילן. נאָר עטלעכע מאָל אין וואָך פלעגט ער פאַרדינגען דאָס טעאַטער.

לויט דעם טאַראַראַם, וואָס די טרופּע האָט געמאַכט מיט מיר, האָט ליפּעסקו אויך געמיינט, אַז די טרופּע האָט געפּאַקט עפּעס אַ העכט, אַ גביר.

אַליין שפּילן האָב איך נישט געקענט, און טאַקע אויך קיינמאָל נישט געפּרוּווט, אָבער אַ מבין אויף יענעמס שפּילן בין איך שוין דורך דער צייט געוואָרן. ווי זאָגט עפּעס דאָס ווערטל: „אַ שיקסע ביים רב לערנט זיך אויך אויס פּסקענען שאלות״, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין טעאַטער און געהייסן די חברה שפּילן זייערע אַ פּיעסע, נאָר אָן קאָסטיומען און אָן גרים.

אָפּגעשפּילט, זאָג איך צו דער חברה:

— קינדערלעך, איר קאָנט נישט שפּילן קיין טעאַטער. אייער שפּילן קאָן נישט געפעלן, דעריבער קומט מען נישט צו אייך. איר האָט 3–4 קרעפטן, די איבעריקע זענען העלפער. איר וואָלט בעסער געמאַכט ווען איר שפּילט וואָדעווילן.

חברה זענען געוואָרן אינגאַנצן צעמישט. נאָר דאָ רוימט מיר איין אַן אַקטיאָר, אַז אין באַקוי איז אויך דאָס זעלבע און ס׳האָלט דעריבער גלייך געווען צו פאַרייניקןביידע טרופּעס. דאָס איז מיר זייער געפעלן, און איך זאָג בקול רם:

— קינדערלעך, איך פאָר קיין באַקוי. אָבער אפשר ווייסט איר ווער ס׳איז דאָרט די טרופּע?

— יאָ, מיר וועלן אייך זאָגן — באַקום איך אַן ענטפער — דאָרט זענען גראַדנער, האָראָוויטש, וויינטרויב.

געקומען קיין באַקוי, האָב איך דערזען, אַז דאָרט איז אויך נישט פריילעך. אָט, למשל, האָט דער אַקטיאָר ווייבטרויב, נישט קיין פּרימאַ אַקטיאָר, געדאַרפט געבן פּרנסה אַ ווייב, אַ שוויגער, אַ שוועגערין און 2—3 קינדער.

צווישן דער טרופּע איז געוואָרן אַ מהומה. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז כ׳בין שוין מער נישט ביי גאָלדפאַדענען, און אייניקע האָבן דעריבער געמיינט האָסן, אַז גאָלדפאַדען האָט מיך געשיקט צו זיי אַריבערנעמען זיי צו אים. אַנדערע, די שוואַכערע, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז איך וועל אַרויסנעמען די בעסערע און זיי וועלן בלייבן כצאן בלי רועה, זענען געווען צעטראָגן. מיט איין וואָרט, טייל האָבן געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ גזלן, טייל ווי אויף אַ מלאך.

איך האָב אָבער אַלעמען דערציילט דעם גאַנצן אמת, צוליב וואָס און פונוואַנען איך קום. גראַדנער מיט האָראָוויטשן האָבן באַלד מסכים געווען צו דער פאַרייניקונג.

אָבער עס שטייט פאַר אונדז די פראַגע, וואָס וועט מען טון מיט די אָרעמע נעבעך, וואָס קאָנען נישט שפּילן, און שפּילן יאָ. אַריינעמען זיי אין דער פאַראייניקטער טרופּע קאָן מען נישט און איבערלאָזן אויף הפקר קאָן מען דאָך אויך נישט.

דאָ רופט זיך אָבער אָן איינער פון די קאַליקעס:

— וואָס ברעכט איר זיך אַזוי דעם קאָפּ, וואָס האָב איך, אַז כ׳שפּיל יאָ? אַז מ׳וועט מיר געבן אויף הוצאות, פאָר איך אַהיים.

חברה הייבן זיך אָן פאַר מיר אַראָפּצורעדן. די האָר פון קאָפּ זענען נישט זייערע. מ׳שטעלט מיר פאָר אַ פרוי שרהטשע זילבערמאַן, וואָס זיצט גראָד שבעה און וואָס קאָכט פאַר זיי עסן. זי זיצט אין די זאָקן, און דערציילט מיר פון איר בראָך. זי איז אומגליקלעך: עס קומט איר אַזויפיל געלט ביי די שפּילער.

איך לייג פאָר אויסצוקלייבן די בעסטע קרעפטן פון באַ-

קוי און מיר וועלן צוזאַמען אַריינפאָרן קיין פאקשאני. איך בין זיכער, אַז די געשעפטן וועלן זיך תּיכּף פאַרבעסערן, און דאַן וועט מען זיך צוערשט אויסלייזן פון די דאָרטיקע חובות, דערנאָך פון די באַקוויער.

ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט אַ יידל, וואָס באָרגט געלט אויף הוצאות. ער וויל זיצן ביי דער קאַסע. צוזאַמען וועלן זיין 7—8 מענטשן. קיין שום זייטיקע פּרעסער. אַ פאַרגעניגן!

מיר האָבן צו מזל אָנגעהויבן שפּילן אין פאקשאני, אָבער דערווייל איז שוואַך. נאָר דאָ האָט זיך אונטערגערוקט אַן אַרמענער, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין גאָלדיצאַן, און אין איר זכות האָט ער נאָך פריער געבאָרגט געלט דער טרופּע. ווען מיר האָבן אָבער דערזען, אַז דער אַרמענער מיינט נישט קיין געלעכטער מיט גאָלדיצאַן, האָבן מיר זי אַוועקגעשיקט. דער אַרמענער האָט אָנגעהויבן שרייען, ווו איז זיין געלט. ער האָט געמאַכט שרעקלעכע סקאַנדאַלן. האָבן מיר אים דערקלערט, אַז אויב דאָס געלט קומט ביי דער טרופּע, וועט ער עס צוריקבאַקומען, נאָר אַזוי ווי קיין געלט האָבן מיר נישט, האָט ער מסכּים געווען צו נעמען ביי אונדז פאַר זיין חוב צוויי פאָרשטעלונגען. די אַקטיאָרן וועלן שפּילן אומזיסט, און ער האָט נאָר בלויז אַרומצוגיין אין שטאָט און פאַרקויפן די בילעטן.

אַזוי ווי דער אַרמענער האָט געזען, אַז דער עולם האָט שוין אָנגעהויבן צו קומען אין טעאַטער, איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט לייכט באַקומען פאַרקויפט זיינע בילעטן. ער האָט גענומען די בילעטן און אונדז צוריקגעגעבן די וועקסלען, וועלכע די אַקטיאָרן האָבן אים געהאַט געגעבן.

דער אַרמענער האָט זיך דאַן געלאָזט אין גאַס אַריין מיט די בילעטן. יעדערער האָט אָבער געמאַכט חוזק פון אים, און ער האָט קיין איין בילעט נישט פאַרקויפט, און נאָך צוגעלייגט אַביסל הוצאות, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין דער געשיכטע.

ער איז געווען שרעקלעך אויפגערעגט, אָבער אונדז האָט עס שוין נישט געאַרט, וואָרום אונדזערע וועקסלען האָבן מיר שוין געהאַט אין האַנט.

די געשעפטן אין פאקשאני האָבן זיך דערווייל פאַרבע־ סערט און מיר האָבן געגעבן אונדזערע קאַליקעס אויף הוצאות און זיי אויסגעשיקט. דערנאָך האָט זיך אונדזער טרופּע גע־ לאָזט קיין באַקוי.

דאָ האָט מען געמאַכט זייער גוטע געשעפטן און מ'האָט אָפּגעצאָלט אַלע חובות, דאַרונטער אויך דער אלמנה. אַלעמען האָט מען באַצאָלט גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

פּרימאַדאָנע אין אונדזער טרופּע איז געווען שרהלע גאָלד־ שטיין. אָבער אין געהיים האָבן זי און איר מאַן זיך אָפּגערעדט מיט מאָגולעסקאָן, אַז זיי זאָלן פאָרן צו אים קיין אָדעס. גראַד־ בערס ווייב ווידער איז געווען בייז, וואָס שרהלע איז די פּרי־ מאַדאָנע, איז זי צוזאַמען מיט איר מאַן אַרויס פון דער טרופּע, און אונדזער גאַנץ שיינדל איז פאַרבליבן שרהלע גאָלדשטיין.

אָפּגעשפּילט אַ שטיקל צייט אין באַקוי, בין איך געפאָרן קיין יאַס. דאָרט האָב איך אָפּגעמאַכט מיט מאַקסן, אַז ער זאָל אונדז דערלויבן אויף אונדזער חשבון צוצושטעלן אַ פּערטע וואַנט צו די דריי ווענט פון זיין גאָרטן, כדי מיר זאָלן דאָרט קאָנען שפּילן. כ'האָב דאָ באַקומען געבאָרגט ביי איינעם 5000 פראַנק און געהייסן קומען די טרופּע. אַזוי ווי גראַדנער מיטן ווייב זענען נאָך געווען אין באַקוי, בין איך געווען זיכער, אַז עס וועט זיך איינגעבן זיי צוריק אַריינצוקריגן אין דער טרופּע, וועלכע האָט געוואַרט אין באַקוי, אַזוי, אַז די טרופּע וועט זיין אַ גענוג שטאַרקע.

איך האָב דעפּעשירט דער טרופּע, אַז איך קום מיט געלט זיי נעמען קיין יאַס. אָנגעקומען קיין באַקוי האָט מען מיר תיכּף אויפן וואָקזאַל אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז שרהלע גאָלדשטיין מיטן מאַן זענען פון באַקוי אָפּגעפאָרן קיין אָדעס צו מאָגולעס־ קאָן. דאָס האָט מיך זייער פאַרדראָסן. און באַזונדערס האָב איך אין דעם געזען אַ גרויסע סכּנה פאַרן געשעפט. האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם שפּיצל, וואָס חברה האָט מיר אַמאָל אָפּגע־ טון, ווען איך האָב ביי זיי צוגענומען ראָזי פרידמאַן, און איך בין אַוועק צום פּראָקוראָר און אים געמעלדעט, אַז אַזוי ווי די

צוויי אַקטיאָרן האָבן מיך באַגנבעט, בעט איך, אַז מ׳זאָל זיי טעלעגראַפיש פאַרהאַלטן אויפן וועג.

דער פּראָקוראָר האָט מיר דערויף געענטפערט, אַז איך זאָל וויסן, אַז איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער באַשולדיקונג. איך בין אָבער געווען אַזוי שטאַרק אויפגעבראַכט, אַז כ׳האָב גאָרנישט נאָכגעטראַכט, וואָס פאַר אַ שטראָף מיך קאָן דערוואַרטן און כ׳בין געבליבן ביי מיין מעלדונג. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז באַלד אָנגעקומען אַ דעפּעשע, אַז מ׳האָט די צוויי אַקטיאָרן מיט אַ פּיצעלע קינד פאַרהאַלטן אין טעקוטש.

דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיט פיר וואָכן צוריק האָב איך שרהלען געשאָנקען אַ טעאַטער-קאָסטיום, נאָר אַזוי ווי זי האָט נישט געהאַט קיין עדות, אַז איך האָב עס איר געשאָנקען, האָב איך מיך באַשלאָסן דערויף צו שטיצן, ד. ה. צו טענהן, אַז אָט דעם קאָסטיום האָט זי מיר צוגעגנבעט.

גראַדנער האָט מסכים געווען צוריק אַריינצוטרעטן אין דער טרופּע, און זאַלבעדריט: גראַדנער, האָראָוויטש און איך זענען מיר געפאָרן קיין טעקוטש פירן פאַרהאַנדלונגען מיט די אַרעסטירטע גאָלדשטיינס. איך האָב פאַר איר געוויינט, ווי אַזוי קאָן זי מיך שטעלן אין אַזאַ לאַגע. איך האָב אומיסטן געבאָרגט 5000 פראַנק און דערצו אין מיין שטאָט. און זי האָט זיך ענדלעך פאַרגלייכט, אַז זי פאָרט צוריק אויף אַ שטיקל צייט שפּילן מיט אונדז און דערנאָך וועט זי פאָרן קיין אָדעס.

אַזויווי זי איז געשטאַנען אונטער אַ באַשולדיקונג, האָט מען זי, לויטן געזעץ, געמוזט פירן קיין יאַס מיט אַ סאָלדאַט, און איך האָב געמוזט באַצאָלן באַן-געלט אויך פאַרן סאָלדאַט.

געקומען קיין יאַס, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי טראַגט אויף מיר אַ שטאַרקן כעס, און זי וועט זיכער פלוצלונג אַנטלויפן, דעריבער האָב איך מורא געהאַט זי צו לאָזן איינשטיין אין דער פרעמד, און כ׳האָב זי מיטן מאַן און קינד אַריינגענומען צו אונדז, כאָטש עס איז געווען זייער ענג אין אונדזער וווינונג.

שרהלע האָט איינגעזען, אַז מיר ווילן זי נישט אַרויסלאָזן,

איז זי געפֿאַלן אויף אַן אַנדערן פּלאַן: זי האָט אָנגעהויבן אַזוי שלעכט צו שפּילן, אַז אָנשטאָט צו פּאַטשן איר בראַוואָ, האָט מען זי אָנגעהויבן אויסצופֿייפֿן.

מיר האָבן געזען, אַז מיר זענען אַרייַנגעפֿאַלן, האָבן מיר באין ברירה זיך געמוזט איבערבעטן מיט פֿרוי גראַדנער.

איינמאָל בייַנאַכט נאָכן שפּילן, איז צווישן אונדז געווען אַ סקאַנדאַל, וועלכן איך וועל קיינמאָל אין מייַן לעבן נישט פֿאַרגעסן: איך פֿלעג איר זאָגן „דו". רוף איך זי אַרייַן אין גאַרדעראָב-צימער, וווּ קיינער איז נישט געווען, און זאָג צו איר:

— שרהלע, לאָמיר זיך אויסטענהן. זאָג מיר דעם אמת, דו ווילסט פֿאָרן קיין אַדעס?

— יאָ — ענטפֿערט זי און קוקט מיר חוצפּהדיק אין די אויגן אַרייַן.

איך בין געוואָרן זייער אויפֿגערעגט און האָב כמעט אויסגעשריגן:

— ווייסטו כאָטש, שרהלע, אַז דו קאָסט מיך 4200 פֿראַנק, און אַזוי ווי באַצאָלן ווילסטו דאָך מיר נישט, וועל איך מיר אַליין נעמען באַצאָלט.

און דאָס זאָגנדיק האָב איך איר געגעבן צוויי פּעטש. זי האָט גאָרנישט געענטפֿערט. מיר זענען צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען. און צומאָרגנס איז זי אָפּגעפֿאָרן קיין אַדעס.

עס איז שוין אַ לאַנגע געשיכטע, אָבער די עולה צו שלאָגן און דערצו נאָך אַ פֿרוי, פֿיל איך הייַנט אַקוראַט ווי עס וואָלט נאָר וואָס געשען.

11

דער ערשטער מאַרש קיין גאַליציע.

האַראָוויטש אַלס פּאַרפּאַסער — מ׳פאָרט קיין גאַ־ליציע — פּוילישע אַקטיאָרן מסרן — גראַף פּאָ־טאָצקי דערלויבט ספּעציעל צו שפּילן יידיש טע־אַטער — אַ פרייקאַרטע פאַר 10 גרייצער — פּיעסן זענען פאַראַן אין אָדעס — די נייע דירעקטאָרן — איך מיט בערגערן ווערן דירעקטאָרן.

עס איז שוין געווען נאָך פּסח און כ׳האָב ווידער גענו־מען דעם „פּאָמול ווערדי", דעם גאָרטן, ווו גאָלדפאַדענס טרו־פּע האָט געשפּילט, בעת ער איז געווען אין פּעטערבורג. די טרופּע איז געווען אַ קאָאָפּעראַטיווע, נאָר איך און האָראַוויטש זענען מיר געווען די הויפּט־מאַכער. איך, ווייל כ׳האָב געפירט די אַדמיניסטראַטיווע זייט און האָראָוויטש, ווייל ער איז גע־ווען דער „פּאַרפּאַסער" פון דער טרופּע. ער איז געווען גוט באַוואַנדערט אין תנ״ך און להבדיל אין קאָצעבויס פּיעסן און פלעגט פון ביידע קוועלן מאַכן „אייגענע" פּיעסן.

געלט האָט מען פונדעסטוועגן געדאַרפט ווייטער באָרגן, און דידאַקטישע אָפּעראַציעס האָבן מיר געמאַכט מיטן דיקן לוד־נער אָדער מיט נאָדלערן. זיי האָבן אונדז געטרויט, ווייל לוד־נער האָט גוט געדענקט, ווי אַזוי איך האָב אין אָדעס אַכטונג געגעבן, אַז מ׳זאָל אים אָפּגעבן זיין חוב.

מ׳האָט געשפּילט אַ שטיק צייט, געמאַכט אַ סך געלט און אַריין אין חובות.

גראַדנער און האָראָוויטש האָבן געשפּורט און געהוליעט און געהולטייעט אויף וואָס די וועלט שטייט.

אָבער שולדיק חובות איז נישט געווען די טרופּע, נאָר יעדער אַקטיאָר פאַר זיך, און כדי צו באַצאָלן די חובות, האָט זיך יעדער אַקטיאָר אָנגעהויבן מאַכן בענעפיסן.

דער רעפּערטואַר איז אָבער געווען אַ קליינער. פריער

פלעגט מען שפּילן נאָר 3—2 מאָל אין דער וואָך, שפּעטער אָבער האָט מען אָנגעהויבן שפּילן אַלע טאָג און מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַמערקן, ווי ס'ווערט אַלץ שיטערער אין טע-אַטער, ווייל דער עולם האָט שוין געהאַט געזען אַלע פּיעסן, וועלכע מיר שפּילן. מ'האָט דעריבער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאָרן אין אַן אַנדערע שטאָט, אָבער אין די גרעסערע שטעט האָבן מיר שוין דאָך געשפּילט, בלייבן נאָר די קלענערע ערטער און אַזעלכע ערטער זענען פאַראַן נישט קיין סך, טאָ וואָס וועט זיין דער תכלית? פּאַלט מיר איין אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין גאַליציע, קיין לעמבערג.

דערהערט פון מיין פּלאַן, צולאַכט זיך דער עולם, אָבער מ'שמועסט אַהער און מ'שמועסט אַהין און סוף כל סוף באַ-שליסט מען, אַז איך בין גערעכט, און אַזוי ווי איך שפּיל דאָך נישט און מ'דאַרף דינגען אין לעמבערג דאָס טעאַטער און אַרויסנעמען דערלויבענישן, בלייבט, אַז איך זאָל פאָרן קיין לעמבערג.

געקומען אַהין, שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָ מוז מען האָבן אַ טעאַטער-אַגענט, וואָס זאָל די אַלע זאַכן מאַכן אין אָרדענונג. איך האָב מיר אויסגעזוכט איינעם אַ ווינקל-אַדוואָ-קאַט און ער איז אומעטום מיט מיר מיטגעגאַנגען. מיר האָבן גענומען דעם „יעזואיטן-גאָרטן", אָנגעוויזן די נעמען פון די פּיעסן, וועלכע מיר וועלן שפּילן, געמאַכט אַ קאָנטראַקט און געגעבן דעם אייגנטימער פון גאָרטן האַנט-געלט, און זיך גע-נומען גרייטן אַראָפּצוברענגען די טרופּע, קומט פּלוצלונג אָן אַ מעלדונג פון דער פּאָליציי, אַז צוליב פאַרשידענע סיבות דערלויבט זי נישט אונדזערע פאָרשטעלונגען. עס איז געווען קלאָר, אַז די פּוילישע אַקטיאָרן האָבן געהאַט אַ האַנט אין דעם שפּיל. זיי האָבן זיך פּשוט דערשראָקן פאַר קאָנקורענץ.

בעל-הבית איבער גאַליציע איז דאַמאָלס, אין 1880, גע-ווען גראַף פּאָטאָצקי, אַ זקן פון 70 יאָר און אפשר מער. אָפיציעל האָט ער געהייסן „שטאַטסהאַלטער פאַן גאַליציען", באַר יידן פלעגן אים רופן „שני למלך", און האָבן זיך אָנ-

דערציילט וועגן אים זייער גוטע זאַכן, ראַט מען מיך, אַז איך זאָל נעמען ביי אים אַן אוידיענץ וועגן דער גזרה אויף אונדז, און אַז איך וועל זיכער ביי אים פּועלן אָפּצושאַפן די גזרה. האָב איך מיר געדונגען פאַר 22 גולדן אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט מיר אויפגעשריבן אַ פּעטיציע, און מיך אויסגעלערנט ווי צו האַלטן זיך און וואָס צו ענטפערן אויף די פראַגן, וועלכע גראַף פּאָטאָצקי וועט מיר געוויס שטעלן. צום שטאַטסהאַלטער האָט מיין אַדוואָקאַט אַוועקגעשריבן אַ ביטע וועגן דער אוידיענץ, און איך האָב באַקומען אַן ענטפער ווען צו קומען. איך האָב מיר געבאָרגט אַ פראַק און אַ צילינדער, וואָס מ׳קאָן פאַרמאַכן (טשאַפּאַ—קלאַק), און אַוועק צו דער אוידיענץ. אויפן וועג האָב איך מיר געחזרט די אָנווייזונגען פון אַדוואָקאַט, נאָר עס האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז די גאַנצע תורה איז געווען אַרויסגעוואָרפן: נישט דער גראַף האָט מיך געפרעגט וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט, און נישט איך האָב אים אַלזאָ געדאַרפט ענטפערן וואָס מען האָט מיך אויסגעלערנט.

אַריינגעפירט האָט מיך אַ ספּעציעלער באַאַמטער, און אויפן וועג האָט ער מיך געפרעגט אויב איך רעד פּויליש אָדער דייטש. איך האָב אים אויף ביידע זאַכן געענטפערט „ניין", און געזאָגט אַז איך רעד יידיש.

האָט דער באַאַמטער דאָס געזאָגט דעם גראַף, האָט מיך דער גראַף געהייסן זיצן, און מיך געפרעגט אויף אַ דייטש, וואָס איז כמעט געווען יידיש:

— וואָס איסט איר פאַרלאַנגע?

האָב איך אַרויסגענומען אַ געשריבן פּאַפּיר, און עס אונטערטעניק דערלאַנגט. דער גראַף האָט עס שנעל דורכגעקוקט און געזאָגט צו מיר:

— איר שרייבט, אַז איר האָט שוין געמאַכט אַ קאָנטראַקט.

— יאָ — ענטפער איך, און ווייז תיכף דעם קאָנטראַקט.

— יאָ, אונד וואָ איסט די געזעלשאַפט? — פרעגט דער גראַף.

— אין יאַס — ענטפער איך.

— זינד זי געפּאַקט?

— יאַוואָל, עקסצעלענץ!

בקיצור, דער גראַף פּאָטאָצקי האָט זיך מיישב געווען, אַז מ׳דאַרף מיר יאָ דערלויבן צו שפּילן, און ער האָט באַלד געהייסן דעם סעקרעטאַר אויסשרייבן אַ פּאַפּיר צו דער פּאָליציי און, פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב באַקומען די דערלויבעניש צו שפּילן אין לעמבערג.

דאַרף איך איצטער, הייסט עס, פאָרן צוריק קיין יאַס ברענגען די טרופּע, און אַז מ׳פאָרט אין וועג, טרעפט זיך שטענדיק אַ זייטיקע זאַך, אַ קלייניקייט, אָבער דאָך אינטערעסאַנט.

איידער כ׳האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָב איך אויסגערעכנט, אַז איך האָב אַקוראַט אויף הוצאות־הדרך, נאָר ווען ס׳איז געקומען צום קויפן דעם באַן־בילעט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איך האָב געלט נאָר אויף אַ בילעט ביז צו דער גרענעץ, ביז סוטשאַווא. ווו איז אַהינגעקומען דאָס איבעריקע געלט? איך טראַכט און טראַכט און קאָן זיך נישט דערמאָנען, ביז לסוף האָב איך זיך געכאַפּט, אַז כ׳האָב פאַרגעסן צו רעכענען די הוצאות, וואָס די אוידיענץ האָט מיך געקאָסט. נאָך אַ נס, וואָס דער צוג איז געגאַנגען נאָר ביז טשערנאָוויץ און דער קאַסירער האָט מיר פאַרקויפט אַ בילעט נאָר ביז טשערנאָוויץ. וואָס טוט מען אָבער ווייטער? בין איך דאָך אַמאָל געווען אַ פרומער, אַ מאמין, באַקום איך צוריק אמונה, אַז מסתמא וועט זיך שוין אָפּזוכן אַ ייד, וואָס וועט מיר באָרגן אויף הוצאות ווייטער.

ווען מיר זענען געקומען קיין טשערנאָוויץ איז שוין באַלד געווען טאָג, בין איך אַריין אין באַן־הויף און געזעסן אין וואַרט־זאַל פון דער דריטער קלאַס שלעפעריק און הונגעריק. דאָס האַרץ חלשט מיר, כ׳וויל טרינקען אַ גלאָז טיי און דאָ איז נישטאָ קיין פּרוטה און צום בילעט פעלט מיר אויך נאָך צו. דערווייל האָט זיך געעפנט די קאַסע, בין איך צוגעגאַנגען צוערשט און נאָך מיר אַ ייד, וואָס איז געזעסן נעבן

מיר אין וואַרט־זאַל. אַז איך האָב מיר געהייסן געבן דעם בילעט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איך דאַרף געבן נאָך 10 גרייצער און דאָס האָב איך נישט געהאַט, האָב איך מיך נישט פאַרלוירן און האָב געבעטן דעם ייד מיר געבן דערווייל 10 גרייצער. דער ייד האָט אַזוי געטון און דערנאָך זענען מיר צוריקגעגאַנגען צום טיש אין וואַרטע־זאַל, ווייל ס'איז נאָך געווען אַ האַלבע שעה צייט ביז צום אַריינגיין אין וואַגאָן.

ווען דער ייד איז צוגעקומען צו מיר צום טיש, האָב איך אים געזאָגט אָט די ווערטער, וועלכע איך געדענק זייער גוט: „מיין ליבער ייד, אויב איר וועט הייסן געבן אַ גלאָז טיי מיט אַ קיכל, וועל איך אייך צוזאָגן, אַז די 10 גרייצער, וואָס איר האָט דערלייגט צו מיין בילעט זענען פאַרפאַלן. איך וועל זיי אייך קיינמאָל נישט אָפּגעבן".

דער ייד האָט באַלד באַשטעלט טיי און אַ קיכל, פרעג איך אים: „נו, און איר?" זאָגט ער: „איך עס נישט פאַרן דאַווענען". דערנאָך זענען מיר אַריין אין איין וואַגאָן, ווייל ער איז געפאָרן ביז איידעקפאַווער. דאָ אין וואַגאָן האָט ער מיך געפרעגט ווי איך הייס, האָב איך אים געגעבן מיין וויזיט־קאַרטע, האָט ער דערזען ווער איך בין, האָט ער אויסגערופן: אַ, דאָס זענט איר, הער ליבערעסקאָ, מיר האָבן געלעזן אין די צייטונגען פון אייך" און ער האָט מיר געגעבן זיין וויזיט־קאַרט, האָב איך געזען, אַז ער הייסט כהנא און ער איז אַ דראָגיסט אין לעמבערג אויפן רינג־פּלאַץ.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ האַלבע שעה ביי דער גרענעץ, האָט מיך דער ייד פאַרבעטן, אַז ווען איך וועל קומען קיין לעמבערג, זאָל איך אים מאַכן אַ וויזיט.

געקומען קיין יאַס, האָב איך אויפגעזוכט די הערן אהרן וועקסלער און שלום ביילעס (זיין מאַמע האָט געהייסן ביילע), און אָפּגעמאַכט מיט זיי, אַז זיי זאָלן ביידע באָרגן אויף הוצאות פאַר דער טרופּע. זיי האָבן גענומען אַ קליינעם פּראָצענט, ווייל זיי האָבן געפילט אַ התקרבות צום יידישן טעאַטער און ס'איז געבליבן, אַז וועקסלער פאָרט אויף אונדזערע הוצאות מיט קיין

לעמבערג, כדי אָפּצונעמען פון דער קאַסע־איינגאַמע זיין חוב.

נאָכן שפּילן עטלעכע טעג אין לעמבערג בין איך אַוועק מיט אַ באַזוך צו כּהנאן. ערשט דער בעל־הבית באַגעגנט מיך פריינטלעך, און זאָגט צו מיר:

— גייטס אַראַן אין שטוב, מ׳קען ענק שוין. עך האָב שוין מאַן וואַב דערציילט, וואָס פאַרע עזותניק עטס זענט.

— איך בין אייך געקומען אָפּגעבן די צען גריצער — זאָג איך.

— ע, עטס האָט פאַרגעסן אַ בפירושן פּסוק — זאָגט כּהנא — „מוצא שפתיך תשמור״, עטס האָט דאָך מיט מעך דייטלעך אויסגערעדט, אַז די 10 גריצער וועל עך מער נישט צוריקזען.

נו, אָבער עפּעס מוז מען דאָך פאָרט גראַטיפיצירן כּהנא־פאַר זיינע 10 גריצער, גיב איך אים אַ קאַרטע אויף 4 פּערזאָן פאַר זיין פאַמיליע אַריינצוגיין אויף אונדזערע פאָרשטעלונגען, און וואָס קלערט איר? כּהנא האָט געמאַכט אַ גאַנץ גוט געשעפט: עס איז נישט געווען קיין איין פאָרשטעלונג, אַז מען זאָל נישט קומען אויף דערדאָזיקער פרייקאַרט, אפילו שבת בייטאָג און אין אָוונט. זיין פאַמיליע איז קיין עין־הרע געװאָרן אַזוי גרויס, אַז זי האָט אַרומגענומען שוין באַלד האַלב לעמבערג...

די געשעפטן זענען געווען זייער גוטע, מ׳האָט באַצאָלט וועקסלערן און אים צוריקגעשיקט. חברה האָבן זיך ווידער גענומען צו הוליען, נאָר דאס איז נישט געווען דאָס הויפּט־אומגליק. די צרה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן נישט וואָס צו שפּילן. האָראָוויטש „מאַכט״ פּיעסן, אָבער ס׳איז נישט גאָלדפאַדענס, בלייבט, אַז איך זאָל פאָרן קיין אדעס נאָך פּיעסן.

געקומען קיין אדעס, טרעף איך דאָרט בערגערן. ער איז געווען פון די ערשטע סופלערן און ער האָט סופלירט ביי גאָלדפאַדענען, נאָר זיי האָבן זיך צוקריגט, איז גאָלדפאַדען מיט דער טרופּע אַוועקגעפאָרן און ער איז געבליבן זיך אַרומדרייען אין אדעס.

— האָסט דאָך פּיעסן — זאָג איך צו אים — אפשר וואָלסטו עפּעס צונויפגעשטעלט?

— וואָס דאַרף איך צונויפשטעלן — ענטפערט ער מיר — אַז כ׳האָב פאַרטיקע, אויפגעשריבענע, אָבער אויסער דעם געדענק איך אייניקע פון אויסנווייניק, און איך האָב אויך פאַרבינדונגען צו באַקומען נייע פּיעסן.

מיין אויפהאַלט אין אדעס האָט דאָס מאָל געדויערט 4 וואָכן, און ווען כ׳בין צוריקגעקומען מיט בערגערן קיין יאַס, האָב איך אויסגעפונען, אַז גראַדנער מיט האָראָוויטשן האָבן בינתים געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט צוויי פּרוויען־הענדלער, אַז זיי זאָלן ווערן די דירעקטאָרן פון דער טרופּע.

זאָג איך צו בערגערן:

— דו האָסט נאָר וואָס חתונה געהאַט מיט אַן אָרנטלעכע פרוי, ווילסטו אַריינטרעטן אין אַזאַ טרופּע.

— ניין — זאָגט ער — איך פאָר שוין צוריק, כאָטש כ׳האָב נישט אויף קיין הוצאות.

— דו וועסט נישט פאָרן — כאַפּ איך זיך אַרויס — מיר מאַכן אַן אייגענע טרופּע!

12

דירעקטאָרן!

לוקאַטשער שטעלט צוזאַמען אַ טרופּע — איך לערן איין מיט דער פּרימאַדאָנע — די נסיעה קיין ווין — גראַדנער און האָראָוויטש פאַרלויפן דעם וועג — די ערשטע יידישע פאָרשטעלונגען אין בערלין — שטעקערס סטודענטן לאָזן נישט שפּילן — איך ענדיק מיין טעאַטער־קאַריערע.

אָן אַ פּרוטה אין טאַש, אָן אַקטיאָרן האָבן מיר זיך געלאָזט קיין בראָדי. דאָ האָבן מיר אויפגעזוכט דעם שענק־זינגער

חיים שמואל לוקאַטשער. ער איז געשטאָרבן פאַר הונגער און געווען איינגאַנצן פאַרזעצט ביי זיין האַטעלטשיק. לוקאַטשער האָט מיך געקענט, ווייל זיין פאָטער איז געווען אַ שמש אין אַ קליין שולכל.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעג איך אים.

— כ׳פאָר אַמאָל אַרום מיט אַ פאָר חברה.

— אפשר קאָנסטו מיר צוזאַמענשטעלן עטלעכע זינגערלעך?

— אודאי, און געלט וועט מען זיך אויך קאָנען שאַפן ווען מיר וועלן האָבן אַ טרופּע.

אַ נייע נשמה האָט ער אין אונדז אַריינגעזעצט, ווייל ווען נישט ער, פאָרן מיר צוריק מיט גאָרנישט.

לוקאַטשער האָט באַלד געבראַכט 7—8 יונגעלייט, וואָס קאָנען זינגען און אַ מיידל, אַ שניידערס אַ טאָכטער, וואָס האָט נאָך אין איר לעבן קיין טעאַטער נישט געזען. זי איז אָבער געווען יונג און שיין.

בערגער האָט פון זיין פעקל אַרויסגענומען גאָלדפאַדענס פּיעסע „די שטומע כּלה-מויד" און איך, כאָטש כ׳קאָן נישט זינגען, האָב גענומען מיט דעם מיידל איינשטודירן צוויי לידלעך פון דער פּיעסע. שפּעטער האָט זיך לוקאַטשער דערצו גענומען און טאַקע געמאַכט עס בעסער פון מיר.

דערנאָך האָט לוקאַטשער איינשטודירט די לידלעך מיט די אַנדערע יונגעלייט.

אין בראָדי איז קיין פּלאַץ ווו צו שפּילן נישט געווען. איך האָב זיך אָבער דערוווּסט, אַז צוריק מיט עטלעכע וואָכן איז געווען צו גאַסט אין בראָדי דער הייליקער ר׳ דודל טאַלנער, האָבן די חסידים געמאַכט פאַר אים אַ הילצערנעם שאַלאַש, ווו ער זאָל קאָנען פּראַווען טיש און זאָגן תורה. איצט שטייט דער שאַלאַש ליידיק, האָב איך אים געדונגען און „מטמא" געווען, געמאַכט אַ בינע, בענק פון לאַנגע ברעטער אויף פּלעקער און עס איז געוואָרן אַ טעאַטער אַלאַ „שעקספּיר".

עפּעס אַן אַלטער בחור האָט געגעבן דאָס געלט. ביי

דער קאַסע איז ער נישט געזעסן, אָבער זיין געלט האָט ער דערנאָך צוריקבאַקומען.

קיין שטולן זענען אין טעאַטער נישט געווען, נאָר בענק, וואָס האָבן כסדר געקרעכצט. געקומען זענען די גרעסטע גבירים פון שטעטל און מ'האָט מיך אָנגעהויבן איינצולאַדן אין די גרעסטע שטובן. אַ קליינקייט דירעקטאָרן, די פירמע פון אונדזער טרופּע האָט געהייסן: „רומעניש-יידיש טעאַטער אונטער דער דירעקציאָן פון איזאַק ליבערעסקאָ און לעאָן בערגער".

אונדזער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון 6 פּיעסן. אַלע גאָלדפאַדענס: „די שטומע כלה=מויד", „די רעקרוטן", „די באָבע מיטן איינִיקל", „שמענדריק", „די קאַפּריזנע כלה=מויד" און „ני בע ני מע ני קוקעריקו", און איידער וואָס-ווען זענען מיר געווען אָפּגעשפּילט אין בראָד.

מ'מוז שוין, אַלזאָ, ווידער זוכן אַ נייעם פּלאַץ וווּ צו שפּילן, און דאָ האָב איך דערקלערט, אַז איך פאָר קיין ווין.

אַז כ'האָב דאָס אַרויסגעזאָגט, האָבן אַלע געמיינט, אַז כ'בין משוגע געוואָרן. כ'האָב אָבער קיינמאָל נישט געהערט, נאָר כ'בין אַוועק קיין לעמבערג. דאָרט האָב איך געהאַט מיינע זאַכן, האָב איך פון דאָרט אַרויסגענומען די בעסערע זאַכן און זיי פאַרקויפט צוזאַמען מיט מיין זיידענעם טלית מיט דער גאָלדענער עטרה און פאַר דעם געלט בין איך געפאָרן קיין ווין.

מיין באַגאַזש איז באַשטאַנען פון אַ בלעכן קעסטעלע, אין וועלכן ס'איז געלעגן מיין אוצר: די פּיעסן.

פאַרפאָרן בין איך אין „שמעלצערס גאַסטהויז" נעבן פּראַטער און אָנגעהויבן וואַרטן, אַז מ'זאָל מיר צושיקן געלט פון בראָדי, כדי איך זאָל זיך קאָנען נעמען צו דער אַרבעט. דערווייל אָבער האָב איך באַקומען אַ בריוו פון בראָדי, אַז דאָרט זענען אַזעלכע שלעכטע געשעפטן, אַז וועגן שיקן געלט קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין. זיי האָבן אַליין נישט צו עסן. פונדעסטוועגן בין איך אַרויס אין גאַס און האָב אויפגעזוכט אַ טעאַטער-אַגענט. גראַד איז געווען אַ ליידיק טעאַטער צום פאַרדינגען.

דער אַגענט פירט מיך אַריין אין דעם טעאַטער. מען באַלייכט עס, דערשרעק איך זיך: אַזאַ גראַנדיעז טעאַטער און אַזאַ נישטיקע טרופּע... אָבער דאַ פאַלט מיר איין אַ געדאַנק: ווי שטייט עס אַרויס, אַז דוקא זיי מוזן קומען שפּילן קיין ווין, פאַרוואָס טאַקע נישט אַן אמתע גרויסע טרופּע און איך באַשליס ביי זיך, אַז כאָטש האָראָוויטש און גראַדנער האָבן זיך באַשמוצט דורך זייערע שותפים, פונדעסטוועגן דאַרף מען זיי אַראָפּברענגען אַהער.

אָבער ביגו לבינו דאַרף מען דאָך עסן, האָב איך מיר אויסגעזוכט אייגיקע פּריינט, וואָס האָבן מיר דערווייל געבאָרגט אויף מיינע הוצאות. איך האָב אַלץ געמעלדעט בערגערן און געפרעגט זיין עצה. די בראָדער אקטיאָרן האָבן אָבער בינתים געמעלדעט גראַדנערן, אַז כ'בין אין ווין.

און ביז איך דערוואַרט תשובה פון בערגערן ברענגט מען מיר אַ ידיעה, אַז אין דער „נייער פרייער פּרעסע" איז פאַראַן אַ נאָטיץ, אַז דאָס טעאַטער, וועלכעס איך האָב אָנגעקוקט איז פאַרדונגען געוואָרן פאַר האָראָוויטשן און גראַדנערן. אַלזאָ, איידער איך האָב נאָך באַוויזן זיך מיט זיי צונויפצורעדן, זענען זיי אַליין געפאַלן אויף דעם פּלאַן, און איך האָב שוין גאָרנישט וואָס אויפצוטון. איך באָרג מיר ווידער אויף הוצאות און פאָר קיין בערלין. געפאָרן בין איך ווי אַ גראַף, 4-טע קלאַס אין געזעסן טאַקע אויף מיין בלעכן קעסטעלע, וואָרום קיין באַנק צו זיצן זענען דאָרט נישטאָ.

עס איז געווען ענדע דעצעמבער 1880, שבת אינדערפרי, ווען איך בין אָנגעקומען אין בערלין. כ'האָב זיך אויפגעזעצט אויף אַן אויטאָבוס און מיך געהייסן אָפּשטעלן אין דער יודענגאַסע. אָבער ווען דער קאָנדוקטאָר האָט מיך געהייסן אַראָפּגיין, האָב איך מיך ערשט דערפילט עלנט, וואָרום כ'האָב נישט געוווסט, וווּ כ'זאָל גיין.

דערווייל זע איך איינעם גיין מיט אַ טלית-זעקל אונטערן אָרעם. נו, דאָס איז דאָך זיכער אַ ייד, גיי איך צו אים צו און כ'זאָג אים, אַז כ'וויל זיין ווּ יידן וווינען, הייסט מיך דער ייד

גיין מיט אים. אויפן וועג קוק איך זיך צו שטארק צום יידן, און עס דוכט זיך מיר, אז ער קומט מיר פאר באקאנט, באַזונדערס זיין בארד. קען איך זיך שוין מער נישט איינהאלטן, און כ'פרעג אים:

— הייסט איר נישט משה מלך?

— יאָ — ענטפערט מיר דער ייד און קוקט זיך ערשט שטארק צו צו מיר — זע נאר, ס'איז דאָך איציקל — גיט ער א געשריי — קום שוין מיט מיר.

א צופאל! גראד איז דער ייד א יאסער. ער האט מיך אריינגעפירט צו איינעם זינגער, א שוחט, וואס האט געהאט אן אייגענע שול. דארט האב איך באקומען א צימער צו וווינען, אָבער ווו נעמט מען אויף עסן? בין איך זיך מיישב און דערקלער דעם שוחט, אז איך וויל זיך ביי אים אנדינגען נישט נאר אויף שלאפן, נאר אויך אויף עסן...

דערווייל צעשמועסן מיר זיך און עס שטעלט זיך ארויס, אז אין בערלין זענען פאראן א סך באקאנטע מיינע. נאר אן אדרעס האב איך נאר צו איינעם ד"ר טויבעס, אויף דער וועבער־שטראסע 47. דאס איז געווען א זון פון הרב ר' אייזיק טויבעס פון בערלאד, דערנאך רב אין בוקארעסט. איך בין טאַקע אוועק צו אים און באקומען פון אים איניקע מארק אויף חיימישע הוצאות.

איך הויב זיך אן נאכצופרעגן וועגן אן ארט ווו צו שפילן, ווייזט מען מיר אויף אלעקסאנדער־פלאץ. גיי איך דארט אהין, געפין איך טאקע פיל לאקאלן, און מיט איין אייגנטימער פון אזא לאקאל האב איך געמאכט א קאנטראקט אויף עטלעכע וואכן. ער האט ארויסגעשיקט 500—600 מארק, כדי די טרופע זאל האבן אויף הוצאות קיין בערלין.

דער דירעקטאר האט געהאט א ווארייטע און ער האט אויסגערעדט, אז מיר זאלן געבן קורצע פיעסן אדער איינאקטער. די טרופע האט געהייסן „דייטש־יידיש" און ער האט איר געצאלט טעגלעכן לוין.

איך האב באלד געלאזט צענזורירן אונדזערע זעקס פיעסן,

און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, זענען אונדזערע חברה־לייט געווען אין בערלין.

גראָד איז דעמאָלס געווען דער אַנטיסעמיטיזם אין דייטש־לאַנד אין זיין גלאַנץ־פּעריאָד. דער בערימטער שטעקער איז גע־שטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג.

אונדזער ערשטע פאָרשטעלונג איז געווען „די רעקרוטן", און נאָכן ערשטן אַקט זענען געווען אַזעלכע אַפּלאָדיסמענטן, אַז אויסער די אַקטיאָרן האָט מען אויך אַרויסגערופן די צוויי דירעקטאָרן: בערגערן און מיך.

בינו לבינו קומט צו מיר צו אַ ייד און זאָגט מיר אָן די גוטע בשורה, אַז מאָרגן וועט זיין אַ סקאַנדאַל אין טעאַטער. שטעקערס חברה זעט אין אַ יידיש טעאַטער אַ נייעם באַוויז פון דער „יידישער הוצפּה", און זיי וועלן דאָס נישט דורכלאָזן גלאַטיק.

איך קוק זיך אַרום אין טעאַטער, זע איך אַ גאַנצע האָפּטע סטודענטן און ווילדע יונגען. דאָס האַרץ קלאַפּט מיר. ווער ווייסט וואָס עס וועט נאָך דאָ זיין. דאַרף אַקוראַט פּאַסירן אַן אומגליק, וואָס זאָל זיין אַ סיבה אַרויסצורופן אַ סקאַנדאַל.

אין דער פּיעסע איז פאַראַן אַ סצענע, ווען פיר יידישע סאָלדאַטן דאַרפן שיסן, מוזן אַקוראַט זייערע ביקסן זיך פאַר־האַקן און זיי שיסן נישט. נו, איז געוואָרן אין טעאַטער אַ פיי־פעריי, און איידער וואָס־ווען האָבן אָנגעהויבן צו פליען אויף דער בינע אייער, קאַרטאָפל און בענקלעך. דער טומל איז וואָס אַ רגע געוואָרן אַלץ גרעסער. מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז מ'גע־פינט זיך אין אַ משוגעים־הויז. דאָס האָבן אַזוי געפילדערט שטעקערס חברה.

דער דירעקטאָר איז אַרויסגעלאָפן אויף דער בינע און האָט בחרפתנו געהייסן אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג.

דער טומל האָט אָבער נישט אויפגעהערט און פּאָליציי האָט זיך געמוזט אַריינמישן. די שוואַרצע סטודענטן האָבן געשריגן:

— נידער מיט דען יודען!

— פאָרט פאַן בערלין!

אַ טייל פובליקום איז זיך פונאַנדערגעלאָפן, אַ טייל האָט די פאָליציי צעטריבן.

אַזוי האָט זיך „געענדיקט די ערשטע פאָרשטעלונג"

נאָך דעם „דערפאָלג" האָבן מיר געהאַט אַ באַראַטונג מיטן בעל־הבית פון טעאַטער וואָס צו טון, און עס איז געבליבן אַז מ'זאָל נישט קוקן אויף דער היינטיקער געשיכטע און מאָרגן ווידער שפּילן. מ'האָט געמעלדעט דער פאָליציי און זי האָט צומאָרגנס צוגעשיקט באַצייטנס עטלעכע פאָליציאַנטן, אָבער היינט זענען די חברה געווען נאָך פאַרביסענער פון נעכטן. תּיכּף ווי מ'האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג, איז געוואָרן אַזאַ טומל ווי נעכטן. דער פאָליציי־קאָמיסאַר האָט שוין דאָס מאָל נישט גע־וואַרט אויף יושר און איז באַלד אַרויף אויף דער בינע און געהייסן אויפהערן שפּילן.

וועגן נאָך אַמאָל פּרווון שפּילן האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד און מיר זענען אַלע געבליבן זיצן אויף דער פליש־באַנק.

אונדזער פּרימאַדאָנע, וואָס איז געווען אַ שניידערין, האָט זיך אויסגעזוכט אַ פריינט אַ שניידער און זי איז שוין געבליבן אַ בערלינערין... בערגער איז מיט קונצן צוריקגעפאָרן קיין אָדעס און איך קיין יאַס.

די יינגעלייט האָט געטראָפן אַן אויסערגעוויינלעך גליק. אַקוראַט דאַמאָלס איז געקומען איינער פון אַמעריקע און דער־ציילט, אַז דאָרט מאַכן די יידישע אַקטיאָרן געוואַלטיקע גליקן, און ווער פון די חברה שפּילער עס וויל פאָרן, נעמט ער מיט קיין אַמעריקע. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע יינגעלייט האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאַג.

דערמיט האָט זיך געענדיקט מיין שייכות צום יידישן טעאַטער.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט מיך אברהם גאָלדפאַדען געטראָפן אין פּאַריז, זאָגט ער צו מיר:

— איצטער וואָלט איך געדאַרפט האָבן אַ ליבערעסקאָ!

— פאַרגעסט אָן מיר — האָב איך אים געענטפערט.

נאָכוואָרט.

אין 1901 איז ליברעסקאָ געקומען קיין אמעריקע. דאָ האָט ער זיך איינגאַנצן דערוויטערט פון יידישן טעאַטער, און בסך הכל האָט ער עס אין משך פון 25 יאָר באַזוכט 3 מאָל.

דער גאַנצער נייער דור יידישע אַקטיאָרן קען אים לחלוטין נישט און ער האָט אויך נישט קיין חשק קיינעם צו קענען. דאַגעגן איז ער געווען זייער צופרידן, ווען איך האָב אים גע־פּרוּווט שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן אַלטן יאָזעף לאַטיינער. און לאַטיינער איז געווען שטאַרק דערפרייט צו הערן, אַז ליב־רעסקאָ לעבט באַך, און געפינט זיך אין ניו־יאָרק, אָבער צוזאַ־מענגעקומען זענען זיי זיך נישט.

ליברעסקאָ לייענט זייער פיל און ער האָט אַ גרויסע הנאה צו לייענען טאָקע וועגן יידישן טעאַטער.

פון זיינע מעמוארן איז צו זעען, אַז ער האָט נישט קיין כוונות קעגן גאָלדפאַדענען, הגם ער שילדערט אים גאַנץ אָפט נישט אין קיין שיין ליכט.

ליברעסקאָ האָט אויך נישט אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט זיך נישט געוואָלט באַטייליקן אין גאָלדפאַדענס לויה, ווייל ער האָט אים פיינט געהאַט.

דידאָזיקע סבה שטאַמט נישט צוליב אַמביציע, צוליב כבוד, נאָר צוליב דעם אונטערשיד פון זייערע כאַראַקטערן.

ליברעסקאָ גיט אָן אין זיינע מעמוארן זייער פיל דאַטן, און עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז דאָ אָדער דאָרט, האָט ער גע־האַט אַ טעות. אָבער, אַז ער באַציט זיך זייער ערנסט צו זיינע מעמוארן, וועלכע איך האָב אויפגעשריבן, האָב איך גע־קאָנט זעען דערפון, אַז נאָכדעם ווי כ'האָב זיי אים צוגעשיקט, האָט ער געמאַכט אויף זיי זייער פיל הערות. די אַלע באַמער־קונגען און הערות האָב איך אַריינגעפירט אין טעקסט.

יעקב גאָרדין אַלס באַארבעטער פון גאָלדפאַדענס און קאָבריז.

גריבלענדיק זיך אין די ערשטע יידישע פעריאָדישע אויסגאַבן פון אַמעריקע, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ זאַך, וועלכע איז דעם היינטיקן דור אינגאַנצן אומבאַקאַנט: איך האָב געפונען אייניקע אַרטיקלען אין אַ צייטונג פון יאָר 1892, אין וועלכע עס פירט זיך אַ גרויסע דיסקוסיע מיט יעקב גאָרדינען צוליב דעם, וואָס ער האָט אויפגעפירט אייניקע גאָלדפאַדענס פיעסן, אָנגעבנדיק זיך אַלס באַארבעטער פון זיי.

יעקב גאָרדין איז דאַמאָלס געווען דער אויטאָר פון „יוניאָן טעאַטער קאָמפּאַני", וואָס האָט געשפּילט אונטער דער רעזשי פון יעקב פּ. אַדלער.

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען יעדעס טעאַטער האָט זיך געהאַט זיין מחבר, וועלכער האָט צוגעשטעלט פיעסן, און דאָס טעאַטער האָט געשפּילט כמעט נאָר זיינע פיעסן. דורכדעם איז דאָס טעאַטער געווען פאַרהיט פאַר קאָנקורענץ, דאָס הייסט, אַז אַ צווייט טעאַטער וועט נישט שפּילן די אייגענע פּיעסע.

דער מחבר האָט אַלזאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין טעאַטער, און זיין נאָמען איז געווען אָנגעגעבן אין דער הויך אין דעם אַנאָנס, פּונקט ווי דער דירעקטאָר אָדער רעזשיסער פון דער טרופּע.

האָט עס דאַמאָלס אין יאָר 1892 געטראָפן, אַז גאָרדין האָט אויפגעפירט גאָלדפאַדענס „מליץ יושר" און „משיחס צייטן" און אַזוי ווי ער איז געווען דער מחבר פון דער טרופּע, האָט עס געהייסן, אַז ער גיט די פיעסן, און ער האָט אויך צו זיי צוגעטון זיין האַנט. גאָרדין האָט דערפון נישט געמאַכט קיין

סוד און האָט בפירוש געמעלדעט, אַז גאָלדפאַדען ווערט געשפּילט אין זיין באַאַרבעטונג. נו, האָט זיך אָפּגעזוכט גאָלדפאַדענס א חסיד און האָט אַריינגעשיקט צום רעזשיסער פון דער טרופּע אַ בריוו, אין וועלכן ער פּראָטעסטירט קעגן גאָרדינס האנדלונג. אַפּניב אָבער אַז גאָרדין האָט געהאַלטן, אַז די טענה אָדער די טענות פון דעם טעאַטער־ליבהאָבער זענען נישט קיין ריכטיקע און אָנשטאָט צו ענטפערן פּריוואַט דעם בריוו־שרייבער, האָט יעקב גאָרדין אריינגעשיקט דעם בריוו אין רעדאַקציע, און באַלד צום בריוו צו־געשריבן אַ תשובה. אין דערדאָזיקער תשובה געפינען זיך בכלל איייניקע כאַראַקטעריסטישע שטעלן, וואָס קאָנען דינען אַלס אָפּשאַצונג פון גאָרדינען וועגן גאָלדפאַדענען.

דער בריוו מיט דער תשובה זיינען געדרוקט אין וואָכנבלאַט „די ארבעטער צייטונג" (140) 40 פון 30 סעפּטעמבער 1892. איך ברענג זיי דאָ ווערטלעך, ענדערנדיק נאָר די אָרטאָגראַפיע:

שטימען אויס דעם פאָלק.

יידישע טעאַטערס און יידישע דראַמאַטורגן

דער רעזשיסער פון יוניאָן־טעאַטער קאָמפּאַניע, הער אַדלער, האָט דאַנערשטיק דעם 18־טן סעפּטעמבער פון אַן אומבאַקאַנטן דערהאַלטן אַ בריוו, וועלכן איך געפון פאַר נויטיק אין דער געאַכטעטער „אַרבעטער־צייטונג" פּובליצירן 1) מיט מיין דערקלערונג, וועלכע וועלן פאַר אייערע לעזער פיללייכט נישט איבעריק זיין.

דאָס איז דער בריוו וואָרט אין וואָרט:

„פיל געערטער ה' אַדלער!

אַז איך האָב דערפאַרן פון די יידישע פּייפּערס 2), אַז ה' יאַקאָב גאָרדין און ה' אַדלער האָבן זיך פאַרייניקט אום דעם יידישן טעאַטער צו פאַרבעסערן, האָב איך זיך זייער גע־

1) צו פאַרעפנטלעכן. 2) צייטונגען.

פרייט. זען איך בין פון די צוזעער, וועלכע זענען מיט לייב און זעל איבערגעגעבן דעם, יידישן טעאַטער און ווינטשן אים זען אין אַ בעסערער לאַגע. די 3) ערשטע שטיק איז געווען „מליץ יושר", און ווייל עס איז געווען אַנאָנסירט, אַז די שטיק איז באַאַרבעטעט פון י. גאָרדין, בין איך געווען פאַרזיכערט, אַז דאָס ווערק איז אינטערעסאַנט, און איך בין זי 4) געגאַנגען זען... דאָך האָב איך נישט געקאָנט געפינען אין דער פיעסע דעם שפור פון גאָרדינס פעדער, וועלכע איז מיר גוט באַקענט... איצט פירט איר אויף אַ נייע 5) שטיק „משיחס צייטן", ווידער באַארבעט פון יעקב גאָרדין. איז זי אויך זאָ 6) באַאַרבעט ווי „מליץ יושר"? אַלס ה' גאָרדינס אַ פאַרערער און אַ גוטער פריינט, בעט איך אים אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון נאָך אייניקע רוסישע אינטעליגענטן, צו זיין פאָרזיכטיק און היטן דעם נאָמען פון אַ וואָרן 7) ליטעראַטאָר און שרייבער. גאָלדפאַ־דען איז נישט גאָרדין און גאָרדין איז נישט גאָלדפאַדען...

איך ווייס נישט ה' גאָרדינס אַדרעס, דאַרום 8) שרייב איך אויף אייער נאָמען.

מיט גרוס

הימעלפאַרב, המכונה שחר"...

דערויף ענטפערט באַלד גאָרדין:

„יאָ, מיינע הערן, איך האָב זיך פאַרייניקט מיט דעם ה' אדלער „אום צו פאַרבעסער'ן די לאַגע פון דעם יידישן טעאַ־טער", אָבער איך בין ניט אזא העלד ווי אַלעקסאַנדער מוקדון 9) איך זאָל קענען מיט איין האַק פון מיין שלאַפן פעדער איבער־שניידן דעם קניפל, וועלכער האָט זיך פאַרקניפלט אין דער צייט פון צענדליקער יאָרן... איצט ווען איך שטיי זאָ נאָנט צום יידישן טעאַטער, שטודיר די יידישע פיעסן, מאַך זיך באַקאַנט מיט דעם געשמאַק און פאַרשטאַנד פון די טעאַטער־באַזוכער. איצט איבערצייג איך מיר, אַז עס פאָדערט זיך פיל קרעפטע,

3) (דאָס 4) (עס) 5) (אַ ניי) 6) (אַזוי) 7) אמתן 8) דערפאַר 9) (, אַז)

ענערגיע און טאַקט צו פאַרבעסערן דאָס, וואָס איז זאָ טיף און זאָ שטאַרק פֿאַרדאָרבן... אויב עס איז אמת, אַז איר זענט איבערגעגעבן מיט אייער לייב און זעלע דעם יידישן טעאַטער, גיט אונדז צייט עטוואָס צו טון, זייט אונדזערע מיטווירקער און העלפט אונדז מיט אייערע מאָראַלישע אונטערשטיצונג דיזע שווערע אויפגאַבע צו דערפילן. נעמט אויך אין אכט ניט נאָר דאָס וואָס מיר קאָנען געבן, נאָר אויך דאָס וואָס מיר מוזן געבן.

ה׳ גאָלדפאַדען האָט זיך פאַרדינט אַ שיינעם נאָמען אין דער דייטש-יידישער ליטעראַטור. דאָך באַהיט מיך גאָט רויבן פאַר זיך עטוואָס פון זיין רום און פון זיין גייסטליכע 10) רייכ-טום, די קליינע ווערקע, וועלכע איך גיב דעם יידישן טעאַטער, געהערן מיר! און נימאָלס 11) וועל איך זאָ נידריק פאַלן, 12) איך זאָל ביי די יידישע דראַמאַטורגן עטוואָס וועלן געניסן... יאָ, איך שעם מיך ניט צום ווידערהאָלן אייער איראָנישן אויס-דרוק, ה׳ שחר: גאָלדפאַדען איז נישט גאָרדין און גאָרדין איז נישט גאָלדפאַדען!...

אַ קינד, אַ מענטש, וואָס איז גייסטלעך ניט אַנטוויקלט, דער וואָס האָט קיין עסטעטישן געשמאַק — זיי קאָנען ניט פאַר-שטיין דעם אינהאַלט און די וויכטיקייט פון אַ וואָרע, איינפאַכע לעבנסבילד... זיי פאָדערן נאָר אותות ומופתים. באָבע מעשיות, איבעראַשענדע סצענען, איבערפלּיסיקע עפעקטן, זיי מוז מען געבן איין אומגעווינליכע פאַרוויקלונג מיט געהיימניסע, מיט סודות, מיט קלאַפּנדע צופּעלנדע צוזאַמענשטויסונגען און איין אומ-נאַטירליכע, אומגלויבליכע אַנטוויקלונג... די צווייער און אויך פילע פון די יידישע שוישפּילער פאַרשטייען נאָר די אויסערליכע דערשיינונגען פון דעם מענטשנס לעבן, די אינערליכע באַ-וועגונגען פון זיין זעלע, זענען זיי אומבאַקאַנט. פאַר אַזעלכע מבינים איז זייער לייכט צו פאַבריצירן דראַמען: קיין אינהאַלט פאָדערט זיך ניט, קיין פסיכאָלאָגישע ערפאָרשונג דאַרף מען ניט, קיין שילדערונג פון מענשענס אינערליכע אימפולסן מוז

10) גייסטיקן 11) קיינמאָל 12) (, אַז)

מען ניט האָבן. ניט פון די האַנדלונג, ניט פון די באַוועגונגען, ניט פון דאָס פאַרגעשטעלטע לעבן קענט איר דערקענען ווער פון די העלדן איז שלעכט און ווער איז גוט, ווער האָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און ווער אַ שוואַכן — ניין! דאָס אַלץ דערציילט אייך דער אַקטיאָר מיט „קאָנקענדיקע” מאָנאָלאָגן, דאָס אַלץ דערקלערט מען אייך נאָר מיט אויסעראָרדענטליכע אַפעקטן (אויפרעגונגען), געשרייען... קיין אינהאַלט האָט די דראַמע ניט. קיין אידעע האָט דער אויטאָר אייך 13) צו זאָגן, דעריבער פירט ער אייך ארויס וויפיל פערזאָנען ער וויל, און גיט אייך עפעקטנע סצענען, אַז עס זאָל כאַפּן ביז 12 אַזייגער אין דער נאַכט... די העלדן האָבן קיין שייכות איינס צו די אַנדערע. געבויט איז אַלץ אָן אַ פּלאַן, צונויפגעשטעלט אַקוראַט ווי דער קאָסטיום פון אַ קלאָון פון פאַרשידענע רויטע, בלויע, גרינע שטיקלעך; דערום איז לייכט מיט אַזאַ ווערק טאָן וואָס מען וויל, גרעסער מאַכן, קלענער מאַכן, פאַרלענגערן, פאַרקירצן, איז אייך וויייניק, קומט נאָך אַ פּערזאָן, און זאָגט אייך נאָך אַ קופּלעט... איז נאָך וויייניק... גיט מען נאָך עטלעכע טאַנצן 14) און מען זינגט נאָך לידלעך... נאָך וואָס דאַרף מען די פּערזאָנען? וואָס דערקלערן זיי? וואָס פאַרע סמיכת הפרשה קומט דאָ פאָר? נאָך וואָס פירט זיי אַרויס דער אויטאָר? וויפיל איז נאַטירליך זייער דערשיינונג? דאָס פרעגט קיינער ניט, און עס האָט צו קיינעם ניט... נאָר די סצענען זאָלן קלאַפּן...

פאַרשטייט זיך, 15) וויבאַלד קיין אינהאַלט איז ניטאָ, קיין פּלאַן, קיין אידעע, קיין פּסיכאָלאָגישע וואַרהייט ברויך מען ניט, איז זייער גרינג צו שרייבן דראַמען פון דאָס לעבן פון אַלע פאַרשידענע געזעלשאַפטן, קיסרים, גראַפן, היסטאָרישע העלדן, רוסישע סטודענטן, חסידים, ציגיינער, בויערן. 16) — אַלע קאָנען שרייען, טאַנצן און זינגען קופּלעטן... מען דאַרף נאָר, אַז דער קייזער זאָל גיין מיט אַ לאַנגען מאַנטל און זאָל רעדן אַביסל קוגל=דייטש און דער חסיד זאָל טראָגן אַ בעקעשע און זאָל

13) (ניט 14) טענץ 15) (, אז) 16) פויערים

קראַצן די פּאות... אַנדערע דראַמאַטורגן נעמען אַ פּאַרטיקע דראַמע, צום ביישפּיל, פון דעם לעבן פון גראַפן און הערצאָגן, און „זעצן" דאָס אריבער אין יידישן לעבן... עס איז ניט שווער, דעם גראַף גיט מען אַ נאָמען אָנשטאָט פרידריך—געצל, אָנשטאָט באַקנבאָרדן, גיט מען אים באָרד און פּאות, און עס איז שוין פאַרטיק... זייערע אָריגינעלע פּיעסן זענען אויך נאָר אויסערליכע קאַריקאַטורישע שילדערונגען... זיי קאָנען ניט, ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט דעם אינערליכן אינהאַלט פון די דערשיינונגען, וועלכע זיי ווילן אויסדריקן...

דאַרום, מיינע הערן, ווען איך האָב גענומען באַאַרבעטן גאָלדפאַדענס ווערק „משיחס צייטן", האָב איך געמוזט אויס שרייבן אַ גאַנץ נייע דראַמע, פון אָנהייב ביזן אויסלאָז, פון ערשטן וואָרט ביזן לעצטן. נייע טיפּן, נייע כאַראַקטערע, נייע געדאַנקען, נייע ווערטער*). שרייבט מען שוין אַ לעבנסבילד, וויל מען שוין יאָ אויסדריקן אַ געדאַנק מיט די ווערטער „משיחס צייטן", דאַרף מען עטוואָס קענען און עטוואָס פאַרשטיין, מען דאַרף קענען דאָס לעבן, וועלכעס מען וויל שילדערן, מען דאַרף פאַרשטיין, אַז די אידעע פון „משיחס צייטן" קאָן ניט אויסגעדריקט ווערן מיט קופּלעטן, פאַלשע פּאַרטייאישע מיינונגען, פּאַטריאָטישע לידער פון „אתה בחרתנודיקע" געדאַנקען...

אין דער פּיעסע „משיחס צייטן" געהערט דעם ה' גאָלדפאַדען נאָר דער נאָמען און איניקע קופּלעטן, אַלץ איבריקעס איז פאַרפאַסט פון

יעקב גאָרדין.

נ. ב. אַזוי ווי גאָרדין איז אַ מיטאַרבעטער פון „די אַרב. צייט." און דאַרום קענען מאנכע מיינען, דאָס מיר דרוקן זיין בריוו, ווייל מיר זיינען געוויסערמאַסן איינפאַרשטאַנד מיט אים, אָדער לכל־הפּחות פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע

---

*) מיין קורסיוו . ז. ז.

וועלכע באַשעפטיקט איצט אַ געוויסן טייל פון טעאַטער-באַזו-
כער — האַלטן מיר פאַר נויטיק צו דערקלערן, דאָס די שפּאַלטן
פון דער „אַרבייטער צייטונג“ זיינען אָפן פאַר איין אָנשטענדי-
קע אַנטוואָרט אויף ה' גאָרדין'ס בריוו, ווי אויך פיר אַ ליטע-
ראַרישע קריטיק איבער ה' גאָלדפאַדען'ס דראַמען און איבער
זייער ווירקונג אויף די זשאַרגאָן-שפּרעכנדע יידן.
די רעדאַקציאָן".

אין יעקב גאָרדינס ענטפער איז פאַראַן אַ שטעל, וועלכע
איך האָב ספּעציעל אונטערגעשטראָכן, ווייל פון איר ווערט
קשה איין זאַך.

גאָרדין דערציילט פשוט, אַז די גאַנצע פּיעסע איז זיינע,
און אַז געבליבן פון גאָלדפאַדענען איז בלויז דער נאָמען און
אייניקע קופּלעטלעך, ווייטער אַלץ איבעריקע האָט געטויגט אויף
כפּרות. פרעגט זיך אַ פראַגע, פאַרוואָס האָט גאָרדין זיך באַ-
גנוגנט מיט צוגעבן צו ז י י ן פּיעסע זיין נאָמען בלויז אַלס
באַאַרבעטער און צונעמען גאָלדפאַדענען פאַר אַ שותף בלויז
דערפאַר, ווייל די פּיעסע טראָגט דעם נאָמען, וואָס גאָלדפאַ-
דען האָט איר געגעבן און עס זענען געבליבן אייניקע קופּ-
לעטן, וועלכע גאָרדין האָט לייכט געקאָנט אַרויסוואַרפן און אָנ-
שרייבן אייגענע.

אינטערעסאַנט זענען נאָך אין גאָרדינס ענטפער צוויי
חטאים, וועלכע ער וואַרפט פאַר די דראַמאַטורגן פון יענער צייט:

1) דאָס וואָס זייערע פּיעסן זענען נישט פּסיכאָלאָגיש
באַגרינדעט.

2) דאָס, וואָס זייערע פּיעסן זענען גרים, אַריבערגעפירט
פון נישט יידישן לעבן, פאַריידישנדיק בלויז די נעמען פון
די העלדן.

גראָד דידאָזיקע צוויי חטאים האָבן פיל קריטיקער שפּע-
טער פאָרגעוואָרפן גאָרדינען בנוגע זיינע פּיעסן, אבער דאָך
האָט זיך, ביז סאַמע לעצטנס אין מאָסקווע, נישט געפונען קיי-
נער, וואָס זאָל פּרווון ענדערן גאָרדינס פּיעסן און זיך צו-

שרייבן אלס באַארבעטער, ווי גאָרדין האָט עס געטון בנוגע גאָלדפאַדען.

גאָרדינס בריוו האָט אַרויסגעבראַכט פון געדולד אַ באַקאַנטן זשורנאַליסט פון יענער צייט, יעקב מילך און באַלד אין קומענדיקן (41) נומער פון דער „אַרבעטער צייטונג", האָט ער אָפּגעדרוקט אין דער רובריק „שטימען אויס דעם פאָלק", פאָלגנדיקן בריוו:

„אַ פראַגע צו הערן גאָרדין!

ווערטער רעדאַקטאָר!

שטיצנדיק זיך אויף אייער אָנמערקונג צו ה' גאָרדינס דערקלערונג, האָף איך, אַז איר וועט מיר דערלויבן אַ שטיקל פּלאַץ אין די „אַרב. צייט.", פאַר עטלעכע קורצע, אָבער, צו דער זעלבער צייט, גאַנץ וויכטיקע באַמערקונגען.

איך קאָן נישט גאָלדפאַדענס „מליץ יושר", איך ווייס אויך נישט אויב גאָרדין האָט אים באַארבעט. איך וויל אַלזאָ נישט זאָגן מיין מיינונג איבער די פּיעסע גופא, צי האָט זי גאָרדין ווירקלעך באַאַרבעט צי נישט. איך וויל נאָר איצט פרעגן ביי ה' גאָרדין פאָלגנדיקע פראַגן:

1) איך קאָן גאָרנישט פאַרשטיין, צו וואָס דאַרף דאָס ה' גאָרדין איבערהויפּט באַאַרבעטן גאָלדפאַדענס דראַמען? ווען ער געפינט אַרויס, אַז גאָלדפאַדענס פּיעסן האָבן נישט די אַלע מעלות, וואָס א פּיעסע דאַרף האָבן, זאָל ער זיי פאַרוואַרפן און אויפשרייבן נייע. צי קען דען נישט ה' גאָרדין אויפשרייבן אַ נייע פּיעסע, וועלכע זאָל זיין אַ „וואַרעס לעבענסבילד מיט ריכטיקע טיפּן גענומען פון דער נאַטור" און טאַקע מיט נייע נעמען אויך? צו וואָס זיך באַנוצן מיט פרעמדע נעמען?

2) פאַרוואָס פאַרלאַנגט עפּעס ה' גאָרדין 17) מען זאָל אים גלויבן אויפן וואָרט?

עס איז שוין אַ צייט מיט יאָרן, ווי גאָלדפאַדענס פּיעסן ווערן געשפּילט אויף די יידישע בינע און האָבן אימער 18)

17) (, אז) 18) שטענדיק

געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, און איך ווינטש נאָך היינט, אַז אַלע יידישע טו-אָרדער 19) שרייבער זאָלן, ווען נישט קיין בעסערע, על כל פנים קיין ערגערע נישט שרייבן — און דאָ קומט פלוצלונג ה' גאָרדין און דערקלערט, אַז זיי זענען נישט גענומען פון לעבן, אַז עס איז נישט קיין ריכטיקע טיפן, א. ז. וו. ווו זענען די פאַקטן?

איצט לאָמיר זעען דעם בריוו, וואָס דער געוויסער הי-מעלפאַרב האָט געשריבן, און די דערקלערונג, וועלכע ה' גאָרדין האָט געפונען פאַר אַזוי נויטיק צו פובליצירן.

הימעלפאַרב פרעגט מיט וועלכע רעכט שרייבט זיך ה' גאָרדין צו די באַאַרבעטונג פון דעם „מליץ יושר", ווערענד ער האָט גאָרנישט באַאַרבעט, און אין איין וועגס פרעגט דער בריוו-שרייבער צי וועלן 20) די „משיחס צייטן" אויך ווערן אַזוי באַאַרבעט.

יעדער איינער קאָן דאָ אַרויסזען, אַז די הויפט-פראַגע באַציט זיך אויף דעם „מליץ יושר", און ווען ה' גאָרדין האָט שוין יאָ געפונען פאַר נויטיק צו דערקלערן, האָט ער דאָך על כל פנים באַדאַרפט זיך באַציען אויף די הויפט-פראַגע. וואָס-זשע האָט גאָרדין געטון? ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן אַרטיקל, וואָס אַ פיעסע דאַרף זיין, ווי אַ פיעסע, ווער אַ פיעסע דאַרף זיין און פירט אויס, אַז די משיחס צייטן, וואָס מיר וועלן קורצלעך דערלעבן 21), זענען דאָס טאַקע מיט אַלע פיטשעווקעס באַאַרבעט פון אים. מילא, צי דאָס אַלץ איז אמת, וועלן מיר זעען, אַז מיר וועלן דערלעבן משיחס צייטן, אָבער וואָס איז מיט דעם „מליץ יושר", ה' גאָרדין?

---

19) „טו-אָרדער" הייסט „אויף באַשטעלונג". ה" מילך מיינט דערמיט דעם מנהג אין טעאַטער צו באַשטעלן ביי געוויסע מחברים, אַז זיי זאָלן שרייבן פיעסן אויף געוויסע אָנגעוויזענע טעמעס, אָדער דאָס וואָס מען הייסט אַ מחבר מאַכן אַ פיעסע אין פאַרלויף פון אַ טאָג-צוויי, ווייל מען דאַרף שטעלן אַ נייע פיעסע, וואָרום די אַלטע איז דורכגעפאַלן.

20) (וועט די פיעסע) 21) (צו זעען שפילן)

צי בלייבט עס אַ „מליץ יושר" פאַר גאָלדפאַדען אָדער נישט?
אין דער האָפנונג, אַז איר וועט אין נעקסטן נומער „אַרב. צייט." געבן אַן אַנטוואָרט אויף מיינע פראַגן,
פאַרבלייב איך
יעקב מילך".

מיט אומגעדולד דערוואַרטן מיר דעם קומענדיקן נומער פון דער „אַרבעטער-צייטונג" צו זען וואָס יעקב גאָרדין ענטפערט ה' מילכן, אָבער אומזיסט, נישט אין קומענדיקן נומער, און נישט שפּעטער איז פון גאָרדינען נישטאָ קיין ענטפער, אָבער גאָרדינס כּבוד נעמט זיך אָן אַן אַנדערער, דער באַקאַנטער פאָרשטאָרבענער זשורנאַליסט לואיס מילער דרוקט אָפּ אין נומער 43 פון דער „אַרבעטער צייטונג" אַן ענטפער צום ה' מילך, אָבער אין דעם ענטפער רעכנט זיך ה' מילער ביני לבינו אָפּ מיט גאָלדפאַדענען, וועלכן ער וואַרפט פאָר וואָס אין דער קאָרט.

ה' מילערס בריוו איז פאָלגנדיקער:

אַנטוואָרט אַן גען. 22) מילך.

מיט אַ וואָך צוויי צוריק האָט „די אַרבעטער-צייטונג" פאַרעפנטליכט אַ בריוו פון פריינט גאָרדין, וואו אַנטוואָרטנדיק אַ מאַן מיט דעם נאָמען הימעלפאַרב, ערלויבט ער זיך צו מאַכן אייניקע קריטישע באַמערקונגען וועגן דעם אָריגינעלן פאַרפאַסער פון „מליץ יושר" און „משיח'ס צייטן" — הערן גאָלדפאַדען.

דיזע באַמערקונגען, ווי עס שיינט, זיינען גאָרניט געפעלן אונזער געעהרטע מילך, ער דערקלערט, אַז ער האָט אויך אַ פּאָר „וויכטיקע" באַמערקונגען, און מיט דעם טאָן פון אַ וואָזשנעם רב, הייבט ער אָן צו זאָגן גאָרדין 23) מוסר פאַר די חוצפּה אויסצובעסערן גאָלדפאַדענס שטיק. איבעריגנס איז פון מילך'ס „באַמערקונג" ניט אינגאַנצן קלאָר צי ער בייזערט זיך אויף גאָרדינען ווייל דיזער האָט איבערגעמאַכט גאָלדפאַדנס

22) צום חבר 23) גאָרדינען

שטיק, צי דערפאַר ווייל ער האָט זיי ניט איבער געמאַכט. יעדנ־פאַלס פריקאַזעוועט 24) ער גאָרדינען מיט אַ שטרענגען טאָן, צו אַנטוואָרטן אים, צי גאָלדפאַדן, צי אַן אַנדערער איז דער פאַרפאַסער פון „מליץ יושר". ער האָפט, אַז גאָרדין, ניט אַכטנדיק אויף דעם טאָן פון דיזן פריקאַז 25), ניט אַכטנדיק אויף די וויצן פון די „באַמערקונגען", וועט אים זאָפאָרט ענט־פערן. איך וועל אים איבערלאָזן מיט דיזע זיסע האָפנונג, אַזוי ווי ניט דאָס בין איך אויסן. איך וויל דאָ נאָר מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן מילך'ס „באַמערקונגען".

איך וויל דאָ ניט פאַרטיידיקן גאָרדינען. ווען עס איז אמת, וואָס הימעלפאַרב זאָגט, אַז „מליץ יושר" ווערט געשפּילט אַזוי ווי זיין טאַטע גאָלדפאַדען האָט עס געשריבן, זאָ פרייט דאָס מיר אין די אינטערעסע פון גאָרדינען, יעדער וואָס האָט גע־זעען דיזען שטיק, און פאַרשטייט דאָבײ, וואָס אַ שטיק דאַרף זיין, ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס איז ניט פיל ערע צו רופן זיך איר פאַרפאַסער און נאָך וויניקער ערע צו שרייבן זיך איר רעדאַקטאָר. און ווען געוואָסע מילך, אָנשטאָט דעם צו דער־קלערן שטאָלץ, אַז ער האָט ניט געזען „מליץ יושר", וואָלט טאַקע אוועק דאָס זען, און וואָלט זיך גוט צוגעקוקט ווי צום ביישפּיל אַ מאַן, נאָכדעם ווי מען האָט אים דאָרטן פאַראור־טיילט צום טויט, הייבט אָן פון האַרץ קלעמעניש און יסורים צו טאַנצן אַ קאָזאַצקע, און זינגען פריילִיכע קופּלעטן, דאַן וואָלט ער געוויס פאַרשפּאָרט זיך די מי לעכערלעך צו מאַכן, און פאָדערן, אַז גאָרדין זאָל אים „באַווייזן" מיט „פאַקטן", אַז די שטיק איז ניט קיין „לעבנס־בילד" מיט ריכטיקע טיפּן גע־נומען פון דער נאַטור. וואָס אָנבעטראַכט פאַרוואָס האָט גאָרדין פּובליצירט, אַז ער האָט איבערגעמאַכט דיזעס שטיק, זאָ גלויב איך, אַז ווען ניט מ י ל ך זעלבסט, זאָ אַמווייניגסטן די „אָר־בעטער־צייט." וואָלט געקאָנט דערפאַרן די אורזאַכע דאַפאָן, נעמליך, אַז עס איז ניט גאָרדינס שולד, וואָס די אַקטיאָרן

24) באַפעלט 25) באַפעל

האָבן אַרויסגעוואָרפן אַלץ, וואָס גאָרדין האָט דאָרטן אַריינגעשטעלט, און האָבן אַלץ אַריינגעשטעלט, וואָס גאָרדין האָט אַרויסגעוואָרפן*).

עס איז לעכערליך צו פאַרגלייכן גאָרדין מיט גאָלדפאַדען, ווער פון זיי האָט א ריכטיקערן באַגריף וועגן די אויפגאַבן פון די וואָרע קונסט. ווען גאָלדפאַדען געהערט די ערע, דאָס ער האָט באַשאַפן די יידישע בינע, זאָ ליגט אויך אויף אים די שמאַך 26), דאָס דיזע בינע, ווי ער האָט איר באַשאַפן און ווי זי עקסיסטירט נאָך היינט צו טאָג, איז ניט מער ווי א קאַריקאַטורע אויף דעם, וואָס א בינע דאַרף זיין. גענאָסע מילך, ווען ניט אַלס א מיטאַרבעטער, זאָ אַמווייניקסטן אַלס א שטענדיקער לעזער פון „אַרבעטער צייטונג", האָט פון די אַרטיקלען אין דיזער צייטונג געדאַרפט האָבן א קלערערע און מער פאָרטגעשריטענע אידעע 27) וועגן די אויפגאַבן און פליכטן פון אַן אַנשטענדיקער בינע.

זיין אַרגומענט, אַז גאָלדפאַדענס פיעסעס „האָבן אימער געהאַט אויף דער יידישער בינע א גרויסאַרטיקן ערפאָלג", איז די טרויערדיקסטע פון אַלע זיינע „באַמערקונגען". ווען מען דערמאָנט זיך נאָר וועלכער מין קונסט באַגייסטערט, און האָט אַן ערפאָלג ביי אונזער יידישן פובליקום. וואָס אַנבעטרעפט וועגן פונקט, וואָס פאַרע רעכט האָט גאָרדין איבערהויפט צו ענדערן אַן אַנדערנס ווערק, זאָ איז דאָס פשוט קאָמיש. ווען יעקב מילך האָט דאָס רעכט „פריי איבערצוזעצן", אַלזאָ ענדערן סמאָלענסקי'ס ווערק „באַגראָבן ביים פאַרקאָן" 28), זע איך קיין גרונד נישט, פאַרוואָס גאָרדין האָט קיין רעכט נישט „פריי" צו באַאַרבעטן גאָלדפאַדענ'ס א פיעסע, דעסטא מער 29)

---

*) מיין קורסיוו ז. ז.

26) חרפה 27) באַגריף 28) אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין דער „אַרבעטער צייטונג" געדרוקט אין המשכים סמאָלענסקיס באַקאַנטער ראָמאַן „קבורת חמור" אונטערן נאָמען „באַגראָבן ביים פאַרקאָן", פריי באַאַרבעט פון יעקב מילך.

29) איבערהויפט

ווען דיזע ענדערונגען ווערן נישט געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס ווי מילך׳ס זאָגדערן 30) ווערן נאָר ג ע ש פ י ל ט, דאָס הייסט ענדיקן זיך צוזאַמען מיט דער 31) פּיעסע.

איך האָב זייער אַ הויכע מיינונג וועגן ליטעראַרישן טאַלאַנט פון גענאָסע מילך און עס טוט מיר דאַרום זייער לייד, דאָס ער האָט זיך גענומען פאַר אַ געגנשטאַנד, וועלכע שיינט אים צו זיין גאַנץ פרעמד.

ל. מ י ל ע ר״

New-York October 8 1892

אין דאָזיקן בריוו האָב איך אונטערגעשטראָכן אַ זאַך, וואָס וואַרפט אַ העל ליכט אויף אַ זאַך, וועלכע ווערט אונדז דורכדעם אויפגעקלערט.

ה׳ הימעלפאַרב האָט אין זיין בריוו פאָרגעוואָרפן יעקב גאָרדינען, פאַרוואָס ער האָט אָנגעגעבן זיין נאָמען אַלס באַאַרבעטער אויף דער פּיעסע „מליץ יושר״, בעת ער האָט אין טעאַטער נישט באַמערקט ביים שפּילן קיין שום ענדערונגען אין טעקסט, דאָס הייסט, קיין אַנדערע פּראָזע, ווי ער האָט געהערט פריער, ווען זי איז געשפּילט געוואָרן בלויז אונטער גאָלדפאַדענס נאָמען.

פון דער שטעל, וועלכע איך האָב אונטערגעשטראָכן אין ה׳ מילערס ענטפער, ווערט קלאָר, אַז די אַקטיאָרן, וועלכע זענען געוווינט געווען צו שפּילן גאָלדפאַדענס „מליץ יושר״ מיט דעם פריערדיקן טעקסט, האָבן קיין שום אַכט נישט געלייגט אויף יעקב גאָרדינס באַאַרבעטונג, אויף וועלכע זיי האָבן געוויס געמאַכט פּראָבן און ביינאַכט צום שפּילן האָבן זיי ווייטער געזאָגט די אַלטע, גאָלדפאַדענס פּראָזע, מאַכנדיק פאַר איר פאַראַנטוואָרטלעך יעקב גאָרדינען, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם אַפיש אַלס באַאַרבעטער פון דער פּיעסע.

ווידער איז אַוועק אַ וואָך און קיין תשובה פון יעקב

---

30) נאָר. 31) (אויפפירונג פון דער)

גאָרדין איז נישט געקומען, דערפאַר איז אין נומער 44 פון „ארבעטער צייטונג" אָפּגעדרוקט אַ גרויסע תשובה פון יעקב מילך:

שטימען אויס דעם פאָלק.

„גענאָסע רעדאַקטאָר!

ווען איך האָב געשריבן מיין בריוו אַן הערן גאָרדין אין „אַרב. צייט." נומער 41, האָב איך נאַטירלעך, געהאָפּט און ערוואַרט, אַז ה' גאָרדין, אלס פּאַראינטערעסירטע פּערזאָן, וועט, נישט אכטנדיק אויף דעם טאָן פון מיין פריקאַז, נישט אַכטנדיק אויף די וויצן פון מיינע „באַמערקונגען" (ווי מילער דריקט זיך אויס) זיך געפינען פארפליכטעט, ווען נישט מיר, על כל פנים דעם פּובליקום, אין וועמענס אינטערעס איך האָב אייגנטלעך געשריבן, צו געבן אַ גענוגענדע אנטוואָרט. אָבער אַז גען. מילער, וועלכער האָט קיין שום אינטערעס נישט אין די גאַנצע ביזנעס 32), זאָל ענטפערן, איז מיר אפילו נישט איינגעפאַלן. נאָר ווי די מעשה איז, דער פאַקט איז אַזוי, מען מוז זיך מיט אים רעכנען.

איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז עס איז מיר זייער שווער צו ענטפערן אויף גען. מילערס בריוו: נישט ווייל ער האָט מיר געשטעלט אַזעלכע קלאָץ־קשיות, וועלכע איך קען נישט פאַרענטפערן, ניין, נאָר גאַנץ איינפאַך, ווייל ער איז אַזוי ווייט אַראָפּגעקראָכן פון די טעמא, אַזויפיל פאַרפּלאָנטערט און פאַרדרייט מיינע פראַגן, אַז עס איז כמעט אוממעגלעך אין אַ אָנשטענדיקער ווייזע 33), זי צוריק אויפצופּלאָנטערן.

איך וויל דאָ נישט אומזיסט מאריך זיין איבער די שטעכעבישן, וואָס גען. מילער האָט געפונען פאַר נויטיק צו שיקן אויף מיין אַדרעס. דאָס בין איך אים מוחל, ווייל איך פּרעטענדיר איבערהויפּט נישט פאַר קיין „וויסענשאַפטס מאַן", נאָר פאַר אַן איינפאַכן אַרבעטער, פאַר אַ קינד פון פאָלק, וועלכן

32) ענין, זאַך, 33) אופן.

עס קרענקט צו זען, ווי דאָס פאָלק ווערט אויסגעלאַכט, און דערפאַר, טאקע נאָר דערפאַר, האָב איך הערן גאָרדין פריער געפרעגט און מוז איצט נאָך אַמאָל ערקלערן מיינע פראַגן, כדי צו ווייזן ווי ווייט גענ. מילער האָט ניט דערפילט זיין פרייוויליק איבערגענומענע אויפגאַבע.

אום וואָס האַנדלט זיך דאָ אייגנטליך: מר. 34) גאָרדין האָט דאָ אויפגעטראָטן אַלס רעפאָרמאַטאָר פון די יידישע בינע און האָט דערקלערט, אַז ער נעמט אויף זיך די ווירקליך וויכטיקע אויפגאַבע צו רייניקן די בינע פון אַלע פאַסקודסטוואָ 35) און זי אויפציען צו אַ ליטעראַרישע שטופע. איך אַלזאָ, זעענדיק און באַטראַכטנדיק אויף וואָס פאַרא אופן ה' גאָרדין האָט זיך גענומען דערפילן דיזע אונטערנעמונג, האָב געפונען באַרעכטיקט צו פרעגן:

1) צו וואָס דאַרף ער באַאַרבעטן גאָלדפאַדענס פיעס, ווען ער זעט אַז זיי טויגן ניט? זאָל ער זיי ניט נעמען אין האַנט, זאָל ער אויפשרייבן נייע, בעסערע און טאַקע מיט נייע נעמען. 2) פאַרוואָס וויל גאָרדין מען זאָל אים גלויבן אויפן וואָרט? עס קען זיין אַז די גרויסע געבילדעטע דאַרפן ניט קיין באַווייזע, אַז גאָלדפאַדענס פיעסן טויגן ניט; אָבער מיר, פראָסטע מענטשעלעך, מיר, אַרבעטער, קענען דאָס ניט וויסן, מיר ווייסן, אַז גאָלדפאַדענס פיעסן האָבן אימער געהאַט אַ ער־פאָלג", מיינען מיר, אַז זיי זענען גוט; זאָל ער אונז אויפקלערן וואָס זייער חסרון איז. און 3) פאַרוואָס שרייבט ער זיך צו די באַאַרבעטונג פון „מליץ יושר", ווערענד ער האָט גאָר ניט באַאַרבעט? אָט אויף די 3 איינפאַכע און קלאָרע פראגן, האָט גענ. מילער ערשטנס דערקלערט, אַז פון זיי איז ניט קלאָר גענוג, וואָס איך וויל, און ער האָט זיי אַזוי פאַרדרייט און פאַרפלאָנטערט, אַז מען קען שוין טאַקע באַלד גאָרניט אַרויסגעפינען.

גענ. מילער שרייבט (אודאי אויף די פראַגע, פאַרוואָס גאָרדין האָט זיך צוגעשריבן די באַאַרבעטונג) „ווען עס איז

34) הער 35) שמוץ, אומזיניקייטן

אמת, וואָס הימעלפאַרב זאָגט, אַז „מליץ יושר” ווערט געשפּילט ווי זיין טאַטע גאָלדפאַדען האָט עס געשריבן, זאָ פרייט עס מיך אין די אינטערעסע פון גאָרדינען”. אָלרייט! 36) געג. מילער, מיך פרייט עס אויך; אָבער איז עס אַ אנטוואָרט אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס האָט זיך גאָרדין צוגעשריבן צו די באַאַרבעטונג? אדרבה, מיין קשיה איז דאָך איצט נאָך הארבער: ווען עס איז אזאַ אומערע צו שרייבן זיך רעדאַקטאָר פון „מליץ יושר”, פאַרוואָס נעמט דאָך הער גאָרדין אויף זיך אזאַ „אומערע?” מכּח די פראגע איבּ די רעדאַקציאָן האָט געקענט דערפאַרן די אורזאַכע, איז ניט מיין זאַך צו פאַרענטפערן די רעדאַקציאָן. יעדנפאַלס, איך, ווי דאָס גאַנצע פּובּליקום, האָב דעם פאַקט ניט געקענט וויסן, אזוי לאַנג ווי הער גאָרדין, באַריירנדיק דעם ענין אין זיין בריוו, האָט דיזע דערקלערונג ניט געמאַכט.

געג. מילער, אַרויסגעפינענדיק פון מיין בריוו (נאַטירליך פאַלש, וויל איך האָב וועגן דעם איבערהויפּט ניט גערעדט) אַז איך שטעל גאָלדפאַדענען העכער פון גאָרדינען, האָט געפונען פאַר נויטיק צו זינגען הלל פאַר גאָרדינען און אויסצולאַכן גאָלדפאַדענען, און באַמערקט „ווען איך וואָלט, אַנשטאַט שטאָלץ צו באַמערקן, אַז איך האָב ניט געזעען דעם „מליץ יושר” ליבער אַוועק אים זעען, א. אַז. וו. וואָלט איך פאַרשפּאָרט די מי זיך לעכערליך צו מאַכן א. ז. וו.” איך וויל דאָ איצט וויזן ענליכע פעלערן אין גאָרדינס פּיעסן, נאָר שטעלט זיך פאַר געג. מילער, אַז איך בין אַוועק אין טעאַטער און האָב זיך איבערצייגט, אַז דער „מליץ יושר” טויג אויף כּפּרות, האָב אָבער געזען אַז מאַסן קוועלן דערפון און פרעג ווייטער: פאַרוואָס וויל גאָרדין אַז דיזע מאַסן זאָלן אים גלויבן אויפן וואָרט און איבערצייגט זיי ניט מיט וואָס דאָס טויג ניט? און פאַרוואָס ווידער שרייבט זיך גאָרדין צו די באַאַרבעטונג, ווערענד ער האָט דאָס גאָר ניט באַאַרבעט? און צו וואָס דאַרף ער דאָס נעמען אין האַנט אַז עס טויג ניט? — און וואָס אַנבעטרעפט געג.

36) זייער גוט.

מילערס באַמערקונג, „ווען איך האָב דאָס רעכט פריי איבערצוזעצן סמאָלענסקינס „באַגראָבן ביים פּאַרקאָן", האָט גאָרדין דאָס רעכט פריי צו באַאַרבעטן". מוז איך זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב אַ צו הויכע מיינונג איבער געג. מילער, איך זאָל קענען גלויבן, אַז ער האָט געמיינט ערנסט און ניט געוועזן פאַרשלאָפן ווען ער האָט געשריבן. לעזט דאָך נאָך אַמאָל מיין בריוו: האָב איך דען געפרעגט, אויב גאָרדין האָט דאָס רעכט, אָדער האָב איך געפרעגט צו וואָס דאַרף ער דאָס? איך האָב זיך נישט געוואָלט אָננעמען גאָלדפאַדענס קריוודע. איך פרעג נאָר, ווען הער גאָרדין וויל ריינמאַכן די יידישע בינע פון שמוץ, צו וואָס נעמט ער דאָס, וואָס ער האַלט אַליין פאַר שמאַטעס און וויל איבערניצעווען? ווען איך זאָל זיך האַלטן פאַר אַ גרעסערן מאַכער ווי סמאָלענסקי און אים פאַר אַ פּאַרטאַטש, וואָלט איך זיינס אין האַנט ניט גענומען, איך וואָלט געשריבן אייגענע, בעסערע. איך איבערזעץ אָבער פריי" (און פאַרגעסט ניט, אַז עס איז אַ חילוק פון „פריי איבערזעצן" אין אַן אַנדערע שפּראַך, ווי באַאַרבעטן אין די זעלבע שפּראַך) סמאָלענסקיס, ווייל איך האַלט אים פאַר אַ גרעסערן מאַכער פון מיר, און שרייב דאָס וואָרט „פריי איבערזעצט", ווייל עס איז אוממעגליך פון אַ ליטעראַרישע שפּראַך איבערצוזעצן ווערטערליך אין זשאַרגאָן. איך וועל אָבער ניט נעמען אַ בבא מעשה און זי איבערניצעווען און פאַרשלייערן, בפרט, ווען מיין אויפגאַבע זאָל זיין רייניקן די ליטעראַטור פון אַזעלכע בבא מעשיות.

New-York 21 October

יעקב מילך.

מיטן דאָזיקן בריוו, וואָס האָט אַ מאַסע דייטשישע ווערטער, ווו די פּונקטאַציע איז אין פיל ערטער נישט קיין ריכטיקע און ווו ס'איז פאַראַן אַ כאַראַקטעריסטישער זאַץ וועגן דער יידישער שפּראַך (זע דעם סוף פון בריוו), — האָט גענומען אַן עק צו דער דיסקוסיע. ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, האָט יעקב גאָרדין זיך נישט באַטייליקט אין דער דיסקוסיע, און אויך ה' מילער האָט גאָרנישט מער געענטפערט.

פון די אנאָנסן וועגן די אויפפירונגען אין יידישן טעאַטער, וועלכע איך האָב געזען פאַר די ווייטערדיקע דריי יאָר, האָב איך נישט געפונען, אַז יעקב גאָרדין זאָל האָבן אויפגעפירט זיין באַארבעטונג פון „משיחס צייטן". און אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז די גאַנצע דיסקוסיע איז געווען אַ טעאָרעטישע, אָבער מען מוז מודה זיין, אַז אַן אינטערעסאַנטע.

עס זענען אַריבער אייניקע יאָר, און אויף דער אַרענע איז אַרויפגעקומען לעאָן קאָברין.

גאָרדין האָט זיך אין פאַרלויף פון דער צייט פאַרפעסטיקט זיין פּאָזיציע אין יידישן טעאַטער. אמת, אַז עס האָבן נאָך געקריגט אויף דער בינע די היסטאָרישע „אָפּערעס" און אָפּערעטן פון פּראָפ. הורוויץ און לאַטיינער, אָבער ווען מען האָט געוואָלט שפּילן אַ ליטעראַרישע זאַך, אַן אמתדיק טעאַטער־שטיק, האָט מען זיך געמוזט ווענדן צו גאָרדינען.

ער איז אייניציק אויף דעם געביט. ער איז דער אַליינהערשער, און אָט באַווייזט זיך אין דער געזעלשאַפט „פרייע יידישע פאָלקס־בינע", וווּ גאָרדין איז דער פאָרזיצער און דער גאַנצער רוח־חיים, דער יונגער בעלעטריסט לעאָן קאָברין מיט אַ דראַמע „נינאַ".

עס איז נישט אַזוי לייכט צו ברענגען אַ פּיעסע, אַז מען זאָל זי שפּילן. די אַקטיאָרן, וועלכע הערן זי לייענען, לאַכן אָפּ פון אויפפירן די פּיעסע, וועלכע זיי דערקלערן גאָר פאַר אוממאָראַליש, אַנדערע זענען זי נישט מסכים אויפצופירן ווייל לויט דעם נאָמען אירן, קומט אויס, אַז זי איז געשריבן פאַר אַ דאַמע, און זיי זענען דאָך מאַנסלייט.

אָבער דאָ קומט די „פרייע יידישע פאָלקס־בינע", און דערקלערט אַ קאָנקורס אויף אַ גוטע פּיעסע, וואָס זאָל פאַרדינען געשפּילט צו ווערן, און מען וועט זי טאַקע אויפפירן.

קאָברין אַליין איז אויך אַ מיטגליד פון דעם קאָנקורס־קאָמיטעט. ער באַטייליקט זיך אין לייענען די פּיעסן, וואָס ווערן צוגעשיקט, נאָר טויגן אַלע אויף כפרות, אַזוי, אַז מען וויל שוין שיעור אַפילו נישט לייענען די פּיעסע, וועלכע ער האָט,

אַנאָנים, ווי צו אַ קאָנקורס, צוגעשיקט, אָבער ענדלעך לייענט מען זי (אין זיין אַפּוועזנהייט), און מען דערקלערט זי פאַר די איינציק פּאַסיקע.

אָבער עס איז דאָ איין פאַריין איין פּערזאָן וועמענס מיי־נונג וועגט אַריבער אַלעמענס, און דאָס איז — יעקב גאָרדין. ער איז דער הויפּט־עקספּערט, און ווען ער הערט לייענען די פּיעסע, דערקלערט ער, אַז זי איז אָן שום ספק אַ גוטע, נאָר זי איז נישט סצעניש.

נאָך אַ לאַנגע דיסקוסיע איבער דער אַרויסגעזאָגטער מיי־נונג בלייבט צו מאַכן אַן עפנטלעכע פאָרלעזונג, אויף וועלכע מען זאָל לייענען פאַרן פּובליקום די פּיעסע, און זען אויב זי מאַכט אַזאַ רושם, אַז מען קאָן זי אויפפירן.

יעקב גאָרדין איז מער ווי אַלע פאַראינטערעסירט אין דער פּיעסע, און ווען ער טרעפט דעם אַנאָנימען מחבר, לעאָן קאָברינען, קען ער זיך נישט איינהאַלטן פון זאָגן אים, אַז די פּיעסע איז אַ גוטע, און אַן אינטערעסאַנטע, איגגאַנצן אַ נייער סוזשעט און אינטערעסאַנט געשילדערט, און דעריבער אינטערע־סירט אים צו וויסן ווער עס איז איר מחבר.

פאַרשטייט זיך, אַז קאָברין האַלט דעם סוד, אַז ער איז איר מחבר, אָבער ער קאָן נימ איינהאַלטן זיין נייגיריקייט פון פרעגן גאָרדינען אויב די פּיעסע וועט האָבן דערפאָלג, ווען מען וועט זי שפּילן.

און גאָרדין האַלט זיך אַלץ ביי דאָס זייניקע, אַז אויב מען וועט די פּיעסע שפּילן אין איר איצטיקער פאָרם, וועט נישט גוט זיין, אָבער ווען מען זאָל זי איבעראַרבעטן, קאָן זי האָבן דערפאָלג.

צו דער פאָרלעזונג איז אויך יעקב גאָרדין געקומען, אָבער באַלד נאָכן ערשטן אקט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן דעם זאַל. ווי ער האָט שפּעטער דערקלערט, האָט ער דאָס נישט געטון צוליב דער פּיעסע, נאָר צוליב דעם וואָס דער פאָרלייענער, יואל ענטין, האָט שלעכט געלייענט.

די פּיעסע האָט זייער אויסגענומען ביי די צוהערער. און ערשט דאַמאָלס האָט קאָברין דערלויבט, אַז מען זאָל אויסזאָגן דעם סוד, אַז ער איז דער מחבר פֿון דער פּיעסע.

ווען גאָרדין האָט זיך נאָכדעם דערוווּסט פֿון דער פּרעסע, אַז די פּיעסע „נינאַ" איז קאָברינס, האָט ער זיין מיינונג נישט געענדערט, און אין אַ שמועס, וועלכן ער האָט געהאַט מיט קאָברינען, האָט ער אים נאָך אַמאָל איבערגעחזרט, אַז אַזוי ווי די פּיעסע איז איצט, קאָן מען זי נישט שפּילן, נאָר מען מוז זי אינגאַנצן איבעראַרבעטן.

די דאָזיקע פֿאַרעקשנטע מיינונג גאָרדינס האָט געבראַכט צו אַ דיסקוסיע אין פֿאַריין, און ווען אַ מיטגלידערין, אַן אינטעליגענטע פֿרוי, איז אַרויסגעטרעטן געגן גאָרדינען, אַז ער האַנדלט נישט ערלעך, האָט איר גאָרדין האַרב צוריקגעענטפֿערט, און באַלד דערויף, אַלס פּראָטעסט, וואָס מען האָט נישט צו אים די געהעריקע אַכטונג, איז ער אַרויסגעטראָטן פֿון פֿאַריין, נאָך אים זענען אַרויס נאָך אייניקע וויכטיקע מיטגלידער, און אַזוי איז זיך דער גאַנצער פֿאַריין צעפֿאַלן, און פֿון אויפֿפֿירן די פּיעסע איז שוין נישטאָ קיין רייד.

אָבער אַ הסכּמה פֿון פּובליקום איז דאָך דאָ, פֿירט מען זי אַרום איבער די טעאַטערס צום פֿאַרקויפֿן, נאָר קיין קונה איז נישטאָ.

אַ שטיקל צייט נאָכדעם האָבן פֿריינט אויף אַ באַל דורכגעפֿירט אַ שלום צווישן גאָרדינען און קאָברינען, און אין עטלעכע טעג נאָכדעם האָט גאָרדין פֿאַרבעטן שריפֿטלעך קאָברינען צו זיך, און דאָרט האָט ער אים פֿאָרגעלייגט, אַז זיי זאָלן צוזאַמען באַאַרבעטן די פּיעסע.

קאָברין איז מסכּים, און עס בלייבט, אַז סיי דער האָנאָראַר, סיי די מחברים-רעכט זאָלן זיין אויף גלייכע העלפֿטן.

גאָרדין אַרבעט אויס דעם פּלאַן פֿון דער פּיעסע, אַלץ לויט זיין שטייגער, אַפֿילו מיט די „ווערטלעך", וואָס יעדער העלד דאַרף זאָגן. די פּיעסע ווערט אַזוי צו זאָגן געטיילט: די נשמה איז אין גאַנצן קאָברינס, אָבער אין גוף האָט גאָרדין

שוין אַ גרויסן חלק. ער ענדערט אַפילו די פיזיאָנאָמיע פון איין העלד פון דער פּיעסע, און איין אַקט, דעם לעצטן, שרייבט ער אַליין אָן.

גאָרדין, וועלכער איז דאַמאָלס פאַרבונדן מיט יעקב פּ. אַדלער, לייענט אים דערנאָך פאָר די פּיעסע, און דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער באַקומט אַלס האָנאָראַר, גיט ער אַוועק קאָברינען.

דאָס אַלץ איז אַלזאָ געמאַכט געוואָרן בחשאי, ביי זיך אין שטוב, אָבער עס איז באַשערט געווען, אַז עס זאָל זיין אַן עפנטלעכער סקאַנדאַל.

אַ שטיק צייט נאָכדעם אַנאָנסירט יעקב אַדלערס ווינדזאָר־טעאַטער, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַ נייע דראַמע „נינא", אָדער „נאָראַ פון יידישן קוואַרטאַל", פאַראַסט פון יעקב גאָרדין, איניציאַטיווע לעאָן קאָברין.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען קאָברין האָט דערזען די דאָזיקע אַנאָנס, איז ער געווען אויסער זיך און ער האָט זיך באַלד אָנגעפרעגט ביי יעקב גאָרדינען, וואָס זאָל דאָס באַדייטן. האָט אים גאָרדין געענטפערט אין אַ קאַרטל אויף רוסיש, אַז אַזוי ווי ער (קאָברין, הייסט עס) גייט סיי ווי סיי אַרום איבער דער שטאָט און געוואַלדעוועט, אַז ער (גאָרדין), האָט אים איבערגעפירט זיין מוסטערהאַפט (דאָס איז שוין אַ שטאָך ז. ז.) ווערק, נעמט ער (גאָרדין) אויף זיך די ג אַ נ צ ע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם ווערק, וואָס ער האָט איבערגעפירט.

דערויף האָט אים קאָברין געענטפערט מיט נאָך אַ היציקערן בריוו, אָבער גאָרדין האָט זיך נישט צוריקגעצויגן.

קאָברין מאַכט נאָך אַ זשעסט צו פאַרטיידיקן זיין מחברים־ערע: ער הויבט אָן דרוקן אין זשורנאַל „די נייע צייט" זיין פּיעסע אין דער פאָרם אַזוי ווי ער (קאָברין) אַליין האָט זי געשריבן, און דערביי גיט ער צו אין דער הקדמה אַ פּאָר ווערטער וועגן זיין שותּפות מיט גאָרדינען, און וואָס עס איז דערפון אַרויסגעקומען לויט דעם אַנאָנס.

אויסער דעם דרוקט אויך אָפּ די צייטונג „אָוונט־בלאַט"

אַן אַרטיקל קעגן גאָרדינען, אָבער ער רירט זיך ווייטער נישט.

דערווייל רוקט זיך אונטער די פּרעמיערע, און ווען דער פאָרהאַנג פאַלט נאָכן ערשטן אַקט, און דער עולם אַפּלאָדירט שטאַרק, קומט אויף דער בינע אַרויף יעקב גאָרדין און פאַרנייגט זיך. ערשט ווען דער עולם האָט אָנגעהויבן שרייען „קאָבּרין", האָט יעקב פּ. אַדלער אַרויסגעשלעפּט קאָבּרינען אויף דער בינע און אַזוי איז אויסגעקומען, אַז ביידע מחברים, די שונאים, זענען גלייכצייטיק אַרויסגעטרעטן פאַרן עולם, אָבער יעדער איז זיך געשטאַנען אין אַן אַנדער ווינקעלע.

לעאָן קאָבּרין, וואָס דערציילט דאָס אַלץ אין ערשטן באַנד פון זיין בוך „ערינערונגען פון אַ יידישן דראַמאַטורג", דערקלערט צום סוף, אַז ער איז זיכער, אַז יעקב גאָרדין האָט לכתחילה נישט געוואָלט אָנגעבן „נינא" אַלס זיין (גאָרדינס) פּיעסע, וואָרום ווען ער וואָלט דאָס געוואָלט טון, וואָלט ער דאָס געזאָגט פון דער בינע אַראָפּ צום עולם, און ער וואָלט אויך נישט פאַרשוויגן דער צייטונג, וואָס האָט אים צוליב דעם אָנגעגריפן.

און קאָבּרין פאַרענטפערט גאָרדינען, אַז געוויס האָט ער די זאַך געטון אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג, ווערנדיק פאַרפירט דורך רכילות-טרייבער, אָבער דערנאָך האָט ער, גאָרדין, דאָס געוויס באַדויערט.

אונדז אָבער איז נישט באַוווּסט קיין איין פאַל, ווען גאָרדין זאָל האָבן געפּרוּווט שפּעטער פעסטצושטעלן די עוולה, וואָס דאָ איז געשען קאָבּרינען.

תל-אביב 1927.

יידיש טעאַטער אין ארץ־ישראל

I

דער יידישער אַקטיאָר יעקב זילבערט דערציילט אין זיינע זכרונות*), אַז ווען זייער טרופּע האָט געשפּילט אין עגיפּטן, האָט די אַקטיאָרן אָנגעכאַפּט א בענקשאַפט קיין ארץ־ישראל און זיי זענען געפאָרן קיין יפו. דאָ האָבן זיי געהאַט בדעה צוּמאַכן אַ פאָרשטעלונג, אָבער די איינוווינער האָבן זיי דערקלערט, אַז אויף פּראָסט יידיש וועט מען זיי נישט לאָזן שפּילן, נאָר אויף העברעיש.

עס האָבן נישט געהאָלפן די טענות, אַז די טרופּע האָט אריינגעלייגט אַ מטמון מיט געלט אויף הוצאות, און אויב זיי וועלן נישט שפּילן, זענען זיי אומגליקלעך. מען האָט די יידישע אַקטיאָרן געוואָרנט, אַז מען וועט זיי נישט לאָזן שפּילן אויף יידיש, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און זענען אַוועקגעפאָרן קיין ירושלים. דאָ האָבן אַ טייל אינטעליגענטן זיי מקבל פּנים געווען און האָבן אַפילו אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט, ווען זיי האָבן געהערט, אַז די אַקטיאָרן ווילן שפּילן יידיש טעאַטער.

די ירושלימער האָבן זיי דערקלערט, אַז קיין שטערונג צו שפּילן וועלן זיי דאָ נישט האָבן, נאָר צוליב פולשטענדיקער זיכערקייט איז כדאי, אַז איינער פון די אקטיאָרן זאָל אריינגיין צום רב רבי שמואל סאלאנטער און נעמען ביי אים אַן הסכמה.

איז דער אַקטיאָר זילבערט, אַלס פאָרשטייער פון דער טרופּע, אַוועק צום רב. אין אָנהויב האָט רב שמואל סאַלאַנטער

---

*) זע „זכרונות פון יידישן טעאַטער", ווארשע 1928.

געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּורים־שפּיל, שפּעטער, ווען ער האָט געהערט, אַז עס איז עפּעס אַנדערש, האָט ער אים געפרעגט, וואָס ער שפּילט אַזעלכעס, און ווען זילבערט האָט אים געענטפערט „חורבן ירושלים", „שולמית", האָט זיך צווישן דעם אַקטיאָר און דעם רב אַנטוויקלט פאָלגנדיקער אינ־טערעסאַנטער דיאַלאָג:

— אַזוי, אַזוי? „חורבן ירושלים"? גוט, זייער גוט! ווער איז דער מחבר פון דעם?

— גאָלדפאַדען.

— אַך, גאָלדפאַדען! יאָ, איך ווייס פון אים. געלייענט זיינע שירים. ער קאָן שרייבן, אַ קלוגער מענטש. איז, ווער שפּילט עס? איר אַליין?

— ניין, רבי, אַ גאַנצע טרופּע, אַ חברה.

— צי וואָס דאַרפט איר דאָס? — האָט ער נאַיוו גע־פרעגט.

— דאָס איז אונדזער פּרנסה, רבי, מיר לעבן פון דעם.

— נשים זענען אויך דאָ צווישן אייך?

— יאָ, רבי, עס זענען דאָ.

— דאָס טויג נישט. אַזאַ זאַך פּאַסט נישט פאַר ירושלים, מיין זון. וואָס, איר האָט דאָרט ניגונים אויך?

— געוויס, רבי, מיר האָבן דאָרט שיינע יידישע ניגונים.

האָט דער רב געבעטן דעם אַקטיאָר, אַז ער זאָל פאַר אים זינגען די לידער, און ווען זילבערט האָט אָפּגעזונגען דעם „אין בית המקדש", האָט עס דעם רב אַזוי באַנומען, אַז ער האָט געבעטן ביי אים צו זינגען נאָך עפּעס, און דער אַקטיאָר האָט אָפּגעזונגען „ציון, ציון מיין הייליק לאַנד", דעם רב, וואָס איז, ווי עס איז צו זען פון זיינע רייד וועגן גאָלדפאַדען, נישט געווען קיין פאַרשלאָפענער, איז דאָס זייער געפעלן, אָבער ווען זילבערט האָט אים געפרעגט, וואָס איז מכוח שפּילן, האָט אים דער רב געענטפערט:

— מ'קאָן נישט, זון מיינער, עס פּאַסט נישט. אָט ווען אָנשטאָט דער אשה זאָל שפּילן אַ בחור, וואָלט נישט אויסגע־

מאַכט. אָבער אַזוי קאָן מען נישט, און צו וואָס דאַרפסטו עס איינגאַנצן? דו, זאָג מיר בעסער, פאַרוואָס ביסטו נישט קיין חזן? עס וואָלט דאָך שענער געווען ווי אַרומשלעפּן זיך איבער דער וועלט.

זילבערט האָט גענומען טענהנען, אַז די טרופּע האָט גע־האַט גרויסע הוצאות, אַז זיי זענען אומגליקלעך, אָבער דער רב האָט געטענהט, אַז דאָ, אין ירושלים, פּאַסט עס נישט און דער אויבערשטער וועט זיי אין דעם זכות שוין ממלא זיין זיי־ער שאָדן.

בקיצור, די טרופּע האָט אין ירושלים נישט געשפּילט און אויף הוצאות הדרך האָבן זיי געהאַט פון אַ קאָנצערט, וואָס זיי האָבן דאָרט איינגעאָרדנט.

קיין דאַטע, ווען דערדאָזיקער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען, גיט זילבערט נישט אָן, נאָר לפי־ערך (ער שרייבט, אַז דאָס איז געווען באַלד נאָך זיין חתונה) דאַרף מען רעכנען, אַז דאָס איז געשען מיט קנאַפּע 35 יאָר צוריק.

אַן ערך אין דער זעלבער צייט, אין 1891, האָט דער־איצטיקער פּיעסן־שרייבער און טעאַטער־פאַרוואַלטער הערי קראָהן *) קומענדיק פון אָדעס קיין יפו, צום ערשטן מאָל אין דער גע־שיכטע פון יידיש טעאַטער אין ארץ־ישראל, אויפגעפירט גאָלד־פאַדענס „שולמית" אויף יידיש. די פּיעסע איז געשפּילט גע־וואָרן אין ערשטן אויפגעבויטן הויז פון דער דאַמאָלסטיקער יפוער פאָרשטאָט, און הייינטיקער זעלבסשטענדיקער, תל־אביב. דערדאָזיקער פּרווו האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן, און האָט זיך מער נישט איבערגעחזרט.

פון דעם אויבנגעבראַכטן איז צו זען, אַז שפּילן יידיש טעאַטער אין ארץ־ישראל זענען געווען (אין אַביסל געענדערטער פאָרם) די זעלבע צוויי שטערונגען וואָס אין רוסלאַנד: דער אסור מצד דער פרומער יידישער געזעלשאַפט, און דער פאַר־באָט מצד דער רעגירונג. אָבער דאָ איז די רעגירונג געווען די

---

*) זיין אויטאָביאָגראַפיע אין כתב־יד פאַרן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

יידישע באַפעלקערונג. די דאַמאָלסטיקע טערקישע רעגירונג פון איר זייט האָט נישט געשטערט צו שפּילן אויף יידיש, איר אויפגאַבע האָט אָבער דערפילט די יידישע באַפעלקערונג אליין.

די יידן אין ארץ־ישראל זענען דאַמאָלס באַשטאַנען פון צוויי עלעמענטן: ספרדישע און אשכנזישע, און זיי האָבן זיך צעטיילט אויף דריי טיילן. דער עלטסטער יידישער איינוווינער אין ארץ־ישראל איז געווען דער ספרדישער עלעמענט. דאָס זע־נען געווען יידן פון די באַלקאַן־ און אָריענט־לענדער. מערסטנ־טייל אָפּגעשטאַנענע, עם־הארצים, וועלכע האָבן געהאַט א קנאַפּן באַגריף וואָס עס איז אַזוינס טעאַטער בכלל. פאַר זיי איז טעאַ־טער געווען צירק, קונצנמאַכער, שוואַרצקינצלערס, פייער־שלינ־גערס. יידיש האָבן זיי נישט געקענט. פרום זענען זיי געווען, און זיי האָבן אַבסאָלוט נישט געקאָנט קומען אין באַטראַכט אלס באַזוכער פון יידישן טעאַטער.

די אשכנזישע, אייראָפּעיִשע, יידן האָבן זיך צעטיילט אין צוויי מינים: איין טייל איז באַשטאַנען פון די יידן, וועלכע זענען געקומען קיין ארץ־ישראל שטאַרבן. זיי, און דער דור, וואָס זיי האָבן דאָ אויפגעשטעלט, זענען געווען זייער פרום. זייער גאַנץ ל בן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום בית־המדרש. זייער פאַרוויילונג איז געווען אַ בלאַט גמרא, אַ חזן, אַ שלוש־סעודות. טעאַטער איז זיי געווען פרעמד. זיי האָבן דאָס אין אייראָפּע אויך נישט באַזוכט, קיין באַדערפניש דערצו האָבן זיי נישט געהאַט. דאַקעגן האָבן זיי דערויף געקוקט דורך די ברילן פון „קול באשה", לא תעשה לך פסל", „לא תחמוד" א. ד. גל.

אָבער מיט 35 יאָר צוריק איז שוין אין ארץ־ישראל אויך געווען אַן אַנדערער עלעמענט פון אשכנזישע יידן. די חבת־ציון־באַוועגונג איז דאַמאָלט געווען אין איר גלאַנץ־פּעריאָד. עס האָבן שוין עקסיסטירט אייניקע יידישע קאָלאָניעס, און עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן וועבן דאָס נייע, מאָדערנע, יידישע לעבן. דידאָזיקע יידן זענען שוין אויך נישט געווען אַזעלכע פאַנאַטי־קער. זיי האָבן אין רוסלאַנד, פּוילן, רומעניען זיי זענען אַמערסטן גע־קומען, שוין יאָ געהאַט געזען שפּילן טעאַטער, מ.ר גוייש ווי

יידיש, וואָרום פיל פון זיי זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל נאָך איידער דאָס יידישע טעאַטער איז געגרינדעט געוואָרן, אָבער זיי זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דער דאָמאָלסטיקער באַציִונג צו יידיש. עס האָט געהויכן „זשאַרגאָן", און צו וואָס טויג אַריינצופירן דעם זשאַרגאָן אין ארץ־ישראל, דאָ, ווו עס איז פאַראַן אַן אַלטע שפּראַך, פאַר וועלכער אַלע האָבן דרך־ארץ?

דער „העברעיזם" אין ארץ־ישראל אין זיין איצטיקן כאַראַקטער איז דעמאָלט נאָך נישט געווען אַזוי קענטיק, אָבער דער שורש איז שוין געווען, און די „חובבי ציון" האָבן, ווי געטרייע שומרים אָפּגעהיט, אַז דער „זשאַרגאָן" זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן קיין ארץ־ישראל. און זיי, וואָס האָבן געדאַרפט זיין דאָס פּובליקום פאַר אַ יידיש טעאַטער, האָבן עס דערפילט די ראָל פון דער רוסישער רעגירונג, און נישט דערלויבט צו שפּילן יידיש טעאַטער.

ארץ־ישראל איז אַלזאָ נישט אַריין אין דער ליסטע פון די יידישע וואַנדערנדיקע טעאַטער־טרופּעס.

איבער דער גאַנצער וועלט האָבן זיי זיך געוואַלגערט. ווו עס איז נאָר געווען אַ שטיקל יידישער ישוב, אומעטום, אַ חוץ אין ארץ־ישראל.

אָבער פּאָרט זענען אייניקע פּרוּוון, אַ חוץ די אויבנדערמאָנטע, צו שפּילן יידיש טעאַטער געמאַכט געוואָרן.

דער גרינדער פון העברעישן טעאַטער אין ארץ־ישראל ד"ר הררי, גיט מיר איבער, אַז ער האָט מיט בערך 40 יאָר צוריק געהערט וועגן אַ יידישער אויפפירונג פון „שולמית" אין ירושלים. קיין קאָנקרעטעס וועגן דערדאָזיקער פאָרשטעלונג ווייסט ער נישט, און מיר איז בשום אופן נישט געלונגען ביי ירושלימער עלטערע איינוווינער צו דערוויסן זיך פּרטים וועגן דעם.

דערזעלבער ד"ר הררי גיט מיר אָבער איבער וועגן א צווייטער יידישער פאָרשטעלונג, וועלכע איז אַ פאַקט.

דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר תרנ"ט (1899) אין דער קאָלאָניע „ראשון לציון". געשפּילט איז געוואָרן גאָלדפאַדענס „ד"ר יאָזעלמאַן". דער רעזשיסער און הויפּט־שפּילער ווי אויך

דער גאנצער ארגאניזירער פון דער פארשטעלונג איז געווען איינער קליינער פון דער קאלאניע „רחובות". קליינער איז שפע־טער אוועק קיין אמעריקע און דארט געווארן א חזן.

ביז 1914 האבן מיר נישט קיין שום אינפארמאציעס אויב ס'זענען ווידער פארגעקומען פרווון צו שפילן יידיש טעאטער אין ארץ־ישראל. ערשט דאמאלס קומט אהין צו פארן פון קע־שענעוו א יידישער אקטיאר נחמן זיבעל *). אין אנהויב שטעלט ער זיך גאר ארבעטן אין א פרדס אין פתח־תקוה, אבער נאך 4 חדשים ווערט ער קראנק אויף מאלאריע, רייסט איבער די ארבעט, און קומט קיין תל־אביב, וווּ זיין מוטער וווינט. פילנ־דיק, אז צו פיזישער ארבעט איז ער מער נישט פעיק, הויבט ער אן פלאנירן צו שפילן טעאטער, און אזוי ווי קיין העברע־איש קען ער נישט (היינט צו טאג איז ער א העברעישער אקטיאר אין ארץ־ישראל), זוכט ער זיך אויס נאך א חבר און צוזאמען ארדענען זיי איין א ליטעראַרישן אוונט אויף יידיש, אויף וועלכן זיי דעקלאמירן און זינגען פאלקס־לידער. די העב־רעיִשטן פרווון שטערן דעם אוונט, דאך קומט ער פאר, און צוליב אמביציע שטייען צו זיי צו נאך אייניקע יונגעלייט, און צוזאמען פירן זיי אויף אין די זומער־חדשים פון 1914 אין אן אראבישן טעאטער־זאל אין יפו די פיעסע „זשידוווקא" אויף יידיש.

עטלעכע יאר שפעטער, ווען צוזאמען מיט דער ענגלישער ארמעע קומט אן קיין ארץ־ישראל דער ספעציעלער יידישער לעגיאן, ווערט ווידער געמאכט א פרווו פון א יידישער פארשטעלונג.

דער יידישער שריפטשטעלער הירש לייב גארדאן **), א לעגיאנער, וואס איז געקומען פון אמעריקע, פירט אויף אין מערץ 1919, נישט קוקנדיק אויף די פראטעסטן פון פיל ארץ־ישראלדיקע ארגאניזאציעס, זיין איינאקטער, „דאס אייביקע ליכט". די פארשטעלונג קומט פאר אין אמפיטעאטער פון יידישן לע־גיאן נעבן דער סטאנציע לוד.

---

*) אויטאביאגראפיע אין כתב־יד פארן לעקסיקאן פון יידישן טעאטער.

**) רייזענס לעקסיקאן פון יידישער ליטעראטור I באנד.

ליבערסקא (1:)

אָבער אין דער צייט, וואָס יידיש טעאַטער אויף יידיש האָט מען נישט געשפּילט, האָט מען דאָ געשפּילט יידיש טעאַטער אויף העברעיש.

דער גרעסטער טייל רעפּערטואַר, וועלכן מען שפּילט אויף העברעיש אין ארץ־ישראל אין משך פון די לעצטע 40 יאָר, איז איבערגעזעצט פון יידיש.

שוין אויף דער ערשטער העברעישער פאָרשטעלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין תרמ"ח (1888) אין ירושלים, געשפּילט דורך שילער פון דער לעמל־שולע, איז אויפגעפירט געוואָרן „זרובבל" פון לילינבלום, איבערגעזעצט פון יידיש. נאָך אַ שטיקל פּויזע, בעת וועלכע מען פירט אויף אין דער קאָלאָניע „מקוה ישראל" מאליערס „געצוווּנגענער דאָקטאָר", שפּילט מען אין תרס"ו (1906) גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ". די פּיעסע ווערט גלייכצייטיק אַרויסגעגעבן אין דרוק, און ווען מען פאַרגלייכט דעם העברעישן טעקסט מיטן דייטשן אָריגינאַל און י. י. לערנערס יידישע איבערזעצונג, דערקענט מען באַלד, אַז די העברעישע איבערזעצונג איז נישט געמאַכט געוואָרן פון אָריגינאַל, נאָר פון לערנערס איבערזעצונג.

לערנער האָט פון „אוריאל אַקאָסטאַ" אַרויסגעוואָרפן די ראָל „ברוך שפּינאָזאַ" און האָט בכלל „אַרומגעשונדן" די פּיעסע פון איר פּאָעטישער פאָרם. די העברעישע איבערזעצונג איז אַ געטרייע קאָפּיע פון לערנערס איבערזעצונג אַ חוץ געוויסע קירצונגען, באַזונדערס אין דער ראָל „אוריאל".

אין שפּעטערדיקן רעפּערטואַר פון העברעישן טעאַטער געפינען מיר דוד פּינסקיס: „אייביקער ייד", שלום אַשס „יחוס", שלום עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט", גאָרדינס „מירעלע אפרת" און „גאָט, מענטש און טייוול", אַלע שלום-עליכמס איינאַקטערס און ב. שאַפּירס „אברהמלע דער שוסטער".

דאָ ברעכט אויס די וועלט-מלחמה און עס קומט אַ פולשטענדיקע הפסקה אין העברעישן טעאַטער. נאָך דער מלחמה אָרגאַניזירט זיך דאָס ערשטע פּראָפעסיאָנעלע העברעישע טעאַ-

טער און זיין רעפערטואַר הייבט זיך אינגאַנצן אָן צוצופּאַסן צום פּובליקום.

אַזוי ווי אין פאַרלויף פון די יאָרן 1920 ביז 1925 איז דער צושטראָם פון עמיגראַנטן אַלץ געקומען פון לענדער, וואָס זייער יידישע באַפעלקערונג רעדט יידיש און האָט דאָרט באַזוכט יידיש טעאַטער, איז דער רעפּערטואַר כמעט אינגאַנצן געווען איבערגעזעצט פון יידיש. אַזוי למשל ליגט פאַר מיר אַ רשימה פון פאָלגנדיקע יידישע פּיעסעס, פון וועלכע איך אַליין האָב טאַקע געזען אַ גרויסן טייל שפּילן אויף העברעיש: שלום-עליכם: „טוביה דער מילכיקער", „דאָס גרויסע געווינס", „שווער צו זיין אַ ייד", „עס פידלט נישט", „יכנה"ז", דוד פּינסקי: „יענקל דער שמיד", קאָבּרין: „דער דאָרפס-יונג", בימקאָ: „גנבים", גאָרדין: „שחיטה", „גאָט, מענטש און טייוול". אַש: „מאָטקע גנב". האַרי סעקלער: „דעם צדיקס נסיעה" און „יזכור", בערקאָוויטש: „מאָשקע חזיר". פּרץ הירשביין: „דעם שמידס טעכטער", „גרינע פעלדער" און „נבלה" (די לעצטע צוויי זענען פאַראַן פון מחבר אַליין אין העברעיש) יושקעוויטש: „סאַנקינס גליק" „דער קעניג" און זיבן איינאַקטערס פון י. ל. פּרץ.

II

אין 1923 האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע איינוואַנדערונג אין ארץ-ישראל. עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען יידן פון מיטלשטאַנד, און יידן אַרבעטער פון פּוילן און ליטע, וועלכע קענען נישט קיין העברעיש, און פון וועלכע אַ טייל זענען פּרינציפּיעלע יידישיסטן. זיי האָט דאָס העברעישע טעאַטער, אפילו מיט זיין „יידישן" רעפּערטואַר, נישט באַפרידיקט. זיי האָבן געפילט אַ נויטווענדיקייט צו שפּייזן זייערע קולטורעלע באַדערפענישן אין דער שפּראַך, אין וועלכער זיי און זייערע גאַנצע סביבה איז אויפגעצויגן געוואָרן — אויף יידיש.

דידאָזיקע שטימונג האָט דערפילט די גרופּע „גדוד מגיני

השפה", וועלכע האלט, אַז די איינציקע שפּראַך פון די יידן אין ארץ-ישראל מוז זיין נאָר העברעיש.

די מיינונג געהערט אייגנטלעך נישט אין מאָנאָפּאָל צו דערדראָזיקער גרופּע, אַ גרויסער, אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ-ישראל האַלט זיך ביי דערדראָזיקער מיינונג.

דער „גדוד מגיני השפה" אָבער, וואָס באַשטייט פון אַ גרופּע יונגעלייט, באַגייסטערטע, טעמפּעראַמענטפולע, האָט דידאָזיקע אידעע פאַרבונדן מיט קאַמף. זי קעמפט מיט אַלערליי מיטלען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון העברעיש אַלס די איינציקע שפּראַך פון די יידן אין ארץ-ישראל.

דער „גדוד" האָט דערפילט, אַז עס גרייט זיך אַ סכנה פאַר זיין אידעע, אויב ער וועט נישט תיכף אין שורש דערשטיקן די שטרעבונגען פון דער ניי-צוגעקומענער יידישער באַפעלקערונג, וואָס פאַרשטאַרקט זיך אין האַלבע טויזנטער מיט יעדער שיף, וואָס קומט וואָך-וועכנטלעך. אויף די גאַסן האָט מען אָנגעהויבן הערן רעדן יידיש, פּויליש, דייטש און אַנדערע לשונות, מיט וועלכע די יידן פלעגן זיך באַנוצן אין זייערע וווין-ערטער.

וואָלט אין יענעם מאָמענט דאָס יידיש-רעדן אַרויס פון רשות היחיד און אריין אין רשות הרבים, וואָלט מען דאַמאָלס אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין ארץ-ישראל אַ צייטונג אויף יידיש, איינאָרדענען פאָרשטעלונגען, פאָרלעזונגען אָדער קאָנצערטן אויף יידיש, וואָלט די יידישע שפּראַך געוואָרן אַן ערנסטע קאָנקורענץ פאַר דער העברעישער. אַט די אַלע טויזנטער ניי-צוגעקומענע, וואָס האָבן גערעדט אויף פאַרשידענע לשונות, האָבן אַלע מער אָדער ווייניקער געקענט יידיש און אַן עפנטלעכע אַרויסטרעטונג (טעאַטער, צייטונג א. ד. ג.) אויף יידיש וואָלט פאַר זיי אַלע — אָן אונטערשיד — געווען פאַרשטענדלעכער, ווי אויף העברעיש.

דער „גדוד" האָט דאָס דערפילט, און ער האָט אָנגעהויבן צו קעמפן פון אונטן אַרויף. ער האָט אויף די גאַסן גע-

שטערט פּריוואַטע שמועסן, וואָס זענען נישט געפירט געוואָרן אויף העברעיש און ער האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון מאַכן סקאַנדאַלן, ווען עס זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען אפילו פון טוריסטן (דער באַזוך פון די יידישע אַקאַדעמיקער אין דער קאַטינאַ פון תּל־אביב), אויב די רעדעס זענען געהאַלטן געוואָרן נישט אויף העברעיש. ביי אַזאַ לאַגע האָט זיך שוין דער יידיש־רעדנדיקער אימיגראַנט נאַטירלעך אָפּגעזאָגט פון אַן אָרטיקער צייטונג אויף יידיש. עס האָט זיך דאָך אָבער פאָרט געוואָלט לייענען אַ יידיש געדרוקט וואָרט, איז ארץ־ישראל געוואָרן אַ גרויסער אימפּאָרטער פון דער יידישער פּרעסע פון אויסלאַנד. אויב ביז 1913 פלעגט די ניו־יאָרקער יידישע פּרעסע קומען אין געציילטע עקזעמפּלאַרן קיין תּל־אביב און ירושלים און די וואַרשעווער יידישע פּרעסע האָט געהאַט דאָ גאָר אַ קליינע צאָל אַבאָנענטן, איז דער טיראַזש פון דער יידישער פּרעסע פון אַמעריקע און פוילן געשטיגן אין די הונדערטער עקזעמפּלאַרן (איין צייטונג־פאַרקויפער האָט זיך דערפון געקויפט אַ הייזל אין תּל־אביב).

דאָס, וואָס עס איז אָבער מעגלעך בנוגע אַ צייטונג, איז אוממעגלעך בנוגע טעאַטער. יידיש טעאַטער קאָן מען דאָך נישט אימפּאָרטירן. טויזנטער יידן זענען בכן געצוווּנגען געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פון דערפילן זייערע עלעמענטאַרסטע גייסטיקע באַדערפענישן.

איין טייל פון דער ניי צוגעקומענער יידישער באַפעלקערונג, דער פּרינציפּיעל יידישיסטישער, האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט רעזיגנירן פון לעבעדיקן יידישן וואָרט, און אין 1924 האָט אין חיפה זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע, וואָס האָט אָנגעהויבן איינצואָרדענען אָוונטן, אויף וועלכע מען האָט געלייענט דעקלאַמאַציעס און מאָנאָלאָגן אויף יידיש.

דידאָזיקע אָוונטן זענען נישט פאָרגעקומען אין קיין טעאַטער־זאַל, וואָרום קיין שום אייגנטימער פון אַ זאַל וואָלט נישט פאַרדונגען זיין לאָקאַל פאַר אַן אָוונט אויף יידיש, ווייל ער וואָלט געהאַט צרות פון „גדוד”. די אָוונטן זענען אַלזאָ פאָר־

געקומען אין פּריוואַטע שטובן און פּאַר אַ געשלאָסענעם קרייז.
אַ האַלב יאָר שפּעטער זענען געקומען קיין חיפה איי־ניקע יידישע אַרבעטער פון לאָדזש און אַ געוויסער לייבל ראַ־בינאָוויטש (גערופן אין ארץ־ישראל שמעוני) פון קאָוונע, ווו ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער דאָרטיקער יידישער נאַ־ציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און זיי האָבן אָרגאַניזירט די פריערדיקע גרופּע מיט נייע פאַרשטאַרקטע כּוחות אַלס אַ ליטעראַריש־דראַ־מאַטישן קרייז אונטערן נאָמען „אונדזער ווינקל".
אַן אַרבעטער פון דער צעמענט־פאַבריק „נשר" אין יע־זשור האָט געשאָנקען זעק און אַ מיטגליד פון דער גרופּע האָט דידאָזיקע זעק באַפאַרבט און זיי פאַרוואַנדלט אין דע־קאָראַציעס.
איצט האָט מען אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ בינע, וואָרום די גרופּע איז געווען פעסט אַנטשלאָסן אַרויסצופירן די פאָרשטעלונגען אין דער עפנטלעכקייט.
ענדלעך האָט זיך אָפּגעזוכט אַ זאַל מיט אַ בינע: דאָס איז געווען בסך־הכל אַ גרעסערע טעראַסע פון אַ הויז. די־דאָזיקע טעראַסע, אויף וועלכער ס'האָט געקאָנט אַריין אַ 100 מאַן, האָט געדינט פאַר ביידע צוועקן: סיי פאַר דער בינע און סיי פאַרן טעאַטער־זאַל. און דאָ האָט מען עס אין פעברואַר 1925 אויפגעפירט ש. אַנ—סקיס איינאַקטער.
די ליידן פון דערדאָזיקער גרופּע *) שטייגן אין געוויסע הינזיכטן איבער די צרות און יסורים פון די ערשטע יידישע וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן אין רוסלאַנד.
די „בינע" האָט זיך געפונען הינטער אַן אַראַביש הויז, ווו עס פעלן נישט קיין אייזלען, און ווען צן אַקטיאָר אויף דער בינע האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָבן זיך די אייזלען דער־שראָקן און אָנגעהויבן צו שרייען, דער אַקטיאָר איז כּסדר באַגלייט געוואָרן פון דעם יאָמערלעכן אייזל־געשריי.
אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ קליינער טייל פון די

---

*) אינפאָרמאַציע פון ה' שמעוני.

צרות. די ערשטע פאָרשטעלונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט א רעפּעראַט וועגן אַנ—סקין, האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. דאָס „טעאַטער" איז געווען פול פון אינעווייניק און פון דרויסן. די אַראַבישע שכנים האָבן באַלאַגערט די דעכער און די הייזער אַרום. דער קרייז „אונדזער ווינקל" האָט באַקומען אַ נאָמען אין שטאָט, און מען האָט אומעטום גערעדט וועגן דער ערשטער יידישער פאָרשטעלונג.

דערפון האָבן זיך נאַטירלעך אויך דערוווסט די מיטגלידער פון „גדוד", און ווען דער קרייז האָט צו דער צווייטער פאָרשטעלונג אויפגעפירט צוויי אַקטן פון שלום-עליכמס „גרויסן געווינס", זענען געקומען אייניקע מיטגלידער פון „גדוד", און אָנגעהויבן שטערן די פאָרשטעלונג, אָבער מען האָט זיי פאַריאָגט.

דער קרייז האָט זיך דערפילט שטאַרקער. עס איז געגרינדעט געוואָרן א ספּעציעל קאָלעגיום (שמעוני, פּרל. וואָלקאָוויטש פון קאַליש און ה' פּוטערשניט פון לאָדזש, וואָס איז דער רעזשיסער) און מען האָט באַשלאָסן אויפצופירן אַ גאַנצע פּיעסע. דער גורל איז געפאַלן אויף בימקאָס „גנבים".

דאָס איינשטודירן די פּיעסע האָט געדויערט אייניקע חדשים. עס איז דערווייל צוגעפאַלן דער ארץ-ישראלדיקער ווינטער מיט זיינע גרויסע רעגנס, און די שרעקלעכע בלאָטעס אויף די נישט געפלאַסטערטע וועגן. אָבער די מיטגלידער פון קרייז, וועלכע האָבן געוווינט זייער צעוואָרפן איבער די פאַרשידענע טיילן שטאָט, פלעגן אָפּהיטן צו קומען פּינקטלעך צו די פּראָבן, וואָס פלעגן פאָרקומען אין א נידריק אַראַביש צימערל מיטן סופיט אויפן קאָפּ ביי אַ קליינטשיק לעמפּעלע.

ווען עס איז דורך געשריבענע אַפישן, וואָס ווערן אויסגעהאַנגען אין די אַרבעטער-אינסטיטוציעס, באַקאַנט געוואָרן, ווען די פאָרשטעלונג וועט פאָרקומען, האָט דער „גדוד" באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף צו מאַכן צום יידישן טעאַטער אין ארץ-ישראל. אַזוי ווי דער „גדוד" אין חיפה האָט זיך געפילט נישט גענוג קרעפטיק, האָט ער אַרויסגערופן הילף פון תל-אביב.

אין אָוונט פון דער פאָרשטעלונג זענען די אַרומיקע הייזער און די דעכער געוואָרן באַזעצט מיט עלעמענטן, וואָס זענען געקומען שטערן די פאָרשטעלונג און אין „טעאַטער" אַליין האָבן זיך אַריינגעריסן ביז 20 מאן פון „גדוד" באַוואָפנט מיט אייזערנע שטעקנס, מעסערס און רעוואָלווערן.

די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען לכבוד דעם 50 יעריקן יובילײ פון יידישן טעאַטער, און ווען ה' שמעוני איז אַרויף אויף דער בינע צו האַלטן אַ רעפעראַט וועגן יובילײ, האָט זיך פון זאַל דערהערט אַן אויסרוף פון די „גדוד"=מיטגלידער, אַז קיין יידיש טעאַטער וועט אין ארץ=ישראל נישט עקזיסטירן.

דאָס פובליקום האָט זיך באַלד אָריענטירט, ווער די שטערער זענען און מען האָט זיי איזאָלירט אין אַ ווינקל, און געמאַכט אַ וואַנט פון אַקסלען קעגן זיי.

נישט געקוקט אויפן טומל, האָט זיך די פאָרשטעלונג אָנגעהויבן. אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן די „גדוד"-מיטגלידער צעבראָכן מיט אַן אייזן דעם לאָמפ, וואָס איז געהאָנגען אויף דער טעראַסע (אין תל-אביב איז דאַמאָלט נאָך ווייניק ווו געווען עלעקטרישע באַלייכטונג). עס איז געוואָרן פינסטער, און עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג אין טעאַטער. די שטערער האָבן דורכויס זיך געוואָלט אַרויפכאַפּן אויף דער בינע און מקים-פסק זיין די אַקטיאָרן, אָבער, דאָס פובליקום האָט געמאַכט אַ נייע וואַנט פון זיך, און זיי נישט צוגעלאָזט צו דער בינע, אויף וועלכער מען האָט ווייטער געשפּילט. די „גדודניקעס", וואָס זענען געווען אויפן דאַך פון טעאַטער, האָבן דערווייל אָנגעהויבן אַראָפּצורייסן די שינדלען, און זיי אַריינוואַרפן אין טעאַטער, אָבער ווען זיי האָבן געזען, אַז דאָס אַלץ העלפט נישט, זענען זיי אַוועק אין דער פּאָליצײ, און געבראַכט איינקע יידישע פּאָליציאַנטן נישט צו לאָזן שפּילן, און ווען דאָס האָט אויך, אונטערן דרוק פון פובליקום, נישט געהאָלפן, זענען די „גדודניקעס" ווידער אַוועק אין פּאָליצײ, און האָבן געבראַכט אַראַבישע פּאָליציאַנטן.

די אַראַבישע פּאָליציאַנטן זענען אַרויף אויף דער בינע,

האָבן איבערגעריסן דאָס שפּילן און האָבן אַרעסטירט דעם פירער פון דער גרופּע ה׳ שמעוני.

אונטער דעם קאָנוואָי פון דער פּאָליציי איז אים נאָך געלונגען אַרויפצוגיין אויף דער בינע, און אויסצורופן צום פּובליקום:

— זעט, ווי אַזוי מען פייערט אין א ק=ישראל, אין אייגענעם יידישן לאַנד, דעם 50 יאָריקן יובילײ פון יידישן טעאַטער.

באַלד דערנאָך האָט די פּאָליציי צעטריבן דאָס פּובליקום און דעם אַרעסטירטן אָפּגעפירט אין טורמע.

די געשיכטע האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק אין שטאָט. אומעטום האָט מען געפירט דיסקוסיעס איבער דעם, ווער פון די צוויי פּאַרטייען איז גערעכט. באַזונדערס זענען דידאַקטיש דיסקוסיעס לעבהאַפטיק געפירט געוואָרן צווישן די אַרבעטער. מ׳קאָן זאָגן, אַז מ׳האָט צוליב די דעבאַטן וועגן דער פראַגע אויף צומאָרגנס כמעט נישט געאַרבעט.

דער אַרבעטער־ראַט אין חיפה האָט דערוויל דעם אַרעסטירטן אַרויסגענומען אויף קויציע, אָבער אַ שטיקל צייט נאָכדעם איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן אים.

באַשולדיקט איז דער אַרעסטירטער געוואָרן אין שטערן די עפנטלעכע רו.

דער באַשולדיקטער האָט אין זיין רעדע זיך באמיט אַוועקצושטעלן דעם ענין ווי אַ פראַגע פון רעכט צו שפּילן יידיש אָדער נישט, אָבער דער אַראַבישער ריכטער, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אָריענטירן אין דעם שפּראַך־קאַמף ביי יידן, האָט די גאַנצע זאַך באַטראַכט ווי אַן אַקט פון שטערן די עפנטלעכע רו און דעריבער באַשטראָפט דעם באַשולדיקטן ה׳ שמעוני מיט אַ געוויסער געלט־שטראָף.

דער גאַנצער סקאַנדאַל מיט דעם אַרעסט האָט די יידישע אַרבעטער נאָכמער אויפגערעגט, און די לינקע פּועלי־ציון צוזאַמען מיט אַ גרופּע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער האָבן געגרינדעט אַ „באָיוווקע״ *), וואָס זאָל זיך מער נישט לאָזן פירן ביי דער

*) טעראָריסטישע גרופּע.

נאָך פון „גדוד". און אַזוי ווי צום ערשטן מאָל האָט מען די „גנבים" נישט פאַרענדיקט צו שפּילן, האָט מען די פּיעסע נאָכאַמאָל איינגעשטודירט און באַשלאָסן זי ווידער צו שפּילן.

דערווייל האָבן די לינקע פּועלי-ציון געדונגען אַ הויז פאַר אַ קלוב. דאָסדאָזיקע הויז באַזיצט אַ הויף און אַ טעראַסע.

איצט האָט די טעראַסע געדינט שוין בלויז פאַר דער בינע אַליין. און דער זאַל איז געווען דער הויף. דאָ איז שוין געווען אָרט פאַר 400—500 באַזוכער.

מען האָט אויך געמאַכט נייע דעקאָראַציעס און אויפגעפירט צום צווייטן מאָל די „גנבים". דער „גדוד" האָט זיך ווידער באַזעצט אויף די דעכער און דאָרט בעתן שפּילן אָנגעהויבן צו געבן „קאָנצערט" מיט בלעכן און טראָמפּייטן. עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכער סקאַנדאַל און דאַמאָלס האָבן די גדודניקעס אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער אין פּובליקום.

דער עולם, וואָס האָט פאַרפולט דעם הויף, האָט אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקן מוט און געדולד און זיך נישט גערירט פון אָרט. די אָרדנער מיט דער הילף פון דער „באָיוווקע" האָבן אָנגעהויבן צו באַזייטיקן די שטערער. אין שטאָט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין יידישן טעאַטער איז ווידער לעבעדיק, איז פּאָליציי געגאַנגען גיך אַהין, אָבער זי האָט שוין געטראָפן נאָך אַלעם.

נאָך דערדאָזיקער פאָרשטעלונג איז געגעבן געוואָרן אַן אַנ—סקי-אָוונט, אויף וועלכן עס איז אויפגעפירט געוואָרן „די קאָנספּיראַטיווע דירה", וועלכע די פּאָליציי אין תל-אביב האָט נישט דערלויבט צו שפּילן.

דער קרייז „אונדזער ווינקל" איז דערנאָך צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן אַן אייגענעם כאָר. דער געדאַנק איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג צווישן די יידישע אַרבעטער און אַ גרופּע באַן-אַרבעטער האָבן לכבוד דעם געשאָנקען אַ שיינעם טוכענעם פאָרהאַנג.

ביז איצט האָט „אונדזער ווינקל" אין חיפה געשטעלט אייניקע אָוונטן, ווי „פּרץ-אָוונטן", „שלום-עליכם-אָוונט", „צנ-

סקי־אָוונט" (צו זייערע יאָרצייטן), אַ „יהואש־אָוונט" (צו זיינע שלושים) און אַ „רייזן=אָוונט" (לכּבוד זיין יובּילײ), בּימקאָס „גנבים" (צום דריטן מאָל), שלום־עליכם „דאָס גרויסע געווינס" (די גאַנצע פּיעסע) און אַ ריי איינאַקטערס.

איצט רעפּעטירט די גרופּע שלום=עליכמס „שווער צו זיין אַ ייד" און אונטער דער רעזשי פון אַ רוסישן אינזשינער, אַ טעאַטער־מאַן, האָט זיך בײַ דער גרופּע אָרגאַניזירט אַ דראַמאַ=טישע סטודיע.

די מיטגלידער פון דער חיפהער גרופּע „אונדזער ווינקל" זענען פּוטערשניט (לאָדזש), בּראָניאַ זעליקאָוויטש (לענטשיץ), שער (בּעסאַראַבּיע), יהודית וואָלקאָוויטש (ליטע), קאַליש, מענדל צווילינגער (בּראָד), שמואל לעמער (טאַרנאָגראָד), יוסף ערליך (וואַרשע), אבֿרהם וואָלקאָוויטש (קאַליש), קעסטענבּוים (פּוילן), סאָניע שוחט (זשיטאָמיר), ישעיה זילבּערבּערג (רוסלאַנד) און דער פירער פון דער גרופּע שמעוני (קאָוונע).

אינטערעסאַנט איז אויך, אַז די גרופּע בּאַשטייט הײַנט פון די זעלבּע כּוחות, וואָס אין אָנהויב. דאָס איז נישט קיין לייכטע זאַך, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די אַלע בּאַטייליק=טע זענען אַרבּעטער. און בּיים קריזיס אין ארץ=ישׂראל איז דער אַרבּעטער דאָ דער אמתער וואַנדערער, און גאַנץ אָפט בּרענגען די מיטגלידער טאַקע די גרעסטע קרבּנות, אַבּי נישט צו פאַר־לאָזן די גרופּע.

די פאָרשטעלונגען זענען עפנטלעכע. די פּרייזן פון די בּילעטן — 2 און אַ האַלבּן בּיז 3 פּיאַסטער (יעדער פּיאַסטער איז 5 סענט), אָבּער די בּילעטן ווערן פאַרקויפט נאָר צווישן אַזעל־כע עלעמענטן, וואָס מען איז זיכער אין זייער פּאָזיטיווער בּאַ=ציונג צו ייִדיש.

דער „גדוד" האָט שוין רעזיגנירט פון שטערן די פאָר־שטעלונגען, און זיי קומען פאָר כּמעט סיסטעמאַטיש יעדן חודש.

דאָס ייִדישע טעאַטער אין חיפה איז נישט קיין בּן־יחיד אָבּיטל שפּעטער ווי אין חיפה איז אַן ענלעכע גרופּע געשאַפן געוואָרן אין תּל=אָבֿיבֿ אויך אונטערן אייגענעם נאָמען „אונ־

דזער ווינקל״. אויך דאָ האָט זיך די טעטיקייט אָנגעהויבן מיט יידישע דעקלאַמאַציעס און פאָרלעזונגען.

די ערשטע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען מיט צוויי יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך געעפנט דער פועלי=ציוניסטישער קלוב אין אַן אייגענעם צריף (באַראַק). עס איז אויפגעפירט געוואָרן שלום־עליכמס „מזל-טוב״ און נאָך אַן איינאַקטער.

דערנאָך האָט מען זיך געגרייט אויפצופירן אַנ-סקיס „קאָנספּיראַטיווע דירה״, וועלכע די פּאָליציי האָט פאַרווערט.

די טרופּע האָט דאַן איינגעשטודירט בימקאָס „גנבים״, אָבער אויך דאָ איז בעת דער אויפפירונג געקומען צו אַן ענלעכן סקאַנדאַל ווי אין חיפה. די גדודניקעס האָבן דורכגעהאַקט דעם דאַך, האָבן געוואָרפן שטינקבאָמבעס און פאַרוואונדעט אייניקע פון פּובליקום.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע רדיפות האָט די גרופּע שוין ביז היינט דורכגעפירט רייזן=פרץ=שלום=עליכם=און יהואש=אָוונטן, אָבער די עיקר שווערקייט באַשטייט אין דעם, וואָס די פּאָליציי האָט, צוליב בוי-טעמים, פאַרווערט צו שפּילן אין דעם באַראַק.

די מיטגלידער פון דער גרופּע זענען: איטקין (וואַרשע), מאָריץ (גראָדעק), פישער (גאַליציע), שמואל מעלער (וואַרשע) און ר׳עשלבאַק (זשיכלין).

אין ירושלים האַלט זיך ביים אָרגאַניזירן צוא גרופּע. ווי עס איז צו זען, האָבן די אַלע גרופּעס נישט קיין פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער.

תל אביב, יולי 1927.

ע פּ י ז אָ ד ן

ווי מ׳צאָלט מחבר־האָנאָראַר.

פאַר דער מלחמה האָט זיך אין „לאָדזער טאָגעבלאַט" געדרוקט אַ גרויסער ראָמאַן „די שרעקליכע סודות".

ווי זאָגט עפּעס שלום־עליכם, דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ ראָמאַן, אַ ראָמאַן פון ראָמאַנען־לאַנד.

עס איז רעכט צו זאָגן, אַז דער עולם לייענער האָט די „פאָרטזעצונגען" נישט געלייענט, נאָר ממש געשלונגען. מען פלעגט מיט דער גרעסטער אומגעדולד אָפּוואַרטן, וואָס וועט שוין זיין מאָרגן. וואָס וועט ווערן מיטן אָרימען קינד „יודעלע", און וואָס וועט טון די אַלטע „באַרבאַראַ", און ווי אַזוי וועט זיך עפּעס „פּיש" אַרויסדרייען.

בקיצור, דער ראָמאַן „די שרעקליכע סודות" איז שוין געווען די אמתע סענסאַציע, און די לעזער האָבן געלעקט די פינגער.

איך האָב דאַמאָלס געאַרבעט אין יידישן „סקאַלאַ" טעאַטער ביי יוליוס אַדלער און סיעראַצקי. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב יעדע זעקס וואָכן געדאַרפט געבן אַן איבערזעצונג אָדער אַ באַאַרבעטונג פון אַ פּיעסע, און אויסערדעם האָב איך געדאַרפט אויסבעסערן פּיעסען, וועלכע מען האָט נישט געקענט שפּילן אין דער זעלבער פאָרם, ווי זיי זענען געשריבן געוואָרן.

פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך באַקומען אַ חודש־ליך געהאַלט. אויסערדעם פלעגט די דירעקציע פון טעאַטער מוזן יעדעס מאָל פאַרן שפּילן צאָלן אויטאָרן־האָנאָראַר.

דאָס פלעגט צוגיין אויף אַזאַ אופן: אין פּעטערבורג אי־

געוועזן א „פֿאַרבאַנד פֿון דראַמאַטישע און מוזיקאַלישע שריפֿט־שטעלער". אין דאָזיקן פֿאַרבאַנד זענען געווען מיטגלידער אַלע יידישע שרייבער, וואָס האָבן געשריבן פֿאַרן טעאַטער, און אויסערדעם, וואָס זיי פֿלעגן באַקומען באַצאָלט פֿאַר א טעאַטער־שטיק, ווען אַ דירעקציע האָט עס געקויפֿט, פֿלעגט דער פֿאַריין נעמען ביי דער טעאַטער־דירעקציע באַצאָלט פֿאַר יעדעס מאָל שפּילן די פּיעסע.

דער פֿאַריין האָט אין יעדער שטאָט געהאַט זיינעם אַ פֿאָרשטייער, על פּי רוב פֿלעגט דאָס זיין דער אָרטיגער פּאָסט־דירעקטאָר, און יעדעס טעאַטער פֿלעגט דעם פֿאַרטרעטער מוזן צושיקן דעם אַפֿיש פֿון יעדער פֿאָרשטעלונג, און באַצאָלן דעם האָנאָראַר פֿאַר דעם מחבר, ווען מען פּיעסע מ׳פֿלעגט שפּילן.

איצט אַז כ׳האָב שוין דערקלערט, ווי אַזוי מען פֿלעגט צאָלן האָנאָראַר, ווען מען האָט געוואָלט, וויל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי מ׳פֿלעגט נישט צאָלן, ווען מ׳האָט נישט געוואָלט.

און דאָ קומען מיר צוריק צו „די שרעקליכע סודות".

געזעען דעם גרויסן אינטערעס, וואָס די „שרעקליכע סודות" האָבן אַרויסגערופֿן ביי טויזנטער לעזער, בין איך געפֿאַלן אויפֿן פּלאַן, אַז עס וואָלט געווען זייער גוט צו מאַכן אַ טעאַטער־שטיק, אַ פּיעסע, טאַקע פֿון דעם ראָמאַן. און נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך זיך צוזאַמענגעזעצט צוזאַמען מיט מיין ברודער, און מיר האָבן געמאַכט אַ פּיעסע אין אַ סך אַקטן מיט בילדער, אַ פּיעסע צו שפּילן כאָטש אויף אַ גאַנצע נאַכט, וואָרום אַזוי ווי דער עולם אין לאָדזש האָט געקענט דעם ראָמאַן כמעט פֿון אויסנווייניק, האָט מען געמוזט זיין זייער פֿאָרזיכטיק, חלילה נישט אַרויסצולאָזן קיין איין וואָרט.

הייגט ביי מאַך איין פּיעסע פֿון אַ ראָמאַן, וואָס ציט זיך אַפֿשר אַ יאָר צייט אין „פֿאָרטזעצונגען".

אַז אַדלער האָט דערהערט, אַז איך האָב געמאַכט אַ פּיעסע פֿון די „שרעקליכע סודות", האָט ער אָנגעהויבן ביי מיר צו פֿאַרלאַנגען די פּיעסע, אַזוי אָבער ווי לויטן קאָנטראַקט

צווישן אונדז, האָב איך גראָד דאַמאָלס קיין פּיעסע נישט געדאַרפֿט געבן, האָב איך אים דערקלערט, אַז איך וויל פֿאַר דער פּיעסע אַ ספּעציעלן פּרייז. אדלער האָט נישט געוואָלט געבן, אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אַ פֿאַרלעגער פֿון אַ לאָדזשער יידישע צייטונג, און אָפּגעקויפֿט ביי מיר די פּיעסע פֿאַר לאָדזש. און אויך געקויפֿט ביי אַדלערן צען אויפֿפֿירונג פֿון דער דאָזיקער פּיעסע.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען דער לאָדזשער עולם האָט דערזען אַנאָנסירט „די שרעקליכע סודות", אויפֿגעפֿירט צו ווערן אין טעאַטער, איז געוואָרן אַ טומל אין שטאָט. און איידער וואָס־ווען זענען די בילעטן פֿון די ערשטע פֿאָרשטעלונגען אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן.

אין דער זעלבער צייט, וואָס אַדלער מיט סיגראַצקי האָבן געהאַט אַ דירעקציע אין לאָדזשער „סקאַלאַ"־טעאַטער, זענען זיי אויך געווען מיט־שותּפֿים אין וואַרשעווער קאַמינסקי־טעאַטער, און פֿלעגן דאָרט אַראָפּפֿאָרן שפּילן.

ווען אַדלער האָט דערזען, אַז דער דערפֿאָלג פֿון די „שרעקליכע סודות" איז אַזוי גרויס, און אַזוי ווי די פֿאָרשטעלונגען זענען דאָך געווען אָפּגעקויפֿט דורך דער אויבנדערמאָנטער פּערזאָן, האָט אדלער באַשלאָסן אַריבערצופֿירן „די שרעקליכע סודות" אין וואַרשע.

צו דעם צוועק האָט ער אַריבערגענומען אַלע בעסערע שוישפּילער פֿון לאָדזש קיין וואַרשע, און דאָ איבערגעלאָזט אַזעלכע אַקטיאָרן, ווי „מאָטל אָן לשון", „דער שטומער מאיר" א. ד. גל.

ווען איך האָב דערהערט, אַז מען גייט שפּילן „די שרעקליכע סודות" אין וואַרשע, האָב איך זיך געווענדעט צו אַדלערן, ער זאָל מאַכן מיט מיר אַ קאָנטראַקט, וואָרום בסך־הכּל האָט ער דאָך די פּיעסע נישט געקויפֿט, און כּדי זי אויפֿצופֿירן אין וואַרשע מוז מען האָבן מיין דערלויבניש. אַדלער האָט מסכּים געווען, און געהייסן מיך קומען פֿרייטיק קיין וואַרשע, וועלן מיר דאָרט מאַכן דעם קאָנטראַקט.

געקומען קיין וואַרשע, הענגט דאָרט אַ גרויסער אַפֿיש, אַז

היינט, פרייטיק, מאָרגן, שבת בייטאָג און ביינאַכט און זונטיק בייטאָג און ביינאַכט ווערט צום ערשטן מאָל געשפּילט „די שרעקליכע סודות".

שפּאַציר איך מיר אינדערפרי אַריין אין טעאַטער. ערשט סיעראַצקי איז דאָ, אויך די אַנדערע אַרטיסטן זענען פאַראַן, נאָר אַדלער אַליין איז נישטאָ.

און אַז אַדלער איז נישטאָ, קאָן מען דאָך קיין קאָנטראַקט נישט שליסן.

— ווו איז אַדלער?

— אַדלער מוז באַלד קומען, ווייל ער שפּילט אין וואָרשע אַ גאַנץ אַנדערע ראָל ווי אין לאָדזש, אַ הויפּטראָל, מוז ער דאָך כאָטש מאַכן איין פּראָבע, און דעריבער מוז ער באַלד קומען.

ערשט איך וואַרט עטלעכע שעה. מ'מאַכט פּראָבע -- אַדלער איז נישטאָ.

נאָכמיטאָג איז ווידער פּראָבע -- אַדלער איז ווידער נישטאָ.

אויף דער נאַכט שפּילט מען. אַדלער איז דאָ. אָבער קיין עולם איז נישטאָ. אין וואַרשע קען מען נישט „די שרעקליכע סודות", דערצו איז עס איינמיטן רעכטן זומער. נאַכט ווערט ערשט נאָך 9, און ווער איז פרייטיק נישט אויף זומער-וווינונג?

נאָכן ערשטן אַקט גיי איך אַרונטער צו אַדלערן, און פרעג אים, וואָס ס'הערט זיך מכּוח דעם קאָנטראַקט, ענטפערט ער מיר, אַז ער האָט נישט געקאָנט פריער קומען קיין וואַרשע, און צוליב ווי היינט שפּילט ער צום ערשטן מאָל אַ נייע, גרויסע ראָל, דעריבער בעט ער מיך צו קומען צומאָרגנס עלף אינדערפרי צו אים אין האָטעל, וועט ער מיר דאָרטן געבן דעם קאָנטראַקט.

שבת עלף פרי קלאַפּ איך אָן אין האָטעל ביי אַדלערן. ס'דערהערט זיך אַדלערס באַריטאָן:

-- אַריין!

איך קום אַריין און טרעף אים מיט סיעראַצקין זיצן אויפן בעט. ביידע מיט פאַרזויערטע פּנימער.

דערזעענדיק מיך, פֿאַרברעכט סיעראַצקי די הענט, און אַדלער נעמט גיין אויפֿגערעגט, ווי אין די שטאַרקסטע דראַמאַטישע סצענעס, אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער.

שיינע עטלעכע מינוט האָט געהערשט אַ שטילקייט. מיר האָבן זיך רעכט איינער דעם אַנדערן נישט אָנגעקוקט, נאָר איך האָב פֿון דעם באַגעגעניש געפֿילט, אַז עפּעס גרייט זיך דאָ.

ענדלעך איז אַדלער אַרויס מיט לשון:

— אַ שיין עסק האָט איר אונדז אָנגעאַרבעט מיט אייער פּיעסע, איר האָט דאָך אונדז געשאָכטן.

און סיעראַצקי הויבט אים אָן אונטערהעלפֿן:

— ווער ווייסט, ווי אַזוי מיר וועלן היינט אַרויס, און אַלץ צוליב אייך.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין געוואָרן זייער נייגיריק צו וויסן, וואָס עס איז אַזעלכעס געשען, און פֿאַרוואָס ביידע די־רעקטאָרן זענען אַזוי אויפֿגערעגט אויף מיר.

און דאָ איז ענדלעך אדלער אַרויס מיט דער באָמבע:

— די פּיעסע „די שרעקלעכע סודות" איז אין לאָדזש געשפּילט געוואָרן אָן צענזור. מילא, האָבן מיר געזאָגט, וואָס אין טעקסט שטייט. און קיינער האָט אונדז נישט קאָנטראָלירט. אָבער אין וואַרשע האָבן מיר אַ שטאַרקע צענזור, און אַזוי ווי אין טעקסט זענען פֿאַראַן שטעלן, אין וועלכע מען רעדט קעגן קריסטנטום, האָט דער צענזאָר פֿאַרווערט ווייטער צו שפּילן די פּיעסע. היינט שטעלט אייך פֿאָר, וואָס איר האָט אונדז געמאַכט. עס איז איצט שבת, און איר קענט דאָך דאָס שבת־נאָכמיטאָג־פּובליקום. עס איז אַנאָנסירט „די שרעקלעכע סודות", און מיר טאָרן די פּיעסע נישט שפּילן, מען וועט דאָך אונדז דערהרגענען.

אוודאי איז עס נישט קיין אָנגענעמע לאַגע, און וועגן קיין קאָנטראַקט איז שוין אוודאי איצט נישט קיין געלעגנהייט צו רעדן.

אַז אדלער האָט דערזען, אַז איך בין געבליבן געפּלעפֿט, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— און אונדזער פֿאַרוואַלטער פּראָמאַן איז טאַקע איצט

ביים צענזאָר. אפשר וועט אים פּאָרט געלונגען צו פועלן, אַז מ'זאָל כאָטש היינט מעגן שפּילן די פּיעסע.

אָפּגעזאָגט דאָס, האָבן אַדלער און סיעראַצקי ווידער אָנ=געהויבן צו גיין אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב זייער צעטראָגן.

נישט קוקנדיק אויף דער ערנסטקייט פון דער לאַגע, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז מען שפּילט מיט מיר קאָמעדיע, און אַז די גאַנצע מעשה מיטן צענזאָר הויבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס.

— וואָס בלייבט מיר צו טון?

פון דער רגע, וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו האָבן אַ חשד, אַז מען נאַרט מיך אָפּ, און מען זוכט תירוצים, כּדי נישט צו שליסן קיין קאָנטראַקט, האָב איך באַשלאָסן, אַז מיט גוטן וועל איך מיט אַדלערן און סיעראַצקין גאָרנישט אויפטון, און איך מוז מיך אַליין ווענדן צו מיין פּאָרטמייער.

בין איך טאַקע אַוועק אויף דער הויפּט־פּאָסט און אַרויפ־געשיקט צום פּאָסט־דירעקטאָר, וואָס איז געווען דער וואָרשע=ווער פאָרשטייער פון פּעטערבורגער שרייבער־פּאריין מיין וויזיט=קאַרטע, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען אויף רוסיש געשריבן:

ס אַ ל אָ מ אָ ן ז י ל ב ע ר צ וו י י ג

ווירקלעכער מיטגליד פון רוסישן דראַמאַטיש=מוזיקאַלישן שריפטשטעלער־פאריין אין פּעטערבורג.

די וויזיט=קאַרטע האָב איך אַרויפגעשיקט דורכן וואַזשני פון דער פּאָסט, און באַלד דערויף איז אַראָפּגעקומען אויף די גרויסע, ברייטע טרעפּ פון דער דאַמאַלסטיקער הויפּט־פּאָסט אַ דיקער הער מיט אַ גרויסער, ברייטער גאָלדענער קייט איבער דער ברוסט, און אויסשטרעקנדיק מיר ביידע הענט, האָט ער מיך זייער פריינטלעך אַרויפגעפירט צו זיך אין קאַבינעט.

דאָס איז געווען דער פּאָסט־דירעקטאָר אַליין.

אין קאַבינעט האָט ער מיך מכבד געווען מיט סיגאַרן, פון וועלכע כ'האָב זיך גאַנץ שיין אָפּגעזאָגט, ווייל כ'רויכער נישט. דאַן האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ ווייכער סאָפע האַרט

געבן מיר, און געבנדיק אַ צופיר מיט זיינע הענט, האָט ער זיך צו מיר געווענדעט:

— נו, וואָס ווערט איר זאָגן גוטס, גאָספּאָדין סאָלאָמאָן?...

— סאָלאָמאָן גערשקאָוויטש — האָב איך פאַרענדיקט.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? — האָט ער ווייטער זייער פריינטלעך געפרעגט.

— מיט אַן עצה, ליבער גאָספּאָדין נאַטשאַלניק — האָב איך געענטפערט און כ'האָב אים דערציילט די געשיכטע, ווי אַזוי אַדלער און סיעראַצקי האָבן ביי מיר גענומען אַ פּיעסע, וועלכע איך האָב באַאַרבעט פון אַ ראָמאַן, און ווי אַזוי זיי האָבן אַלץ אָפּגעלייגט צו שליסן דעם קאָנטראַקט און צום סוף דערציילן זיי מיר גאָר אַ מעשה, אַז דער צענזאָר דערלאָזט נישט שפּילן די פּיעסע.

אויסגעהערט מיין מעשה זאָגט דער פּאָסט-דירעקטאָר:

— איך ווייס אייך שוין פון דער געשיכטע, אָט איז נאָר וואָס גאָספּאָדין פּראָמאַן ביי מיר געווען.

— וואָס?! — האָב איך כמעט ווי אויסגעשריגן — פּראָמאַן, דער פאַרוואַלטער פון דער טרופּע איז נאָר וואָס געווען ביי אייך און זיי האָבן דאָך מיר געזאָגט, אַז ער איז געגאַנגען צום צענזאָר.

איצט איז מיין חשד נאָך געוואָרן שטאַרקער, אַז מען וויל מיך פירן אין באָד אַריין.

דער פּאָסט-דירעקטאָר האָט פאַררויכערט אַ סיגאַר, און אַרויסלאָזנדיק די קייַלעכע רויך, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— יאָ, פּראָמאַן איז ביי מיר געווען און זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז איר ווילט פון זיי רייסן די הויט. נישט גענוג וואָס זיי צאָלן אייך אויטאָרן-האָנאָראַר צו 15 רובל אַ נאַכט, ווילט איר נאָך איינציקע הונדערט רובל עקסטרע פאַר דער פּיעסע. עס איז איצט זומער, די געשעפטן זענען נישט קיין איבעריק גוטע, און דערצו באַרעכנט אייך, אַז ווען די פּיעסע וואָלט אויפגעפירט געוואָרן דורך אַן אַנדערע דירעקציע (ער האָט אָנגערופן אַ נאָמען) וואָלט מען אייך מער ווי אַ טאָכטער נישט

געקענט געבן... כע... כע... אָבער דאָ, אי איר באַקומט געלט, אי כבוד... איר זעט, אויפן אַפיש שטייט איר נישט אַלס באַארבעטער פון דער פיעסע, נאָר אַלס מחבר; דערמאָנט אייך נאָר, איר זענט נאָך אַ יונגערמאַן און שוין אַ מחבר פון אַ פיעסע אין ווארשע אין קאַמינסקיס טעאַטער...

איך האָב דערזען, אַז מ ײ ן פאָרשטייער איז שוין גוט „באַארבעט" געוואָרן פון דער דירעקציע, וואָס וויל זיך אַרויס־דרייען פון שליסן אַ קאָנטראַקט און אויפגערעגט האָב איך זיך אויפגעשטעלט און אַ זאָג געטון.

— איך וויל וויסן נאָך איין זאַך, גאָספּאָדין נאַטשאַלניק, צי זענט איר מ ײ ן פאָרטרעטער, אָדער דער פאָרטרעטער פון ק אַ מ י נ ס ק י ס טעאַטער?

„מיין פאָרשטייער" האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַביסל צו ווייט אַוועק, און כּהרף־עין האָט ער געענדערט זיין טאָן און אָפּיציעל א פרעג געטון:

— וואָס קען איך פאַר אייך טון, ליבינקער?

— איך וויל נישט דערלאָזן שפּילן די פיעסע — האָב איך געענטפערט.

— גוט, אָבער צו דעם צוועק מוזט איר טעלעגראַפירן קיין פעטערבורג, און ווען איך וועל פון דאָרט באַקומען אַ טע־לעגראַמע, שטעל איך זאָפאָרט אָפּ די פאָרשטעלונג.

— טוט עס!

ער האָט אָנגעשריבן אַ טעלעגראַמע: „רוסישער דראַמא־טישער שריפטשטעלער־פאַרבאַנד. פעטערבורג. די דירעקציע פון קאַמינסקיס טעאַטער האָט נישט באַצאָלט. אָפּשטעלן „די שרעק־ליכע סודות". זילבערצווייג".

די טעלעגראַמע איז תיכף אָפּגעשיקט געוואָרן, און מיר האָבן זיך זייער „פריינטלעך" געזעגנט.

ערשט וווהין גייט מען איצט? על פּי יושר וואָלט געווען אַ פּלאַן נישט צוצוגיין צום טעאַטער, וואָרום איידער וואָס־ווען וועט דאָך אָנקומען די טעלעגראַמע פון פעטערבורג, אַז מען לאָזט נישט שפּילן די פיעסע און עס וועט זיין אַ סקאַנדאַל.

איז גלייכער נישט צו זיין ביי אזא סקאנדאל. פון דער אנדע־רער זייט איז דאך אבער אינטערעסאנט צו זיין און זען זיך מיט דער דירעקציע און הערן ווי אזוי זיי וועלן זיך איצט ארויסדרייען.

בקיצור, איך האב באשלאסן צו גיין אין טעאטער.

עס איז שוין געווען נאך 2 אזייגער, די צייט ווען מען גייט שוין שפילן די נאכמיטאג־פארשטעלונג. די גאנצע גאס איז געווען איבערפולט מיט מענטשן, וואס האבן געקויפט בי־לעטן פאר דער נאכט־פארשטעלונג, אדער האבן געוואלט קויפן בילעטן פאר דער נאכמיטאג־פארשטעלונג, און האבן שוין נישט באקומען. אינעווייניק אין טעאטער איז געווען חושך, אזוי פול, אז מען האט דארט קיין שפילקע גישט געקענט ארייננווארפן.

מיד פון ארומלויפן, אויפגערעגט און דערשוויצט פון דעם הייסן טאג, האט מיך שטארק געדורשטן און איך האב געבעטן א גלאז טיי.

אפנים, אז די מענטשן ביים בופעט האבן מיך געקענט, ווייל מען האט מיך געבעטן אוועקזעצן ביי א טישל, און מיר דארט דערלאנגט דעם טיי... איך האב זיך פשוט מחיה געווען, און אין מאמענט, ווען כ'האב געוואלט ארייננגיין הינטער דער בינע, איז צו מיין טישל צוגעגאנגען דער גארדעראבער פון טעאטער און מיר געזאגט:

— איך האב געהערט, אז איר האט עפעס א סכסוך מיט דער דירעקציע. וואס איז צווישן אייך?

פארשטייט זיך, אז איך האב אים אלץ דערציילט, כ'האב אים נאר נישט געזאגט, אז כ'האב טעלעגראפיש אפגעשטעלט די פיעסע.

דערנאך בין איך מיר ארייננגעגאנגען הינטער דער בינע און אנגעקלאפט אין אדלערס גארדעראבע:

— נו, וואס איז געווארן מיטן צענזאר? — מאך איך מיך תמעוואטע.

איך האב דערווארט עפעס א נייעם תירוץ, אבער אומ־דערווארטעט האט אדלער געענדערט זיין גאנצע פאליטיק און

עכט דראַמאַטיש געגעבן אַ זאָג: — צענזאָר, שמענזאָר, װאָס טויג אײַך דער צענזאָר, אַז איר האָט דאָך טעלעגראַפיש אָפּגעשטעלט די פּיעסע, מסתּמא װעט מען סײ װי סײ בעלד די פּיעסע נישט קאָנען שפּילן.

דערהערט אַזעלכע װערטער, האָב איך זיך „אַרויסגעמאַכט“ פון דער גאַרדעראָבע.

הייסט עס, אַז צװישן דער דירעקציע פון קאַמינסקיס טעאַטער און דעם פאַרטרעטער פון פעטערבורגער פאַרבאַנד, דעם װאַרשעװער פאָסט־דירעקטאָר איז פאַראַן אַן ענגע פאַרבינדונג. אויב אַזוי, אפשר האָט דער פאָסט־דירעקטאָר גאָר איגנאָרירט מײַן טעלעגראַמע נישט אָפּגעשיקט און איך פריי זיך אומזיסט. אָבער ניין, אַזוי װײַט װעט ער זיך נישט דערלויבן צו גיין. נו, אויב אַזוי, האָב איך דאָך טאַקע גוט געטון, װאָס כ'האָב אָפּגעשטעלט די פּיעסע, װאָרום קיין געלט װאָלט מען מיר אַפּנים נישט געצאָלט.

אַלזאָ, קריגס־צושטאַנד צװישן מיר און דער דירעקציע פון קאַמינסקיס טעאַטער.

די היץ ברענט דערװײַל װײַטער שטאַרק, דערצו די אויפרעגונג און איך בעט אין בופעט אַ גלאָז ביר.

נעבן בופעט שטייען עטלעכע טעאַטער־לײַט, אײנער פון זיי טראָגט מיר צו דאָס גלאָז ביר בײַ אַ טיש. איך טרינק אַראָפּ דאָס ביר בנשימה אחת. עס ברענט. צי ברענט די היץ אַזוי אָדער דאָס ביר? איך קאָן זיך נישט אָריענטירן, נאָר עפּעס גייט מיר דורך אַ היץ איבער די ביינער, און איידער װאָס־װען באַקום איך אַ לײַכטע צונג, נעבן מיר זיצט איינער אַ מיט־שותּף אין דער דירעקציע, אָדער דער בעל־הבית פון דער גאַרדעראָבע. דער עיקר: איך דערצייל אים די גאַנצע געשיכטע װעגן מײַן סכסוך און פרעג אים צי כ'בין גערעכט. ער גיט מיר גערעכט און שיקט מיר צו אַן אַנדערן. װאָס שטייט אויך בײַ דער גאַרדעראָבע. יעדער נעמט מיך װידער אויספרעגן אַלץ געענוי און איך ענטפער געענוי. די צונג ברענט מיר און איך טרינק ביר. עפּעס אַ מאָדנער ריח האָט דאָס ביר, עס דוכט

זיך, אז עס פילט זיך דער גערוך פון בראָנפן, אָבער ניין, איך האָב דאָך געבעטן ביר, נישט בראָנפן, טאָ ווי קומט דאָ בראָנפן?

— הא, ווער איז דאָ? — פראָמאַן, דער פאַרוואַלטער.

— זעצט אייך, ה׳ פראָמאַן, אַדרבא, זאָגט אַליין, איז דאָס רעכט אַזוי?

און איך דערצייל אים די גאַנצע געשיכטע, אוודאי גיט ער מיר רעכט, נאָר וואָס קען ער אַליין טון, ער וועט מיר צו־שיקן דעם צווייטן פאַרוואַלטער, ה׳ האַלפערן, אַ קוזין פון אסתר רחל קאַמינסקאַ.

— גיט מיר נאָך אַ גלאָז ביר. עס ברענט מיר אין האַלדז!

האַלפערן זעצט זיך צו און נאַיוו פרעגט ער:

— וואָס איז? איך הער דאָך עפּעס, אַז מען וויל אייך נישט באַצאָלן פאַר דער פיעסע, אַן עוולה, ווי כ׳בין אַ ייד, אדרבא, דערציילט מיר אַלץ.

און איך דערצייל. איך דערצייל אויך, אַז אָט־אָט דער־וואַרט איך די פאַרשטייער פון פאַרבאַנד, וואָס וועלן אָפּשטעלן די פאַרשטעלונג.

— אַך, — ווי עס טרוקנט מיר אין האַלדז, האַלאָ, גיט מיר נאָך אַ גלאָז ביר.

מ׳דערלאַנגט ביר. איך טרינק, און אין קאָפּ ווערט מיר הייס און קאַלט, פאַר די אויגן דרייט זיך עפּעס. איך קאָן זיך פון אָרט נישט רירן און אַלע רגע קומען צו נייע מענטשן צום טיש און בעטן מיך, אַז איך זאָל אַלץ געני דערציילן.

אָט איז ארנ‌ֹלד, און אָט איז דער קאַסירער, און אָט איז דער גרימירער, דער קאָסטיומירער, אַלע בעטן זיי מיך דער־ציילן פון אָנהייב אָן, און איך לאָז זיך נישט בעטן.

איך רעד אַזוי ווי פון אַן אויטאָמאַט. יעדער מאַכט דעם אָנשטעל פון אויפרעגונג און יעדער גיט מיר גערעכט און פאַר־ענדיקט דערמיט, וואָס ער שיקט צו אַן אַנדערן מיך צו הערן.

פּלוצלונג הערט זיך אַן אויסרוף:

— זילבערצווייג, די פאָרשטייער פון פאַרבאַנד זענען גע־קומען, גייט צו זיי צו.

מיט די לעצטע כוחות הויב איך זיך אויף פון טישל און לאָז זיך גיין. מיר קומען אַקעגן צוויי הערן מיט טעקעס אונ־טער די אָרעמס אין באַאַמטן-מונדירן און היטלען מיט קנעפלעך.

איך דערפריי זיך. זיי זענען טאַקע שוין דאָ, און איך לאָז זיך צו זיי. אָ, ווי שווער די פיס זענען מיר, אָבער איך שטרענג זיך אָן, און פאָר אַרויס מיט אַזאַ לשון אויף רוסיש:

— זייט געגריסט, פריינט מיינע. גוט וואָס איר זענט געט קימען אָפּשטעלן די פאָרשטעלונג. זיי ווילן דאָך קיין קאָנטראַקט נישט שליסן.

ערשט די צוויי לייט קוקן מיך אָן ווי אַ משוגענעם, און איינער פון זיי שרייט אָן אויף פויליש.

— וואָס ווילט איר, מיר זענען פון דער עלעקטראָווניע!

טאַקע, זיי זענען דאָך פון דער עלעקטראָווניע. ווי אַזוי האָב איך דאָס באַלד נישט באַמערקט?

וואָס טוט מען איצט? נו, קודם כל, מוז מען עפּעס טרונ־קען, כאָטש אַ גלאָז טיי.

אינמיטן טרונקען רופט מען מיך. די דירעקציע וויל זיך מיט מיר פאַרגלייכן. איך לויף שנעלער אַרונטער אונטער דער בינע. עס איז אַן ענגער אריינגאַנג, און איידער איך קוק זיך אַרום, ליג איך אויף דער ערד. איך בין געפאַלן איבער אַ שטריק, ווי קומט אַהער אַ שטריק? אפשים איך בין שכור.

איך זוך אויף אַדלערן:

— איר האָט מיך געשיקט רופן?

— יאָ. איר האָט דאָך נאָר-וואָס גערעדט מיט די דעלע־גאַטן פון פאַריין, וואָס זאָגן זיי, ווען וועלן זיי אָפּשטעלן די פאָרשטעלונג?

איך בין געוואָרן שרעקלעך אויפגערעגט:

— וואָס מאַכט איר עפּעס נאָך חוזק פון מיר? לא ד

איר האָט אויסגענאַרט ביי מיר אַ פּיעסע, לאַכט איר נאָך פון מיר אָפּ!

אַפּנים, אז די ווערטער האָבן אַדלערן גערירט, און ער האָט גאָר אין אַן אנדערן טאָן געענטפערט:

— גלויבט מיר, אַז איך בין דאָ גאָרנישט שולדיק. איך וואָלט גערן געמאַכט אַ קאָנטראַקט, נאָר איך און סיעראַצקי זעבען מיר דאָך בלויז מיט־שותּפים, און די הויפּט־דעה האָבן די באַלעבאַטים פון קאַמינסקיס טעאַטער, און זיי ווילן נישט מאַכן קיין קאָנטראַקט.

פאַרשטייט זיך, אַז פון דערדאָזיקער דערקלערונג איז מיר נישט קיין סך בעסער געוואָרן, און איך בין צוריק אַרויס אין בופעט־זאַל עפּעס צו טרינקען. אָבער אויסטרינקענדיק אַ גלאָז טיי, האָב איך דערפילט אויסערגעוויינלעכע בויך־שמערצן, ווי מען וואָלט מיר איינגעגעבן עפּעס אַן אָפּפיר־מיטל.

איך בין געוואָרן ווילד...

וואָס ווייטער איז געווען געדענק איך נישט. אין זכרון איז מיר נאָר בלויז פאַרבליבן, אַז דער געהילף־רעזשיסער פון דער טרופּע, דער קליינער פישמאַן, וואָס איז אין צוויי יאָר אַרום געשטאָרבן דורך אַן אומגליק־צופאַל, האָט מיך אויף אַ דראָזשקע אָפּגעפירט צו זיך אַהיים...

איבערגעשלאָפן זיך די נאַכט, בין איך צומאָרגנס באַלד אינדערפרי אוועק אין טעאַטער. אַרום 10 האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען די אַקטיאָרן, און ווען דער פאַרוואַלטער פון דער טרופּע ה׳ האַלפּערן האָט מיך דערזען, האָט ער אַרויסגענומען זיין גאָלדענעם זייגער און ציניש געזאָגט:

— איר קאָנט דאָ זיין נאָר נאָך 20 מינוט, וואָרום פּינקט לעך 11 קומען אָן אַ גרופּע טעאַטער־באַזוכער, און וועלן אייך שלאָגן. זיי זענען נעכטן געווען אויף דער פּיעסע, און זי געפעלט זיי נישט, האָבן זיי מיך געפרעגט אויפן מחבר, האָב איך זיי געזאָגט, אַז היינט, פּינקטלעך 11 אינדערפרי וועט איר דאָ זיין.

— — — — — — — — — — — —

ווען די טעלעגראַמע מיינע איז אָנגעקומען אין פּעטער־בורג שבת נאָכמיטאָג, איז שוין דער פאַריין געווען פאַרמאַכט. זונטיק איז נאַטירלעך אויך געווען פאַרמאַכט, און ערשט מאָנטיק אינדערפרי האָט מען די טעלעגראַמע געעפנט.

מאָנטיק ארום האלב צען אינאָוונט, ווען מען האָט אין ווארשע געשפּילט דעם צווייטן אַקט פון „די שרעקליכע סודות", איז אין טעאַטער אַריינגעקומען אַ פּאָליציאַנט מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט.

אין פּאַפּיר איז געזאָגט געוואָרן, אַז אַזוי ווי די דירעקציע פון קאַמינסקיס טעאַטער וויל נישט באַצאָלן קיין האָנאָראַר, דעריבער זאָל מען תיכף אָפּשטעלן דאָס שפּילן די פּיעסע „די שרעקליכע סודות".

דער פּאָליציאַנט איז זיך אַרונטערגעגאַנגען אונטער דער בינע און געהייסן דעם פאָרהאַנג־ציער אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג אינמיטן שפּילן.

— פּריקאַז!

אָט אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע מיט „די שרעקליכע סודות" אין ווארשע, פאַר וועלכע מ'האָט קיין מחבר־האָנאָראַר נישט געוואָלט צאָלן.

יידישע יינגעלייט לאָזן נישט שפּילן יידיש טעאַטער.

דאָס איז געווען אין 1912. איך בין דאַמאָלס געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַ ליבהאָבער־גרופּע מיט וועלכער איך בין אַרומגעפאָרן איבער דער נאָענטער סביבה פון לאָדזש. אין דער זעלבער צייט בין איך געווען דער רעזשיסער פון דעם דראַמאַטישן פאַריין אין פּאַביאַניץ, נעבן לאָדזש.

צווישן די פאַרשידענע דראַמאַטישע קרייזן און פאַריינען אין פּוילן, האָט דער פּאַביאַניצער געשפּילט איינע פון די גרעסטע ראָלן. ערשטנס האָט ער געהאַט אויסגעצייכנטע קרעפטן. נאָך היינט געדענק איך גוט די נעמען פון פּרל. פראַנקענבערג און די ה"ה ליט, יעלינאָוויטש, שטאַל. ווען זיי וואָלטן זיך טאַ־

קע אינגעגאַנצן איבערגעגעבן דער בינע, וואָלט זיכער פון זיי געוואָרן גוטע אַקטיאָרן. צווייטנס, איז דער פאַריין געווען אויסגעצייכנט אָרגאַניזירט. אין דער שפּיץ פון פאַריין איז געשטאַנען א גבירישער זון ה׳ פויסט, וואָס איז אין דער מלחמה־צייט געשטאָרבן אין שווייץ. ה׳ פויסט איז געווען טאַקע אַזוי ווי זיין נאָמען: אַן אייזערנע פויסט. ער איז געווען א מאַן פון אומגעהויערן דיסציפּלין, און דאָס פלעגט אָפט אַרויסרופן געגן אים אומצופרידנקייט מצד די מיטגלידער פון פאַריין, אָבער דאָך האָט מען נישט געוואַגט צו מאַכן געגן אים אַ רעוואָלוציע.

כּדי צו כאַראַקטעריזירן ווי שטרענג אָט דער ה׳ פויסט איז געווען, איז כּדאי צו דערציילן, אַז איינמאָל ווען דער סופלער איז אַביסל איינגעשלאָפן, האָט זיך פויסט אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער, וועלכן ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך, און אויסגעשאָסן עטלעכע מאָל אין דער לופטן כּדי אַזוי נאָך אויפצוועקן און איבערצושרעקן דעם פאַרשלאָפענעם סופלער.

דער פאַריין פלעגט שפּילן בערך יעדן חודש, און די פאָרשטעלונגען זענען געווען שטענדיק גוט באַזוכט, ווייל ה׳ פויסט האָט איינגעאָרדנט אַן אַבאָנאַמענטן-ליסטע, אַזוי, אַז מען האָט כּמעט קיינמאָל נישט געדאַרפט פאַרקויפן קיין בילעטן.

דער דראַמאַטישער פאַריין איז אָבער נישט געווען קיין זעלבסטשטענדיקער, נאָר בלויז אַ סעקציע ביי דער אָרטיקער יידישער ביבליאָטעק, און ווי אַ ביבליאָטעק זענען שטענדיק די הוצאות געווען גרעסער ווי די הכנסות. מ׳האָט דעריבער תּמיד געמוזט זוכן פאָנדן אויף הכנסות. און אַזוי איז איינמאָל באַשלאָסן געוואָרן, אַז כ׳זאָל אַנגאַזשירן אויף אַ פאָרשטעלונג מיין לאָדזשער ליבהאָבער-גרופּע.

אמת, אַז מיין חברה זענען אויך געווען ליבהאָבער, נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, אָבער פאָרט פון לאָדזש.

מיר האָבן אָפּגעמאַכט אַ פּרייז, און איינמאָל שבת אין אָוונט זענען מיר אַלע אַראָפּגעפאָרן קיין פּאַביאַניץ. געגאַנגען איז אַ פּיעסע פון יידישן לעבן „אַ מאמע“, פון איינעם אַ

מיטאַרבעטער אין אַ רוסישער צייטונג אין מינסק, מ. קוזניצקי. די פּיעסע האָב איך איבערזעצט פון רוסיש. שפּעטער האָט דער זעלבער קוזניצקי שוין אַליין אָנגעהויבן שרייבן און אַפילו גע-דרוקט אויף יידיש. די טיטל-ראָל פּלעגט ביי אונדז שפּילן די פאַרשטאָרבענע שוישפּילערין גיטל זאַריצקאַ-זעליגער.

אָראָפּגעקומען קיין פּאַביאַניץ, דערזעען מיר אַ גרויסן עולם שטייען נעבן טעאַטער. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט, וואָרום אויב דרויסן שטייען אַזויפיל מענטשן, טאָ איז דאָך אינע-ווייניק זיכער פול.

מיר זענען דערי בער פריילעך אַריין אין טעאַטער. דאָ האָבן מיר אָבער קיינעם נישט געזען. דאָס האָט אונדז שטאַרק פאַרוואונדערט, אָבער עס איז נישט געווען קיין צייט וועמען צו פרעגן. מ'האָט זיך געדאַרפט זעצן גרימירן, און דערצו האָט ה' פויסט אונדז געהייסן באַלד אַריינגיין אין די אַקטיאָרישע גאַרדעראָבעס.

קוים זענען מיר אַריין אין די גאַרדעראָבעס, האָבן מיר שוין אינגאַנצן פאַרגעסן וואָס דרויסן טוט זיך, און דוד לעדער-מאַן, וואָס איז היינט אַ באַקאַנטער שוישפּילער אין וואַרשע, האָט אָנגעהויבן אונדז גרימירן.

אַזוי ווי די פּיעסע פאָדערט נישט קיין גרויסן גרים, זע-נען מיר שנעל פאַרטיק געוואָרן. דאָ איז אַרונטערגעקומען ה' פויסט, און געהייסן געבן דעם ערשטן קלונג. איך געב אַ גיי צו צום פאָרהאַנג, און דערלאַנג אַ קוק אַרויס דורכן באַרימטן לעכל, און פאַר מיינע אויגן באַווייזט זיך אַ שיינער זאַל, שיין באַלויכטן, אויסגעשטעלט מיט גלאַנצנדיקע שטול, אויף וועלכער עס זיצט קיין איין מענטש נישט. דער זאַל האַלט עפּעס איבער צוואַנציק רייען, און פון הינטן גייט נאָך אַ קלענערער זאַל, און דאָרט זענען אויך אויסגעשטעלט שטולן, נאָר אויך דאָרט איז קיינער נישטאָ, בלויז ביי די טירן שטייען עטלעכע אָנגעלענט, אויפגעפּוצט ווי קעלנערס מיט שלייפלעך אויף די לאַצן, דאָס הייסט: זיי זענען די אָרדנער.

אָבער פאַר וועמען?

איך גיי אַריין צו מיין חברה און דערצייל זיי די מעשה־ ווערן זיי אַביסל אומרויק. וואָרום קיין געלד האָט מען נאָך דער, ווייל גאָרנישט געגעבן...

דערווייל קומט ווידער אָן ה' פויסט, און שמייכלענדיק אונטער זיינע ברילן, הייסט ער געבן דעם צווייטן קלינג. איך האָב זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן פון פאַרווונדערונג און פרעג אים וואָס ס'איז געשען, אָבער ער איז גאַנץ רויק און ענטפערט מיר בלויז אויף פויליש:

— וואָס גייט עס אייך אָן, איר וועט באַקומען אייערס באַצאָלט, ווען איר זאָלט אפילו דאַרפן שפילן פאַר די בלויזע ווענט.

קענענדיק פויסטס עקשנות, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס קאָן דערצו קומען, און מיר האָבן שנעל אָפּגעהאַלטן אַ באַראַ־טונג און באַשלאָסן, אַז אויב ס'וועט קיין פובליקום נישט זיין, וועלן מיר נישט שפילן, נאָר אַזוי ווי דאָס איז נישט אונדזער שולד, טאָ זאָל אונדז ה' פויסט באַצאָלן פאַר די רייזעס, פאַרן גרים, און האַלבע שכירות פאַר אייניקע פון אונדזער גרופּע, וואָס האָבן דאָס שפילן געמאַכט פאַר זייער פּראָפעסיע.

ווען פויסט איז געקומען, אַז מ'זאָל געבן דעם דריטן קלינג און איך האָב געזען, אַז אין זאַל באַשטייט ווייטער דאָס פובליקום פון די ליידיקע שטילן און די עטלעכע טיר־שטייער, האָב איך פויסטן דערקלערט אונדזער באַשלוס. אין אָנהויב האָט ער נישט געוואָלט צושטימען, נאָר פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן דורכויס שפילן פאַר די ליידיקע ווענט. ענדלעך האָט ער זיך אונטערגעגעבן. מיר האָבן זיך שנעל אויסגרימירט, איבערגעטון און אַרויס אין איילעניש פון טעאַטער, כּדי נאָך באַוויזן צו כאַפּן דעם לעצטן טראַמוויי קיין לאָדזש.

אַרויסגייענדיק פון טעאַטער האָבן מיר אין דרויסן גע־טראָפן נאָך אַ גרעסערן עולם, על פּי רוב יונגעלייט און דער־זעענדיק אונדז, האָט מען אונדז בקול רם געמאַכט אַ „בע"...

ווען מיר זענען אין אַ שעה אַרום אָנגעקומען קיין לאָדזש, האָבן אונדז די אַלע, וואָס האָבן געוווּסט, אַז מיר דאַרפן שפּילן אין דער צייט אין פּאַביאַניץ, אָנגעקוקט ווי גייסטער.

וואָס איז געווען די סבה, פאַרוואָס דאָס טעאַטער איז גע־ווען ליידיק, און פאַרוואָס איז אינדרויסן געשטאַנען אזא עולם, און פאַרוואָס האָט מען אונדז אַזוי פיינטלעך אויפגענומען?

דאָס אַלץ איז מיר צומאָרגנס אויפגעקלערט געוואָרן דורך א דעלעגאַציע פון פאַריין, וואָס איז ספּעציעל צו מיר געקומען.

די דעלעגאַציע האָט מיר איבערגעגעבן פאָלגנדיקע גע־שיכטע: ה׳ פויסט איז בטבע געווען אַ שטיקל אַסימיליאַטאָר און ווען ס׳איז געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע וועגן צוקויפן נייע ביכער, איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאכן אַט אונ־דזער פאָרשטעלונג. אָבער שבת אינדערפרי האָט ה׳ פויסט דער־קלערט, אַז פאר דעם געלט וועט ער קויפן נאָר פּוילישע ביכער.

די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק האָבן פאַרלאַנגט, אַז נאָר אַ טייל געלט זאָל גיין פאַר פּוילישע ביכער, דאָס איבעריקע געלט — פאַר יידישע ביכער. א גאַנצן שבתדיקן טאָג זענען געפירט געוואָרן די אונטערהאַנדלונגען. אָבער פויסט האָט נישט נאָכגעגעבן, און דאַן איז באַשלאָסן געוואָרן צו באָיקאָטירן די פאָרשטעלונג. נעבן טעאַטער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע וואַך, און ווען ס׳איז גע־קומען אַן אבאָנאַמענט מיט אַ בילעט, אָדער אַ קונה צו קויפן אַ בילעט, האָט מען זיי נישט אַרויפגעלאָזט אין טעאַטער. די וואַך אינדרויסן איז געווען זיכער, אַז מיר ווייסן דעם סכסוך און דעריבער האָט די יונגעלייט פאַרדראָסן פאַרוואָס מיר זע־נען נישט באַלד אַרויס נאָר ערשט שפּעטער, און דעריבער האָט מען אונדז אַזוי „פייערלעך“ באַגלייט קיין לאָדזש...

ער נעמט נישט קיין כאַבאַר.

די געשיכטע, וועלכע איך וויל דאָ דערציילן, האָט זיך אָנגעהויבן אַביסל קאָמיש, שפּעטער געוואָרן טראַגיש און זיך ווידער געענדיקט קאָמיש.

איינמאָל אין אַ שיינעם אָוונט (אַזוי איז דאָך דער

סטיל פון אַ מעשה), זענען געקומען צו מיר אייניקע יונגע־לייט מיט אַ ביטע, אַז אַזוי ווי זיי רעפּערטירן איצט יעקב גאָרדינס „קעניג ליר“, בעטן זיי מיך, אַז איך זאָל קומען באַזוכן כאָטש איין פּראָבע ביי זיי.

וואָס פאַראַ כוונה די יונגעלייט האָבן געהאַט, איז מיר ביזן היינטיקן טאָג נישט באַוווּסט. איך האָב אָבער זייער פאָרשלאָג באַלד אָנגענומען, ווייל איך האָב דעמאָלט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע ליבהאָבער (אַמאַטאָרן), און כ׳האָב געזוכט נייע פעיקע קרעפטן.

געקומען אין דער אָנגעוויזענער וווינונג האָב איך געטראָפן אַ גרופּע, מיר פולשטענדיק, אומבאַקאַנטע יונגעלייט. מ׳האָט געמאַכט פאַר מיר אַ זייער גרויסע וואַרע און מיך פּשוט נישט געהאַט וווּ צו זעצן. אייניקע יונגעלייט, וואָס האָבן ערשט מיט אַ רגע פריער, גאַנץ לייטיש געפּילדערט, זענען געבליבן זיצן ווי מומיעס. ביי אַלעמען איז דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן, ווי זיי וואָלטן דאָ געדאַרפט שטיין אויף פּראָבע, װעגן אַ פראַגע פון לעבן און טויט.

איך האָב געבעטן, אַז מען זאָל זיך נישט צערעמאָנירן און פאָרזעצן די פּראָבע.

מיין ביטע האָט געווירקט און דער סופליאָר האָט גענומען ווייטער סופלירן, אָבער קוים האָב איך דערהערט דעם סופליאָר סופלירן, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל עס נישט איבערהאַלטן. ווייזט אויס, אַז ער איז געווען אַ קנאַפּער תלמיד חכם און אַזוי ווי אין דער פּיעסע זענען גראָד פאַראַן זייער פּיל מאמרי חז״ל, וואָס עס באַנוצן משה חסיד און זיין שוואָגער דער חריף, האָט ער געזעצט עברי ווי אַ בעקער. די יונגעלייט זענען אויך נישט געווען קיין תלמידי-חכמים, פונדעסטוועגן האָבן זיי אַ ביסל געפּילט און אַ ביסל באַמערקט פון מיין פּנים, אַז דער סופליאָר לעבט נישט בשלום מיט דער עברי און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר צו אַנטשולדיקן, אַז ער איז נאָר זייער צייטווייליקער סופליאָר, וואָרום זיי זוכן אַ לייטישן סופליאָר.

אַזוי ווי אויף דער פּראָבע האָב איך באַמערקט 2—3 פּעיקע יונגעלייט, האָב איך געהאַט אַן אינטערעס בייצווווינען נאָך אַ פּראָבע און כ׳בין דעריבער געווען זייער צופרידן אָנצונעמען די איינלאַדונג צו קומען צו דער קומענדיקער פּראָבע.

געוויינלעך האָט זיך דער עולם דאָס אַנדערע מאָל שוין געפילט מער היימישער און צוגעלאָזענער, אַזוי ווייט, אַז מ׳האָט מיך געבעטן צו ווייזן אַ „רגע״ דעם סופליאָר ווי אַזוי מ׳דאַרף סופלירן. פון דער רגע איז געוואָרן אַ האַלבע שעה און ווען כ׳האָב געענדיקט סופלירן, האָבן אַלע אין איין קול מיך גענומען בעטן, אַז איך זאָל זיי סופלירן כאָטש אויף די פּראָבן. בינו לבינו האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז די חברה ווילן אויפפירן דעם „קעניג ליר״ לטובת אַן אָרעמע אלמנה מיט איניקע קינדער, נאָר דערווייל קאָנען זיי נישט באַקומען קיין דערלויבעניש. איך האָב זיי דעריבער געעצהט, אַז איך, אַלס מיטגליד אין רוסישן דראַמאַטישן שריפטשטעלער־פאַרבאַנד אין פּעטערבורג, וועל אַריינגעבן אַ ביטע צום גובערנאַטאָר אין פּיעטריקאָוו און כ׳האָף, אַז מען וועט דערלויבן די פאָרשטעלונג.

פאַרשטייט זיך, אַז אויף אַזאַ אופן בין איך שוין גאָר געוואָרן היימיש מיטן עולם, און איידער וואָס־ווען איז אָנגעקומען די דערלויבעניש פון פּיעטריקאָוו טאַקע אויף מיין נאָמען. דערביי איז געשטאַנען בפירוש, אַז די פאָרשטעלונג קומט פאָר לטובת אַ וווילטעטיקן צוועק.

חברה האָבן דערווייל ביי מיר געפּועלט, אַז אָנשטאָט סופלירן אויף די פּראָבן, זאָל איך מיטשפּילן. און איך האָב גענומען אויף מיר די ראָל „יאָפּע״. און כדי דער אָוונט זאָל זיין נאָך שטאַרקער, האָב איך צום סוף פון דער פאָרשטעלונג אויפגעפירט מיינעם אַן איינאַקטער.

איינער פון די חברה איז אוועק אין „פּוילישן טעאַטער״, עס געדונגען (ס׳איז געווען זומער־צייט) און באַקומען אַ ביכל בילעטן. די בילעטן זענען געווען געשטעמפּלט פון פּאָליציימייסטערס קאַנצעלאַריע, ווייל פון יעדן בילעט האָט מען געדאַרפט

אָפּצאָלן שטייער. דער שטייער האָט באַטראָפן פון 2 קאָפּ. פאַר אַ גאַלעריע־בילעט ביז 40 קאָפּעקעס פאַר אַ לאָזשע.

אַזויווי אין „קעניג ליר" שפּילן אַ סך מענטשן, און דער־צו באַטייליקט זיך אין דער פּיעסע נאָך אַ כאָר אויך, און די אַלע האָבן פאַרקויפט בילעטן, און אַזוי ווי אין יענער צייט האָט קיין פּראָפעסיאָנעל יידיש טעאַטער נישט געשפּילט, איז געווען פאַרויסצוזען, אַז אַלע בילעטן וועלן זיין אויספאַרקויפט.

די יונגעלייט האָבן דעריבער אָנגעהויבן צו טראַכטן אַן עצה ווי אַזוי איינצושפּאָרן די גרויסע סומע פון שטייער, וועל־כע זיי וועלן דאַרפן דאַמאָלס באַצאָלן, אַזוי ווי איך בין גע־ווען גראָד נאָך אַ פאָרשטעלונג, אויף וועלכער ס'איז דורכגע־פירט געוואָרן אַן ענלעכע „אָפּעראַציע", האָב איך געראָטן די פאָרשטייער פון דער פאָרשטעלונג, אַז זיי זאָלן נעמען נאָך אַ ביכל בילעטן, נישט געשטעמפּלטע, און אין דער גאַס זאָלן זיי פאַרקויפן פונעם נישט געשטעמפּלטן ביכל. אין טאָג פון דער פאָרשטעלונג, ווען דער קאַסירער זיצט מיט די בילעטן אין דער קאַסע, זאָל מען ארויסרייסן אַביסל בילעטן פון געשטעמפּלטן ביכל. מאַכן אַ צייכן אויף די פּלעצער, וועלכע זענען פאַרקויפט געוואָרן פון נישט געשטעמפּלטן ביכל, און פאַרקויפן דעם טאָג נאָר פון געשטעמפּלטן ביכל.

די עצה איז געפעלן און מ'האָט אַזוי געטון.

עס איז געקומען דער טאָג פון דער פאָרשטעלונג. דער פאָרפאַרקויף איז ווירקלעך געווען אַ גרויסער, נישט נאָר וואָס מ'האָט פאַרקויפט דאָס גאַנצע נישט געשטעמפּלטע ביכל בי־לעטן, נאָר דעם גרעסטן טייל פון געשטעמפּלטן ביכל. און ווען חברה האָט דערזען, אַז פון געשטעמפּלטן ביכל פעלן שוין אַ מאַסע בילעטן און ס'וועט אויסקומען צו באַצאָלן אַ סך שטייער, האָט מען גענומען אַ דריט נישט געשטעמפּלט ביכל, און מ'האָט גענומען פאַרקויפן בילעטן פון דאָרט.

דערביי האָט מען נאָר פאַרגעסן איין קלייניקייט: אַז די בילעטן זענען נומערירט, און אַזוי ווי מ'האָט די זעלבע פּלע־צער פאַרקויפט פון דריי ביכלעך, איז אויסגעקומען, אַז אויף

ליברעסקאַ (12)

יעדן פלאַץ האָבן געדאַרפט זיצן דריי פּערזאָן. הייגט ווו זענען עפּעס אומזיסטע פּלעצער? אַלע שפּילער האָבן דאָך געבראַכט זייערע קרובים אומזיסט אין טעאַטער אַריין, די כאָריסטן — דאָס זעלבע, און די טיר-שטייער, אייגענע מענטשן, זענען אויך נישט געשלאָפן.

ס'איז זיך דעריבער איצט פאָרצושטעלן דעם טומל און די מהומה, וואָס האָט זיך אָפּגעטון אינאָווענט אין טעאַטער גופא, ביי די טירן און אין קאָרידאָר פון טעאַטער. ווער ס'האָט פריי-ער פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ, האָט נישט געוואָלט אַראָפּגיין. ס'האָבן נישט געהאָלפן די געשרייען פון די, וועלכע האָבן אויך געהאַט בילעטן אויפן זעלבן פּלאַץ. מ'האָט זיך געשלאָגן און געשריגן ביז מ'האָט זיך געלאָזט זוכן פּאָליציי.

און אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען דער רעווירנאָווי פון יענעם אוטשאַסטאָק מיט אייניקע סטראַזשניקעס. דער רעווירנאָווי האָט געוואָלט צוגיין צו דער קאַסע וועגן אָפּנעמען דעם שטייער, אָבער דאָ איז דער עולם אים אָקייגנגעלאָפן מיט די בי-לעטן אין האַנט, און געשריגן און געפּילדערט. דער רעווירנאָווי האָט זיי באַרוּיקט, אַז ער וועט באַלד מאַכן אין אָרדענונג, זאָל ער נאָר רעדן מיטן קאַסירער.

אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו דער קאַסע, האָט ער געטראָפן די קאַסע פאַרמאַכט.

— ווו איז דער קאַסירער?

דער קאַסירער איז גלייכצייטיק געווען סופלער, און אַזוי ווי ס'איז שוין געווען שפּעט, און מ'האָט שוין געדאַרפט אָנהויבן שפּילן, האָט ער פאַרמאַכט די קאַסע, און איז אַרונטער הינטער דער בינע.

דער רעווירנאָווי האָט גענומען עטלעכע פּאָליציאַנטן, זיי געהייסן אַרויסציען די בלאַנקע שווערדן, און אַ רגע איידער מ'האָט אָנגעהויבן שפּילן, איז די אַרמיי אַזוי אַרונטערגעקומען הינטער דער בינע.

דער רעווירנאָווי האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן ווייסן בויגן פּאַפּיר און שטאַמלענדיק געפרעגט:

— ווער איז דאָ סססס‎אַלאָמממאַן זזזיללבבערצצווייג?

— איך. — האָב איך געענטפערט.

— וווּ איז דער קאַסירער? — האָט ער ווייטער געפרעגט. איך האָב אָנגעוויזן אויפן סופליאָר, וועלכער איז שוין געזעסן אין קאַסטן.

— וווּ איז דאָס ביכל פון בילעטן? — האָט דער פּריסטאַוו געפרעגט.

דער סופליאָר האָט אויסגעטון דאָס היטל און אַרויסגענומען אַ ביכל בילעטן (דאָס דריטע) פון וועלכן ס'האָבן געפעלט אפשר הונדערט בילעטן, און די איבעריקע זענען געווען אַריינגעלייגט.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער פּריסטאַוו אויסגעשריגן — אינדרויסן זענען דאָ צו דריי מאַן אויף איין בילעט, און דאָ זענען אַלע בילעטן. אַבמאַן! (שווינדל) — און נישט לאַנג טראַכטנדיק האָט ער דעם סופליאָר-קאַסירער אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, און ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט ער אויסגעשריגן:

— און איר, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דעם גאַנצן אַבמאַן, זענט אַרעסטירט!

צוויי פּאָליציאַנטן מיט אַרויסגעצויגענע שווערדן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויף ביידע זייטן פון מיר.

דער רעזשיסאָר גיט אַ קאָמאַנדע צו דער פּאָליציי, און מ'וויל מיך אָפּפירן אין אַרעסט. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז געוואָרן אַ גרויסער טומל הינטער דער בינע, און קוים מיט צרות האָט מען דערקלערט דעם רעזשיסאָר, אַז אויב ער וועט מיך אַרעסטירן, וועט צעשטערט ווערן די היינטיקע פאָרשטעלונג, וואָרום איך שפּיל דאָך.

דער רעזשיסאָר האָט זיך געלאָזט צורעדן, און נאָכדעם ווי ער האָט גרינדלעך באַקוקט די בינע, אַלע טירן און אַלע טירן פון דער דעקאָראַציע אין וועלכער מיר האָבן געשפּילט, האָט ער מיך צייטווייליק באַפרייט פון אַרעסט, נאָר בײַ יעדער טיר האָט ער אַוועקגעשטעלט צוויי פּאָליציאַנטן, און אַזוי אויך אונטן ביים סופליאָר.

די שטימונג בײַ וועלכע מ'האָט אָנגעהויבן שפּילן, און

וואָס איז נאָך באַגלייט געוואָרן דורך אַ שרעקלעכן טומל אין טעאַטער, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן.

ערשט ווען דער ערשטער איינדרוק פון אַרעסט האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָט דער גרימירער פון טעאַטער, הערמאַן יעלין, אַוועקגענומען דעם רעוויראָווע אין אַ זייט, אַרויסגענומען אַ צענערל און עס אים דערלאַנגט. מיר אַלע זענען געווען זי־כער, אַז דער רעוויראָווע וועט צונעמען דאָס „לא יהרץ־געלט״, און פון דער גאַנצער מעשה וועט גאָרנישט ווערן.

ווי דערשטוינט זענען מיר אָבער אַלע געוואָרן, ווען דער רעוויראָווע האָט אַ וואָרף געטון דאָס צענערל, און אויף זיין שטאַמלדיק לשון אויסגעשריגן:

— טשטאָ, כאַבאַר! (וואָס, שוחד?).

זיין פּנים איז געוואָרן רויט ווי אַ בוראַק, די פויסטן האָבן זיך ביי אים געביילט און קלאַפּנדיק אין אַ טישל, וואָס איז גראָד דערביי געשטאַנען, האָט ער אויסגערופן צו יעלינען:

— ווי טאַקזשע אַרעסטאָוואַני! (איר זענט אויך אַרעסטירט).

מיין געמיט איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. וואָס טוט מען איצט, אַז יעלין, דער שטענדיקער שתדלן אין אַזעלכע פאַלן, איז דורגעפאַלן, וואָס טוט מען? — אָבער דאָ רופט מען מיך, אָט דאַרף איך אויפטרעטן אויף דער בינע.

ווי עס איז געענדיקט דעם ערשטן אַקט, איך וויל אַריינ־גיין איבערטון זיך פאַרן צווייטן אַקט, די פּאָליציי לאָזט נישט. מען מוז מיר ברענגען די מלבושים אויף דער בינע אַרויף, און דאָרט זאָל איך זיך, אונטער דער שמירה פון דער פּאָליציי, איבערטון, וואָרום די פּאָליציאַנטן האָבן באַקומען אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן מיך נישט לאָזן אַוועקגיין.

— אָבער ווו איז דער רעוויראָווע גופא?

— דער רעוויראָווע איז אַרויפגעגאַנגען אין בופעט — באַקום איך אַן ענטפער.

איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס דאָס הייסט. ער האָט אַוועקגעשטעלט פּאָליציי, און אַליין איז ער געגאַנגען מאַכן אַ כוסע, כדי זיך צו שטאַרקן צום קאַמף...

אַ דערשלאָגענער און אַ צעטומלטער האָב איך, ווי עס איז, דורכגעשפּילט די פּיעסע אין מיין איינאַקטער, און זיך געגרייט צו גיין אין אוטשאַסטאָק. כ'האָב זיך שוין אַפילו אָפּגעזעגנט מיט מיינע קרובים, וועלכע זענען געווען אין טעאַטער, און דערוויסנדיק זיך וועגן אַרעסט, זיינען זיי אַרונטערגעקומען צו מיר, און מיר האָבן צוזאַמען אויסגעאַרבעט גאַנצע פּלענער פון שתדלנות ווי אַזוי מיך צו באַפרייען. אָבער נאָך איידער מיר האָבן איינגאַנצן געענדיקט שפּילן, האָט מען מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז די פּאָליציאַנטן זענען אַוועק.

— וואָס איז דאָס?

איך האָב אָבער נישט געהאַט צייט נאָכצוטראַכטן, וואָס עס איז דאָ אַזעלכעס געשען, איז מען געקומען מיך רופן אַרויף אין בופעט, ווו דער רעוויראָווע וואַרט אויף מיר.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אַרויפגעגאַנגען אין בופעט פון טעאַטער. דאָס איז געווען אַ גרויס צימער אויפן ערשטן שטאָק פון טעאַטער, אַ ביסל זייטיק געלעגן.

ביי אַ טישל איז געזעסן אַ געוויסער אַקטיאָר ריבאָווסקי, וואָס איז שטענדיק געווען חצי אַקטיאָר און חצי זעצער אין אַ דייטשער צייטונג, דער בעל־הבית פון אַ געוועלבל נעבן טעאַטער, אַ געוויסער בילאָווסקי, אַ ייד מיט אַ גרויסער נאָז און מיט טאַנצנדיקע אייגעלעך, וואָס האָט געלעבט דאַמאָלסט פון שמוגל, איז געווען אויסגעקאָכט אין הלכות כאַבאַר, און נעבן אים איז געשטאַנען — אַ שווערד.

יאָ, נעבן דער שווערד איז געזעסן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, זיך געשאָקלט דער רעוויראָווע. אַליין אַ גרויסער און אַ ברייטער, האָט ער איצט געמאַכט דעם איינדרוק ווי עטלעכע מענטשן צוזאַמען, ווי דער וואָס האַלט אונטערן טלית שמחת־תורה אַ צענדליק קינדער, אַזוי אָנגעבלאָזן איז ער געווען.

דערזעענדיק מיך, און דערהערנדיק מיין נאָמען, האָט ער גוט אָנגעשטרענגט זיך אויפצושטעלן, האָט כיך געגעבן אַ דריק צו צו זיך, און מיך אָנגעהויבן קושן.

חלום איך אָדער איך האָב היץ? אָבער גיין, די רוסישע שפּראַך און דער בראָנפן, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון ווו

ווייט, האָבן מיך נישט געלאָזט טראַכטן, אַז דאָס איז נישט קיין ווירקלעכקייט.

איבעריקנס די שטעכעדיקע וואָנסעס פון דעם רעווירוואָוועס אויף מיין גלאַט ראַזירט פנים און דערצו נאָך געשמינקט ווי נאָכן שפּילן, האָבן מיך געמאַכט פילן, אַז איך שלאָף נישט, נאָר דאָס אַלץ קומט פאָר אויף אַן אמת.

אַלזאָ, דער רעווירוואָווע איז טויט-שכור. אַ סימן דער טאָ־אַסט, וואָס ער האָט געהאַלטן לכבוד דער יידישער קונסט און דערביי מיך פּראָקלאַמירט אַלס דעם פאָן־טרעגער פון דער יידי־שער טעאַטער־קונסט.

איך זעץ זיך אַוועק ביים טישל, אין קאָפּ זענען פאַרשיי־דענע געדאַנקען, דער עיקר וועגן דער פאַמיליע, וואָס איז זי־כער, אַז איך בין אַרעסטירט, און צום סוף זיך איך גאָר מיט מיין אַרעסטירער ביי אַ גלעזל משקה.

— נאַ וואַשע זדראָוויע! (פאַר אייער געזונט!) — איבער־רייסט מיינע מחשבות אַן אויסרוף פון דעם רעווירוואָווע, און באַלד דערויף כאַפּט ער זיך ווידער קושן, און דאָס פולע גלעזל טראָפּט דערווייל אויף מיין מלבוש.

מען דערלאַנגט פאַרבייסעכץ, און אין דער צייט וואָס דער רעווירואָווע „ספּראַוועט" זיך מיט אַ גלאַט-שטיקל כשר'ס דערציילט מיר דערווייל ה' בילאַווסקי, אַז דאָס האָט מען אים צו פאַרדאַנקען די גאַנצע רעוואָלוציע מיטן רעווירוואָווע, נאָר וואָס דען, עס וועט אַריינכאַפּן אַ שיינע פאָר קערבלעך..

גוט באַכּוסהט הויבן מיר זיך אויף, און ס'ווערט געגעבן אַ קאָמאַנדע, אַז אַלע אַזוי ווי מיר שטייען און גייען פאָרן צו צום קאַבאַרעט, וואָס איז דאַמאָלס געווען אין הויז פון קאָנ־צערט־זאַל.

שנעל ברענגט מען אַ דראָשקע, אָבער כאָטש צעהאַק דעם רעווירוואָווע אויף שטיקלעך, וויל ער נישט פאָרן.

— ניעט בראַטצי! (ניין, ברידער) — קרעכצט ער כמעט — זאַוווטראַ אוטראָם או מעניאַ סלוזשבאַ (מאָרגן אין דער פרי מוז איך גיין צו דער אַרבעט).

מיר ווילן אָבער דעם רעוויראָווע נישט אַרויסלאָזן, וואָרום טאָמער ניכטערט ער זיך צו שנעל אויס. מיר שטופּן אים אַרויף אויף דער דראָשקע פון איין זייט, און ער קייקלט זיך אַראָפּ פון דער אַנדערער זייט.

כאַטש טו אים וואָס! ער לאָזט נישט. ער מוז מאָרגן 9 אין דער פרי זיין אין אוטשאַסטאָק, וועט מען דאָרט דערליידיקן דעם ענין מיט דעם שטייער.

כ'זאָל זאגן, אַז די בשורה האָט טיך שטאַרק דערפרייט, וואָלט געווען נישט אמת, ווארום וואָס טוט מען, אַז מאָרגן אין דער פרי שטייט דער ערל אויף פון אויסגעניכטערטער, און ער וועט רעדן די זעלבע דבורים, וואָס הייגט פאַרן אָנהויב פון דער פאַרשטעלונג?

9 אַזייגער אין דער פרי בין איך געווען אין אוטשאַסטאָק. אַ פולע שטוב מיט די טיפּישע אוטשאַסטאָק-פיגורן. דער רעוויראָווע איז דאָ. ער באַגריסט זיך מיט מיר נישט מילביק און נישט פליישיק. עפּעס יאָ אָפיציעל און עפּעס נישט אָפיציעל.

וואָס דערוואַרטעט מיך איצט?

ענדלעך רופט ער מיך צו, ער ווייזט מיר אויפן גרויסן עולם און אַזוי ווי דאָס זענען אַלץ דרינגענדיקע ענינים, בעט ער מיך, אַז איך זאָל זיך מטריח זיין צוויי אַזייגער צו אים אין שטוב.

געקומען אין שטוב האָט מיך נאָך דער דינסט מקבל פנים געווען אַ בייזער הונט, וואָס האָט מיין שרעק נאָך מער פאַרגרעסערט.

און אָט איז דער רעוויראָווע. ער בעט מיך אַריין צו זיך אין קאַבינעט, דערלאַנגט אַ שעכטעלע ציגאַרן און ווען איך זאָג זיך אָפּ צו רויכערן, פיל איך, אַז כ'האָב אים געטון אַן עוולה און געשטערט דעם אַריינפיר צום ווייטערדיקן שמועס.

סוף כל סוף הייבט ער אָן רעדן קלאָר און שאַרף. ער האָט געזען ווי די הויפּטפיגור אין דער נעכטיקער פאַרשטעלונג האָב איך געשפּילט. רעזשיסער בין איך געווען. אַן איינאַקטער האָט מען געשפּילט מיינעם. די דערלויבניש איז גע-

ווערן אויף מיין נאָמען. טאָ ווו איז דער יושר, אַז איך זאָל נישט אָרנטלעך באַלוינט ווערן. אַלזאָ — און דאָ פאַרהיקעט ער זיך אַביסל — האָט ער באַשלאָסן, אַז איך מוז האָבן אַ טייל פון דעם שטייער, וואָס קאַזנאַ דאַרף באַקומען. פאַרשטאַנען? ווו שטייט עס אַרויס, אַז ס'זענען געווען אַזוי פיל בילעטן פארקויפט און קאַזנאַ דאַרף באַקומען אַזוי פיל שטייער? נישקשה, קאַזנאַ וועט נישט אָרעמער ווערן אויב זי וועט נאָר באַקומען שטייער פאַר עטלעכע בילעטן און דאָס איבעריקע געלט דאַרף צעטיילט ווערן גערעכט צווישן אונדז ביידע: מיר פאַר מיין אַרבעט און אים, דעם רעוויראָווע פאַר באַשיצן מיך.

אָט אַזאַ דיפּלאָמאַטישע דרשה האָט מיר דער רעוויראָווע אָפּגעהאַלטן און אויף דערויף איז געמאַכט געוואָרן דער חשבון. מיר האָבן זיך צעטיילט גלייך אויף גלייך מיטן שטייער.

אינדרויסן האָבן שוין אויף מיר געוואַרט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאָרשטעלונג. איך האָב זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע און באַלד אָפּגעגעבן מיין חלק לטובת דער אלמנה.

און דער רעוויראָווע, וואָס נעמט נישט קיין כאַבאַ־? — ער פלעגט בכיוון אויספּאַסן צו קומען אויף דיזשור, ווען איך האָב געשפּילט אין „פּוילישן טעאַטער", אָבער אַזאַ געשעפטל ווי דאָסמאָל האָט ער שוין נישט געהאַט.

פּעטש און קלעפּ פאַר קונסט.

די געשיכטע, וואָס איך וויל דאָ דערציילן, האָט פּאַסירט חול המועד פסח, 1915, אין שטעטל זגערזש, נעבן דער גרויסער שטאָדט לאָדזש.

אין לאָדזש האָבן דעמאָלט געשפּילט צוויי ליבהאָבער־גרופּעס: איינע מיטן נאָמען „דראַמע און מוזיק", וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען הערץ גראָסבאַרד, דער איצט גוט באַקאַנטער שוישפּילער און מיטגליד פון דער „ווילנער טרופּע", און די צווייטע ליבהאָבער־גרופּע „לידאַ" (לאָדזשער יידישע דראַ-

מאַטישע אַרטיסטן) אונטער מיין אָנפירונג. כאָטש מיר האָבן צווישן זיך קאָנקורירט, פונדעסטוועגן האָבן קיין פיינטלעכע פאַרהעלטנישן צווישן אונדז נישט געהערשט.

איינמאָל, בערך אַ וואָך פאַר פסח, קומט צו מיר דער געשעפט־פירער פון „דראַמאַ און מוזיק" ה' פרענקעל, מיט אַ בקשה, היות ווי זיין גרופע האָט זיך פאַרקאָנטראַקטירט אויף אַ פאָרשטעלונג דעם ערשטן טאָג חול־המועד אין זגערזש און זי קאָן צוליב פאַרשידענע טעמים נישט פאָרן אַהין, דעריבער וויל ער, אַז מיין גרופע זאָל אויספירן זייער קאָנטראַקט, ד. ה. שפילן די פאָרשטעלונג אנשטאָט זיי. די פאָרשטעלונג קומט פאָר אין קינאָ־טעאַטער „ווענוס", און די באַדינגונגען מיטן אייגנטימער פון טעאַטער זענען, אַז ער באַקומט פאַרן זאָל און באַלייכטונג 50 פראָצענט פון דער ברוטאָ הכנסה.

אין זגערזש בין איך געווען זייער גוט באַקאַנט אַלס אַקטיאָר. שוין אייניקע יאָר, ווי איך פלעג דאָרט אויף יעדן יום־טוב פאַרבעטן ווערן אַליין, אָדער מיט נאָך אייניקע ליב־האָבער אָדער אַקטיאָרן זיך צו באַטייליקן אין די דראַמאַטישע אָוונטן, וואָס דער דאָרטיקער יידישער „האַנטווערקער־קלוב" פלעגט איינאָרדענען ביי זיך אין לאָקאַל פאַר זיינע מיטגלידער. אָבער אויסער די אָוונטן פלעג איך זייער אָפט מיט מיין ליב־האָבער־גרופע אַראָפּפאָרן קיין זגערזש אויפפירן פיעסן און מיין ערשטע אָריגינעלע פיעסע האָט אפילו דאָרט איר פרעמיערע געהאַט.

מיר איז אַלזאָ דער פאָרשלאָג געפעלן, ווייל כ'בין גע־ווען זיכער, אַז דאָס טעאַטער וועט זיין פול, און איך האָב אַקצעפטירט דאָס געשעפט. באַלד דערויף האָב איך זיך געווענ־דעט צו אַ געוויסן לאָדזשער מאַנופאַקטור־סוחר, וואָס איז, ווי ס'האָט זיך שפעטער אַרויסגעשטעלט, צוליב אַ ראָמאַן מיט אַ שיקסע, אַביסל אונטערגעשמדט און ער איז געוואָרן אונדזער געשעפטספירער, און אַריינגעלייגט די קליינע הוצאות, מיט וואָס ס'איז געווינלעך פאַרבונדן אַ פאָרשטעלונג ווי צן אַפיש, פאַרוקן, רייזע א. ד. גל.

די פאָרשטעלונג איז געוואָרן אַנאָנסירט אין דער לאָדזשער פרעסע, און יום-טוב האָבן פיל באַקאַנטע מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז זיי פאָרן אַראָפּ קיין זגערזש צו דער פאָרשטעלונג, כּדי זיך אַביסל „צו אַמוזירן אין דער פּראָווינץ". אויך דער גאַנצער דראַמאַטישער קרייז „דראַמע און מוזיק", וואָס האָט אייגנטלעך געזאָלט שפּילן דעם אָוונט אין אַן אַנדער שטאָט און צוליב דעם מיר איבערגעגעבן די שטאָט זגערזש, האָט צוליב אַ טעכנישע סיבה נישט געשפּילט דעם טאָג, און אַלע זיינע מיטגלידער זענען אויך אַראָפּגעקומען קיין זגערזש.

חול-המועד אין דער פרי האָב איך מיט מיין „קאַפּעליע" זיך אויפגעזעצט אויפן זגערזשער טראַמוויי אין לאָדזש און מיר זענען אַריינגעפאָרן קיין זגערזש. אונדז האָט מקבל פנים געווען אונדזער אַפיש, וואָס איז בהרחבותדיק געהאָנגען איבער די מויערן. פון אויבן אָן איז געשטאַנען מיין קלישע און ס'איז אָנגעזאָגט געוואָרן דעם זגערזשער עולם די גוטע בשורה, אַז פּינקטלעך 7 אַזייגער אָוונט וועט געגעבן ווערן אין קינאָ „ווענוס" אַ גראַנדיעזער דראַמאַטיש-הומאָריסטישער אָוונט, אויף וועלכן עס וועלן אויפגעפירט ווערן „די אַגענטן" פון שלום עליכם, „דער משוגענער אין שפּיטאָל" פון גאָגאָל, „די עצה" פון שלום עליכם, פאָלקס-לידער און נאָך און נאָך גוטע זאַכן.

פאַרוואָס עפּעס „אָנהייב 7 אַ זייגער אין אָוונט"? — איז דער תּירוץ, ווייל דאַמאָלס האָט מען אין זגערזש געמעגט גיין נאָר ביז 10 אין אָוונט, און אין לאָדזש — אַלס גרויסע שטאָט — ביז 12 אין אָוונט. אונדזער פּלאַן איז אַלזאָ געווען אַזוי: מיר אַנאָנסירן 7 א זייגער, אָנהויבן וועלן מיר אַ האַלבע שעה שפּעטער און אין פאַרלויף פון צוויי שעה וועלן מיר האָבן אָפּגעשפּילט און באַלד צוריקפאָרן מיטן לעצטן טראַמוויי קיין לאָדזש. טאָמער פאַרשפּעטיקט מען אַביסל, וועלן די, וועלכע שפּילן אָפּ פריער, אַהיימפאָרן קיין לאָדזש און די לעצטע באַטייליקטע אין דער פאָרשטעלונג וועלן בלייבן אין זגערזש.

געקומען קיין זגערזש זענען מיר קודם כּל אַריין אין טעאַטער, און זיך געשטעלט מצכן אויף דער בינע פּראָבע, און

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען באַלד אָנגעקומען באַקאַנטע מיטגלידער פון „האַנטווערקער-קלוב", האַלב יום-טובדיק אָנגעטון, ווי געוויינלעך אום חול-המועד. נאָך דער זייער פריינדלעכער באַגריסונג האָב איך באַמערקט, אַז זיי ווילן מיט מיר עפּעס רעדן.

— וואָס איז ?

— איר פאַרשטייט, מיר וואָלטן אייך געבעטן, אַז איר זאָלט היינט נישט שפּילן.

— פאַרוואָס ?

— לייגט אָפּ אייער פאָרשטעלונג אויף אַן אַנדער מאָל.

— אָבער פאַרוואָס ?

— ווייל דער „האַנטווערקער קלוב" האָט היינט זיין אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועט קיינער פון אונדז היינט דאָ נישט קענען קומען. און פון אַנדערן פּובליקום קאָנט איר אַמאָל האָבן עגמת-נפש.

אין אָנהייב איז מיר די געשיכטע נישט שטאַרק געפעלן. איך האָב עס באַטראַכט ווי אַן אַמביציע. דאָס הייסט, דער „האַנטווערקער-קלוב" וויל ווייזן, אַז ווען ער אָרדנט נישט איין אַ פאָרשטעלונג אין זגערזש, קומט זי נישט פאָר און איך האָב דעריבער אָפּגעוואָרפן די ביטע.

באַלד איז אָבער געקומען אַן אָפיציעלע דעלעגאַציע פון „האַנטווערקער-קלוב" און עטלעכע גוט-באַקאַנטע פריינט האָבן מיר געגומען די זאַך אַנדערש דערקלערן:

— איר פאַרשטייט, זגערזש, כאָטש זי איז אַזוי נאָענט נעבן לאָדזש, איז נאָך אַ קליין שטעטל, דער עולם איז אַ פּראָסטער. אונדזערע מיטגלידער קענען אייך, זיי ווייסן ווער איר זייט און זיי באַציען זיך צו אייך און צו אייער טרופּע מיט דרך-ארץ. אונדזערע מיטגלידער זענען היינט פאַרנומען. זיי חלשן צו קומען, זיי קאָנען אָבער נישט. ווייל די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג איז זייער אַ וויכטיקע און זי וועט זיך ציכער פאַרציען צוויי טעג. אונדזערע וועלן אַלזאָ נישט קומען, קומען וועט נאָר דער המון, גראָבע יונגען און די חברה קאָנען אייך אַמאָל אָנטון צרות, פאַרשאַפן עגמת-נפש. דעריבער וואָלט גע-

וועו גלייך, אז איר זאָלט אָפּלייגן די פאָרשטעלונג אויף אַן אַנדערן טאָג.

אָט די טענות זענען מיר שוין גיכער געקלעטערט אין דער נאָז אַריין און איך בין אַוועק צום באַזיצער פון קינא, אַ קריסט און אים געפרעגט, צי ער איז נישט מסכים אָפּצולייגן די פאָרשטעלונג אויף אַן אַנדערן טאָג. דער גוי האָט מיך רויק אויסגעהערט און דערנאָך רופט ער זיך אָן צו מיר:

— היינט איז שוויענטאָ 1), היינט וועלן די סטאַראַ-זאַקאָנגע 2) קומען און עס וועט זיין אַ פול טעאַטער. אויב דו ווילסט אָפּלייגן, האָב איך נישט דאַגעגן, נאָר באַצאָל מיר אַ העלפט וויפל אַ פול טעאַטער נעמט אַריין.

אַ קלוגער גוי!

הייסט עס, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, נאָר מ'מוז שפּילן.

איך האָב דעם באַשלוס געמעלדעט דער דעלעגאַציע פון „האַנטוווערקער-קלוב" — און זיי זענען אַוועק שטאַרק אומצופרידן.

II

מיר האָבן דערוויל פאַרענדיקט די פּראָבע און זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטעטל. ווו מיר זענען געגאַנגען, האָבן מיר געטראָפן באַקאַנטע פון לאָדזש. עפּעס אַזוי ווי גאַנץ לאָדזש האָט זיך אָפּגערעדט היינט צו טרעפן אין זגערזש.

מיר האָבן צו מזל געעפנט די קאַסע, אָבער קיינער קומט נישט קויפן קיין בילעטן, נאָר באַלד באַווייזן זיך עטלעכע „פּאַטריאָטן" פון די טיפּישע טעאַטער-באַזוכער, וואָס קויפן קיינמאָל נישט קיין בילעטן, נאָר שליסן תיכף גוט-ברודערשאַפט מיט אַקטיאָרן, גיבן זיי עצות און זאָגן מבינות.

די „פּאַטריאָטן" טרייסטן אונדז, אַז עס וועט היינט זיין

1) יום-טוב.

2) יידן.

אַ גוטער באַזוך און דאָס, וואָס מ'קויפט נישט קיין בילעטן, איז קיין באַווייז נישט, וואָרום עס איז חול-המועד און דער עולם גרייט זיך צו גיין, נאָר מ'וועט קויפן די בילעטן ערשט ביינאַכט ביי דער קאַסע.

פאַרשטייט זיך, אַז באין ברירה מוז מען זיך טרייסטן מיט דערדאָזיקער הבטחה.

דער זייגער רוקט זיך דערווייל. עס איז שוין באַלד 6 און אַזוי ווי די פאָרשטעלונג איז אַנאָנסירט אויף 7 אין אָוונט גייען מיר אויף דער בינע, און נעמען זי אויסשטעלן פאַר שלום-עליכמס „אַגענטן", וואָס גייט באַלד אין אָנהייב פאָרשטעלונג, קיין גרויסע אַרבעט האָבן מיר נישט געהאַט, וואָרום די בינע איז געווען אַזוי נאַקעט, ווי אַ ניי-געבוירן קינד: קיין דעקאָראַציעס, קיין מעבל, און וואָס פאַרא „אויסשטאַטונג" מ'האָט געמאַכט, איז עס שוין געווען אַ גאַנצע רעוואָלוציע". פּטור געוואָרן פון דער בינע, ווייל מען זיך זעצן גרימירן — ערשט מען קאָן נישט. בסך-הכּל איז פאַראַן איין צימער, ערגעץ אין דער הויך, און אַזוי ווי אין צימער איז אַ ביסל פינסטערלעך, דאַרף מען דאָך אָנצינדן עלעקטריע, — און די עלעקטריע ברענט נאָך נישט. עס איז נאָך צו פרי. דאָס טעאַטער באַקומט עלעקטרישע באַלייכטונג ערשט אין אַ שעה אַרום. הייסט עס, אַז מ'וועט שוין מוזן אָנהייבן אַ רעכט ביסל שפּעטער.

פאַרן טעאַטער און אין אונדזער גאַרדעראָבע-שטוב טומלט זיך, מ'האַלט אין איין קומען און שמועסן אויפן קול. דאָס קומט נישט קיינער פון פּובליקום קויפן בילעטן, נאָר דאָס זענען געסט פון לאָדזש, וואָס וואַרטן שוין זיך צו אַמוזירן, „צוזען אַ פאָרשטעלונג אין דער פּראָווינץ".

ענדלעך הויבן זיך אָן באַווייזן די ערשטע שוואַלבן מצד דעם פּובליקום: מ'הייבט אָן קומען קויפן בילעטן, אָבער זייער שוואַך. דערווייל הייבט אָן פונקציאָנירן די עלעקטריע און אַזוי ווי מיר איילן זיך צו פאַרענדיקן די פאָרשטעלונג, כּדי צו קאָנען נאָך צוריקפאָרן קיין לאָדזש, באַשליסן מיר אָנצוהויבן שפּילן, כאָטש דאָס פּובליקום הויבט ערשט אָן צו קומען.

מ׳הויבט אָן שפּילן. דאָס טעאַטער איז נישקשה באַזעצט, וואָרום עטלעכע באַזוכער האָבן דאָך געקויפט בילעטן, אמת ביליקע און זיצן אויף טייערערע פּלעצער. די אָרטיקע אומזיסטע באַזוכער האָבן זיך אויך באַצייטנס צוגעשטעלט, הייגט די לאָדזשער געסט!..

דער איינאַקטער פאַרשלעפּט זיך לאַנג, דערווייל קומען צו נאָך אַ ביסל באַזוכער אויף בילעטן. עס הויבט זיך אָן צו ווייזן דער געגאַרטער „סבאָר", אָבער די שטימונג הינטער די קוליסן איז אַן אויפגערעגטע, ווייל ס׳איז שוין שפּעט. עס הייבט זיך אָן אַ געקוק אויף די זייגערס. יעדער איינער ווייזט אויף, אַז זיין זייגער איז דער ריכטיקער. דער עיקר, עס איז באַשלאָסן, אַז באַלד נאָכן צווייטן איינאַקטער לאָזן זיך די אָפּגעשפּילטע חברה צוריק קיין לאָדזש.

צופעליק האָט זיך די פּויזע אַ ביסל פאַרשלעפּט און ביי אַ טייל לאָדזשער געסט איז אנטשטאַנען אַ מיינונג, אַז אויף דעם לעצטן טראַמוויי קיין לאָדזש קאָן אמאָל נישט זיין קיין פּלאַץ און דעם פאָרלעצטן קאָן מען נאָך חלילה פאַרשפּעטיקן— דעריבער איז די גלייכסטע זאַך שוין אַוועקצופאָרן.

אזוי ווי געסט פון לאָדזש זענען אין טעאַטער געווען אַ סך, האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע אויף דער טעמע, צי מ׳דאַרף נישט שוין פאָרן קיין לאָדזש. די זגערזשער באַזוכער וועלכע האָבן געצאָלט פאַר בילעטן, האָבן זיך נישט אָריענטירט, ווער עס גרייט זיך שוין צוריקצופאָרן. זיי האָבן בלויז געהערט: „די ענדע וועט זיך היינט צו לאַנג פאַרשלעפּן. מ׳דאַרף אַוועק אינמיטן", „אַז דאָס טעאַטער באַקומט שפּעט עלעקטריע, זענען די אַקטיאָרן נישט שולדיק", „מ׳דאַרף זען נאָך פאַרכאַפּן דעם לאָדזשער טראַמוויי", „עס לוינט נישט צו בלייבן אין זגערזש".

אָט אַזעלכע אָפּגעהאַקטע ווערטער פון די לאָדזשער געסט האָבן די זגערזשער טעאַטער־באַזוכער געהערט און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געוווּסט אויב די לאָדזשער, וואָס זענען געזעסן אין טעאַטער, זענען נישט אויך מיטגלידער פון דער

טרופּע, וואָס שפּילט, האָט זיך בײַ די זגערזשער טעאַטער־באַזוכער צעשפּילט די פֿאַנטאַזיע, אַז די לאָדזשער אַקטיאָרן ווילן נישט ענדיקן די פֿאָרשטעלונג, נאָר גרייטן זיך אַוועקצופֿאָרן אײַנמיטן.

דערווײַל האָט פּאַסירט אַ מעשה, וואָס איז געווען פּונקט ווי בוימאײַל אויף אַ פֿײַער: אַלס צווייטער נומער פֿון פּראָגראַם איז געגאַנגען „דער משוגענער אין שפּיטאָל", אָבער אַזוי ווי מ'האָט געוואָלט אַרויספֿציען דעם פֿאָרהאַנג און אָנהייבן שפּילן, האָט זיך דער פֿאָרהאַנג פֿאַרקלאַפּט און בשום אופֿן נישט געוואָלט אַרויפֿגיין אין דער הויך.

דער יונגערמאַן מירטענבוים, וואָס האָט געשפּילט דעם „משוגענעם" האָט זיך אָנגעהויבן אויפֿרעגן און שרייען, אַז ער וועט צוליב די בינע־אַרבעטער נישט פֿאַרשפּעטיקן דעם טראַמוויי און געסטראַשעט, אַז ער לאָזט אַלץ איבער און פֿאָרט אָט אַזוי אין גרים און קאָסטיום אַוועק קיין לאָדזש.

אַזוי ווי אין זאַל איז שוין געווען פֿינסטער, האָט דער עולם זיך צוגעהערט, וואָס עס קומט פֿאָר הינטער די קוליסן און דערהערנדיק די געשרייען פֿון מירטענבוימען, אַז ער פֿאָרט אַוועק, איז ערשט בײַ די זגערזשער באַזוכער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן די מיינונג, אַז די לאָדזשער אַקטיאָרן ווען די פֿאָרשטעלונג נישט ענדיקן, נאָר אַוועקפֿאָרן אין מיטן.

ענדלעך האָט זיך דער פֿאָרהאַנג אויפֿגעהויבן מיטן „משוגענעם אין שפּיטאָל", אָבער תּיכּף ווי דער איינאַקטער איז אָפּגעשפּילט געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אין זאַל אַ גרויסע „עמיגראַציע־באַוועגונג". דאָס האָבן זיך די לאָדזשער געסט געאײַלט צום טראַמוויי. ווען די זגערזשער באַזוכער האָבן געהערט, אַז מ'לויפֿט צום טראַמוויי, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פֿון טעאַטער זען ווער עס לויפֿט.

אַ טייל פֿון די לאָדזשער געסט זענען נאָך אַרונטערגעגאַנגען הינטער די קוליסן זיך געזעגענען מיט אונדז און די, וואָס האָבן שוין געהאַט אָפּגעשפּילט, האָבן באַשלאָסן אויך שוין מיטצופֿאָרן.

ווען מירטענבוים האָט דערהערט, אַז ס'איז שפּעט, האָט ער באַשלאָסן אויך מיטצופאָרן און זיך אויסגרימירן און זיך איבערטון אויפן טראַמוויי, ווארום דער גאַנצער טראַמוויי וועט דאָך זיין באַזעצט פון בלויז היימישע מענטשן — די לאָדזשער געסט. און אַזוי איז ער אין קאָסטיום און גרים פון „משוגע־נעם אין שפּיטאָל" אַרויס פון הינטער די קוליסן, נעבן אים איז געגאַנגען דער גרימירער גליקמאַן, אַן אַקטיאָר, וואָס איז היינט אין אַמעריקע, וועלכער האָט שוין געהאַט גרימירט די, וואָס דאַרפן נאָך שפּילן און געהאַלטן אַ קעסטעלע מיט פּאַ־רוקן און גרים און נאָך אייניקע שפּילער, רעכט נישט אויס־גרימירט. ווען די עטלעכע שפּילער צוזאַמען מיט די לאָדזשער געסט זענען אַרויסגעקומען אויפן הויף, אין פראָנט פון טעאַטער, און די זגערזשער טעאַטער־באַזוכער האָבן זיי דערזען, האָבן אייניקע פון זיי אויסגעשריגן:

— איר זעט, די אַקטיאָרן אַנטלויפן דאָך!

עס איז געוואָרן אַ טומל און באַלד האָט זיך געהערט אַ געשריי:

— געט אָפּ ס'געלט, אַז עך ווילט'ס נישט שפּילן!

די אַקטיאָרן האָבן זיך געפּרוווט פאַרטיידיקן, אַז זיי האָבן שוין אָפּגעשפּילט, אָבער דער עולם, צווישן וועלכן עס זענען געווען אייניקע „ווילדע יונגען", האָבן זיך נישט געלאָזט באַרויקן און נאָך העכער געשריגן:

— טויט וועט מען ענק מאַכן, אַז ס'עט נישט אָפּגעבן ס'געלט!

און באַלד איז מען פון ווערטער אַריבער צו קלעפּ. קודם כל האָט מען דעם גרימירער אַרויסגעכאַפּט זיין קעסטל פון דער האַנט, אַזוי ווי דאָס איז געווען זיין גאַנץ פאַרמעגן, האָט ער זיך פאַרטיידיקט ווי אַ העלד, אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז דער עולם איז געווען שטאַרקער פאַר אים און מ'האָט אים גוט צוקלאַפּט אַן אויג, דערנאָך האָט מען אַראָפּגעריסן דעם כאַלאַט פון „משוגענעם אין שפּיטאָל" און אים גוט צוקיילט; דערנאָך האָט מען אָרנטלעך מכבד געווען אויך די איבעריקע שפּילער.

די לאָדזשער געסט זענען אנטלאָפן שנעל צום טראַמוויי. איי־ניקע זענען געלאָפן נאָך פּאָליציי. דערווייל איז דער טומל און דאָס געשריי געוואָרן נאָך גרעסער. פון דער גאַס איז אַנ־געלאָפן אַ גרויסער המון, און אַזוי ווי עטלעכע באַזוכער האָבן נאָר וואָס געהאַט געקויפט בילעטן, האָבן זיי געשריגן, אַז מ׳זאָל זיי אָפּגעבן דאָס געלט.

דעם המון איז דאָס געפעלן און שטימען פון צענדליקער מענטשן, וואָס זענען נאָר וואָס אָנגעקומען און נישט געחלומט אפילו צו קויפן אַ בילעט, האָבן געשריגן אויף די העכסטע טענער:

— גיט אונדז אָפּ אונדזער געלט!

אונדזער געשעפט־פירער איז אַרויס און געפּרוווט באַ־רויקן דעם עולם, אָבער זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף אים. ער האָט געזען, אַז עס איז שלעכט, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט און געטענהט, אַז ער ווייסט גאָרנישט, נאָר אַלץ די שפּילער.

— טאָ ווו זענען די שפּילער? — און ווו איז ער, דער הויפּט־קנאַקער, אָט דער מיט די ברילן, וואָס האָט זיך אַזוי פיין אָפּפאָרטרעטלט אויפן אַפיש, דער זילבערצווייג, ווו איז ער? זאָל ער אָפּגעבן דאָס געלט!

ווי אַן איינגעשטודירטער כאָר, האָט זיך דערהערט אַ געשריי:

— זילבערצווייג! גיט אָפּ דאָס געלט!

איך האָב נאָך פריער געהאַט בדעה אַרויסצוגיין און פּרווון באַרויקן דעם המון, נאָר כ׳האָב זיך צוריקגעהאַלטן דערפון, ווייל כ׳בין געווען גרימירט און אָנגעטון אַלס דער „יונגערמאַן“ פון שלום־עליכמס „עצה“, אָבער באַלד ווי מ׳האָט מיר איבער־געגעבן, אַז דער עולם רופט מיך, בין איך אַרויס און צוזאַ־מען מיט מיר נאָך איינינקע מיטגלידער פון מיין ליבהאָבער־גרופּע.

רבונו של עולם! אין טעאַטער זענען פאַרקויפט איינינקע צענדליק בילעטן און דאָ שרייען אפשר הונדערטער מענטשן. לאַנג טראַכטן האָב איך אָבער אויך פאַרשפּאָרט. אַן אַ שיעור

העגט האָבן זיך געגעבן אַ לאָז צו מיר און איידער כ'האָב זיך ארומגעקוקט זענען מײַנע ברילן מער נישט געווען אויף מײַן נאָז. דער הוט, וועלכן כ'האָב אָנגעטון איידער כ'בין אַרויס, האָט זיך ערגעץ-ווו שוין געוואַלגערט אויף דער ערד און פֿאַר די אויגן האָט מיר אָנגעהויבן בליצן.

— דערהרגעט אים! — האָבן זיך געהערט געשרייען — זאָלן זיי אונדז נישט אָפּפֿײַערן. פּורים-שפּילער, געב אָפּ ס'געלט!

חברה באַגגנוגענען זיך אָבער נישט נאָר מיט מיר, נאָר אויך די אַנדערע קאָלעגן באַקומען אַזאַ וואַרעמען „קבלת-פּנים", אַ רעכט ביסל ווייטער פֿון מיר שלאָגט מען מכות-רצח אונ-דזערן אַ מיטגליד, וועלכער זעט צום שלים-מזל אויס ענלעך צו מיר און טראָגט אויך ברילן.

וואָס עס איז מיט מיר ווייטער געשען געדענק איך נישט, נאָר אזוי ווי פֿאַרהיפּנאָטיזירט, האָב איך געשריגן:

— וואָס ווילט איר? איך גיי דאָך שפּילן „די עצה". יענע, וואָס פֿאָרן אַוועק, האָבן דאָך שוין אָפּגעשפּילט.

פּלוצלונג האָב איך דערפֿילט, ווי כ'שוועב אין דער לופֿטן. חברה האָבן מיך אויפֿגעהויבן אין דער הויך און מיך גענומען טראָגן.

ווהין? — אין טעאַטער אַריין. כ'זאָל ווייטער שפּילן.

נאָך מיר האָט זיך נאָכגעשטופּט דער גאַנצער המון, וואָס האָט אויך מיטגעשלעפּט די איבעריקע שפּילער און אַזוי האָט מען אונדז צוגעפֿירט ביז צו דער בינע. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט פֿאָרגעקומען בלחש. די געשרייען און געוואַלדן זענען ווייטער געגאַנגען ביז אונטערן הימל. אָבער דאָ איז גע-שען אַ זאַך, וואָס האָט פּלוצלונג אַרײַנגעבראַכט אַן ענדערונג אין דער לאַגע.

חברה האָבן נישט געקאָנט אויסקומען צווישן זיך. אייניקע האָבן געשריגן, אַז מיר זאָלן אָפּגעבן דאָס געלט, אַנדערע האָבן געשריגן, אַז מיר זאָלן ענדיקן די פֿאָרשטעלונג.

די „דיסקוסיע" איז באַלד געוואָרן זייער אַ הייסע און

איידער וואָס־ווען, האָבן חברה זיך אָנגעהויבן שלאָגן צווישן זיך. פון קלעפּ מיט שטעקנס איז מען אריבער צו די בענקלעך — מ'האָט זיך אָנגעהויבן באַוואַרפן מיט בענקלעך און חברה האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן דעם אינטערעס צו אונדז, ווייל זיי זענען געווען פאַרנומען מיט זיך. עס האָט נישט לאַנג געדויערט זענען אייניקע בענקלעך שוין געווען צובראָכן, און די עלעקט־רישע דראָטן איבערגעריסן.

אַז ס'איז פּלוצלונג געוואָרן פינסטער אין טעאַטער, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע מהומה, וואָרום דער עולם האָט זיך געשלאָגן אין דער פינסטער. די געוואַלדן און געשרייען זענען געווען שרעקלעכע.

מיר אַלע, וואָס זענען געווען אויף דער בינע, האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך אָנגענומען ביי די הענט און אָנגעהויבן זיך מיישב זיין, וואָס צו טון. דאָ האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז אונטער דער בינע געפינט זיך, איבערן גאַנצן שטח פון דער בינע, אַ קעלער, און מיר האָבן זיך דאָרט אַראָפּ־געלאָזט.

דאָס טעאַטער „ווענוס" האָט זיך געפונען אינמיטן פון הויף. פון פאָרנט האָט דער הויף אַרויסגעפירט אין איינער פון די באַלעבאַטסטע גאַסן פון זגערזש, און פון הינטן איז דער אַרויס־גאַנג געווען אויף אַ פעלד.

עס איז, אַלזאָ, אויסגעקומען, אַז זיצנדיק אין קעלער, צו וועלכן עס איז געווען אַן אָפענער צוגאַנג פון הויף, האָבן מיר געהערט סיי די געשרייען, וואָס זענען געקומען פון טעאַטער, סיי דעם טומל, וואָס האָט געהערשט אויפן הויף, וווהין דער עולם האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון פינסטערן טעאַטער.

דער טומל אין טעאַטער איז דערווייל פון מינוט צו מי־נוט געוואָרן שטילער, אַזוי, אַז גאַנץ אָפט האָט מען געקאָנט הערן געשפּרעכן, וואָס זענען אויבן געפירט געוואָרן.

און די געשפּרעכן, וועלכע מיר האָבן געהערט, האָבן אונדז נישט פאַרשאַפט קיין גרויסן נחת־רוח. בסך־הכל האָט מען אויבן אַזוי געשמועסט:

— חברה שפּילערס מוזן זיין אַנטקומען אין קעלער.

— און דער, וואָס האָט צוגענומען דאָס געלד, דער זיל־בערצוויג, איז אוודאי אויך אונטן.

— מ׳דאַרף אַ שמעק געבן צו זיי.

— מ׳דאַרף אים אַריינפּעצן א מעסער!

אַלעמען האָט באַהערשט אַ זיכערקייט, אַז מיינע מינוטן זענען געציילטע. אַט־אַט קומען אַראָפּ אין קעלער די חברה און מ׳שטעכט מיר אַריין אַ מעסער. ס׳איז געוואָרן אַן אַטמאָספערע, ווי איידער מ׳פירט אויס אויף איינעם אַ טויט־אורטייל.

אַלע האָבן זיך מיט מיר צעקושט, מ׳האָט געוויינט, באַ־זונדערס האָט געקלאָגט מיין ברודער, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, און אַט־אָט וועט ער מער קיין ברודער נישט האָבן.

עטלעכע מינוט האָט געדויערט דידאָזיקע סצענע, וועלכע כ׳וועל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן. דורך דער צייט איז דער־וויילט אויבן געוואָרן שטילער, אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט אונטן פילן, אַז אויבן געפינען זיך נאָר נאָך געציילטע מענטשן, ביז ס׳איז אינגאַנצן געוואָרן שטיל.

עס איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז שוין אוודאי צען אַזייגער, און דער עולם האָט געמוזט אַהיימגיין.

וואָס טוען מיר איצט?

פון איין זייט — טאָר מען שוין איצט נישט גיין אין גאַס, פון דער אַנדערער זייט אָבער, קאָן מען דאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט שטיין אין אַ פינסטערן, פאַרדומפּטן קעלער.

און דאָ האָט זיך באַוויזן צווישן אונדז איין העלד, אַ בחור מיטן נאָמען יאָסעלעוויטש, און ער איז, ווי אַ פאַרפאַסטן, דער ערשטער אַרויף פון קעלער און אַרויף אויפן הויף. דאָרט איז ער אויסגעקומען קייגנאיבער אַ פלויט פון אַ פעלד. ער האָט אונדז באַלד רעפּאָרטירט, אַז קיינער איז אויבן נישטאָ, און מיר קאָנען צוריק אַרויס „מאפלה לאורה". אָבער ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי. אויבן איז אויך געווען שטאָק־פינסטער, אַזוי, אַז ווען דער זעלבער יאָסעלעוויטש איז דער ערשטער אריבער דעם פלויט, האָט ער געלאָזט זייער קענטיקע סמנים אויף זיינע הויזן... באַלד

נאָך אים זענען מיר אריבערגעשפּרינגען דעם פּלויט און גענו־מען גיין.

אַזוי גייענדיק האָבן מיר דערהערט דעם קלאַנג פון אַ טראַמוויי.

א טראַמוויי איצט? ווי שפּעט איז?

פייל פון בויגן זענען מיר אַלע שנעל אַהין, און געטראָפן אין טראַמוויי א טייל פון אונדזערע באַקאַנטע, וואָס זענען אוועק פון טעאַטער באַלד ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געשלעג. זיי האָבן אונדז דערקלערט, אַז זיי זענען פריער געלאָפן אין דער פּאָליציי, וואָס איז באַלד אוועק צום טעאַטער, און דאָרט שוין געטראָפן דאָס געשלעגעריי צווישן זיך, און זיי אַליין וואַרטן דאָ ביי דער סטאַציע ביז צום לעצטן טראַמוויי, וואָרום זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן זיך ערגעץ־ווו באַהאַלטן, און צום לעצטן טראַמוויי וועלן מיר קומען.

שוין זיצנדיק אין טראַמוויי האָבן מיר זיך גענומען אויס־גרימירן, און אַזוי זענען מיר צוגעקומען ביז צו דער טראַמוויי־סטאַציע, וואָס איז אויפן האלבן וועג זגערזש—לאָדזש, ווייל דאָס איז געווען דער לעצטער טראַמוויי.

דאָ האָבן מיר גענומען גיין ביז מיר זענען צוגעקומען צו די גרויסע, היכע ריוון, וואָס זענען דעמאָלט געווען אויפן וועג, ווי פּלוצלונג הערן מיר פון צווא ריוו אַ געשריי:

— האַלט!

צו אונדז קומט אַרויס אַ דייטשישער סאָלדאַט, אַן עלטע־רער מאַן מיט אַ בערדל, פון די לאַנדשטורמס, מיט אַ ביקס אין דער האַנט.

— וואָהין?

— נאָך לאָדזש!

— ווער זייט איר?

— שוישפּילער.

און איך ווייז אים דעם אַפּיש, אַז מיר האָבן היינט גע־האַט אַ יידישע פאָרשטעלונג אין זגערזש און האָבן פאַרשפּעטיקט אַהיימצופאָרן.

דער דייטש פאַרוויכערט אַ לולקע, און ביים ליכט פון דעם טליענדיקן טאַבאַק באַקוקט ער דעם אַפּיש און אונדז, און גיט אַ ברום:

— זייט איר אַלע יודן?

— יאַוואָל!

— דאַן געהען זי פאָרווערטס!

אָנגעקומען קיין ראַדאָגאָשטש האָט אונדז ווידער אָפּגעשטעלט די פוילישע מיליץ און געהייסן שנעל אַהיימגיין, ווייל ס'איז שוין קרוב צו צוועלף...

אויפן נייעם מאַרק אין לאָדזש זענען מיר זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, און איך האָב מיט מיין ברודער שנעל אַהיימגעאיילט.

אָנגעקלונגען אין טויער, האָב איך דערוואַרט, אַז כ'וועל, ווי שטענדיק, דאַרפן וואַרטן עטלעכע מינוט, אָבער דאָ האָט זיך דאָס טויער מאָמענטאַל געעפנט. איך בין אַריין, און באַמערקט, אַז מיין פאָטער שטייט אין טויער.

איך הייב אָן פרעגן מיין פאָטער, וואָס ער טוט דאָ אין טויער, ענטפערט ער מיר, אַז אַזוי ווי ס'איז שוין שפעט, האָט ער נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אין שטוב אויף מיר, איז ער אַראָפּגעגאַנגען.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מ'האָט אים שוין עפעס איינפאָרמירט וועגן דעם „דערפאָלג" אין זגערזש, און בין שוין גייגעריק צו הערן וואָס ער וועט מיר זאָגן.

— וואָס עפעס גייסטו אָן די ברילן? — פרעגט מיך דער טאַטע כלומרשט נאַיוו.

— ע, ס'איז מיר הייס געווען אין וועג, האָב איך זיי אַראָפּגענומען — ענטפער איך.

— און וואָס עפעס טראָגסטו נישט דעם הוט נאָר אַ קאַפּל (פון דער ראָל אין דער „עצה")?

— אויך צוליב דער היץ — פּלאָנטער איך.

— וואָס איז — גייט שוין דער טאַטע איבער אויף אַן אַנדערן טאָן — די פּעטש זענען געווען הייסע?

— —

עטלעכע טעג האָב איך זיך געשעמט אַרויסגיין אין שטאָט וואָרום אין אַלע קרייזן פֿון באַקאַנטע האָט מען גערעדט וועגן די פּעטש, וועלכע כ'האָב באַקומען אין זגערזש, און, ווי געוויינלעך, האָט מען צוגעטראַכט פֿאַרשידענע מעשׂיות.

נאָך יום־טוב איז צו מיר געקומען דער פֿאָרשטייער פֿון זגערזשער „האַנטווערקער־קלוב״, דער זשורנאַליסט מאָרגנשטערן און נאָכדעם, ווי ער האָט מיך דערמאָנט, אַז זייערע פֿאָרשטייער האָבן מיך נאָך פֿריער געוואָרנט, נישט צו מאַכן די פֿאָרשטעלונג, האָט ער מיר איבערגעגעבן פֿאָלגנדעס:

עטלעכע מינוטן נאָכדעם ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער סקאַנדאַל אין טעאַטער, האָט מען זיך דערפֿון דערוווּסט אין „האַנטווערקער־קלוב״, און די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג איז איבערגעריסן געוואָרן, און די מיטגלידער זענען געלאָפֿן צום „שלאַכט־פֿעלד״. דאָ האָט מען שוין געטראָפֿן ווי דער עולם האָט זיך אינדערפֿינסטער געשלאָגן צווישן זיך. די פֿאָרשטייער פֿון „האַנטווערקער־קלוב״ האָבן געבראַכט פּאָליציי, וואָס האָט צעטריבן דעם עולם, און זיי האָבן אונדז גענומען זוכן און נישט געפֿונען.

צומאָרגנס האָט מען „פֿאַרבעטן״ אין לאָקאַל פֿון „האַנטווערקער־קלוב״ אייניקע ווילדע יונגען, פֿון די, וועלכע האָבן נעכטן אָנגעפֿירט דאָס געשלעג אין טעאַטער. יעדערער פֿון זיי האָט זיך געפּרוּווט אַרויסדרייען, און וואַרפֿן די שולד אויפֿן אַנדערן. סוף כּל סוף האָבן חברה מסכּים געווען צו באַצאָלן שטראָף, און אָפּגעבן מיינע ברילן און הוט, וואָס זענען געבליבן אויפֿן „שלאַכט־פֿעלד״.

מאָרגנשטערן האָט טאַקע דעם שלל געבראַכט מיט זיך.

איך האָב אים זייער געדאַנקט, און געמיינט, אַז דערמיט ענדיקט זיך די געשיכטע. אָבער ניין!

— דער „האַנטווערקער־קלוב״ האָט באַשלאָסן אַלס סאַטיספֿאַקציע פֿאַר אייך — דערקלערט מאָרגנשטערן — איינצואָרדענען מיט אייך אין די נאָענטסטע טעג אַ פֿאָרשטעלונג, און

איצט, קומט שוין מיט מיר קיין זגערזש, מיר דאַרפן אייך דאָרטן האָבן.

אַז מיר זענען געקומען קיין זגערזש, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מ'האָט מיך צו גאָרנישט געדאַרפט האָבן. נאָר נישט מער ווי מאָרגנשטערן און נאָך אַ פאָרשטייער פון „האַנטוועריקער־קלוב" האָבן מיך גענומען אונטער די אָרעמס, און, ווי אַ חתן־בחור, מיך געפירט דעמאָנסטראַטיוו איבער די גאַסן פון זגערזש.

— נאַ, זעט, הייסט עס, וועמען איר האָט געשלאָגן!

פאַרשטייט זיך, אַז די פעטש און קלעפ גופא האָב איך שוין לאַנג פאַרגעסן, אָבער די געשיכטע דערפון האָב איך נישט געקאָנט און קאָן נישט פאַרגעסן.

אַ מעשה מיטן „ווילדן מענטש" און מיט אַן אונטערקליידל

צוליב אַן אַקס איז שיער די פעסטונג ביתר חרוב געוואָרן און צוליב אַן אונטערקליידל האָט מען שיער נישט געענדיקט אַ פאָרשטעלונג.

יעדע טרופע האָט זיך שוין איר'ע פּאַטריאָטן, מענטשן, וואָס זענען גרייט פאַר איר צו טון אַלץ אין דער וועלט. על פי רוב באַשטייט די אַרבעט פון די פּאַטריאָטן צו באָרגן געלט אין אַן עת צרה. מערסטנטייל באַקומען זיי טאַקע דאָס געלט נישט צוריק (די סיבות זענען נישט וויכטיק), אָבער דאָס האַלט נישט אָפּ אַנדערע ווידער צו ווערן פּאַטריאָטן. פאַראַן אויך פּאַטריאָטן, וואָס זייער עובדא באַשטייט אין זאָגן מבינות, פאַרשטייט זיך, אַז בלויז צום גוטן. זיי באַזוכן (און נישט אַליין) יעדע פאָרשטעלונג און זענען די ערשטע און לענגסטע צו פּאַטשן בראַוואָ. נאָך דער פאָרשטעלונג גייען זיי מיט די אַקטיאָרן שפּילן אַ קערטל אָדער גלאַט עפּעס עסן און טרינקען. אָפּט צאָלן זיי פאַרן עסן, אָבער ס'טרעפט אויך פּאַטריאָטן, וואָס מאַכן זיך „פאַרגעסן".

פאַראַן אָבער נאָך אַ קאַטעגאָריע פּאַטריאָטן; אַזעלכע,

וועלכע ס'ציט צו דער בינע. אינערלעך אין זיך פילן זיי, אַז זיי באַזיצן אַ גרויסן טאַלאַנט, נאָר זיי זענען נישט דרייסט מיט איינמאָל צו שטעלן זיך צום נסיון און זיי גייען שטופנווייז. צוערשט ווערן זיי ממש פעקל־טרעגער פון די אַקטיאָרן, שלוחים צו גיין אַ גאַנג, איינציקווייז פאַרטרעטן זיי אַ סטאַטיסט, שפּע־טער א קליין ראָלעכל ביז... ביז...

מער ווי איין אָנגעזעענער אַקטיאָר האָט אויף אַזאַ אופן אָנגעהויבן זיין קאַריערע.

על פי רוב אָבער זענען די פּאַטריאָטן פון לעצטן טיפ— נודניקעס, גלאַט שלים־מזלניקעס, צוטשעפּענישן, פון וועלכע ס'קערט די גאַל, נאָר איר קאָנט קוים זיי גאָרנישט האָבן, וואָרום זיי העלפן דאָך אייך נאָר און תמיד העלפן זיי אין אַ מינוט ווען איר דאַרפט זיי האָבן. אבער נישט געקוקט דערויף, קאָנט איר זיי נישט ליידן, און איר זוכט שפּיצלעך ווי אַזוי זייערע פּטור צו ווערן. דיזאָזיקע פּאַטריאָטן זענען אָבער עקשנים: דער הייליקער פונק פון טאַלאַנט ברענט ביי זיי אַזוי שטאַרק, אַז זיי זענען מקבל באהבה אַלערליי צרות, וואָס די אַקטיאָרן טיילן זיי אויס.

איינמאָל האָט זיך צו מיין גרופּע צוגעטשעפּעט אָט אַזאַ יונגערמאַן: אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער, מיט אַ שוואַרצע טשופּ־רינע האָר. זיין נאָמען איז געווען ר—רג. בסך־הכל האָט ער געהאַט איין קליינע פאָדערונג צו מיר, אַז כ'זאָל אויפפירן זיין פּיעסע „דער ווילדער מענטש".

זיין פּיעסע, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען ווי יעקב גאָרדינס, האָט געהאַט גאָר אַן אַנדערן אינהאַלט. די גאַנצע פּיעסע איז געווען אָנגעשריבן אויף אַנדערטהאַלבן זייטלעך (מיר האָבן נאָך דאַמאָלס נישט געוווסט, אַז פאַר א מאָדערנעם רעַ־זשיסער איז דאָס אַ גענוגנדע פּיעסע...), און די דריי אַקטן זעַ־נען באַשטאַנען פון לערך אַזאַ האַנדלונג:

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט: עס איז אין אַ שטוב. דער ווילדער מענטש וויל נישט לערנען. די עלטערן שלאָגן אים, און ער

שרייט, אַז ער איז אַ ווילדער מענטש און וועט אַנטלויפן אין וואַלד.

צווייטער אַקט: די האַנדלונג קומט פאָר אין וואַלד. דער ווילדער מענטש גייט דאָ אויפגערעגט אַרויף און אַראָפּ און זינגט אַזאַ ליד:

אוי ביינאַכט, אוי ביינאַכט,
האָט זיך מיר געדאַכט,
אַז אַ ליבע, אַז אַ ליבע
האָט אין מיר דערוואַכט.

עס קומט אָן זיין מוטער, זי ברעכט צוזאַמען די הענט און שרייט, אַז זי וועט ברענגען דעם פאָטער. דער ווילדער מענטש וואַרפט זיך אויף איר שלאָגן.

דריטער אַקט: ווייטער אין וואַלד. דער ווילדער מענטש גייט דאָ אַרום ווילד, אין שיך, וואָס האָבן אויסגעריסענע לעכער ביי די פינגער און אין אַ טלית-קטן פון דרויסן. זיין פאָטער קומט אָן און ברענגט מיט אַ גוי. זיי וואַרפן זיך צום משוגענעם מענטש און יענער שרייט „שמע ישראל".

דאַכט זיך, אַז ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ס'איז אַ גוטע פּיעסע און דאָך האָט זי זאַנדבערג, דער דאַמאָלסטיקער דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין לאָדזש, נישט געוואָלט אָננעמען, נאָר איינער פון די פּראַוואַלטער האָט גאָר אָנגענומען דעם מחבר, וועלכער איז נישט מיד געוואָרן צו קומען אייניקע מאָל אין טאָג און אים אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ פון טעאַטער.

אָבער דאָס האָט ביים מחבר פאַרשטאַרקט בלויז די זיכערקייט, אַז זיין פּיעסע איז אַ גוטע פּיעסע, נאָר צוליב קנאה וויל מען זי נישט שפּילן און ער האָט זיך אָנגעהויבן באַמיען ביי אונדז, אַז מיר זאָלן אויפפירן די פּיעסע. ער גופא איז געווען גרייט צו שפּילן דעם „ווילדן מענטש" און ער האָט זיך שוין אַפילו געהאַט פאָטאָגראַפירט אין דער ראָל. עפּעס איינער, אַ ליץ פון אונדזער גרופּע, האָט אים איינגעשמירט מיט סאַדזע, געמאָלט וואָנסעס ווי ביי אַ וואָרעם און צוגעקלעפּט מיט אַ לאַק

די ליפּן אײנער צו דער אַנדערער און אַ לץ אַ פאָטאָגראַפיסט האָט אים אַראָפּגענומען אין אַ „פּאָזע".

מיר האָבן אָנגעהויבן „מאַכן פּראָבן" און אײנמאָל בעת מיר זענען אַרויסגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ שפּילן אַ פּיעסע, האָבן מיר דעם מחבר אײנגערעדט, אַז צום סוף פון יענער פּיעסע שפּילן מיר זײן פּיעסע. מ'האָט אים קודם־כל װידער אײנגעשמירט („גרימירט") און װען מ'האָט געהאַלטן בײם ענ־דיקן די ריכטיקע פּיעסע, איז אַ שפּילער אַרײנגעקומען צו לױפן מיט אַ געװאַלד, אַז פּאָליצײ זוכט דעם מחבר פון „װילדן מענטש", װײל מ'האָט געװאָלט שפּילן די פּיעסע אָן אַ צענזורקע. דער מחבר האָט זיך זײער דערשראָקן און געפרעגט, װאָס ער האָט צו טון און דאָ האָט מען אים געגעבן די גוטע עצה, אַז ער זאָל זיך באַהאַלטן אונטער אַ בעט (דאָס טעאַטער איז ענג פאַר־בונדן מיט אַ האָטעל און די גאַרדעראָבע־צימערן זענען אין האָטעל), און אַזױ איז ער דאָרט אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט...

יענע נאַכט האָט געהאַט אַ גרױסע װירקונג. מיר האָבן דעם מחבר שױן מער נישט געזען...

אַ צװײטע צוטשעפּעניש צו אונדזער גרופּע איז געװען אױך אַ נידעריקער יונגערמאַן ד—ק. פון באַשעפטיקונג איז ער געװען אַ מאַרק־שטײער, נאָר אײנמאָל זעענדיק אונדז שפּילן, האָט זיך אין אים צופלאַקערט דער געטלעכער פונק און ער איז געװאָרן אונדזערער אַ פּאַטריאָט.

מיר האָבן דאַמאָלס געשפּילט סװען לאַנגעס טראַגי־קאָ־מעדיע „שמשון און דלילה" און איך האָב דאָרט געשפּילט אַ פּאָעט, װעלכן זײן פרױ פאַרראַט און ער װערט דערפון משוגע, און גײט אַװעק אין װאַלד. שפּעטער קומט ער צוריק פון װאַלד, און זײן קאָסטיום איז פול מיט בלעטלעך פון בױמער און װאַלד־מאָך.

די פּיעסע איז בײ אונדז געגאַנגען אײניקע מאָל און יע־דעס מאָל פלעגט ד. אױפקגײן ספּעציעל אין הינטערשטאָטישן װאַלד און ברענגען מיר פון דאָרט בלעטלעך און מאָך.

אין זריטן אַקט פון דער פּיעסע קומט פאָר, װי דעם

משוגענעם פּאָעט דוכט זיך, אַז ער איז „שמשון הגבור" און ער מוט זיך אָן אַ היסטאָרישן קאָסטיום פון פּאַפּיר, נו, פּלעגט ד. זיצן יעדעס מאָל אַ גאַנצן טאָג און צושניידן דעם קאָסטיום. שפּעטער פּלעגט ער שוין האָבן הזקה מיר אָנצוטון דעם קאָסטיום און מינוטנלאַנג אים פאַרשטעכן פון אַלע זייטן מיט שפּילקעס.

לויט דעם גאַנג פון דער פּיעסע, דאַרף דער פּאָעט זיין אַ בּיקער און אַזוי ווי איך בין דאַמאָלס געווען דווקא ווייט פון דיקקייט, האָב איך מיר אויסגעבעטן אַ „טעאַטראַלן" בויך.

דאַרף זיך מאַכן אמאָל, אַז אַט דער יונגערמאַן ד. טשעפּעט זיך צו דווקא, אַז ער וויל מיטשפּילן אין דער פּיעסע אַ ראָל. פאַרשטייט זיך, אַז קיין ראָל האָט מען אים נישט געקאָנט אנטרויען, נאָר מ'האָט אים געגעבן צו „שפּילן" אַ סטאַטיסט, אַ פּלשתי.

דער צווייטער אַקט פון דער פּיעסע שטעלט פאָר אַ בינע אויף אַ בינע. עס קומט פאָר די פּראָבע פון דעם דיכטערס פּיעסע „שמשון און דלילה" און זיין פרוי, אַן אַקטריסע, שפּילט די ראָל פון „דלילה" און אַזוי ווי ס'איז גענעראַל-פּראָבע רעפּעטירט זי אין קאָסטיום, וועלכן זי דאַרף טראָגן אין דער ראָל בעתן שפּילן. און דער קאָסטיום איז נישט מער און נישט ווייניקער — גאָר קיין קאָסטיום נישט, וואָרום עס שפּילט זיך אויף דער בינע אָפּ די סצענע, ווען דלילה פאַרנאַרט שמשונען צו זיך אין בעט און אַזוי ווי פון קימאַנאָס האָט מען אין יענער צייט נאָך נישט געוווּסט, ליגט דלילה נאַקעט. אָבער אויף דער בינע קאָן מען דאָך אַזוי פאַרט נישט אַרויסגיין, טראָגט „דלילה" אַ טריקאָט פון פליישקאָליר.

אָפּגעשפּילט דעם ערשטן אַקט, הייס איך תיכף געבן אַ קלונג צום צווייטן אַקט, ווייל אַזוי ווי ער שטעלט פאָר אַן אָפענע בינע, דאַרף מען דאָך נישט שטעלן קיין דעקאָראַציעס, און דער אַנטראַקט דאַרף דעריבער לאַנג נישט דויערן. איך דאַרף זיך גאָרנישט איבערטון, דאקעגן דאַרף די אַקטריסע זאַריצקאַ, וועלכע שפּילט „דלילה", איבערטון זיך אין דעם אויבנדערמאָנטן טריקאָט.

נאָכן צווייטן קלונג קומט צו מיר צו לויפן דער מאַן פון דער אַקטריסע, וואָס שפּילט „דלילה", אַז איך זאָל נאָך צוּוואַרטן, ווארום זיין פרוי איז נאָך נישט אָנגעטון. איך וואַרט עטלעכע מינוט און הייס געבן דעם דריטן קלונג. דאָ לויפט ווידער צו איר מאַן, אַז כ'זאָל נאָך נישט אָנהייבן, ווייל זיין פרוי איז נאָך נישט אָנגעטון. אין זאַל איז דערווייל שוין פינסטער און עס קומט שוין פאַר דאָס שרעקלעכע געקלאַפּעריי, אַז מ'זאָל אָנהייבן, אָבער אַזוי ווי כ'וויל לאָזן אויפהייבן דעם פאָרהאַנג, קומט מען צו מיר, אַז מ'קאָן נישט אנהייבן שפּילן, ווייל די זאַריצקאַ קאָן נישט ווייטער שפּילן.

נאַטירלעך מוז מען צוריק מאַכן ליכטיק אין טעאַטער. באַלד הויבן אָן אַרונטערצוקומען באַקאַנטע פרעגן וואָס ס'איז געשען. איך בין אויפגערעגט און דאָ לויפט צו מיר צו דער יונגערמאַן ד. און גיט מיך אַ פרעג:

— גיט נאָר אַ קוק אויף מיר, ווי געפעלט איך אייך עפּעס?

— וואָס דרייט איר מיר איצט דעם קאָפּ? — ענטפער איך אים, און זוך אויף דער זאַריצקאַס מאַן פרעגן וואָס ס'איז געשען.

ער נעמט מיך אַוועק אָן אַ זייט און דערציילט מיר, אַז מ'האָט פון זיין פרויס גאַרדעראָבע אַרויסגעגנבעט איר אונטער־קלייד, און אַזוי ווי זי טראָגט דינעם טריקאָט פון פלייש=קאָליר אויף דער בינע, מוז זי פון הינטן טראָגן דאָס אונטערקלייד, און דעריבער קאָן זי זיך נישט אָנטון.

איך הויב אָן אַרומגיין צו אַלע מיטשפּילער און פרעגן אויב ס'האָט נישט ווער געזעען דאָס אונטערקליידל. ניין — קיינער האָט נישט געזעען.

און דאָ שפּרינגט מיר ווידער צו דער יונגערמאַן ד.:

— גיט נאָר אַ קוק אויף מיר. איר זעט דעם טיפּ? ווי געפעלט איך אייך?

פון טעאַטער הויבט זיך אָן דערווייל אַ טומל. דער עולם, וואָס זיצט און וואַרט אויפן צווייטן אַקט, קלאַפּט און שטורעמט. איך בין אויפגערעגט, און שריי גוט אויף דעם יונגענמאַן, אַז ער זאָל זיך פון מיר אָפּטשעפּען, אָבער ער מאַכט זיך גאָרנישט

פון מיין געשריי, און טאַנצט מיר אַלץ אַקיגן, אַרויסשטעלנדיק אַ בייכל אַזוי ווי מיינס:

— זעט נאָר, גיט נאָר אַ קוק אויף מיין טיפ. ווי געפעלט איך אייך? אַ, יאָ, איך זע אויס ווי אַן אַקטיאָר?

— אויב איר גייט נישט אוועק, וועל איך אייך, כ׳ווייס וואָס טון — שריי איך אָן אויף אים, און לאָז מיך צו דער גאַרדעראָבע פון דער זאַריצקאַ.

כ׳קלאַפּ אָן:

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך — ענטפער איך.

— אַזוי? איר מעגט אַריינגיין.

און די זאַריצקאַ דערציילט מיר די זעלבע געשיכטע, אַז אין דער צייט וואָס זי האָט געשפּילט דעם ערשטן אַקט, און אויפגעלאָזט די גאַרדעראָבע, האָט מען איר דערווייל אַרויסגע־גנבעט דאָס אונטערקליידל.

— איר האָט דאָך דאָ אַ סך ווערטפולערע זאַכן, האָט מען שוין נישט געהאַט עפּעס אַנדערש צו גנבענען? — טענה איך.

— אָבער איר זעט דאָך!

מ׳הויבט אָן אַרומצוגיין זוכן, טאָמער האָט עפּעס אַ דאַמע אַן אונטערקליידל, שפּילט אָבער אין דער פּיעסע נאָר נאָך איין דאַמע, און זי האָט נישט קיין פּאַסיק אונטערקליידל.

וואָס טוט מען? פונדרויסן שטורעמט מען. דאָ שטייט די אַקטריסע אַ פאַרצווייפלטע, און איך בין אויפגערעגט ווי אַ רוח.

אין דעם מאָמענט רוקט זיך ווידער אונטער דער יונ־גערמאַן:

— איר זעט, גיט נאָר אַ קוק, ווי געפעלט איך אייך? האַ, פּונקט אַזאַ בייכל ווי אייערס. האַ, אַ טיפּ?

מלא כעס וואַרף איך זיך אויף דעם יונגערמאַן, און וויל אים דורס זיין. אָבער ער, מיט אַ תחנונים-טאָן, רופט זיך אָן צו מיר:

— איך וויל אייך עפּעס זאָגן. איך זע דאָך, אַז מען קאָן נישט ווייטער שפּילן, וויל איך אייך עפּעס זאָגן.

— נו, זאָגט שוין — ענטפער איך רעזיגנירט.

— ניין, איר מוזט מיט מיר אַוועקגיין אין אַ זייט.

— גוט.

— איר זעט אָט דעם טיפּ?

— אַ, הערט שוין אויף צו פֿאַרדרייען מיר דעם קאָפּ. איר זעט דאָך, וואָס דאָ טוט זיך, אַז מען קאָן ווײַטער נישט שפּילן.

— אָט צוליב דעם טאַקע וויל איך דאָך מיט אייך רעדן. איר זאָלט נישט זיין בייז, איר הערט. איך בעט אייך איר זאָלט מיר מוחל זיין.

— נו, לאָמיר שוין הערן!

— איך האָב געזעען, אַז איר שפּילט מיט אַ בייכל, נו, האָב איך מיר אויך געמאַכט אַ בייכל. איצט זע איך אויס ווי אַן אַקטיאָר.

— איי, לאָזט שוין צורו! אָבער וואָס האָט דאָס פֿאַרא שייכות צום שפּילן?

— אָ, ס'האָט שוין א גרויסן שייכות. דאָס האָב איך דאָך טאַקע ארויס־גענומען דאָס אונטערקליידל. איר פֿאַרשטייט, איך האָב מיר אריינגעלייגט עטלעכע קישעלעך, נאָר כ'האָב געזעען, אַז איר האָט נאָך אַ גרעסערן בויך, האָב איך גענומען זוכן נאָך זאכן, דאָ האָב איך געזעען אָפֿן די גאַרדעראָבעס, האָב איך פֿון אייער גאַרדעראָבע אַרויסגענומען אייערט אַ וועסטל, און פֿון דער זאַריצקאַס גאַרדעראָבע איר אונטערקליידל.

— — — — — — — — — — — — — —

ווען דער יונגערמאַן כאַפּט זיך נישט באַצײַטנס, אַז ער דאַרף מאַכן פּיס, וואָלט ער זיכער געפֿאַלן אַ קרבן אין מאָמענט ווען די שפּילער האָבן געזעען, ווי ער שלעפּט פֿון זיין בויך דאָס אונטערקליידל, וואָס האָט אים געזאָלט מאַכן פֿאַר אַן אַקטיאָר.

וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט

פון רעדאַקטאָר

דאָסדאָזיקע ביכל איז דער ערשטער פּרווו צו כאַראַקטעריזירן, פאַר דער ברייטער וועלט די עפּיזאָדן און קוריאָזן, וואָס פּאַסירן אויף דער בינע, הינטער די קוליסן און אַרום דער בינע מיט יידישע אַקטיאָרן, מחברים און מיטן ליבן פּובליקום.

די עפּיזאָדן, וועלכע ווערן דאָ איבערגעגעבן בשם אומרם, שטעלן מיט זיך פאָר אַ העכסט אינטערעסאַנט, און אָפּטמאָל כאַראַקטעריסטיש בילד פון דעם וואָס די יידישע בינע און די יידישע אַקטיאָרן, ווי אויך די בינע-מחברים, לעבן איבער־ביי דער בינע. טייל עפּיזאָדן כאַראַקטעריזירן אויסגעצייכנט די שטעלונג פון פּובליקום, דעם קוק, וואָס דער יידישער טע־אַטער-גייער האָט אויפן יידישן טעאַטער, די באַציונגען פון געוויסע קרייזן צו דער יידישער בינע.

דידאָזיקע לייכטע סצענקעס, אָפּטמאָל צוגעשליפן און אַ ביסל באַווירצט, וועלן אומבאַדינגט דינען ביים אויפוויקלען דעם שלייער, אין וועלכן די אַמאָליקע און קעגנווערטיקע יידי־שע בינע וועט זיין פאַרהילט פאַרן קומענדיקן געשיכטע-שריי־בער פון יידישען טעאַטער.

דאָס ביכל איז דאָס ערשטע פון אַ סעריע אַזעלכע ביכלעך, און איך וויל האָפן, אַז שוישפּילער, דראַמאַטורגן און טעאַטער-פריינט וועלן מיר גערן מיטהעלפן צוזאַמענשטעלן די ווייטערדיקע ביכלעך פון דעם שטייגער.

בערלין 9 אָקטאָבער 1928.

1. ווּ עס ליגט די טראַגעדיע פֿון יידישן פֿאָלק.

זומער-צייט פֿאָרן געוויינלעך ניו-יאָרקער יידישע טרופּעס אַרויס אויף דער פּראָווינץ, ווּ זיי ווערן זייער גוט באַזוכט.

איינמאָל קומט מאָריס שוואַרץ אריין מיט זיין טרופּע אין אַ קליינער שטאָט, מיט דער זיכערקייט, אז דאָס טעאַטער וועט זיין אויספאַרקויפט. דערווייל הויבט אָן שטאַרק רעגענען און אין טעאַטער איז געקומען אַ קליינער עולם.

שוואַרץ איז אַרומגעגאַנגען שרעקלעך צעטראָגן און נאָך דער פֿאָרשטעלונג איז ער אַרויסגעטראָטן מיט אַ ספּיטש:1)

„די אַלע, וועלכע זענען היינט נישט געקומען אונדז זען שפּילן, האָבן פֿאַרלוירן די געלעגנהייט צו זען אַ גוטע, ערלעך געשפּילטע פֿאָרשטעלונג. יידן האָבן נישט קיין ערנסטע באַציונג צו קונסט, צו א קונסט-טעאַטער. ווי נאָר אַ רעגנדל זיצן זיי שוין אין דער היים. ביי די אומות-העולם וואָלט מען געקויפט אַן אַמברעלא 2) און געקומען אין טעאַטער. די יידן אָבער זענען אַ טראַגיש פֿאָלק, דאָס יידישע קונסט-טעאַטער לעבט איבער אַ טראַגעדיע. די טראַגעדיע פֿון יידישן פֿאָלק באַשטייט אין דעם, וואָס עס האָט נישט קיין אַמברעלאס".

(דערציילט פֿון איזידאָר האָלענדער)

1) דרשה, רעדע.

2) אַ שערעם.

2. זיי ווילן זען דעם דיבוק!

די ראָל פון „משולח” אין אַן—סקיס „דיבוק” פלעגן אין דער „ווילנער טרופּע” דובלירן די אַקטיאָרן פעדער און נאַכבוש.

איינמאָל, שפּילנדיק אין אַן אַמעריקאַנער פּראָווינץ-שטאָט, טרעט דער רעזשיסער פון דער טרופּע אַרויס פאַרן פאָרהאַנג און מעלדעט, אַז אָנשטאָט דעם אַנאָנסירטן פעדער וועט היינט שפּילן נאַכבוש.

דאָ ווערט אין טעאַטער אַ געשריי:

— מיר האָבן געקויפט טיקעטס 1) צום „דיבוק”. מיר ווילן זען דעם „דיבוק”, נישט נאַכבושן. גיט צוריק דאָס געלט!

און אַ סך באַזוכער זענען אַוועק צו דער קאַסע אָפּנעמען דאָס געלט פאַר די טיקעטס.

(דערציילט פון פּאַליאַ וואַלטער)

3. ער האָט דערקענט מאָגולעסקאָן.

מיט אַ יאָר 15 צוריק איז אין ניו-יאָרק געשטאָרבן דער גלענצנדסטער יידישער שוישפּילער, וואָס די יידישע בינע האָט פאַרמאָגט — זיגמונט מאָגולעסקאָ. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט מען אָנגעהויבן יעדעס יאָר איינצואָרדענען אין טעאַטער אַ פאָרשטעלונג צום אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם און די הכנסה דערפון פלעגט גיין פאַר דער אַלמנה, וואָס איז געשטאָרבן מיט אייניקע חדשים צוריק.

צום לעצטן בענעפיס מיט עטלעכע חדשים צוריק, האָט מען אַנאָנסירט אַ מאָגולעסקאָ-פאָרשטעלונג, אויף וועלכע מען וועט אויפפירן די פּיעסע „דאָס פּוילישע יינגעלע”, איינע פון יענע ראָלן, אין וועלכע דער פאַרשטאָרבענער מאָגולעסקאָ האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג.

דער באַליבטער קאָמיקער סעם קעסטין האָט געשפּילט מאָגולעסקאָס ראָל.

---

1) בילעטן.

שטייט אונטער די קוליסן פון טעאַטער דער דיריגענט יוסף רומשינסקי און דערזעט ווי אַ יידל דרייט זיך עפּעס דאָרט אַרום און זוכט, פרעגט ער אים וואָס ער וויל, ענט־פערט אים דאָס יידל מיט גרויס אימפּעט:

— איך בין געקומען פון קאַנטרי 1), אייניקע הונדערט קילאָמעטער, ווייל איך האָב ליב מאָגולעסקאָן צום שטאַרבן און איך בין ספּעציעל געקומען אים זען. איר הערט, איך בין שוין אין ניו־יאָרק אפשר 20 יאָר נישט געווען, נאָר אַז איך האָב דערהערט, אַז עס קומט פאָר אַ מאָגולעסקאָ־פאָרשטעלונג, בין איך אומיסטן געקומען אים זען. אַנו, ווייזט מיר אָקאָרשט וועלכער איז ער.

רומשינסקי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער ייד ווייס אַפילו נישט, אַז מאָגולעסקאָ לעבט שוין מער נישט און אַזוי ווי עס איז גראָד אָנגעקומען דער אַקטיאָר קעסטין, וואָס האָט געשפּילט מאָגולעסקאָס ראָל, האָט רומשינסקי אויף אים אָנגע־וויזן און געזאָגט:

— אָט איז מאָגולעסקאָ!

דאָס יידל באַקוקט אים שטאַרק און ענטפערט מיט פרייד:

— אוי, אַ לעבן אויף זיינע ביינער. דערזעלבער מאָגו־לעסקאָ ווי מיט 35 יאָר צוריק אין אדעס. ער זאָל זיך דאָס האָבן אויף אַ האָר געענדערט.

(איבערגעגעבן פון יוסף רומשינסקי)

4. ער וועט שויז פאַרשוואַרצט ווערן.

אברהם גאָלדפאַדען פלעגט זיך נוהג זיין, אַז ער פלעגט גוט דורכשטודירן די אייגנשאַפטן פון זיינע אַקטיאָרן און דער־נאָך פלעגט ער פאַר זיי שרייבן ראָלן, וואָס זענען געווען ענ־לעך צו זייערע אייגענע כאַראַקטערן, און דעריבער פלעגן די אַקטיאָרן האָבן אַזאַ דערפאָלג.

אין דער טרופּע פון גאָלדפאַדען האָט זיך געפונען אַן

---

1) פּראָווינץ.

אויסגעצייכנטער קאָמיק לייזער צוקערמאַן, פאַר וועלכן גאָלד־פאַדען האָט נאָכנישט געהאַט געשריבן קיין ספּעציעלע ראָל, איז דער אַקטיאָר אַרומגעגאַנגען מיט אַ נאָז, און איינמאָל האָט ער זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן און ער איז צוגעגאַנגען צו גאָלדפאַדענען מיט אַ טענה, אַז ער זאָל פאַר אים שרייבן עפּעס אַ ראָל.

גאָלדפאַדען האָט אין יענער צייט פיינט געהאַט, אַז מען זאָל אים זאָגן דעות און האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס, האָט ער געענטפערט צוקערמאַנען:

— וואַרט צו, איך וועל דיר אָנשרייבן אַ ראָל, וועסט שוין פאַרשוואַרצט ווערן.

און ער האָט פאַר אים אָנגעשריבן די ראָל „צינגעטאַנג“, דעם שוואַרצן דינער אין „שולמית“.

(דערציילט פון פערדינאַנד שטויב)

5. שטאַרבט נישט מיט זיין נאַטירלעכן טויט.

דער אַקטיאָר היימאַן מייזל האָט אַמאָל געשפּילט מיט דעם פאַרשטאָרבענעם דוד קעסלער אין אַ פּיעסע, ווו קעסלער איז געווען אַ באַנקיר, און ער, מייזל, אַן אָרעמער סוחר, וואָס האָט אריינגעלייגט אין קעסלערס באַנק די לעצטע עטלעכע דאָלאַר, וועלכע ער האָט אָפּגעספּט 1). באַלד נאָכדעם ווי דער אָרעמער סוחר גיט אַוועק קעסלערן זיינע לעצטע עטלעכע דאָ־לאַר, באַנקראָטירט קעסלערס באַנק. מייזל קומט צום באַנקיר, בעט צוריק זיין געלט, אָבער קעסלער שטעלט אים אַרויס אַ פייג. דער אָפּזאָג האָט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם אָרע־מען סוחר, אַז פון גרויס האַרצווייטיק באַקומט ער אַ האַרץ־אַטאַק און שטאַרבט באַלד אויפן אָרט.

אַזוי פאָדערט דער טעקסט פון דער פּיעסע. איז אָבער מייזל אַ פאַרטראַכטער מענטש, און ער פאַרטראַכט זיך פּלוצ־

---

1) אָפּגעשפּאָרט.

לונג וועגן קעסלערס קראַגן מיט דער שלייף, און פאַרגעסט צו שטאַרבן.

קוים פאַלט ער נישט טויט, קאָן מען אָבער ווייטער נישט שפּילן, ווענדעט זיך צו אים קעסלער אינדערשטיל:

— מייזל, שטאַרב!

מייזל איז אָבער ווייטער פאַרטראַכט, און הערט אים ווי די קאַץ.

נעמט שוין קעסלער אַ העכערן טאָן:

— מייזל, דו מוזט שטאַרבן!

אָבער מייזל איז אַלץ נאָך אין אַן אַנדערער וועלט און עס פאַלט אים גאָרנישט איין צו שטאַרבן. און דאָ אויף דער בינע איז דאָך יעדע סעקונדע ווי אַ שעה, קאָן זיך קעסלער שוין מער נישט איינהאַלטן, ווערט אין כּעס, כאַפּט אָן מייזלען, גיט אים אַ לייג אַנידער אויף דער ערד, נעמט אים ווערגן און שרייט:

— וועסט שוין היינט מיט דיין אייגענעם טויט נישט שטאַרבן, ממזר איינער!

אָט אַזוי האָט מען שוין ווי עס איז פאַרענדיקט דעם אַקט.

(איבערגעגעבן פון לעד פענסער)

6. דער שמש רופט אין טעאַטער אַריין.

אין שטעטל וואָס הייסט גרינסבורג, פענסילוויינא סטייט *), איז געקומען אַ יידישע טרופּע שפּילן טעאַטער. נישט געפונען־דיק קיין פּאַסיקן פּלאַץ וווּ צו שפּילן, וויל דער טעאַטער־זאַל איז געווען צו טייער, האָט מען די אַקטיאָרן רעקאָמענדירט, אַז זיי זאָלן זיך זען מיט די גבאים פון דער שול, און באַקומען פון זיי די דערלויבעניש צו שפּילן טעאַטער אין דער שול.

אַזוי ווי די אַקטיאָרן האָבן באַקומען די דערלויבעניש

---

*) גובערניע

ערשט שבת ביינאַכט, איז געבליבן, אַז זיי זאָלן שפּילן זונטיק נאָכמיטאָג, וואָרום דאָס איז די בעסטע צייט פאַרן דאָרטיקן פּובליקום.

צוליב דעם, וואָס די גבאים האָבן דערלויבט צו שפּילן אין דער שול אין לעצטן אויגנבליק, און אַרויסצוגעבן אַפישן איז שוין געווען צו שפּעט, איז דער שמש פון דער שול אַרומגעגאַנגען צו אַלע מתפללים און גערופן:

— יידן, קומט מאָרגן נאָכמיטאָג אין שול אַריין, וואָרום — מען שפּילט יידיש טעאַטער.

(דערציילט פון אברהם ליטמאַן)

7. ווו די יידן זענען?

איינע פון די היינטיק באַליבטסטע יידישע שוישפּילערינס איז די סוברעטין מאַלי פּיקאָן.

איינע פון די גרעסטע יידישע שוישפּילערינס אין אַמעריקע איז בערטאַ קאַליש. מיט יאָרן צוריק איז זי געווען די קרוין פון דער יידישער בינע אין אַמעריקע. דאַמאָלס האָט זי געהאַט אַ ריזיקע צאָל פאַרערער, אָבער שוין יאָרן-לאַנג ווי זי שפּילט אויף דער ענגלישער בינע, און דאָס יידישע טעאַטער-פּובליקום האָט זי איינציקווייז, ווי געוויינלעך, כמעט ווי פאַרגעסן.

מיט אַ יאָר צוריק האָט זי זיך פּלוצלונג מישב געווען, און ווידער אָנגעהויבן שפּילן אויף דער יידישער בינע. פאַרשטייט זיך אָבער, אַז זי ציט שוין מער נישט צו אַזוי דאָס יידישע טעאַטער-פּובליקום ווי אַמאָל.

שפּילט אַזוי מאַדאַם קאַליש אין האָפּקינסאָן-טעאַטער אין בראָנזוויל, דער עכט-יידישער שטאָט-טייל פון ניו-יאָרק, און נאָך דער פאָרשטעלונג טרעט זי אַרויס אין טעאַטער מיט אַזאַ ספּיטש:

„ליבעס פּובליקום, איך בין גליקלעך צו שפּילן פאַר אייך. איך בין גליקלעך צו זען יידן, איך בין שטאָלץ וואָס איך בין אַ קינד פון יידישן פאָלק. איך געדענק נאָך ווי־

מיט 30 יאָר צוריק האָבן דאָ ציגן שפּאַצירט, און היינט איז דאָ אַ גרויסע יידישע שטאָט, מיט אַ גרויס און שיין יידיש טעאַטער, מיט אַ גרויס יידיש פּובליקום".

אָבער דאָ גיט די שווישפּילערין אַ קוק אַריין אין טעאַטער און דערזעט, אַז עס איז פאַראַן אַ זייער קליינער פּובליקום, און זי פאַרענדיקט, ווי איר שטייגער מיט פּאַטאָס: —
— — „אָבער ווו זענען זיי, מיינע יידן?".

שטעלט זיך אויף אַ זאַאיקעוואַטע יידל אין דער ערשטער ריי און ענטפערט איר:

— זזזיי זזזענננען גגגעגגגאַנננגען זזזען מממאַאַאַפּפּפּיקקקאָן...

(דערציילט פון בעלא בעלעריגא)

8. פּאַר עצות ביז איך פאַרזאָרגט.

אַ באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער דערציילט אין זיינעם אַ בוך פאָלגנדיקן זייער כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד:

אין בערלין האָט אַ יידישע טרופּע אויפגעפירט שעקספּירס „האַמלעט" אויף יידיש.

אין דער סצענע ווען דער פּרינץ האַמלעט באַגעגנט זיך מיט אָפעליאַן, איז פאַראַן אַ מאָמענט ווען ער זאָגט צו איר:

— און איצט, אָפעליא, גיי אין קלויסטער!

לויטן טעקסט דאַרף אָפעליא זיך דערשרעקן, אַז דער פּרינץ האַמלעט איז גייסטיק קראַנק, און זי דאַרף זיך ווענדן מיט אַ תּפילה צו גאָט, אַז ער זאָל באַשיצן דעם פּרינץ. אָבער אונדזער אָפעליא האָט זיך געהאַט איר אייגענעם טעקסט, און באַלד ווי דער פּרינץ האַמלעט האָט איר געזאָגט:

— און איצט, אָפעליא, גיי אין קלויסטער!
האָט אים אפעליא געענטפערט:

— פּאַר עצות, פּרינץ, בין איך פאַרזאָרגט!

(דערציילט פון שמחה פּיעטרושקאַ)

9. רעדט אָנשטענדיקער!

אין דעם עקספּערימענטן־טעאַטער, וואָס אַ גרופּע יידישע שרייבער און טעאַטער־עסקנים האָבן געגרינדעט אין ניו־יאָרק, האָט מען אויפגעפירט פּרץ הירשביינס פּיעסע „שדים וויסן וואָס". גייט זיך צו צו דער קאַסע אַ פרוי און נעמט אַ בי־לעט. אַוועקגייענדיק פרעגט זי דרך־אגב דעם קאַסירער וואָס מען שפּילט.

יענער ענטפערט איר רויק:

— „שדים וויסן וואָס".

די פרוי פרעגט נאָכאַמאָל איבער, אָבער שוין באַליידיקט און אויפגערעגט:

— וואָס שפּילט מען?

דער קאַסירער אָריענטירט זיך נישט אַז די דאַמע ווייס נישט, אַז עס איז פאַראַן אַ פּיעסע מיט אַזאַ נאָמען און ער ענטפערט ווידער, אָבער שוין מיט אַ העכערן טאָן:

— „שדים וויסן וואָס".

דאָ איז שוין די דאַמע געוואָרן גאָר אויפגערעגט און זי רופט אויס:

— איך קויף אַ טיקעט, איך בין אייערע אַ קאָסטאָ־מער 1) און אַז מען פרעגט אייך וואָס איר שפּילט, מעגט איר ענטפערן אַ ביסל אָנשטענדיקער!...

(דערציילט פון פּאַליאַ וואַלטער)

10. די חסידים פון „דבוק".

ווען אַ טרופּע פאָרט אַרויס אויף דער פּראָווינץ לויגט איר נישט מיטצופירן סטאַטיסטן. געוויינלעך זענען שוין אין יעדער שטאָט פאַראַן אַזעלכע יונגעלייט, וואָס שפּילן די סטאַ־טיסטן־ראָלן און דער רעזשיסער זאָגט זיי נאָר פריער, וואָס זיי האָבן צו טון.

אַריינקומענדיק אַמאָל אין אַ פּראָווינץ־שטאָט אין אַמע־ריקע צו שפּילן דעם „דבוק", האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז

---

1) קונה, באַזוכער.

די סטאַטיסטן פון יענעם טעאַטער זענען נישט קיין יידן, נאָר אירלענדער.

מאָריס שוואַרץ, וואָס איז געווען דער דירעקטאָר און רעזשיסער פון דער טרופּע און האָט געשפּילט אין „דבוק" דעם „צדיק", האָט מיט די אירלענדער איינשטודירט, אַז ווען ער וועט אָפּזאָגן דעם מאָנאָלאָג „אין דער גאַנצער וועלט" און ער וועט געבן אַ צייכן מיט דער האַנט, זאָלן זיי ווי חסידים זאָגן: „אוי וואַ!"

האָבן דאָך אָבער די אירלענדער גויישע קעפּ און ווען שוואַרץ האָט אָפּגעזאָגט דעם גאַנצן מאָנאָלאָג און געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, זענען זיי געוואָרן צוטומלט, און אַלע ווי איינער האָבן זיי געגעבן אַ געשריי אויס אויף ענגליש:

— „דאַטס רייט!"(1)

(דערציילט פון אברהם פישקינד)

11. מען פאָרט דאָך נישט גנבענען.

דער אַלטער יעקב פ. אדלער פלעגט דערציילן פאָלגנדיקן עפּיזאָד:

ווען מען האָט פאַרווערט דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד, האָט זיך דער עולם אַקטיאָרן געלאָזט איבער דער וועלט. איינמאָל זענען אַלע אַזוי געזעסן אין אַ רעסטאָראַן און אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג, אויב עס וואָלט נישט געווען אַ פּלאַן צו פאָרן קיין לאָנדאָן.

צווישן די געסט אין רעסטאָראַן איז גראָד געווען איינער, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון לאָנדאָן. דערהערט, אַז די יידישע אַקטיאָרן ווילן אַהינפאָרן, האָט ער זיי אָנגעהויבן שילדערן לאָנדאָן און אַזוי רעדנדיק האָט ער זיי דערציילט, אַז אין ענגלאַנד פירט מען זיך זייער שטרענג אויף מיט גנבים און פאַר דער קלענסטער גנבה באַשטראָפט מען מיט חדשים לאַנגן אַרעסט.

1) איר זענט גערעכט!

דאָ שטעלט זיך אויף איינער פון די אַקטיאָרן און רופט זיך אָן זייער ערנסט:

— וואָס מיינט איר, מיר פאָרן קיין לאָנדאָן גנבענען? אַז עס וועט זיך מאַכן עפּעס אונטער דער האַנט איז עפּעס אַנדערש, אָבער גנבענען — ווער פאָרט אַהין?

(דערציילט פון פערדינאַנד שטויב)

12. „אַט פאַר זיי שפּילט זשידאָווסקי טעאַטער!"

דער פאַרשטאָרבענער שוישפּילער און רעזשיסער מ. ח. טיטעלמאַן דערציילט פאָלגנדיקע העכסט־כאַראַקטעריסטישע פּאַסירונג:

זיין טרופּע האָט געשפּילט אין רוסלאַנד אין די קליינע שטעטלעך. אין אַ געוויס שטעטל וווּ זיי זענען געקומען, איז נישט געווען קיין טעאַטער־בנין, נאָר דער פּריץ פון שטעטל האָט געהאַט אַ גרויסן סאַלאָן, וואָס וואָלט געווען זייער פּאַסיק פאַר אַ פאָרשטעלונג.

געקומען אין שטעטל און זיך דערוווּסט דערפון, פרעגט דער דירעקטאָר פון דער טרופּע אַן עצה ביי די דאָרטיקע יידן, זאָגן זיי, אַז דער פּריץ איז אַ רשע מרושע, נאָר אַ משוגענער. אויב מען זאָל אים כאַפּן אין אַ גוטער מינוט, קאָן מען אמאָל ביי אים פּועלן, אַז ער זאָל אָוועקגעבן זיין סאַלאָן פאַר אַ יידישער פאָרשטעלונג.

מילא, וואָס קאָן דאָ זיין, וואָס האָט די טרופּע צו פאַרלירן?

גייט דער דירעקטאָר אַוועק צום פּריץ און דערציילט אים אין וואָס פאַראַ טרויעריקע לאַגע די טרופּע געפינט זיך און אַז אין דעם שטעטל וואָלטן זיי געקאָנט מאַכן גאָלדענע געשעפטן. זיי וואָלטן אַרויס פון זייער דעפיציט, נאָר איין אומגליק איז דאָ, דאָס וואָס זיי האָבן נישט קיין טעאַטער. ווען דער פּריץ גיט זיי זיין סאַלאָן, וואָלט ער זיי מחיה געווען.

הערט דער פּריץ אויס די גאַנצע געשיכטע און פרעגט

זיך נאָך ווער זיי זענען און וואָס זיי שפּילן און אויף וואָס פּאַראַ שפּראַך זיי שפּילן. דערנאָך דערקלערט ער, אַז נישט נאָר וואָס ער גיט זיי זיין סאַלאָן אומזיסט, נאָר ער נעמט אויך אויף זיך אַלע בילעטן צו פאַרקויפן און ער צאָלט פאַר דער גאַנצער הכנסה.

פאַרשטייט זיך, אַז דער דירעקטאָר איז אַוועק אַ גליק־לעכער און מ׳האָט זיך תיכּף געשטעלט מאַכן די בינע. אַלע אַקטיאָרן האָבן זיך אַריינגעצויגן צום פריץ אין הויז, און האָבן געשוויצט ביים מאַכן די בינע און אינאָוונט האָט געזאָלט פאָרקומען די פאָרשטעלונג.

עס איז געוואָרן אָוונט: די בינע איז פאַרטיק, אַלץ איז צוגעגרייט ווי עס דאַרף צו זיין. אין זאַל זענען אויסגעשטעלט געוואָרן בענק און שטולן.

די אַקטיאָרן גרימירן זיך. דער פריץ דרייט זיך אַרום ווי אַ מחותן הינטער דער בינע און הייסט געבן דעם ערשטן קלונג.

דער רעזשיסער גיט אַ קוק אין זאַל אַריין, נישטאָ קיין איין מענטש. וווּנדערט ער זיך און זאָגט דעם פריץ, אַז אַזוי ווי ס׳איז נאָך קיינער נישטאָ, וואָלט מען געדאַרפט אָפּוואַרטן מיטן ערשטן קלונג. אָבער דער פריץ בלייבט ביי זיינס: „מ׳דאַרף געבן דעם ערשטן קלונג".

אין עטלעכע מינוט אַרום הייסט דער פריץ געבן דעם צווייטן קלונג. דער רעזשיסער איז ווידער אַקעגן, ווייל ס׳איז נאָך ווייטער קיינער נישטאָ. אָבער דער פריץ איז איינגע־עקשנט.

ערשט, אַז עס איז געקומען צום דריטן קלונג, האָבן שוין די אַקטיאָרן פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזט, ווייל אין טעאַטער איז ווידער נאָך קיינער נישט געווען.

אָבער דער פריץ האָט זיך ווידער געעקשנט, אַז דאָ אין שטעטל איז אַזוי, אַז מען דאַרף פריער געבן דעם דריטן קלונג און דערנאָך קומט ערשט דאָס פּובליקום.

וואָס זאָלן די אָרעמע אַקטיאָרן טון?

האָט מען געגעבן דעם דריטן קלונג און דאַן האָט דער פּריץ געגעבן אַ פּייף, די טירן פון זאַל זענען תּיכּף געעפנט געוואָרן און אין זאַל האָט זיך אַריינגעלאָזט אַ באַנדע הינט.

מיט טריומף האָט דער פּריץ אויסגערופן:

— אָט פּאַר ז י י קאָנט איר ב י י מ י ר אין סאַלאָן שפּילן ז ש י ד אָ װ ס ק י טעאַטער...

(דערציילט פון מענדל עלקין)

13. אַ שלעכטער שפּילער.

ווען די „ווילנער טרופּע" האָט גאַסטראָלירט אין דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, גייט אַ פּרוי צו צו דער קאַסע און הייסט זיך געבן אַ בילעט. ביי דער געלעגנהייט גיט זי אַ קוק אויפן פּאָסטער 1) און דערזעענדיק מיט גרויסע אותיות דאָס וואָרט „דאָרפּסיונג", שרייט זי אויס צום קאַסירער:

— נאָ 2), איך וויל נישט קיין טיקעט. דער דאָרפּסיונג איז שוין דאָ געווען 3 מאָל. ער איז אַ שלעכטער שפּילער. ער וועט שוין מיין געלט נישט זען...

(דערציילט פון פּאָליאַ וואַלטער)

14 ווי אַזוי מען דערקענט אַ שרייבער אַ קאַליקע.

מען דערציילט וועגן פּאָלגנדיקער סצענקע צווישן דעם פאַרשטאָרבענעם קינסטלער דוד קעסלער און דעם עלטסטן יידישן סופלער ראובן ווייסמאַן.

איינמאָל איז זיך קעסלער געזעסן אין קאַפע-הויז און געוועזן פאַרטון אין אַ בריוול, וואָס ער האָט געשריבן צו זיינעם אַ פריינט. ווייסמאַן איז צוגעגאַנגען צו קעסלערן, אַריינגעקוקט אין בריוו און מיט פּאַטאָס אויסגערופן:

— זעסט דאָך, אַלע געלינקטע שרייבער זענען גרויסע קינסטלער.

---

1) אפיש, טעאטער-צעטל.

2) ניין.

קעסלער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און פאַרווּנדערט אָנגעקוקט ווייסמאַנען.

— וואָס רעדט איר, ראובעלע? — האָט ער זיך אָנגערופן — איך שרייב דאָך מיט דער רעכטער האַנט, איר זעט דען נישט?

— איך זע, איך זע — האָט ווייסמאַן זיך געצופּט זיין סיגאַרעטל — נו, זעסטו דאָך, דערפאַר ביזטו דאָך טאַקע אַזאַ קאַליקע.

קעסלער האָט זיך האַרציק פונאַנדערגעלאַכט.

(איבערגעגעבן פון ז. ל.)

15. מען ווייסט נאָך נישט וואָס מען שפּילט.

דער אַלטער טעאַטער-דירעקטאָר מישוראַט פלעגט פירן איבער רוסלאַנד אַ וואַנדער-טרופּע, וואָס האט געהאַט איינשטודירט אייניקע פּיעסן, און מיט זיי פלעגט ער אומעטום אַרומפאָרן, אַזוי, אַז קיין פּראָבן האָט ער קיינמאָל נישט געדאַרפט מאַכן. אַפילו האָט ער איינמאָל אָפּגעדרוקט צו פיל עקזעמפּלאַרן פון יעדער פּיעסע, אָן אַ שטאָט און אָן אַ דאַטום, און ווו און ווען מ'האָט געשפּילט, האָט מען צוגעשריבן דעם נאָמען פון דער שטאָט, דעם נאָמען פון טעאַטער, און די דאַטע.

קומט אַמאָל אַזוי די טרופּע אַריין אין אַ שטעטל, און דער אַפישן-קלעבער קומט אַריין נאָך די אַפישן. מישוראַט אַליין איז געווען זייער מיד, זאָגט ער צום אַפישן-קלעבער אַז ער זאָל זיך אַרונטערבייגן אונטערן בעט און אַרויסנעמען די אַפישן. דאָרט זענען אָבער די אַפישן געווען צונויפגעמישט. דער קלעבער האָט נישט געוווּסט פון קיין קונצן, און ער האָט זיי אַזוי אויסגעקלעבט. די אַקטיאָרן זענען איינקוואַטירט געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער פון שטעטל, און אין אָוונט ווען זיי האָבן געמוזט גיין אין טעאַטער אַריין, האָט יעדערער פון זיי פריער געגעבן אַ קוק אויפן אַפיש, וואָס האָט געקלעפּט אין זיין גאַס, צו זען וואָס מען שפּילט.

אַזוי אָבער ווי אין איין גאַס האָט געקלעפּט אַן אַפיש פון „בר־כוכבא״, אין דער אַנדערער גאַס אַן אַפיש פון „שולמית״ און אין אַ דריטער גאַס פון „כינקע פינקע״, האָט בײַנאַכט יעדער אַקטיאָר זיך גרימירט און אָנגעטון לויט זיין ראָל פון דער פּיעסע, וועלכע ער האָט געזעען אויפן אַפיש. ערשט ווען די אַקטיאָרן זענען אַראָפּגעקומען אויף דער בינע, האָט מען דערזעען וואָס פאַראַ מיש־מאַש דער אַפישן־קלעבער האָט געמאַכט דורך די אַפישן.

די אַקטיאָרן זענען געוואָרן צומישט. דערווייל האָט דאָס פאַרזאַמלטע פּובליקום אויך אָנגעהויבן אַרונטערצוקומען אונטער דער בינע, און אַלע האָבן זיך נאַטירלעך געוואָרפן צום דירעקטאָר מישוראַט מיט אַ געשריי וואָס שפּילט מען.

מישוראַט איז געשטאַנען צעטומלט, און קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— גייט אַרויס צום פּובליקום און מעלדעט, אַז דערווייל ווייסן מיר נאָך נישט, וואָס מען שפּילט היינט.

(דערציילט פון אהרן פריידענרייך)

16. ער וועט שרייבן דעם „יידישן מאָגן״.

אין דעם פּעריאָד, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאָדערנע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג ביי יידן, האָבן די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן אין אַמעריקע אויסגענוצט די געלעגנהייט, און אָנגעהויבן שטעלן פּיעסן, געשטיצט אויף נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מאָטיוון.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויף דער בינע די פּיעסן מיט תּורהלעך, יאַרמולקעלעך. כאַריסטקעס פלעגן אַרויסקומען אין טליתים און מגן־דודס. דער לייט־מאָטיוו פון יעדער פּיעסע איז געווען אַ „ייד בין איך, און אַ ייד וועל איך בלייבן״.

אין טעאַטער האָט נאָכגעטאַנצט דעם אַנדערן, און געשטעלט אַ פּיעסע, וואָס זאָל טראָגן אין טיטול דאָס וואָרט „יוד״. אַזוי האָט מען אין איין סעזאָן אין דריי טעאַטערס געשפּילט:

„דאָס יידישע האַרץ״. „די יודישע נשמה״ און „דאָס יודישע קינד״.

יעקב גאָרדין, דער גרויסער רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע, איז דאַמאָלס געלעגן אויפן טויטן-בעט, און איינמאָל, ווען כ׳בין אים געקומען מבקר חולה זיין, האָט דער חולה געזאָגט:

— איר האָט שוין „דאָס יודישע האַרץ״, „די יודישע נשמה״ און „דאָס יודישע קינד״. אַז איך וועל געזונט ווערן, וועל איך שרייבן אַ פּיעסע „דער יידישער מאָגן״, וואָס זאָל קאָנען דאָס אַלץ אַריבערטראָגן...

(דערציילט פון יוסף רומשינסקי)

17 די טעאַטערס רייסן זיך איבער אים.

אברהם פּישקינד איז איינער פון די עלטסטע יידישע כאַראַקטער-קאָמיקער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע נאָך ביי אברהם גאָלדפאַדען.

אין די לעצטע יאָרן, ווען ער איז שוין געקומען לימי זקנה, איז אים שווער געוואָרן צו ווערן אַנגאַזשירט אין אַ טרופּע, דאָך איז ער נאָך אין 1927 געווען אַנגאַזשירט אין שוואַרץ׳ס קונסט-טעאַטער, אָבער אויפן סעזאָן 1928 האָט ער שוין קיין פּאָסטן נישט באַקומען

אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ, אָבער פּישקינד איז בטבע אַ לוסטיקער, אַ וויצלינג, און ער לאַכט און שפּעט אָפּ אַפילו פון זיך אַליין. ערב סעזאָן גייט צו אים צו אין קאַפע אַ טעאַטער-קריטיקער, און פרעגט אים:

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס, פריינט פּישקינד? ווו זענט איר אַנגאַזשירט פאַר דעם נייעם סעזאָן?

שטעלט פּישקינד אָן אַ פאַרזאָרגטע מינע, בעט דעם קריטיקער זיצן, און ענטפערט אים:

— גאָט אַליין האָט אייך צוגעשיקט. איך נויטיק זיך טאַ-

קע אין אַן עצה פון אַ קלוגן מענטש. הערט אַ מעשה, צוויי טעאַטערס רייסן זיך איבער מיר.

ווערט שוין דער טעאַטער־קריטיקער שטאַרק פאַראינטעד רעסירט און פרעגט זייער ערנסט:

— אַזש צוויי טעאַטערס?

— יאָ, — ענטפערט פישקינד, — צוויי. מאָריס שוואַרץ זאָגט, אַז דאָס פּאַבליק־טעאַטער זאָל מיך נעמען, און דאָס פּאַבליק־טעאַטער זאָגט, אַז שוואַרץ זאָל מיך נעמען. נו, וויס איך נישט צו וועמען צו גיין...

(דערציילט פון ח. ערנרייך)

18. „דערוויל זענען מיר נאָך די מערהייט".

אַמאָליקע צייטן, און טאַקע נאָך היינט אין טייל פּראָווינץ־שטעט, איז פאַראַן אַ מנהג, אַז אין די פאָרהאַנגען פון דער בינע איז פאַראַן אַ לאָך, דורך וועלכן די שוישפּילער קוקן אַריין אין טעאַטער צו זען וויפל פּובליקום עס איז שוין דאָ, און ווער עס איז שוין דאָ אין טעאַטער.

איינמאָל בעת מ'האָט געשפּילט עפּעס אַן אַלטע פּיעסע, אין וועלכער דער אַקטיאָר אַבאַ שיינגאָלד איז פּלוצלונג אַריינגעשפּרונגען אין אַ ראָל, האָט דער עולם פאַרגעסן צו קומען, און אין טעאַטער איז געווען בוכשטעבלעך איין באַזוכער.

אַבאַ שיינגאָלד, וועלכער האָט אָבער נישט געקענט די ראָל, איז אַרומגעגאַנגען שטאַרק פאַרזאָרגט און מיט ציטערניש צוגעשפּרונגען אַ קוק צו טון אין לעכל. דאָרט איז אָבער געשטאַנען יעקב פּ. אַדלער, וועלכער האָט שוין געזען ווי „גרויס" דאָס פּובליקום איז, וואַרפנדיק אַ קוק אויף שיינגאָלדן, ווי צעשראָקן ער איז, האָט אים אַדלער געגומען באַרויקן:

— האָב נישט קיין מורא, ברודער שיינגאָלד. דערוויל זענען מיר נאָך (אָנווייזנדיק אויף זיי ביידע) די מערהייט...

(דערציילט פון משה נאדיר)

19. די אַנדערע בעקער־יונגען קומען באַלד.

אין בנין פון יידישן קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק אויף דער 12־טער סטריט 1), געפינט זיך אויך דער אָפיס 2) פון דער יידישער בעקער־יוניאָן 3).

מאָריס שווארץ, דער דירעקטאָר פון קונסט־טעאַטער, פלעגט האָבן אַ טבע צו זיין דער ערשטער צו אַ רעפּעטיציע, און ביז די אַקטיאָרן קומען זיך צונויף, פלעגט ער שטיין אינדרויסן פאַרן טעאַטער.

איינמאָל, ווען ער איז אַזוי געשטאַנען, גייט צו אים צו אַ יידל מיט אַ בייכל, קענטיק אַ בעקעריי־באַזיצער, וואָס האָט אודאי געהאַט טראָבעל 4) מיט זיינע אַרבעטער, און ער איז דעריבער געקומען אין דער יוניאָן וועגן דעם ענין.

דאָס יידל האָט פּערזענלעך נישט געקענט שווארצן, אָבער האָט אים ווארשיינלעך אָנגענומען פאַר אַ מיטגליד פון דער בעקער־יוניאָן, און דעריבער האָט ער זיך צו אים געווענדעט:

— מיסטער, ליסען 5)! ווען קומען די בעקערס?

מאָריס שווארץ האָט זיך נישט פאַרלוירן און אָנווייזנדיק אויף זיך, האָט ער געענטפערט:

— איינער איז שוין דאָ, און די אַנדערע בעקער־יונגען קומען באַלד אויף רעפּעטיציע...

(דערציילט פון יוסף גרינבערג)

20. אַהאַ, אוריאל אַקאָסטא!

אין דער פּיעסע „אוריאל אַקאָסטא" איז פאַראַן אַ סצענע ווען ער רופט אויס, אַז גערעכט זענען די, וואָס האָבן געזאָגט אַז די ערד דרייט זיך פאָרט.

אַן אַקטיאָר איז אַמאָל געקומען דאָס ערשטע מאָל צו

---

1) גאַס. 2) ביוראָ. 3) פאַריין, פאַרבאַנד. 4) צרות, עגמת־נפש 5) הערט נאָר, איר, הער!

פאָרן קיין וואַרשע, און דערזען אויף דער גאַס קאָפּערניקס דענקמאָל, פרעגט ער:

— ווער איז דאָס?

— דאָס איז דער באַוווסטער קאָפּערניק — האָט מען אים געענטפערט.

— ווער, קאָפּערניק? נישט געהערט פון אַזעלכן! — ענטפערט דער אַקטיאָר.

— דאָס איז דער, וואָס האָט אַנטדעקט, אַז די ערד דרייט זיך — דערקלערט מען דעם אַקטיאָר.

— אַ! — רופט אויס דער אַקטיאָר — איר מיינט אוריאל אַקאָסטאַן. טאָ זאָגט שוין באַלד אַזוי. וואָס דרייט איר עפּעס אַ קאָפּ מיט אַן אַנדערן?!

(דערציילט פון יצחק גרודבערג)

21. מען כאַפּט „בולבעס".

„בולבעס" באַדייט אויפן ליטווישן יידיש קאַרטאָפל. אויפן טעאַטער־לשון הייסט אַ „בולבע" אַ פאַרפּלאָנטערניש. ווען אַן אַקטיאָר פאַרפּלאָנטערט זיך אין רעדן, הייסט עס, אַז ער האָט געכאַפּט אַ „בולבע". דאָס מיינט, אַז אַ קאַרטאָפל האָט זיך אים געשטעלט אין מויל אריין אינמיטן רעדן.

דערציילט די באַקאַנטע דראַמאַטישע שוישפּילערין צילע אַדלער, אַז איינמאָל האָט זי זיך אַזוי צעדראַמאַטעוועט, אַז אין אויפרעגונג האָט זי געמאַכט אַ דרייפאַכע „בולבע". זי האָט געדאַרפט זאָגן „גיט מיר פּאַפּיר, טינט און פעדער", האָט זי געגעבן אַ זאָג: „גיט מיר טאַפּיר, פּינט און פעדער".

אַן אַנדער מאָל בעת איר ערשטן אויפטריט אין לאָנדאָן, האָט זי, אָנווייזנדיק אויף אַ מאַן, פאַרענדיקט אַן אַקט העכסט דראַמאַטיש מיט אַזאַ אויסרוף: — „אָ, ענדלעך האָב איך דיך געפינען, דו אויסוואורף, פאַרפירער פון מיין ברודער" (וועלנדיק זאָגן „פון מיין שוועסטער").

מאָריס שוואַרץ דערציילט, אַז איינמאָל, בעת אַ פאָרשטעלונג אין דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ איז פאָרגעקומען אַ גאַנ־

צער מבול פון „בולבעס" אויף דער בינע. כמעט יעדער האָט געמאַכט אַ „בולבע", און אַזעלכע „בולבעס", וואָס האָבן פאַרדרייט דעם זין פון דער פּיעסע.

לויט די שוואַכע אַפּלאָדיסמענטן איז געווען צו דערקענען, אַז דאָס פּובליקום אין טעאַטער איז צעטומלט, און ווייסט נישט וואָס מען שפּילט.

אַזוי ווי צומאָרגנס האָט די טרופּע ווייטער געדאַרפט שפּילן אין דער זעלבער שטאָט, און די ערשטע פאָרשטעלונג וואָלט איבערגעלאָזט אַ שלעכטן איינדרוק און וואָלט אפשר געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער הכנסה פון דער צווייטער פאָרשטעלונג, איז געבליבן, אַז מאָריס שוואַרץ זאָל אַרויסגיין צום עולם און האַלטן אַ ספּיטש, אין וועלכן ער זאָל דערקלערן, אַז די אַקטיאָרן האָבן זיך פאַרבולבעט, ווייל אַ קאַץ איז פּלוצלונג דורכגעלאָפן הינטער דער בינע, און זי האָט זיי צעטומלט.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז שוואַרץ אַרויס צום עולם מיט פאָלגנדיקן ספּיטש: — „האָכגעשעצטעס פּובליקום, איר ווייסט דאָך, אַז מיר שפּילן ריין און ערלעך יידיש טעאַטער. יעדער איינער פון אונז קען אויסגעצייכנט זיין ראָל, אָבער וואָרשיינלעך האָט איר באַמערקט, אַז היינט האָט מען זיך אַביסל געפּלאָנטערט אויף דער בינע, דאָס הייסט אויף אונדזער לשון, אַז „מען האָט געכאַפּט בולבעס", און ווייסט איר פאַרוואָס דאָס איז געווען, ווער עס איז אין דעם שולדיק?

און דאָ האָט שוואַרץ אָנגעהויבן צו רעדן מיט פּאַטאָס און אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון דעם בולבעס־מבול, האָט ער אויסגערופן: — „ווייל הינטער דער בינע איז דורכגעפלויגן אַ ב אַ ץ..."

אין זאַל איז געוואָרן אַ שטאַרק געלעכטער.

שוואַרץ האָט דעם ספּיטש שוין נישט פאַרענדיקט.

22. זי האָט מיט װעמעז צו סטראַשען.

שבת נאָכמיטאָג ברענגען די פרויען געװײנלעך מיט זײערע קלײנע קינדער אין טעאַטער. אײנמאָל בעת אַזאַ פאָרשטעלונג איז געקומען אין טעאַטער א פרוי מיט אַ זױגענדיק קינד אויף דער האַנט.

אין מיטן שפּילן דערמאָנט זיך די פרוי, אַז ס׳איז די צײט, װען דאָס קינד דאַרף זויגן. זי נעמט אַרויס די ברוסט און הויבט אָן זויגן דאָס קינד, אָבער דאָס קינד װיל די ברוסט נישט נעמען אין מויל אַרײן, װײל אויף דער בינע זינגט מען גראָד און עס קוקט גאָר אַהין.

די מאַמע װערט בײז און גיט אַ געשרײ אויפן קינד, שטופּנדיק אים די ברוסט אין מויל:

— נאַ, נאַ, דו װעסט זויגן, װאָרום, אַז נישט גיב איך עס אַװעק דעם עקטאָר! 1)

(דערצײלט פון פאָליא װאַלטער)

23. זי קאָן שוין רויק אַהײמגײן.

אין מאָריס שװאַרץ קונסט-טעאַטער באַטײליקט זיך אַ גרופּע אָרגאַניזירטע ליבהאָבער א. נ. „קונסט-רינג", זײער עובדה איז מיטצושפּילן אין די מאַסן-סצענעס און אײנציקװײז אויפצוציען נײע שוישפּילער.

על פּי רוב שפּילן די מיטגלידער פון דעם „קונסט-רינג" אומזיסט, אָבער אײניקע, װאָס זענען דערצו געצװוּנגען נעמען קלײנע װײדזשעס 2).

אין דעם גרויסן קריזיס-יאָר 1927 בײ די יידישע אַרבעטער אין ניו-יאָרק, האָט אַמאָל אַ מיטגלידערין פון דער „קונסט-רינג", אַ בעל-מלאכהס אַ טאָכטער, זיך מישב געװען, אַז זי װעט בעטן שװאַרצן איר אויך צו געבן װײדזשעס. זי איז אָבער

---

1) אקטיאָר.

2) שכירות, גאזשע, געהאַלט.

ניט געווען דרייסט דאָס אים צו זאָגן. ווען זי האָט זיך אָבער דערוווּסט, אַז אירע אַ חברטע נעמט שוין לאַנג ווייַדזשעס, איז זי געוואָרן דרייסט און אַרויף צו שוואַרצן אין גאַרדעראָבע:

— מר. שוואַרץ — האָט דאָס מיידל גענומען שטאַמלען — איר ווייסט דאָך, אַז ס׳איז הייַנט אַ שלעכטע צייַט...

— אַוודאי איז אַ שלעכטע צייַט — האָט איר שוואַרץ איבערגעריסן, — ווער גאָר אַזוי ווי מיר אין קונסט־טעאַטער פילן עס...

— עס איז זייער שלעכט — האָט דאָס מיידל ווייַטער גערעדט — מייַנע עלטערן פאַרדינען גאָרנישט.

— אָט דאָס איז עס דאָך — האָט איר שוואַרץ איבערגעריסן, — אַז די ייִדישע אַרבעטער אַרבעטן ניט, טאָ פון וואַנען זאָלן מיר האָבן פובליקום?

— ניין, ניט דאָס — האָט דאָס מיידל זיך אָנגענומען מיט כּוח — איך האָב אייַך געוואָלט זאָגן, אַז אַן אַנדערס מאָל וואָלט איך עס ניט געזאָגט... איך בין דאָך שוין ביי אייַך אייניקע יאָר, און די גאַנצע צייַט האָב איך עס אייַך ניט געזאָגט... אָבער...

— וואָס אָבער!? — האָט שוין שוואַרץ אומגעדולדיק געפרעגט — זאָגט שוין, וואָס איר ווילט.

— איך וויל אייַך בעטן, אַז איר זאָלט מיר באַצאָלן עטלעכע דאָלאַר אַ וואָך, — האָט דאָס מיידל ענדלעך אַרויסגעפּלאַצט.

שוואַרץ האָט דאָס מיידל געגעבן אַ מעסט אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ און כּמעט ווי אויסגעשריגן:

— וואָס, געלט? ביי אונדז איז אַ קונסט־טעאַטער, דאָ נעמט מען ניט קיין געלט, איך אַליין נעם אויך קיין געלט ניט. ווי אַזוי פאַלט אייַך איין אַזאַ געדאַנק?

— אָבער, אַז איר צאָלט בעסין, מעגט איר מיר אויך באַצאָלן — איז דאָס מיידל ניט אָפּגעשטאַנען.

— בעסי נעמט געצאָלט? — האָט שוואַרץ דראַמאַטיש

אויסגערופן — וואָס ? מען נעמט ביי מיר אין טעאַטער געלט און איך ווייס פון גאָרנישט. באַלד, וואַרט, איך וועל זיך באַלד דערוויסן דעם אמת, זאָל נאָר מיין ברודער מאַרטין אַרויפקומען.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז מאַרטין, דער מענעדזשער 1) אַריינגעקומען.

מאָריס, זיין ברודער האָט זיך אַ נעם געטון:

— זאָג נאָר מאַרטין, וואָס טוט זיך ביי מיר אין טעאַטער, מען צאָלט געלט און איך ווייס פון גאָרנישט. איז עס אמת, אַז בעסי באַקומט געלט?

אַז מאַרטין האָט געזען, ווי זיין ברודער איז אויפגעקאָכט, האָט ער גאָרנישט געענטפערט, נאָר זיין פּנים האָט שוין באַשטעטיקט, אַז דאָס מיידל בעסי באַקומט באַצאָלט.

שוואַרץ האָט דאָס באַלד באַמערקט און מיט אַ געמאַכטן דראַמאַטיזם, האָט ער צו אים אויסגעשריגן:

— פון היינט אָן זאָל מען איר אויפהערן צו צאָלן, די הערסט, מאַרטין, ביי אונדז שפּילט מען קונסט-טעאַטער!

און ווענדנדיק זיך צום מיידל, האָט ער מילד געזאָגט: איר קאָנט רויק אַראָפּגיין שפּילן, בעסי וועט שוין מער קיין געלט נישט באַקומען.

(דערציילט פון יוסף גרינבערג)

24. ער נעמט זיך אָז פּאַרז רבין.

די געשיכטע האָט פּאַסירט אין וואַרשע מיט פיל יאָרן צוריק.

יידיש טעאַטער האָט מען דעמאָלס נאָך נישט געשפּילט אין אַ טעאַטער, נאָר אין אַ זאַל אויף דזשעלנע גאַס.

איינער פון די הויפּט-אַקטיאָרן איז דעמאָלס געווען דער אַלטער אבא ווייגאַלד.

דאָס פּובליקום איז באַשטאַנען פון מענטשן פון דער

1) פּאַרוואַלטער, געשעפט-פירער.

אונטערוועלט. און צווישן זיי איז אויך געווען אַ געוויסער יחזקאל שפּיגעלגלאַלד, וועלכן מען האָט גערופן „דער רבי", ווייל ווען די גנבים האָבן געהאַט צווישן זיך א סכסוך, האָבן זיי זיך געווענדעט צו אים, ער זאָל זיי אויסגלייכן. דערפאַר פלעגט ער באַקומען „פסק-געלט". אָבער אַ לעבן פלעגט ער אייגענטלעך מאַכן דערפון, וואָס ער איז געווען אַ פאַסער, און פלעגט אָפּקויפן געגנבעטע זאַכן.

אַז שיינגאָלד האָט דערזעען ווער זיין פובליקום איז האָט ער זיך מישב געווען, און האָט אָנגעהויבן זינגען אַ קופּלעט „מיטן רבינס כּוח".

אין דעם קופּלעט איז אָפּגעלאַכט געוואָרן פון דעם, וואָס דער רבי קאָן אַלץ אויפטון. איין קופּלעט איז, ווי געווייגלעך געווען וועגן די עקרות, וועלכע ווערן געהאָלפן דורכן רבין. אַ צווייטער איז געווען וועגן דעם ווי אַזוי א גנב קומט צום רבין און דערפאַר, וואָס ער גיט דעם רבין אַ פּדיון, ווינטשט ער אים דערפאָלג אין דער אַרבעט.

פּלוצלונג האָט זיך דער אויבנדערמאָנטער שפּיגעלגאָלד אַ הויב געטון פון זיין פּלאַץ, ער איז שנעל אַרויף אויף דער בינע, און צוגעשפּרונגען צו שיינגאָלדן, און אָנגעהויבן אויף אים צו שרייען:

— דו הינטישער זון, אַ רוח אין דיין מאַמען אַריין, דעם רבי ווילסטו באַליידיקן?! פון הייליקן רבי ווילסטו מיר חוזק מאַכן?!

און איידער וואָס-ווען האָט ער שיינגאָלדן אַראָפּגעלאָזט עטלעכע פּעטש...

(דערציילט פון אברהם פישקינד).

25. ער וועט ברענגען „מירעלע אפרת".

איינע פון די באַרימטסטע פּיעסן פון יידישן רעפּערטואַר איז יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת". די דאָזיקע פּיעסע פלעגט אין רוסלאַנד און אין פּוילן געשפּילט ווערן דורך דער באַרימ־

טער קינסטלערין אסתּר רחל קאַמינסקאַ, וועלכע איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר צוריק.

מיט אַ יאָר צוריק האָט זיך אין ריגע געגרינדעט אַ יידי־שע טעאַטער־געזעלשאַפט, וואָס אונטערשטיצט דאָס דאָרטיקע יידישע טעאַטער.

צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָבן זיך, נאַטירלעך, אויך געפונען אייניקע פּערזאָנען, וואָס אַ חוץ געלט, האָבן זיי גאָרנישט פאַרמאָגט, און איינער פון זיי האָט זיך דווקא גענומען תּמיד זאָגן דעות וועגן רעפּערטואַר און די אַרטיסטן.

דערווייל האָבן די געשעפטן אָנגעהויבן שלעכט צו גיין, און עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַראַטונג, וואָס צו טון, אַז די געשעפטן זאָלן זיך פאַרבעסערן.

אונדזער גביר האָט אויף דער זיצונג אַרויסגעוויזן זיין גאַנץ ביסל בקיאות אין טעאַטער, אַזוי, אַז ער האָט אַרויסגע־בראַכט פון געדולד דעם פאַרוואַלטער פון טעאַטער, אַן אַלטער טעאַטער-עסקן, און כּדי חוזק צו מאַכן פון דעם גביר, האָט דער פאַרוואַלטער זיך צו אים געווענדעט:

— ווי מיינט איר, ווען מען זאָל ברענגען די אַקטריסע מירעלע אפרת, וועט דער עולם אָנהויבן צו קומען אין טעאַטער?

דער גביר האָט אפילו קיין טראַכט נישט געטון, און תּיכּף געענטפערט:

— ווען מירעלע אפרת זאָל קומען — יאָ, דער עולם וועט לויפן.

— און ווען אסתּר רחל קאַמינסקאַ זאָל קומען? — פרעגט דער פאַרוואַלטער ווייטער.

— אָ, אסתּר רחל קאַמינסקאַ! — רופט אויס דער גביר מיט באַגייסטערונג — נאָך איר מוז איך אַליין פאָרן.

געפעלט עס דעם פאַרוואַלטער, וואָס דער גביר האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז ער מאַכט פון אים חוזק, און ער ענטפערט:

— יאָ, צו דער קאַמינסקאַ וועט קיינער מיט אייך נישט מיטפאָרן, נאָר איר אַליין וועט צו איר פאָרן.

(דערציילט פון מ. קאַרפּינאָוויטש.)

26. אַקייגז גאָט קאָז מעז קייז חכם נישט זיין.

דער יידישער רעפּערטואַר איז זייער אָרעם אין אָריגינע־לע אָפּערעטן. מערסטנטייל נעמט מען אַ קאָמעדיע אָדער אַ פּאַרס, און מ׳שטעלט אַריין עטלעכע לידלעך, און דערנאָך רופט מען עס „אָפּערעטע". כדי אָבער די לידלעך זאָלן זיך פּאַסן צו דער האַנדלונג פון דער פּיעסע, מוז מען זיי אַריינשטעלן נאָך געוויסע ערטער אָדער ווערטער, וואָס זאָלן צופּירן צו דעם לידל.

למשל, דער העלד זאָגט אין אַ געוויסער סצענע: „איך וועל מיט דיר נישט חתונה האָבן, ווייל איך וויל נישט האָבן קיין קינדער, וואָרום היינטיקע צייטן פון קינדער האָט מען נאָר צרות". אָט דאָ האָט מען די געלעגנהייט צו זינגען אַ לידל „צרות", „קינדער", „חתונה האָבן", אָדער „היינטיקע צייטן". דער צוגאַנג איז שוין פאַראַן.

שפּילט אַמאָל דער אַקטיאָר ז. ק. אַ קאָמעדיע, און וויל זינגען דעם קופּלעט „קענן גאָט קען מען קיין חכם נישט זיין", און ער זוכט אַן אָרט, ווו זיך צו צוטשעפּן. ענדלעך קומט פאָר אַ סצענע, ווו ער פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, און די פּאַפּיראָס וויל נישט ברענען, גיט ער אַ שאָקל אויף די פּאַפּיראָס, און רופט אויס:

— פּאַפּיראָסן, מ׳שטיינס געזאָגט, היינטיקע צייטן, ריינער שטרוי, נישט קיין טאַבאַק. נו, יאָ, קייגן גאָט קאָן מען קיין חכם נישט זיין.

און ער האָט געזונגען דעם קופּלעט...

(דערציילט פון יוסף סטרוגאַטש)

27 דער פּוסק.

אין ליפּאָווסקיס טרופּע אין ווילנע האָט מען שבת נאָכ־מיטאָג אויפגעפי״ט אַן אַלטע פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר" פון יעקב גאָרדין. ווי געווייינטלעך, האָט מען אויף אַזאַ אַלטע פּיעסע אפילו קיין פּראָבע נישט געמאַכט, מחמת אַלע אין דער טרופּע זענען געווען געשפּילטע. העלפט אָבער גאָט, אַז אין דער

ראָל „שמאי" זענען פֿאַראַן צוויי געשפּילטע: די אַרטיסטן יצחק נאָזשיק און שטרייטמאַן.

און ביידע זענען פֿאַרעקשנט. איינער וויל דעם אַנדערן נישט אָפּטרעטן די ראָל. עס העלפֿן נישט די טענות פֿון די אַקטיאָרן, עס העלפֿט אויך נישט די אינטערווענץ פֿון דער די־רעקציע און רעזשיסער. ביידע האָבן זיך אָפּגרימירט און אָנגעטון גרייט צום שפּילן.

דערווייל איז געוואָרן שפּעט. אין טעאַטער האָט די גאַ־לעריע אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פֿיס, ביז אַ פּאָליציאַנט האָט זיך מטריח געווען הינטער דער בינע.

דאָ האָט ער דערהערט וועגן סכסוך, און אָן שום הכנות איז ער צוגעגאַנגען צו ביידע אַקטיאָרן. זיי געהייסן זיך גלייך אַוועקשטעלן, אָפּגעמאַסטן פֿון אויבן ביז אַראָפּ, און אַזוי ווי נאָזשיק איז העכער, האָט ער ערנסט אויסגערופֿן:

— ער מוז שפּילן!

און נאָזשיק האָט טאַקע געשפּילט.

(דערציילט פֿון יוסף קאַמיען)

28. אָפּגעפּאַנפּעט פּופּציק פּראָצענט.

אין אַ געוויסער פּיעסע, ווו דוד קעסלער האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל, האָט דער אַקטיאָר היימאַן מייזל געהאַט עפּעס אַ זייער קלאָגעדיקע ראָל, און די גאַנצע צייט אויף די רעפּע־טיציעס איז מייזל אַרומגעגאַנגען זייער צעטראָגן וואָס ער האָט אַזאַ שלעכטע ראָל. ער האָט זיך אפֿילו אייניקע מאָל געבעטן ביי קעסלערן, אַז ער זאָל אים די ראָל צונעמען, אָבער קעס־לער האָט אים געטרייסט, אַז ער וועט שוין פֿון דער ראָל עפּעס מאַכן.

ווען עס איז געקומען אין אָוונט פֿון דער פֿאָרשטעלונג, איז זיך מייזל מיישב, אַז ער וועט שפּילן אַ פּאַנפּעוואַטן.

ער האָט אָבער פֿאַרגעסן, אַז קעסלער האָט קיין זאַך נישט אַזוי פֿיינט, ווי צו הערן פּאַנפּען אויף דער בינע, און

ווען עס פאָדערט זיך אפילו אַזוי לויט דער פּיעסע, שטרייכט ער דאָס אויך אויס.

גראָד האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז מייזל זאָל ביז צום סוף פון צווייטן אַקט זיך נישט צוזאַמענטרעפן אויף דער בי־נע מיט קעסלערן, און ער האָט זיך גאַנץ שיין אָפּגעפּאָנפּעט זיין ראָל. ערשט, ווען ער איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף דער בינע מיט קעסלערן, און ער האָט גערעדט צו אים פּאָנפּעוואַטע, איז קעסלער געוואָרן אַ פאַרציטערטער, אויסגעשטעלט אַ פּאָר מוראדיקע אויגן, ווי זיין שטייגער, און אויסגעשריגן פאַר־שטיקט:

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פאַרא פּאָנפּען?

מייזל האָט אָבער ווייטער מיט אים אַ סצענע, און ער רעדט ווייטער פּאָנפּעוואַטע, גייט שוין קעסלער אַרויס פון גע־דולד, און נעמט שרייען:

— הער אויף, ממזר, צו פּאָנפּען, איך דערהרגע דיך!

— אָבער איך האָב דאָך ביז איצט געשפּילט אַ פּאָנפּע־וואַטן — שטאַמלט מייזל אינדערשטיל.

— וואָס געווען איז געווען — ענטפערט קעסלער — אויף ווייטער זאָלסטו רעדן ווי אַ מענטש.

און מייזל האָט די אַנדערע צוויי אַקטן מער נישט גע־פּאָנפּעט.

(איבערגעגעבן דורך ז. ליבין)

29. גאָרדין איז גרעסער פון שעקספּירן.

אין אַמעריקע איז אַ מנהג אין די קלענערע טעאַטערס, אַז נאָך יעדער פאָרשטעלונג גייט אַרויס דער מענעדזשער פון טעאַטער, און אַנאָנסירט די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען.

גייט זיך אָט אַזוי אַמאָל אַרויס אַ מענעדזשער, און האַלט אַזאַ ספּיטש:

— קומענדיקע וואָך וועט ביי אונדז געשפּילט ווערן די באַקאַנטע דראַמע „דער יידישער קעניג ליר" פון יעקב גאָר־דין. אַ פּיעסע אויף דער זעלבער טעמע האָט אויך געשריבן

דער באַרימטער ענגלישער דראַמאַטורג וויליאַם שעקספּיר, אָבער גאָרדין איז גרעסער פון שעקספּירן, וואָרום אויסער די זעלבע דראַמאַטורגישע פעיקייטן, באַזיצט ער אויך דעם יידישן חן, דעם יידישן וויץ און דעם יידישן קרעכץ — מעלות, וועלכע שעקספּיר באַזיצט נישט!

(דערציילט פון זלמן רייזן)

30. די געשיכטע מיטן מאַי-קיפּער.

דוד קעסלער האָט, ווי באַוווסט, געהאַט אַ מאָדנע באַציונג צו די פּיעסן, וועלכע ער האָט געשפּילט. ער איז געווען אַ דם-שונא די שונד-פּיעסן, וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען צו שפּילן. אָפּזאָגן זיך אָבער אין זיי צו שפּילן, האָט ער נישט געקענט, ווייל ער איז נישט געווען דער באַלעבאָס פון טעאַטער, און ער האָט געמוזט פאָלגן דער דירעקציע.

מ'האָט אים אָבער נאָר געקענט צווינגען צו שפּילן די שונד-פּיעסן, אָבער נישט ווי אַזוי צו שפּילן, און ער פלעגט דידאַזיקע פּיעסן אַזוי שפּילן, אַז מ'האָט לייכט געקאָנט דערקענען, אַז ער מאַכט אַליין חוזק פון דער פּיעסע און זיין ראָל.

געוויינלעך, פלעגט ער דידאָזיקע ראָלן אינגאַנצן נישט אויסלערנען. ער פלעגט זיך נישט אינטערעסירן צו וויסן, וואָס אין דער פּיעסע קומט פאָר, און ער פלעגט פון דער בינע זאָגן, וואָס עס איז אים געקומען אויף דער צונג.

צווישן די מחברים, וועלכע ער האָט פיינט געהאַט פאַר זייערע שמירערייען, האָט אויך געהערט דער באַרימטער „פּראָפעסאָר" משה האָראָוויטש.

איינמאָל האָט „פּראָפעסאָר" האָראָוויטש אָנגעשריבן אַ פּיעסע מיטן נאָמען „חרם דרבנו גרשום".

ווי באַוווסט, האָט רבנו גרשום, דער גרויסער יידישער תלמיד-חכם, געהאַט צוויי פרויען. איינע האָט אים ליב געהאַט און די אַנדערע האָט אים אויסגעטיילט גרויסע צרות. זי האָט אים אַזוי פאַרביטערט דאָס לעבן, אַז ער איז דורך איר אַריינ-

געפֿאַלן אין אַ געפֿענגעניש, אָבער די גוטע פֿרוי האָט אים אויך דערמאָלט נישט פֿאַרלאָזט, און זי האָט דאָרט אַהין געבראַכט צו איר מאַן עסן און טרייסט־ווערטער.

רבנו גרשום איז עס טאַקע דער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם באַוווסטן אסור צו האָבן צוויי פֿרויען.

אַלזאָ, האָט „פּראָפֿעסאָר“ האָראָוויטש געמאַכט פֿון דער גאַנצער מעשה אַ פּיעסע.

קעסלער האָט געשפּילט די ראָל פֿון „ר׳ גרשום“. די סצענע האָט פֿאַרגעשטעלט דאָס געפֿענגעניש. ר׳ גרשום שטייט פֿון אויבן. אַרום און אַרום איז אַ געשלאָסענע מויער. קיינער קאָן צו אים נישט צוקומען. אויך קיין עסן קאָן צו אים נישט צוקומען, און אָט באַווייזט זיך זיין פֿרוי, די גוטע פֿרוי, און זי הויבט אָן צו שמועסן מיט איר מאַן, און דערנאָך דאַרף זי זיך אָנהויבן מיט אים צו באַראַטן וועגן דעם, ווי אַזוי ער זאָל באַקומען עסן. דאָ דאַרף ר׳ גרשום איר זאָגן, אַז זי זאָל נעמען אַ מאַי־קיפּער 1), וואָס קלעטערט אויף די גלייכע ווענט און צו זיין עק צובינדן אַ פּעקל מיט עסן, אַרויפֿשטעלן דעם מאַי־קיפּער אויף דער וואַנט פֿון געפֿענגעניש, און אַזוי נאָך וועט דאָס עסן קומען צו אים.

באַלד נאָכדעם דאַרף ר׳ גרשומס פֿרוי אַרויסגיין הינטער דער בינע, ברענגען אַזאַ מאַי־קיפּער און צובינדן דאָס עסן. געוויינלעך, איז שוין געווען איינגעאָרדנט אַזוי, אַז דורך אַ געוויסע מאַשינעריע גייט דער מאַי־קיפּער מיטן עסן אַרויף אינדערהויך.

דאָס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסער בינע־עפֿעקט.

איז דאָך אָבער קעסלער נישט געווען אויף די פּראָבן, און ער ווייסט נישט פֿון דער גאַנצער געשיכטע. ער ווייסט אויך נישט, וואָס עס איז אַזעלכעס מאַי־קיפּער, און ווען דער סופֿליאָר זאָגט צו אים:

— גיי, ברענג אַ מאַי־קיפּער, וועל איך אַזוי נאָך באַקומען עסן —

1) אַז אַ וואָרם.

גיט זיך קעסלער אַ שטעל אַוועק, און אַ זאָג צום סופּ־ליאַר הויך אויפן קול:

— האַ, וואָס?

פוילט זיך נישט דער סופּליאָר, און זאָגט שוין העכער:

— גיי, ברענג אַ מאַי־קיפּער.

זאָגט קעסלער:

— גיי אויף מיין קבר, וועל איך אַזוינאָך באַקומען עסן.

צעלאַכט זיך דער סופּליאָר אין קעסטל, און שרייט:

— נישט מיין קבר, נאָר אַ מאַי־קיפּער.

— ווייסט אָבער קעסלער נישט, וואָס מ'וויל פון אים, און ער זאָגט:

— גיי אויף מיין קבר און שטעל זיך אויף אַ קופּער [1].

דער סופּליאָר גייט שוין אַרויס פון די כלים, און שרייט:

— מען קען נישט גיין ווייטער! קעסלער, זאָגט מאַי־קיפּער.

קעסלער קאָן זיך בשום אופן נישט אָריענטירן וואָס דער סופּליאָר וויל, און ער שרייט אויס:

— נישט אויף מיין קבר, נאָר אויפן קבר פון מחבר, פון מחברניו פון אַזאַ ליכטיקער פּיעסעניו.

דערזעט דאָך שוין דער סופּליאָר, אַז קעסלער וועט דאָס וואָרט „מאַי־קיפּער" נישט אַרויסזאָגן, ווייזט ער צו דער אַקטריסע, וואָס שפּילט ר' גרשומס פרוי, אַז זי זאָל אַרונטערגיין הינטער די קוליסן, און ברענגען דעם מאַי־קיפּער, און אים אַרויפשטעלן מיטן עסן אויף דער מויער.

ווען די אַקטריסע איז אַריינגעקומען און אַרויפגעשטעלט די בלעכערנע מאַשינקע אויף דער מויער, האָט קעסלער, וועלכער האָט געדאַרפט זיין זייער ערנסט, זיך שטאַרק פאַנאַנדער־געלאַכט, און אָנגעהויבן זיך מאַכן משוגע:

— זע נאָר די צאַצקע, אַ קלאָג צום מחבר — האָט ער געשריגן — קוקט נאָר אָן די בלעכערנע כלי.

---

1) אַ קאַסטן.

פארשטייט זיך, אַז פון דער גאַנצער דראַמע איז אַרויס־געקומען אַ נאַרישער שפּאַס.

אַט אַזוי האָט זיך קעסלער נוקם געווען אין „פּראָפע־סאָר" פאַר זיין „קונסט"־פּיעסע.

(דערציילט פון אברהם פישקינד)

31. די „הבימה" זאָל שפּילן רעליגיע.

ווען די „הבימה" האָט גאַסטראָלירט אין אַמעריקע, האָט זי דאָרט אויפגעפירט אַנסקיס „דבוק". די ראָל פון „צדיק" פלעגט שפּילן דער אַקטיאָר טשעמערינסקי.

איינמאָל קומט צו אים א רייכער ייד, אַ „פּרעזידענט" פון אַ שול, און זאָגט, אַז ער וויל מיט אים עפּעס רעדן. טשעמערינסקי האָט אים פאַרבעטן אויף צומאָרגנס.

דער ייד איז געקומען, און נאָכדעם, ווי ער האָט גע־מאַכט קאָמפּלימענטן דעם אַקטיאָר פאַר זיין שפּילן זייער יידיש־לעך און פּשוט דעם רבין, האָט ער פאָרגעלייגט, אַז אַזוי ווי עס איז איצט אַ ביסל שוואַכער געוואָרן מיט יידישקייט אין אַמעריקע, און מ'דאַרף די שול־יידן פאַרבייטן דעם ביז איצ־טיקן צערעמאָניאַל און שאַפן אַ נייעם אינהאַלט פאַר דעם רע־ליגיעזן לעבן, אָדער ריכטיקער, א נייע פאָרם, דעריבער וואָלט געווען א פּלאַן, אַז די „הבימה" זאָל געבן יעדן שבת אָדער זונטיק אַ פאָרשטעלונג אין דער שול. די פאָרשטעלונג זאָל נישט זיין פון דער אָדער יענער דראַמע, נאָר א „רעליגיע־שפּיל". די אַקטיאָרן זאָלן שפּילן — רעליגיע.

(איבערגעגעבן פון ב. צ. גאָלדבערג)

32. אויף ציוניסטישע לידער — קיין סענט.

אַ וואַנדער־טרופּע איז אָנגעקומען אין שטעטל ביבער־פאָלס, פּענסילווייניא־סטייט, אין אַמעריקע, שפּילן טעאַטער. איז אָבער דאָרט נישט פאַראַן קיין טעאַטער־זאַל, נאָר א האָל 1),

1) זאַל.

אין ווען עס געפינט זיך די שול, גייט דער פאָרשטייער פון דער טרופע אוועק צום פרעזידענט פון דער שול, אַז ער זאָל דערלויבן דאָרט צו שפּילן, זאָגט ער אָפּ, ווייל עס וואָלט געווען א חילול-הקודש.

רעקאָמענדירט צום פרעזידענט האָט עפּעס א יידישער קצב, און דערהערנדיק פון אָפּזאָג, האָט ער אָנגעוויזן אויף עפּעס אַ הער, וואָס האָט כּלל נישט אויסגעזען ווי אַ ייד, וואָס איז אָבער געווען דער באַלעבאָס פון האָל.

דער פאָרשטייער פון דער טרופע גייט צו דעם מאַן, דערציילט אים, אין וואָס פאַרא לאַגע די טרופע געפינט זיך און, אַז זי וויל נאָר דאָ מאַכן אויף הוצאות ווייטער צו פאָרן, דעריבער בעטן זיי אים, אַז ער זאָל זיי פאַרדינגען דעם האָל.

דער מאַן וויל גאָרנישט הערן דערפון. דער אַקטיאָר שטייט אָבער נישט אָפּ, און דאָ פרעגט פּלוצלונג דער הער, וואָס זעט אויס ווי אַ גוי:

— איר וועט זינגען ציוניסטישע לידער אויך?

— געוויס, מיר שפּילן דאָך „שולמית", און דער אַקטיאָר צעזינגט זיך:

„דאָרטן אין בית-המדרש..."

— אויב אַזוי, אויב ציוניסטישע לידער, גיב איך אייך דעם זאַל אָן אַ סענט.

(דערציילט פון אברהם ליטמאַן)

33. יעדוואַבס רעזשי.

אין פוילן האָט ביז מיט אייניקע יאָר צוריק געשפּילט אויף דער בינע אַ באַקאַנטער כאַראַקטער-קאָמיקער הערשל יעדוואַב. באַזונדערש האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט לייענען הומאָריסטישע מאָנאָלאָגן. אָבער אויסער אויף דער בינע, איז ער אויך אין לעבן געווען זייער א לוסטיקער חברה-מאַן, און פון אים שטאַמען זייער פיל ווערטלעך. באַזונדערס אָבער איז פּאָפּולער זיינס אַ ווערטל, וואָס גייט אונטערן נאָמען „יעדוואַבס רעזשי".

ווי באַוווּסט, זענען אין יידישן טעאַטער ביז די לעצטע יאָרן נישט געווען קיין ספּעציעלע רעזשיסאָרן. יעדער אַקטיאָר, איבערהויפּט דער הויפּט־ראָליסט, האָט אויפגעפירט אַ פּיעסע. ערשט מיט איניקע יאָר האָט מען אָנגעהויבן אנגאַזשירן ספּעציעלע רעזשיסאָרן, אָדער לכל הפּחות אַקטיאָרן, וועלכע גיבן זיך דער עיקר אָפּ מיט דער רעזשי פון די פּיעסן, און זייער שפּילן איז אַ נעבן־זאַך.

ווען יעדוואַב האָט דערהערט, אַז מען נעמט צו אַ רעזשיסער אין דער טרופּע, אין וועלכער ער האָט געשפּילט, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— איך ווייס נישט, צו וואָס מען דאַרף אַ רעזשיסאָר. איך האָב מיר שוין מיין רעזשי: שטייט דער ליבהאָבער אויף דער רעכטער זייט, שטיי איך אויף דער לינקער זייט. קומט אַרויף דער הויפּט־ראָליסט, לאָז איך זיך אַרויס אין פראָנט, און איך גיי מיר אין אַ ווינקל. טאָמער קומט אָבער אַרויף זיין ווייב, די מרשעת, טראָג איך מיך אינגאַנצן אָפּ פון דער בינע... טאָ, צו וואָס דאַרף איך דאָ אַ רעזשיסאָר, אַז איך האָב מיר מיין רעזשי?!

(דערציילט פון זישע קאַץ)

34 צו וואָס מען באַקוקט אים.

איצט איז שוין כמעט אין אַלע יידישע טעאַטערס פון אייראָפּע אָפּגעשאַפט געוואָרן דער מנהג פון בענעפיסן פאַר די אַקטיאָרן. אָבער פאַר דער מלחמה איז דאָס געווען אַן עפּידעמיע. יעדער אַקטיאָר האָט זיך געשטעלט כאָטש צוויי בענעפיסן אַ יאָר, און אַ וואַנדערענדער אַקטיאָר האָט געהאַט עטלעכע בענעפיסן אַ יאָר.

על־פּי־רוב פלעגט דער אַקטיאָר שטעלן דעם בענעפיס, וואָס האָט אויך געהייסן „ערן־אָוונט“, נישט מחמת כבוד, נאָר פשוט צו כאַפּן אַ שטיקל מטבע. די שכירות פלעגן נישט קלעקן אויף חיונה, מען פלעגט אַריינקריכן אין חובות, און דער בענעפיס פלעגט שוין אַרויסראַטעווען פון אַלע צרות. יעדער

אַקטיאָר האָט דאָך אביסל באַקאַנטע, פריינט און פאַרערער, פלעגט ער נעמען דאָס ביכל בילעטן און אַרומגיין צווישן זיי פאַרקויפן.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין גרויס כבוד האָט עס דעם יידישן אַקטיאָר נישט צוגעגעבן.

איינמאָל גייט אַזוי דער אַקטיאָר א. ט. אין לאָנדאָן צו־אויף דער גאַס צו אַ העט, אויף וועלכן מען האָט אים אָנגע־וויזן, אַז ער איז זיינער אַ פאַרערער, און לייגט אים פאָר צו קויפן אַ בילעט.

דער העט באַקוקט אים שטאַרק, דערנאָך בעט ער דעם אַקטיאָר זיך אויסצודרייען, דאַן באַטראַכט ער אים דאָס פנים, די הענט און די פיס.

דער אַקטיאָר שטייט פאַרוואונדערט. ענדלעך פרעגט ער:

— וואָס באַקוקט איר אין באַטאַפּט מיך אַזוי?

— פאַרשטייט איר מיך — ענטפערט אים דער העט — איר לייגט מיר פאָר צו קויפן אַ בילעט אויף אַ בענעפיס. בענעפיס הייסט לטובת, נאָר פאַרשטיי איך לטובת א קראַנקן. זאָגן מיר לטובת אַ קראַנקן איפן קאָפּ, אויף אַן אויג, אויף אַ האַנט, אויף אַ פוס, זוך איך אלזאָ וואָס עס פעלט אייך...

(דערציילט פון אהרן נאגער)

35. ער וועט שוין טון!

דער אַקטיאָר אדאָלף שראַגע אין אַמעריקע איז געווען באַקאַנט אלס אַ גרויסער לץ, אָבער ווען ער איז געקומען אויף די עלטערע יאָרן, האָט ער געמוזט ווערן אַ ביסל ערנסטער, ווייל עס האָט זיך אָנגעהויבן די דאגת פרנסה. עס איז געווען שווערלעך פאַר אים צו באַקומען אַ דזשאָב *) אין אַ טרופּע, ווייל זיינע ניצן זענען שוין געווען צוויפלהאַפטע. באַזונדערס איז ער נישט געווען שטאַרק מרוצה דעם באַקאַנטן שוישפּילער

*) פּאָסטן, שטעל, באַשעפטיקונג.

יעקב פ. אדלער, אָבער ע״, שראַגע, האָט זיך דורכויס גע־שפּאַרט נאָר צו שפּילן אין אַדלערס טרופּע.

איז שראַגע אַוועק אין אַקטיאָרן־יוניאָן, 1) און ווי עס איז געווירקט, אַז די יוניאָן זאָל אים צווינגען אין אַדלערס טרופּע.

ווען אַדלער איז געקומען, און דערהערט אַז די יוניאָן האָט אים אַריינגעזעצט שראַגען, איז ער געוואָרן זייער בייז, און ער ווענדעט זיך גאַנץ ערנסט צו שראַגען:

— זאָגט נאָר, איר ייד, וואָס וועט איר דאָ ביי מיר שפּילן, וואָס וועט איר מיר דאָ טון? איר האָט דאָך ביי מיר גאָרנישט וואָס צו טון.

איז דאָך שראַגע אַן אַלטער לץ, טראַכט ער נישט און ענטפערט אים:

— ע, מאָלט אייך אַז איך האָב יאָ וואָס צו טון ביי אייך, איך וועל אייך טון צו להכעיס.

(דערציילט פון לעאָן גאָטליב)

36. די ברכה פון אַ מאַמע.

על פּי רוב שטאַמען יידישע אַקטיאָרן פון פאַמיליעס, וואָס זענען פרום, און קוקן זייער קרום אויף טעאַטער. ביי זיי איז דאָס אַ שרעקלעכע אַפּיקורסות. אַן אומגליק רחמנא לצלן, פּונקט ווי געשמדט.

ס׳איז זיך דעריבער לייכט פאָרצושטעלן די שטימונג פון אַזעלכע עלטערן, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז זייערס אַ קינד גייט אויף דער בינע.

דערציילט דער אַקטיאָר ז. ק., אַז ווען זיין מוטער האָט זיך דערוווסט, אַז ער איז געוואָרן אַן אַקטיאָר, האָט זי זיך גוט צעוויינט, פאַרבראָכן די הענט און גאָכדעם ווי זי האָט מיט אים איינגעטענהט און געזען, אַז ס׳וועט שוין גאָרנישט העלפן, האָט זי פול מיט שרעק אַ קוק געטון אויף איר יונגן זון און ערנסט אויסגערופן.

---

1) אַרטיסטן־פאַריין.

— רבונו של עולם, מילא, מיין זישע איז דאָך שוין פאַרפאַלן, נור איך בעט דיך, וואָס איך בין נישט ווערט אָנצורופן דיין נאָמען, אַז ווען מיין יונגערער זון משהלע וועט אויסוואַקסן, זאָל שוין מער קיין זכר נישט זיין פון יידישן טעאַטער. אַז איך זאָל וויסן זיין, אַז כ'בין שוין באַהיט דערפון, אַז ער זאָל זיין אַן אַקטיאָר.

(דערציילט פון זישע קאַץ)

37. דער פּריסטאַוו [1]) זאָגט עדות.

דער באַקאַנטער טעאַטער-דירעקטאָר גוזיק האָט אין 1912 געשפּילט אין קאָוונע, וואָס האָט דאַמאָלט געהערט צו רוסלאַנד. דאָס טעאַטער פלעגט גוט באַזוכט ווערן, כאָטש ער האָט אויפגעפירט אַלטע פּיעסן. אַ סך יידן האָבן דאַמאָלס געפירט מסחרים מיט וואַרשע, און ווי געוויינלעך, אַראָפּקומענדיק קיין וואַרשע, האָבן זיי זיך אויך אַריינגעכאַפּט אין יידישן טעאַטער. דאַמאָלט האָט מען גראָד געשפּילט „דאָס פּינטעלע ייד״ און גאַנץ וואַרשע איז געגאַנגען צו דער פּיעסע.

ווען אייניקע סוחרים זענען צוריקגעקומען פון וואַרשע, האָבן זיי צווישן אַנדערעס זיך אויך אָנדערציילט פון „פּינטעלע ייד״, אַזוי, אַז דער טעאַטער-עולם האָט אָנגעהויבן צו פאַרלאַנגען, אַז גוזיק זאָל אויך שפּילן דאָס „פּינטעלע ייד״.

ווען די טרופּע האָט דאָס דערהערט, האָבן די אַקטיאָרן אָנגעהויבן אַרומצוגיין אָן קעפּ, וואָרום, ווו נעמט מען די פּיעסע, אַז בסך־הכל איז זי אַ געשריבענע און סיי די אַקטיאָרן און סיי גוזיק ווייסן אפילו נישט די האַנדלונג פון דער פּיעסע.

אָבער גוזיק אַליין האָט זיך נישט פאַרלוירן, ער האָט גענומען עפּעס אַ גאָר אַלטע פּיעסע, וועלכע ער האָט אין קאָוונע נאָך נישט געשפּילט, און אַוועק צום פּריסטאַוו, האָט צוגעשריבן צום אַלטן נאָמען פון דער פּיעסע אויך דעם נאָמען פון „פּינטעלע ייד״, עס געלאָזט צענזורירן און דאַן איז ער געקומען צו דער טרופּע און געגעבן אַ פּריקאַז:[2])

1) א פּאָליציי-פאָרשטייער אין רוסלאַנד.
2) באַפעל, אָרדער.

— חברה, איבערמאָרגן, פרייטיק, גייט ביי אונדז „דאָס פינטעלע ייד".

די אַקטיאָרן, וואָס האָבן נישט געוווּסט, וואָס גוזיק האָט געטון, זענען געווען זייער פאַרחידושט.

— האַ, ווי אַזוי וועלן מיר באַוויַיזן אין משך פון צוויי טעג אויפצופירן „דאָס פינטעלע ייד"?

אָבער גוזיק האָט פון גאָרנישט געוואָלט הערן, אויב מען וועט נישט שפּילן „דאָס פינטעלע ייד" — האָט ער געטענהט— וועט דער עולם אויפהערן צו קומען אין טעאַטער, מ'מוז אַלזאָ צוליב טון דאָס פּובליקום.

ווען מען האָט אָנגעהויבן צו מאַכן פּראָבעס אויפן „פּינ-טעלע ייד", האָבן די אַקטיאָרן דערזען, אַז ס'איז גאָרנישט די פּיעסע, וועגן וועלכער די געסט פון וואַרשע רעדן, אָבער גוזיק האָט זיי באַרויקט, אַז דאָס פּובליקום וועט זיך נישט כאַפּן דערויף.

פאַרשטייט זיך, אַז פרייטיק צו דער פּרעמיערע איז דאָס טעאַטער געווען איבערפולט. דער עולם, וואָס איז אין וואַר-שע נישט געווען, און דאָרט נישט געזען „דאָס פינטעלע ייד", האָט די פּיעסע זייער גוט אויפגענומען אַלס דאָס ריכטיקע „פּינ-טעלע ייד". אין זאַל זענען אָבער געווען איינציקע פון די, וועלכע האָבן די פּיעסע געזען אין וואַרשע, און ווען זיי האָבן דערזען, וואָס פאַר אַ פּיעסע מען גיט זיי אונטער דער פירמע פון „פינטעלע ייד", האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען, אַז די אַקטיאָרן נאַרן אָפּ.

עס איז געוואָרן אַ טומל, מען האָט די שרייער געוואָלט באַרויקן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. איינציקוויַיז איז די שרייער געלונגען צו געווינען דאָס פּובליקום אויף זייער זייט, אַז דאָס איז אַ פאַלש „פינטעלע ייד", און די מהומה איז גע-וואָרן אַזוי גרויס, אַז די אַקטיאָרן האָבן געמוזט אויפהערן צו שפּילן אין מיטן.

אָבער דאָ איז די אַקטיאָרן געקומען צו הילף דער פּריס-

טאָװ. ער האָט זיך אַרױפגעכאַפּט אױף דער בינע, און הױך אױפן קול האָט ער אױסגערופן:

— טומלט נישט, מײנע הערן! איך װיל „דאָס פּינטעלע ייד", טאָ שװער איך אײך, אַז דאָס איז „דאָס פּינטעלע ייד", איך האָב אַלײן אונטערגעשריבן די צענזורקע „פּינטעלע ייד", יעי באָגו. 1)

(דערציילט פון אהרן פריידענרייך)

38. טשאַרלס דיקענס איז געקומען.

געװײנלעך פירט זיך אין יידישן טעאַטער, אַז עס קומט אַ יידישער שרײבער אָדער קינסטלער אין טעאַטער, לאָזט מען אים אַרײן אָן א בילעט, און אין זײן זכות געניסט אױך זײנע אַ באַגלײטערין.

װי איז אָבער דער דין, אַז מען קומט מיט צװײ באַגלײטערינס, אָדער מיט נאָך אַ הער אָדער אַ דאַמע?

קומט זיך טאַקע אַזױ אַמאָל צו גײן אין יידישן טעאַטער אין װאַרשע דער שריפטשטעלער אפרים קאַגאַנאָװסקי מיט צװײ באַגלײטערינס, און דאָ זיצט דער פּאַרװאַלטער אַלײן בײ דער קאַסע. דערצו איז גראָד פאַראַן אַן עולם, און בײ דער קאַסע איז אַ גרױסע רײ, איז זיך קאַגאַנאָװסקי מײשב, און גיט ראַפּטום אַ גײ צו צום פּאַרװאַלטער און רױמט אים אײן אַזאַ סוד אין אױער:

— גיט מיר שנעל אַ פרײ־קאַרטע פאַר טשאַרלס דיקענס.

— װער איז דאָס? — פרעגט דער פּאַרװאַלטער.

— אַ באַרימטער ענגלישער שרײבער — ענטפערט ק. — ער האָט אַ סך געהערט פון אײער טעאַטער, און ער איז געקומען הײנט אײך באַזוכן.

פאַרשטײט זיך אַז דער פּאַרװאַלטער האָט געלאָזט אַלץ שטײן, און שנעל אַרױסגעגעבן אַ פרײ קאַרטע פאַר אַזאַ חשובן

1) אַזױ װי ס'איז פאַראַן אַ גאָט אױף דער װעלט!

גאַסט, ווי טשאַרלס דיקענס, (וועלכער איז מיט אַזויפיל יאָר צוריק שוין געשטאָרבן).

שטייט אין דער זייט אַ פּאַרוואַלטער פון אַן אַנדער טעאַטער און הערט זיך צו צו דער געשיכטע, זאָגט ער מיט אַ קרעכץ:

— ווי דען, איר האָט הצלחה, אַז ס'קומט קיין ווארשע אַ גרויסער גוייִשער שרייבער, גייט ער צו אייך. צו אונדז אין טעאַטער שמעקן דאָך אָט די חברה נישט אַריין... מען דאַרף מיט אים רעדן, אפשר האָט ער עפּעס אַ פּיעסעלע?

(דערציילט פון משה בראָדערזאָן)

39. אין טשיקאַגאָ איז נישטאָ קיין מיטוואָך.

דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע שטיצט זיך שטאַרק אויף די בענעפיס־פאָרשטעלונגען אין די וואָכן־טעג.

פרייטיק, שבת און זונטיק, ווען דער עולם אַרבעט נישט און איז דעריבער בכוח צו קומען אין טעאַטער, ווערן קיין בע־נעפיס־פאָרשטעלונגען נישט פאַרקויפט, נאָר אויף די איבעריקע טעג פון דער וואָך.

פאַלט אַמאָל איין די דירעקטאָרן פון אַ יידישער טרופּע אין טשיקאַגאָ, אַז אויף מיטוואָך דאַרף מען אויך נישט פאַר־קויפן קיין בענעפיסן. פרייטיק, שבת און זונטיק שפּילט מען, איז מאָנטיק און דינסטיק דער עולם אויסגעמאַטערט פון באַ־זוכן דאָס טעאַטער, דאָנערשטיק גרייט ער זיך שוין צו צום שבת, נו דאַרף מען מאָנטיק, דינסטיק און דאָנערשטיק ברענגען דעם עולם מיט געוואַלד אין טעאַטער, דעריבער דאַרף מען פאַרקויפן בענעפיסן. אָבער מיטוואָך איז דער עולם שוין אויס־גערוט פון שבת און זונטיק, און ביז צום קומענדיקן שבת זע־נען נאָך אייניקע טעג.

קומט זיך אַזוי אַ דעלעגאַט פון אַ חברה דינגען אַ בע־נעפיס־פאָרשטעלונג, און אינדערהיים האָט ער זיך אויך געמאַכט די זעלבע אויסרעכענונג, אַז דער בעסטער טאָג אינמיטן דער וואָך איז מיטוואָך.

מען דיסקוטירט וועגן פרייז, דערנאָך וועגן דער פּיעסע. און ווען מען קומט שוין מיט אַלץ אַדורך, פרעגט דער דירעקטאָר:

— אויף ווען ווילט איר נעמען דעם בענעפיס?

— מיטוואָך איבער דריי וואָכן!

— וואָס, מיטוואָך?

— יעס, מיטוואָך, דעם 17-טן.

— אוממעגלעך!

— פאַרוואָס? איר האָט שוין דעם טאָג אוועקגעגעבן אַן אַנדערן. נו, וועלן מיר נעמען אַ וואָך שפּעטער, מיטוואָך דעם 24.

— ניין, — פאַרשטייט איר מיך — ענטפערט דער די־רעקטאָר, — אַז איר קאָנט אויף מיטוואָך נישט באַקומען דאָס טעאַטער, ווייל אין טשיקאַגאָ איז גאָרנישטאָ קיין מיטוואָך.

— וואָס הייסט ס'איז אין טשיקאַגאָ נישטאָ קיין מיט־וואָך? — בלייבט דער דעלעגאַט שטיין צעמישט — ווי דען?

— אין טשיקאַגאָ גייען די טעג אזוי — ענטפערט זיך רויק דער דירעקטאָר — זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, דאָנערשטיק, פרייטיק און שבת. איר זענט אַ טשיקאַגער?

— יאָ.

— איז מיר טאַקע אַ וואונדער, אַז איר ווייסט דאָס נישט?!

דער דעלעגאַט שטייט א צעמישטער און ווייסט נישט וואָס ער זאָל טון. אַזויפיל יאָר האָט ער אָפּגעלעבט אין טשי־קאַגאָ, און האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז אין טשיקאַגאָ איז נישטאָ קיין מיטוואָך... דער דירעקטאָר דערזעט, אַז דער דעלעגאַט איז אַביסל צעמישט, רופט ער צו אַן אַקטיאָר, וואָס אָריענטירט זיך באַלד וואָס דאָ קומט פאָר, און ער ווענדעט זיך צו אים:

— אַ, נו, מר. ל., איז אין טשיקאַגאָ פאַראַן אַ טאָג מיטוואָך?

דער אַקטיאָר מאַכט אַן ערנסטע מינע און עכט דראַמאַטיש ענטפערט ער:

— ניין, אין טשיקאַגאָ איז נישטאָ קיין מיטוואָך.

ווערט שוין דער דעלעגאַט נאָכמער צעמישט, און דער די־רעקטאָר פרעגט אַלץ בסדר אַקטיאָרן, און אַלע ענטפערן בפה

אחד, אַז אין טשיקאַגאָ איז קיין מיטוואָך נישטאָ. אין טשיקאַגאָ גייען: זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, דאָנערשטיק, פרייטיק און שבת.

זעט דער דעלעגאַט, אַז אַלע ווייסן דאָס, נאָר נישט ער, נעמט ער די בענעפיס־פאָרשטעלונג אויף דאָנערשטיק, וואָס איז אַ דאַנק גאָט יאָ דאָ אין טשיקאַגאָ.

(דערציילט פון בענני ראָזנבוים)

40. ער שפילט אַליין דעם פריסטאַוו!

דער אַקטיאָר היימאַן מייזל אין ניו־יאָרק, וועלכער איז איצט פאַראַליזירט און שפילט היינט מער נישט, איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען באַקאַנט אלס אַ גרויסער לץ, וואָס האָט ליב געהאַט אָפּצוטון פאַרשידענע שפיצלעך. אויסערדעם פלעגט ער האָבן אַ טבע זיך אָפּט צו פאַרטראַכטן, און דאַן פלעגט ער ממש פאַרגעסן ווו ער איז ערגעץ אויף דער וועלט.

מייזל האָט אייניקע סעזאָנען געשפּילט מיט יעקב פּ. אַדלער אין גרענד־טעאַטער אין ניו־יאָרק אין לאַטיינערס אַ פּיעסע. זיין ראָל איז געווען אַ רוסישער פּריסטאַוו, וואָס טראָגט צוויי אַנזעצוויקע באַקנבערד. פון גרענד־טעאַטער איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן צו שפילן אין אַן אַנדערע טרופּע, אין פּיפּלס־טעאַטער.

גייט ער אַזוי איינמאָל אינאָוונט צום טעאַטער, ווו ער דאַרף שפילן די ראָל פון אַ הויז־באַזיצער אין ליבינס אַ פּיעסע. אויף אַ געוויסער גאַס פאַרקוקט ער זיך דערווייל אויף אַן אַפיש פון גרענד־טעאַטער, אין וועלכן מען שפּילט גראָד די זעלבע פּיעסע פון לאַטיינערן, אין וועלכן ער האָט געשפילט די ראָל פון פּריסטאַוו. פאַרגעסט ער זיך אויף אַ רגע, מאַרשירט צו אין פּיפּלס־טעאַטער, גייט אַריין אין זיין גאַרדעראָבע, טוט זיך אָן רוסישע פּאָליציי־קליידער, גרימירט זיך אָן אלס דער פּריסטאַוו מיט די צוויי אַנגעשוואָלענע באַקנבערד, און גייט אַט אַזוי אַרויף אויף דער בינע.

אַז מייזל איז אַרויף אויף דער בינע, און אָנשטאָט אַ יידישן

לענדלאָרד 1) פון עכט יידישן קוואַרטאַל אין אַמאַליקן ניו-יאָרק, האָט זיך גאָר באַוויזן אַ רוסישער פּריסטאַוו, איז געוואָרן אַ טומל אין טעאַטער. און די אַקטיאָרן אויף דער בינע זענען געוואָרן צעמישט און אָנגעהויבן שרייַען:

— מייזל, וואָס טוט זיך מיט דיר, דו שפּילסט דאָך היינט גאָר אַ לענדלאָרד.

ערשט דאַמאָלס איז מייזל געקומען צו זיך און איז אינמיטן שפּילן אַראָפּ פון דער סצענע.

(דערציילט פון לעד פּענסיל)

41. נעבעך אויף אַ פאַלשע אַדרעס.

אין רעפּערטואַר פון דער „ווילנער טרופּע" איז געווען אויך אַנדרעיעווס פּיעסע „די טעג פון אונדזער לעבן".

די פּיעסע איז, ווי באַוווּסט, נישט קיין באָמבאַסטישע, און אַנטהאַלט מער שטימונגס-סצענען ווי אַקציע.

ווען די „ווילנער טרופּע" האָט אַ קורצע צייט געשפּילט אין ליפּצין-טעאַטער אין ניו-יאָרק, ווו אַנדערע טרופּעס פלעגן ביז דאַמאָלס שטעלן על פּי רוב מעלאָדראַמאַטישע פּיעסן פון סיגעל, קאַלמאַנאָוויטש און שטיינבערג, האָט זי דאָרט אויך אויפגעפירט „די טעג פון אונדזער לעבן".

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס טעאַטער איז ווייטער באַזוכט געוואָרן פון פריערדיקן פּובליקום.

איין באַזוכערין זיצט אַמאָל אַזוי אויס אויף דער גאַנצער פאָרשטעלונג פון „די טעג פון אונדזער לעבן". זי הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין אַ וואָרט, און דערצו וואַרט זי נעבעך אומזיסט אויף אַ לידל, אַ קופּלעטל, אַ טענצל.

ענדלעך האָט מען געענדיקט די פאָרשטעלונג. דער עולם גייט אַהיים, און די פרוי לאָזט זיך מלא כעס צום מענעדזשער פון דער טרופּע:

— סעי, מיסטער, ווער האָט עס אָנגעשריבן אָט די ליכ-

1) הויזבאַזיצער.

טיקע שאָו 1) -- שטיינבערג? אַז ברעכן זאָל ער הענט און פיס אַזאַ טייערער שרייבער איז ער!

(דערציילט פון פּאָליא וואָלטער)

42. נאָך נישט, ס'איז נאָך צייט.

אַ טרופּע שפּילט אין מאַנטשעסטער (ענגלאַנד) אין אַ האָל אָן לייסענס 2). פּאָליציי האָט זיך דערפון דערוווּסט און צוגע=שיקט פּאָליציאַנטן איבערצורייסן די פאָרשטעלונג. די פּאָליציאַנטן זענען אַרויף אויף דער בינע און אָנגעהויבן אַראָפּפירן די אַקטיאָרן.

געשפּילט האָט מען „די בלינדע יתומה” און אין דער פּיעסע איז פאַראַן אַ סצענע אין וועלכע פּאָליציי דאַרף אַרויפ=קומען און אַרעסטירן די פּערזאָנען, וואָס געפינען זיך גראָד אויף דער בינע. ווען דער סופלער האָט דערזען די פּאָליציי אויף דער בינע און געמיינט, אַז דאָס זענען די אַקטיאָרן, וואָס דאַרפן שפּילן די פּאָליציאַנטן, האָט ער גענומען צו זיי שרייען צוזרשט אין דער שטיל און דערנאָך וואָס אַמאָל העכער אויפן קול:

— נאָך נישט, באַהעלפערס, נאָך נישט, עטלעכע סצענעס שפּעטער, ס'איז נאָך צייט צו דער סצענע!..

(דערציילט פון בערנארד פישמאַן)

43. ווי אַזוי אַ ישיבה=בחור פלעגט רעדן יידיש.

היינט ווייס מען שוין מער נישט דערפון, אַז אַן אמתער אַקטיאָר דאַרף אויף דער בינע רעדן דייטשמעריש. אַמאָל אָבער איז דאָס געווען איינס פון די וויכטיקסטע באַדינגונגען צו זיין אַן אַקטיאָר.

דערציילט ווענן דעם דער אַלטער אברהם פישקינד: איך פלעג תמיד שפּילן די ראָל פון פשוטע יידן: מלמדים, חזנים,

---

1) פּיעסע.

2) דערלויבעניש.

גזיווע, ערלעכע מענטשן, וואָס מאַכן דעם עולם לאַכן מיט זייער נישט געקינצלטקייט. איך בין געווען, ווי מען רופט דאָס, אַ כאַראַקטער־קאָמיקער.

גראָד האָט מיך דער מזל אַריינגעוואָרפן אין אַ טרופּע, ווו מען האָט גערעדט לויטער דייטש. יידיש איז דאָרט געווען אין גלות און דאָס האָט מיך געמאַכט זייער שלעכט פילן. אָבער וואָס טוט מען נישט צוליב פּרנסה, איבערהויפּט. אַז מען האָט אַ ווייב מיט קינדער און קיין געלט אין באַנק האָט מען נישט?

איינמאָל גיט מען מיר צו שפּילן די ראָל פון אַן אָרימען ישיבה־בחור, וואָס עסט טעג. פאַרשטייט זיך, אַז איך רעד יידיש, אָבער צוקומענדיק צו אַן אָרט, ווו איך זאָג:

— איך האָב נישט וווּ צו עסן מאָנטאָג.

שפּרינגט אויף דער דירעקטאָר מיט אַ פאַרקרומט פּנים פאַר כעס און גיט אַ געשריי:

— ווי אַזוי זאָגסטו? וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּראַכע?

איך האָב זיך אַרומגעקוקט מיט אַ צומישטן בליק, האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל פון מיר און האָב נאָכאַמאָל איבערגעזאָגט:

— איך האָב נישט וווּ צו עסן מאָנטאָג.

דער דירעקטאָר איז צו מיר צוגעלאָפן ווי אַ ווילדע חיה און אָפּשטופּנדיק מיך אין אַ זייט האָט ער אויסגעדונערט:

— מאָנטאַגען, מאָנטאַגען דאַרף מען זאָגן, מאָנטאַגען. ווילסט שפּילן טעאַטער, דאַרפסטו רעדן ווי מיר אַלע רעדן, וואָרום ווער וועט דיך פאַרשטיין, ווען דו וועסט זאָגן מאָנטאָג?

איך האָב גענומען טענהן, אַז די אַקצענטירונג דאַרף פאַלן אויף דעם ערשטן האַלבן וואָרט „מאָן" און דאָ וועל איך גאָר באַטאָנען „האַגען". אָבער דער דירעקטאָר האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, אַז מען וועט מיך נישט פאַרשטיין, און וואָס קלערט איר? — איך, דער ישיבה־בחור, מיט אַ פאַרוויינט פּנים, האָב מיט אַ פאַרשטיקט קול, געמוזט זאָגן:

— איך האָבע נישט וווּ צו עסן די מאָנטאַגען!

(איבערגעגעבן דורך אַלטער עפּשטיין)

44. פוז אַמעריקע וויל מען ווייניסער.

אַ געוויסער דירעקטאָר דעפּעשירט אַמאָל צו מאַרק אַרנ־שטיינען, אַז ער זאָל קומען צו אים מיט אייניקע פּיעסן. אַרנ־שטיין איז געקומען און מיטגעבראַכט מיט זיך פינף פּיעסן, דערפון אייניקע זיינע אָריגינעלע, און אייניקע איבערזעצונגען פון הויפּטמאַן און סטרינדבערג.

אַריינגעקומען, פרעגט אים דער דירעקטאָר:

— נו, איר האָט געבראַכט פּיעסן?

— יאָ.

— ווייזט זיי מיר!

אַרנשטיין האָט אַרויסגענומען די פּיעסן און זיי געגעבן דעם דירעקטאָר. יענער נעמט זיי אין דער האַנט ווי צום וועגן און פרעגט:

— וויפיל ווילט איר פאַר זיי?

אַרנשטיין קוקט פאַרחידושט אָן דעם דירעקטאָר און זאָגט:

— אָבער איר מוזט דאָך צוערשט וויסן וואָס פאַר אַ פּיעסן איך האָב, פון הויפּטמאַן און סטרינדבערג.

— וואָס טויג מיר צו וויסן, ווער קען דען דידאָזיקע שרייבער? — און דער דירעקטאָר האַלט ווייטער די פּיעסן אין האַנט און וועגט זיי.

— וויפיל ווילט איר פאַר זיי? — פרעגט ער.

— 800 רובל.

— וואָס טוט זיך מיט אייך? — ענטפערט דער דירעק־טאָר, און וועגט אַלץ די פּיעסן — אָט האָב איך מיט צוויי וואָכן צוריק באַקומען אַ גרעסער פּעקל פּיעסן פון אַמעריקע, און האָב דערפאַר באַצאָלט נאָר 400 רובל.

(דערציילט פון מאַרק אַרנשטיין.)

45. אויב שוין יאָ חזיר, טאָ זאָל רינען איבער דער באָרד.

קיין וואַרשע איז געקומען אַ טרופּע הונגעריק און באָר־וועס, און דער צופאַל האָט גראָד געוואָלט, אַז מארק אַרנשטיין זאָל זיך פאַרבינדן מיט דער טרופּע, און, ווי געוויינלעך, האָט ער פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן שטעלן אַ ליטעראַרישן רעפּערטואַר.

די טרופּע האָט זיך געלאָזט צורעדן, און געשטעלט אַ ליטעראַרישע פּיעסע, און ס'איז טאַקע געווען אַ „ליטעראַרישער סבאָר", דאָס הייסט, אַז ס'איז קיין עולם נישט געקומען, באַלד דערויף האָט די טרופּע משלח געווען אַרנשטיינען.

אַרנשטיין איז אָבער נישט מיד געוואָרן, און ס'איז אים געלונגען איבערצורעדן דעם רעזשיסער פון דער טרופּע ה' קרוי־זע, אַז מען זאָל ווידער פּרוּוון שטעלן אַ ליטעראַרישע פּיעסע.

קרויזע האָט מסכים געווען און דערקלערט:

— איך בין נישט קיין קעגנער פון ליטעראַטור, פאַרקערט, איך בין אויך דערפאַר, אַז מ'זאָל שפּילן ליטעראַרישע פּיעסן, נאָר זאָל כאָטש זיין אַ גרויסע הכנסה אין קאַסע. ווי זאָגט מען עס: ממה נפשך, עסט מען חזיר, זאָל כאָטש רינען איבער דער באָרד...

(דערציילט פון מארק ארנשטיין)

46. ווערט זיין נאָך אַ דראַנג.

סוכּות־צייט קומט זיך צונויף קיין לעמבערג צו דער דאָר־טיקער סטאַבילער יידישער טרופּע אַ שוואַכער אַקטיאָר, וואָס וואַנדערט נעבעך פון איין טרופּע צו דער אַנדערער, און ווערט אין ערגעץ נישט צוגענומען.

אין לעמבערג האָט ער טאַקע אויך נישט שטאַרק נושא חן געווען. געזאָגט האָט עס אים קיינער נישט, נאָר אין דער „וואַרעמער" באַציונג פון דירעקטאָר האָט ער עס דערקענט.

שטייט זיך אַזוי דער אַקטיאָר אויף דער בינע, און זינגט זיך אַ ליד, וואָס פּאַסט זיך שטאַרק צו צו דעם אין וואָס ער

גוויטיקט זיך אַזוי, ער זינגט דעריבער דאָס ליד מיט געפיל און גשמהדיק.

דאָס ליד האָט אַ רעפריין:

„נעמט מיך, נעמט מיך, ליבע מענטשן".

גייט זיך פאַרביי דער דירעקטאָר הינטער די קוליסן, און הערט די ווערטער, רופט ער זיך אָפּ:

מילא, פאַרפאַלן, אז איר בעט זיך אַזוי, וועל איך אייך שוין צונעמען. עס איז דאָך סוכות, וועט זיין נאָך אַ דראַנג צו דער סוכה...

(דערציילט פון לעאָן קאַליש)

47. הלוואי זענען אַלע אַקטיאָרן טויב.

צווישן די יידישע שוישפילער האָבן זיך אויך געפונען אייניקע טויבע. אַזוי איז איינער פון די ערשטע יידישע שוישפילער, וואָס האָט אָנגעהויבן נאָך מיט גאָלדפאַדענען, משה טייך (גאַזניק), געווען אַ טויבער, און ער פלעגט דערקענען די רעפליק פון זיין פאַרטנער דורך דער מימיק, וואָס דער אַקטיאָר האָט געמאַכט. זעלטן ווען זאָל האָבן געהאַט אַ טעות און פאַרשפעטיקן אָדער צו פרי אַריינפאַלן מיט זיין רעפליק.

פאַרשטייט זיך, אז טייך און די אַנדערע טויבע שוישפילער פלעגן גוט אויסלערנען זייערע ראָלן, און זיי תמיד געקענט בעסער ווי די אַנדערע אַקטיאָרן.

איינמאָל קומט משה שאַר אַריין מיט אַ טרופע קיין יאַסי. מ'שטעלט זיך מאַכן פראָבע און דאָ קען קיינער נישט זיין ראָל, אַחוץ דער טויבער אַקטיאָר ראָזענבערג. ווערט שאַר שטאַרק אויפגערעגט, און גיט אַ רוף אויס אויפן קול: — רבונו של עולם, ווי האָט מען שוין דערביי, אַז אַלע יידישע אַקטיאָרן זאָלן זיין טויב, וואָלטן זיי דאָך אַלע געקענט די ראָלן!...

(דערציילט פון איציק גאָלדענבערג)

48. א האַנטעכל פאַר צוועלף טויזנט דאָלאַר.

דער אַקטיאָר איזידאָר האָלענדער איז אייניקע יאָר געווען דירעקטאָר פון אַ טרופע מיט וועלכער ער איז אַרומגעפאָרן

איבער דער ראוד *) און מאָנטרעאַל, און די לעצטע שורה איז געווען, אַז ער האָט דערלייגט צוועלף טויזנט דאָלאַר.

פאַרשטייט זיך, אַז די שטימונג אין דער קאָמפּאַניע **) איז כסדר נישט געווען קיין פריילעכע, און אַזוי ווי מ'האָט נאָר אָפּגעשפּילט אַ פאָרשטעלונג פלעגן זיך די אַקטיאָרן שנעל פונאַנדערגיין.

האַלענדער פלעגט זיך געוויינלעך גרימירן אין אַ באַזונדערע שטוב, און אַזוי ווי בטבע איילט ער זיך נישט אויסצוגרימירן, איז אויסגעקומען, אַז ער איז געבליבן איינער אַליין אין טעאַטער. ער וויל זיך אויסגרימירן, שטעלט זיך אַרויס, אַז ס'איז נישטאָ מיט וואָס און ס'איז אַפילו נישטאָ ביי וועמען צו בעטן אַ טיכל.

פאַלט האַלענדער אַריין אין כעס און נעמט היסטעריש שרייען:

— גיט מיר כאָטש אַ האַנטיכל פאַר מיינע 12 טויזנט דאָלאַר! גזלנים, אַ האַנטיכל פאַר 12 טויזנט דאָלאַר!

(דערציילט פון איזידאָר האַלענדער)

49. אייער מאַנס — הייערמאַנס.

דאָס איז געווען אין מאָסקווע. אַ גרויסע יידישע שוישפּילערין, וואָס איר מאַן גייט אָן אַלס פּיעסן־שרייבער, האָט דעמאָלס דאָרט גאַסטראָלירט. זי פלעגט שפּילן נאָר איר מאַנס פּיעסן און פלעגט פון זיי האַלטן אַ וועלט, פאַר איר איז שעקספּיר געווען איין גרויסער מחבר און איר מאַן דער צווייטער.

מאַרק אַרנשטיין איז דעמאָלס געווען רעזשיסער ביי דער „הבימה", און גייענדיק אַמאָל אין גאַס מיט דער אַקטריסע און נחום צמח, דעם רעזשיסער פון „הבימה", האָבן זיי געפירט צווישן זיך אַ דיסקוסיע וועגן דער פראַגע, צי מ'זאָל אויפפירן הייערמאַנס פּיעסע „די האָפענונג", אָדער נישט.

*) פּראָווינץ.

**) טרופּע,

אַרנשטיין איז געווען דערקעגן. ער האָט געהאַלטן, אַז די פּיעסע האָט נישט קיין ליטעראַרישן ווערט. זי איז געווען נאָר אַן אַקטועלע און דאַן אַ לאָקאַלע. צמח איז געווען בײַ אַן אַנדער מיינונג, אָבער אַרנשטיין איז געבליבן פעסט בײַ זײַנס, און פאַרענדיקט:

— אַז איך בין קעגן הייערמאַנסעס פּיעסע.

די שוישפּילערין, וואס רעדט אַ ביסל מיט דעם דיאַלעקט וואָס פאַרבײַט אַ „ה" אויף אַן „א" און פאַרקערט, האָט בלויז דערהערט די לעצטע ווערטער, וואָס האָבן פאַר איר געקלונגען ווי: „איך בין קעגן אייער מאַנס פּיעסן", האָט זי זיך זייער אויפגערעגט:

— וואָס טשעפּעט איר זיך עפּעס מיט מיר? פאַרוואָס זײַט איר קעגן מײַן מאַנס פּיעסן?

אַרנשטיין, וואָס האָט זיך אין ערשטן אויגנבליק נישט אָריענטירט, האָט זי פאַרחידושט געפרעגט:

— ווער האָט קעגן אייער מאַן? אַז איך רעד דאָך גאָר נישט וועגן אייער מאַן!

דאָ האָט זיך די שוישפּילערין ערשט צעקאָכט:

— פון וועמען מאַכט איר חוזק? איר האָט דאָך ערשט אַליין געזאָגט, אַז איר זענט קעגן מײַן מאַנס פּיעסן.

— ווער האָט געזאָגט „אייער מאַנס פּיעסן"? איך האָב דאָך געזאָגט „הייערמאַנס פּיעסן".

— איי, פאַררעדט מיר נישט די ציין, וואָס איז דער אונטערשיד הייערמאַנס, אייערמאַנס, איר רעדט דאָס אַזוי אַרויס, און איך רעד דאָס אַנדערש אַרויס — איז די אַרטיסטקע געבליבן בײַ אירס.

און אַרנשטיינען האָט זיך בשום אופן נישט אײַנגעגעבן אויפצוקלערן דעם טעות.

(דערציילט פון מארק ארנשטיין)

50. צוויי בילעטן פאַר איין מענטש.

די פרייזן אויף בילעטן זענען פאַרשידן אין יעדן טעאַטער, אָבער אויך יעדער טעאַטער האָט פאַרשידענע פרייזן אויף די זעלבע פּלעצער. דאָס איז אָפּהענגיק ווען די פאָרשטעלונגען קומען פאָר. אַזוי קאָסטן די אָוונט-פאָרשטעלונגען טייערער ווי די נאָכמיטאָג-פאָרשטעלונגען, ווען עס קומט צו פאָרן אַ גאַסט-ראָלער זענען די פרייזן טייערער ווי אויף די געוויינטלעכע אָוונט-פאָרשטעלונגען. טיילמאָל אין מיטן וואָך ווערן איינגעאָרדנט ספּעציעלע ביליקע פאָרשטעלונגען און דאַמאָלס הייסן די פרייזן, פּאָפּולערע פרייזן.

אין אַמעריקע דאַקעגן איז איינגעפירט דאָס סיסטעם פון „צוויי באַזוכער אויף איין טיקעט”, אָדער „לײדיס 1) פריי”, דאָס הייסט, אַז דער פרייז איז אַ האַלבער ווי געוויינלעך. דאָסזעלבע סיסטעם איז אויך לעצטנס איינגעפירט געוואָרן אין רומעניע, און אַזוי ווי אַ טרופּע, וואָס איז דאָרט אַרומגעפאָרן, האָט געמאַכט שלעכטע געשעפטן, האָט זי כסדר געשפּילט פאַר „צוויי באַזוכער אויף 1 בילעט”. דערווייל האָט אין דער טרופּע אָנגעהויבן גאַסטראָלירן דער אַקטיאָר בערטאָנו, און די געשעפטן האָבן אָנגעהויבן גוט צו גיין.

איז זיך דער דירעקטאָר יאָשקע עטינגער מיישב, און שאַפט אָפּ דאָס סיסטעם פון „צוויי באַזוכער אויף 1 בילעט” און הויבט נאָך מער די פרייזן ווי געוויינלעך. אַז דער עולם האָט דערהערט, אַז די בילעטן זענען געוואָרן אַזוי טייער, קומט צולויפן אַ דעלעגאַציע און פרעגט „היתכן ?”

ענטפערט דער דירעקטאָר :

— ביז איצט האָבן מיר געשפּילט פאַר צוויי באַזוכער אויף איין בילעט, און פון איצט אָן שפּילן מיר 2 בילעטן פאַר 1 באַזוכער.

(דערציילט פון פעטער צמצמין)

---

1) פרויען, דאַמען.

51 „אויב שיין אָדער רעגן — אַ מענטש זאָל מען זיין

אין לעמבערג שפּילט זומער די יידישע טרופּע אין אַ גאָרטן. דערנעבן געפינט זיך אַ קליינער פאַרמאַכטער טעאַטער-בנין אין וועלכן מ'שפּילט ווינטער, אָדער זומער ווען עס רעגנט.

זומער ווערן די פאָרשטעלונגען אָנאָנסירט אין גאָרטן, נאָר דערביי שטייט מיט קליינע אותיות אַ באַמערקונג, אַז „אויב ס'וועט זיין שיין, ווערט געשפּילט אין גאָרטן, און אויב ס'וועט זיין רעגן, וועט געשפּילט ווערן אין פאַרמאַכטן טעאַטער".

איינמאָל צעפאַלט זיך דער זאַץ אין דער דרוקעריי, און אַזוי ווי ס'איז שפּעט, שטעלט מען אין איילעניש צוריק דעם צעוואָרפענעם אַפּיש און מ'פאַרגעסט אַריינצוגעבן עטלעכע שורות.

שפּעטער ווען דער אַפּיש האָט זיך באַוויזן אין גאַס, האָט ער זיך אַזוי געלייענט:

„יידיש טעאַטער אין זומער-גאַרטן"

היינט מאָנטיק 8.15 אינאָוונט אויב שיין (דאָ פעלט דער זאַץ) אָדער רעגן (דאָ פעלט דער זאַץ) „אַ מענטש זאָל מען זיין".

(דערציילט פון געאָרג ראָט)

52 ווען דאָס פּובליקום קומט.

געוויינלעך איז דער אָנהייב פון די אָוונט-פאָרשטעלונגען אָנאָנסירט אויף 8 אָדער 8.30 אינאָוונט, אָבער דער יידישער עולם האַלט נישט אַזוי שטאַרק פון פּינקטלעכקייט, און פאַרן אַ סך ערטער, ווו ערשט אַרום 9 אינאָוונט הויבן זיך אָן באַוויזן די ערשטע שוואַלבן פון פּובליקום.

אָבער, אַז דער זייגער זאָל שוין זיין נאָך 9 און קיינער פון פּובליקום זאָל נישט זיין, געהערט טאַקע צו די זעלטנקייטן.

קומט זיך אַמאָל אַזוי צופאָרן אַ טרופּע קיין יאַסי. אין דער טרופּע שפּילן אַקטיאָרן, וואָס האַלטן זיך פאַר סטאַרס, און גלייבן, אַז זיי האָבן אַ גרויס פּובליקום פון פאַרערער. צום סוף שלאָגט שוין דער זייגער 9 און מ'זעט נאָך אַלץ נישט קיין עולם. טראַכטן זיך די אַקטיאָרן, אַז אָט-אָט קומט דער עולם,

און זיי שווייגן. ערשט, אַז ס'גייט אַריבער אַ פערטל שעה נאָך אַ פערטל שעה, און מ'זעט אין טעאַטער אפשר אַ מנין מענטשן, קען זיך שוין דער הויפּט=קנאַקער פון דער טרופּע מער נישט איינהאַלטן, און ער גייט צו צום דירעקטאָר, און גיט אים אַזוי מיט אַ ירגזון אַ פרעג:

— כ'בעט אייך, ווען קומט דאָ דאָס פּובליקום?

דעם דירעקטאָר איז אויך גוט אָנגעווידעט אויפן האַרצן פון דער גרויסער הכנסה, און דערצו פאַרדריסט אים דער טאָן מיט וועלכן דער אַקטיאָר האָט אים געפרעגט, גיט ער אים אַן ענטפער:

— דאָס פּובליקום דאָ קומט ווען מאַלי פּיקאָן שפּילט...

(דערציילט פון אייזיק אשפּנזי)

53 מען פאַלט אין חלשות.

ווען די טרופּע קאַמינסקי=קאָמפּאַנעעץ האָט זיך צעטיילט אויף צוויי טיילן, איז געבליבן, אַז קאַמינסקיס טרופּע, וועלכע פאָרט גאַסטראָלירן קיין פּעטערבורג, זאָל דאָרט שפּילן דעם דאַמאָלסטיקן ריינעם ליטעראַרישן רעפּערטואַר (גאָרדין, ליבין און אַביסל איבערזעצונגען), און קאָמפּאַנעעץ מיט דער אַנדערער טייל טרופּע זאָלן אָנהייבן שפּילן אין וואַרשע מעלאָדראַמעס.

אָבער ווי נעמט מען עפּעס אַ לייטישע מעלאָדראַמע, אַזאַ, אַז דער עולם זאָל קומען? איז זיך קאָמפּאַנעעץ מיישב, און לאָזט מאַכן אַ פּיעסע פון שמרס אַ ראָמאַן, און דידאַזיקע פּיעסע אונ-טערן נאָמען „די בלינדע יתומה" ווערט אַזוי באַאַרבעט, אַז זי ווערט אַן עכט וואַרשעווער. די האַנדלונג ווערט אַריבערגע-פירט אויף געוויסע גאַסן פון וואַרשע, און טייל פּערזאָנען באַ=קומען נעמען פון וואַרשעווער אונטערוועלט=מענטשן. די אַקציע אין דער פּיעסע איז אַ שרעקלעכע: מען כאַפּט נעבעך אַ יתומה, מען פאַרפירט זי, דערנאָך שטעכט מען איר אויס די אויגן און נאָך אַזעלכע גוואַלדיקע זאַכן.

דער עולם, וואָס איז געקומען אויף דער פּרעמיערע, האָט די פּיעסע זייער גוט אויפגענומען, און ווען עס איז צוגעקומען

צו די טראַגישע סצענעס, זענען אייניקע פרויען געפאַלן אין חלשות.

די דירעקציע האָט דאָס באַלד אויסגענוצט אַלס רעקלאַמע פאַר דער פיעסע, און צומאָרגנס איז אין די אַנאָנסן צוגעגעבן געוואָרן אַזאַ זאַץ:

„צוליב די טראַגישע סצענעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין דער פּיעסע, ווערן נערוועזע מענטשן געבעטן נישט צו קומען.

טאָמער אָבער פאַלט ווער אין חלשות, דאַרף ער זיך נישט שרעקן, ווייל אין טעאַטער געפינען זיך ספּעציעלע דאָקטוירים, וואָס וועלן דערמונטערן דאָס געערטע פאַרחלשטע פּובליקום".

פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע אַנאָנס האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. נערוועזע מענטשן האָבן דווקא אָנגעהויבן צו גיין אין טעאַטער, וואָרום אַ פאַרבאָטענע זאַך איז דאָך גוט. און אויף דער צווייטער פאָרשטעלונג האָבן טאַקע אפשר 30 באַזוכער אַוועקגעחלשט. קיין ספּעציעלע דאָקטוירים זענען אפילו אין טעאַטער נישט געווען, נאָר די בילעטערן האָבן געהאַט מיט זיך פלעשלעך מיט אויפמונטערונגס־טראָפּן, און ווי זיי האָבן געזען, אַז איינער חלשט, האָבן זיי אונטערגעטראָגן זייער פלעשל צום שמעקן.

די דריטע פאָרשטעלונג איז געווען נאָכמער געפּאַקט, און אויף איר האָבן נאָכמער געחלשט. און אַזוי איז עס געגאַנגען אייניקע וואָכן. יעדן אָוונט איז געווען פול געפּאַקט, און אויף יעדער פאָרשטעלונג זענען אייניקע צענדליק מענטשן געפאַלן אין חלשות, ביז גאָט האָט געהאָלפן, אַז די צאָל חלשות־פאַלער האָט אָנגעהויבן ווייניקער צו ווערן, און גלייכצייטיק איז געוואָרן קלענער די צאָל באַזוכער.

עס איז אַוועק אַזוי וויַיט, אַז ס'איז אַראָפּ אַ פאָרשטעלונג, און קיינער האָט שוין נישט געחלשט.

געהערט דערפון, איז קאָמפּאָנעעך שיער אַליין נישט געפאַלן אין חלשות.

— שוין זאָל מען מיר אָנהייבן חלשן אין טעאַטער —

האָט ער אויסגערופן — וואָרום אויב נישט וועט מען אינגאַנצן אויפהערן צו קומען אין טעאַטער.

אָבער ווו נעמט מען אַזעלכע, וואָס זאָלן חלשן?

איז זיך קאָמפּאַנעעץ מיישב, אַז אזוי ווי ער האָט אין דער טרופּע איינעם אַ כאָריסט, אַ דאַר, שוואַך מענטשעלע, וואָס ברענגט סיי ווי סיי נישט קיין גרויסע נוצן, און אַזוי ווי אַ ביסל טעאַטער־שפּילן קאָן ער דאָך, וועט מען אים אַריינ־שיקן אין טעאַטער, און בעת די שטאַרקע סצענעס וועט ער סיי־בולירן אַ פאַרחלשטן, און אַזוי נאָך וועט מען אָפּראַטעווען די פּיעסע.

געזאָגט און געטון: צומאָרגנס בעת דער פאָרשטעלונג איז אין טעאַטער שוין געזעסן דער כאָריסט, און ווען ס׳איז צוגעקומען צו דער שטאַרקער סצענע, האָט ער אָנגעהויבן חלשן. די בילעטאָרן זענען, ווי געווײנלעך, צו אים שנעל צוגעלאָפן, און אים אָנגעהויבן מונטערן — אָבער, אַ נעבעכיקער טאָג.

אזוי ווי דער כאָריסט איז בטבע געווען אַ שוואַכער, האָט ער זיך בעתן קינסטלעכן חלשן אזוי איבערגענומען, אַז ער האָט טאַקע אויף אַן אמת אוועקגעחלשט, און טאַקע גאָר שטאַרק. מ׳האָט אים קוים אָפּגעמונטערט און אים תיכף געמוזט אָפּפירן צהיים, ווו ער איז געלעגן צוויי וואָכן צייט אין בעט ביז ער איז געקומען צו זיך פון יענעם חלשות.

(דערציילט פון אבא קאָמפּאַנעעץ)

54. „מיט בענעפ̃סן פאַרנעם איך זיך נישט".

דער אַדוואָקאַט טשאַרלי ווײנבלאַט, אַ זון פון איינעם פון די אַמאָליקע אָנגעזעענע אַקטיאָרן און דירעקטאָרן ישראל ווײנ־בלאַט, איז באַקאַנט אַלס אַ גרויסער לץ.

זײנע ווערטלעך זענען זייער באַליבט צווישן די אַקטיאָרן, הגם אָפט גיט ער אַ ציפּ דעם אָדער יענעם אַקטיאָר, אָבער מען איז אים אַלץ מוחל, ווײל מ׳האַלט אים פאַר אַ ייד אַ חכם.

דעם לעצטן סעזאָן איז ווײנבלאַט געווען מענעדזשער אין אירווינג פּלייס טעאַטער, און זיין שטייגער איז געווען אין

ווגט, בעת דער פאָרשטעלונג, צו שטיין נעבן דער קאַסע.

איינמאָל אין אָוונט, ווען ער איז אַזוי געשטאַנען ביי דער קאַסע איז צו אים צוגעגאַנגען אַ יינגערמאַן, און מיט אים פאַרפירט אַ שמועס וועגן קונסט בכלל און וועגן יידישן טעאַטער בפרט. און אויסגעלאָזט דערמיט, אַז לויט זיין מיינונג איז איצט די בעסטע טרופּע אין אירווינג — פּלייס טעאַטער.

פאַרשטייט דאָך ווייגבלאַט, אַז דער יינגערמאַן וויל אַריינגיין אין טעאַטער אומזיסט, שרייבט ער אים אויס אַ פּעס 1).

דער יינגערמאַן זאָגט אַ דאַנק, און נעמט זיך צו דעם פּעס פונקט ווי ער וואָלט אים געקומען.

אין אַ וואָך אַרום קומט זיך דער יינגערמאַן מיט אַ דאַמע, און גייט זיך גלייך צו צו ווייגבלאַטן:

— איך וויל אייך פאָרשטעלן מיין פרוי. איך האָב איר דערציילט וועגן דער דראַמע, וואָס מען שפּילט ביי אייך אַזוי שיין, און זי איז באַגייסטערט זי צו זען שפּילן מיט אייער קינסטלער-קעסט 2).

גיט ווייגבלאַט אַ קוק אָן מיט זיינעברילן און מיט זיין שמייכעלע דעם יינגעגמאַן, גיט אַ פּאַרצי זיין סיגאַר, און גאָרנישט רעדנדיק, שרייבט ער אים אויס אַ פּעס פאַר 2 פּערזאָן.

דער יינגערמאַן זאָגט אַ דאַנק, און נעמט צו דעם פּעס פונקט ווי ער וואָלט אים געקומען.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער יינגערמאַן ווידער דאָ, שוין נישט זאַלבעצווייט, נאָר זאַלבעדריט: ער און צוויי דאַמען. דאָסמאָל גייט ער נישט צו צו ווייגבלאַטן, נאָר שטעלט זיך אים הינטער די פּלייצעס, און רעדט מיט התפּעלות וועגן דעם טעאַטער, וועגן די אַקטיאָרן, און וועגן דער אויסגעצייכנטער דירעקציע.

ווייגבלאַט איז דערוויל נישט געשטאַנען ליידיק. ער האָט דערוויל אויסגעשריבן אַ פּעס אויף דריי פּערזאָן, און ווי אָפּ-

1) פּאַספּאַרטו, פרייקאַרטע.

2) פּערסאָנאַל, טרופּע.

גערעדט, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דעם יונגנמאַן, און אים געגעבן דעם פּאַס.

דער יינגערמאַן זאָגט אַ דאַנק, און נעמט זיך צו דעם פּאַס פּונקט ווי ער וואָלט אים געקומען.

אין אַ שטיקל צייט אַרום ווען ווייַנבלאַט איז געשטאַנען ביי דער קאַסע, קומט צו דער יינגערמאַן מיט אַ גאַנצן עולם — אַפּשר 6 פּערזאָן, באשר אַזוי ווי ס'זענען געקומען צו אים געסט פון טשיקאַגאָ, האָט ער זיך מיט זיי פונאַנדערגערעדט וועגן יידישן טעאַטער, און ער האָט זיי דערציילט וואָס פאַראַ גוט טעאַטער דאָס „אירווינג פּלייס טעאַטער" איז, און כדי צו איי־בערצייגן זיי, בעט ער אַ לאָזשע פאַר זיי.

זעט דאָך שוין ווייַנבלאַט מיט וועמען ער האָט צו טון, ביט ער אַ צי זיין סיגאַר, און אַ זאָג:

— יינגערמאַן, איך פאַרנעם זיך נאָר מיט געבן פּאַסעס, מיט ב ע נ ע פ י ס־פאַרשטעלונגען 1) פאַרנעמט זיך ביי אונדז אַן אַנדערער.

(דערציילט פון חיים ערנרייך)

55. די אַקטיאָרן האָבן נאָכגעגעבן!

אייניקע אַקטיאָרן קומען צופאָרן שבת־צו־נאַכטס שפילן אין שטעטל אמדור ביי גראָדנע. אַזוי ווי ס'איז שבת־צו־נאַכטס הייבט מען אָן אַרום 10 אינאָוונט ערשט צו מאַכן די פאָרברייטונגען צו דער פאָרשטעלונג. די פרייזן פון די בילעטן זענען פון 1 ביז 3 גילדן (אַ גילדן איז 12 סענט).

ערשט ווען דער עולם הייבט אָן צו קומען צו דער קאַסע, שטעלט זיך אַרויס, אַז מען וויל קיין בילעטן נישט קויפן,

1) אין די אמעריקאַנער יידישע טעאַטערס פאַרקויפט מען בענעפיס־פאַרשטעלונגען. ד. ה. פאַר וווילטעטיקע צוועקן. די איינאָרדנער פון אַזעלכע פאַרשטעלונגען, קויפן טיילמאָל אָפּ אַ גאַנצע פאַרשטעלונג, און טיילמאָל נאָר בילעטן אויף געווויסע סומען. יעדעס טעאַטער האָט אַ ספּעציעלן פאַרוואַלטער פאַר בענעפיס־פאַרשטעלונגען.

ווייל ס'איז צו טייער. דער עולם פארלאנגט, אז אלע בילעטן זאלן זיין צו האלבע גילדן. עס הייבן זיך אן אונטערהאנדלונגען מיט די אקטיארן. דאס פארציט זיך אזוי ביז נאך 1 ביינאכט. ביידע צדדים זענען איינגעעקשנט. די אקטיארן טענהן, אז צו האלבע גילדן לוינט זיי נישט צו שפילן. דאס פובליקום ווידער טענהט, אז מער לוינט זיי נישט צו צאלן.

בקיצור: דער גאנצער עולם ארגאניזירט זיך, און מ'גייט אהיים.

דער זייגער איז שוין האלב צוויי. די אקטיארן האלטן אם א בארטונג. זיי האבן געמיינט, אז דער עולם וועט חרטה באקומען און צוריקקומען, אבער אז דער עולם איז פארעקשנט איז דאך שלעכט, ווארום אפילו צו האלבע גילדן איז דאך אויך בעסער ווי גארנישט. נעמט מען עטלעכע יונגעלייט פון די „פאטריאטן", און מ'בעט זיי גיין מעדן דעם פובליקום, אז מ'גיט נאך דעם פרייז פון די בילעטן צו האלבע גילדן.

גייען די יונגעלייט און קלאפן ביי אלעמען אין די פענסטער:

— יידן, שטייט אויף און גייט אין טעאטער אריין. די אקטיארן האבן נאכגעגעבן!

(דערציילט פון שעפטל זאק)

.56 נאר איין שפילעכץ!

קיין סובאוואלע, נעבן גראדנע, קומט פרייטיק צופארן א יידישע טרופע שפילן אייניקע פארשטעלונגען. פארשטייט זיך, אז אין מיטן וואך לוינט נישט צו שפילן, נאר שבת און זונטיק אינאוונט.

געקומען, לאזט די טרופע ארייננשטעלן אין אייניקע פענסטער די פאטאגראפיעס פון די אקטיארן. גייען יידן פארביי, און זעען די פאטאגראפיעס, זאגן זיי:

— אוי, א קלאג, געקומען א פאטאגראפיסט. פון וועמען וועט ער ביי אונז ציען פרנסה?!

די אקטיארן לאזן זיך ארויס אין גאס זוכן אן ארט, וו-

צו שפילן, נאַטירלעך פרעגן זיי זיך קודם כּל אויפן זאַל פון די אָרטיקע פייערלעשער.

פאַראַן אַזאַ זאַל, נאָר מ'הייצט אים נישט, און אַזוי ווי אין גאַס איז אַ גרויסע פראָסט, מוז מען זוכן אַן אַנדער אָרט.

ענדלעך אויסגעפונען אַ בעקער, וואָס האָט אַ גרויסע בע־קערײַ, וועלכע וואָלט זיך זייער געפּאַסט פאַר אַ טעאַטער.

דער פאָרשטייער פון די אַקטיאָרן גייט צו צום בעקער, און פרעגט אים:

— איר וועט אונדז אָפּגעבן אײַער בעקערײַ אויף מאָרגן?

— ווער זײַנט איר?

— אַקטיאָרן.

— אַ, קאָמעדיאַנטשיקעס! וואָס וועט איר טון, איר וועט זיך קול/ע,? 1)

— יע.

— נו, גוט.

— טאָ גיט אונדז אָפּ דאָס חדר אויף שבת צו נאַכטס און זונטאָג צו אײַנצעלנע פאָרשטעלונגען. וויפל ווילט איר דערפאַר?

— 200 גילדן.

— איר זענט משוגע אָדער חסר דעה? דער גאַנצער סבאָר 2) קאָן אפשר זײַן 200 גילדן.

בקיצור, מ'קומט דורך אויף 50 גילדן, נאָר מיטן באַדינג, אַז מ'זאָל פריער באַצאָלן.

שבת נאָכמיטאָג ווילן זיך די אַקטיאָרן נעמען שטעלן מאַכן די בינע — דער בעקער לאָזט נישט. ער לאָזט אפילו נישט פאַרציען אַ דראָט אויף וועלכן מ'זאָל אויפהענגען די פאָרהאַנג. ערשט נאָך הבדלה נעמט מען זיך צו דער אַרבעט. אין־בעווייניק שטעלט מען די בינע, וואָס ווערט אײַנגעאָרדנט אויפן אויוון, מען מאַכט דעם פאָרהאַנג, און פון דרויסן שטופּט זיך שוין דער עולם.

1) דרייען, שפרינגען, מאַכן קונצן.

2) הכנסה, אײַנקויפט.

דערווײַל קומט אָן צו לויפֿן דער אײגנטימער פֿון טעאַטער — דער בעקער, אַז ער וויל, אַז אַ קלײן שטיבל נעבן דער גרויסער שטוב פֿון דער בעקערײַ, זאָל מען אים צוריקגעבן, ווײַל ער עס האָבן פֿאַר זײַן משפּחה, וואָס איז געקומען, און וויל גײן אין טעאַטער. די אַקטיאָרן זענען נישט מסכּים. זײ האָבן אים באַצאָלט און ער וויל זײ איבערגעבן „פּובליקום". ווערט אַ געשרײ, ביז די אַקטיאָרן געבן נאָך.

ענדלעך הײבט מען אָן שפּילן. די אַקטיאָרן פֿילן זיך זיכער אויף דער בינע, וואָס איז אויפֿן אויוון, און זײ דאַרפֿן נישט מורא האָבן, אַז זי וועט אײַנפֿאַלן, ווי אין אַנדערע קלײנע שטעטלעך, ווען די בינע ווערט געמאַכט אויף אַ טיר אָדער אויף ברעטער, געלײגט אויף פֿעסלעך. פּלוצלונג דערפֿילן די אַקטיאָרן, אַז עס ווערט זײ הײס אין די פֿיס. די היץ שטײַגט פֿון מינוט צו מינוט, וואָרום דער בעקער האָט געהאַט אײַנגעהײצט דעם אויוון צו באַקן ברויט.

קוים געענדיקט דעם ערשטן אַקט, וואַרפֿן זיך די אַקטיאָרן מיט טענות צום בעקער, וואָס ער האָט שוין אײַנגעהײצט דעם אויוון, וואָרום ווי אַזוי וועלן זײ אין אַזאַ היץ קאָנען ווײַטער שפּילן.

קוקט זײ דער בעקער תּמעוואַטע אָן:

— וואָס הײסט איר וועט ווײַטער שפּילן? איר האָט דאָך מיט מיר אָפּגערעדט, אַז הײַנט וועט איר מאַכן אײן שפּילעכל. נו, האָט איר דאָך שוין אָפּגעמאַכט. סאָ וואָס ווילט איר נאָך?

די אַקטיאָרן הויבן אים אָן דערקלערן, אַז די פּיעסע האָט 4 אַקטן און זײ האָבן דערווײַל ערשט אָפּגעשפּילט דעם ערשטן אַקט, אָבער דער בעקער בלײַבט בײַ זײַנס:

— איר וועט מיר נישט פֿאַרדרײען די צײַן. איר האָט מיט מיר אָפּגערעדט אײן שפּילעכל, נו, האָט איר הײַנט שוין אָפּגעשפּילט. איך האָב אָבער באַלד געוווּסט, אַז די קאָמעדיאַנטשיקעס וועלן מיך אָפּנאַרן, זײ וועלן באַצאָלן פֿאַר אײן שפּילעכל און מאַכן 4. מאָרגן וועל איך אײַך פֿריער נישט לאָזן אָנהײבן ביז איר וועט מיר פֿאָראויס באַצאָלן פֿאַר אַלע שפּילעכצן און פֿאַר די הײַנטיקע אויך!...

(דערצײלט פֿון שעפּטל זאַק)

.57 איין פובליקום.

דער באַקאַנטער טעאַטער-דירעקטאָר גימפּעל, איז אַמאָל גע-קומען שפּילן אין אַ קליין שטעטל אין גאַליציען. אַזוי ווי ס'איז געווען אַ גרויסער שטורעם, איז קיין איין איינוווינער פון שטעטל נישט געקומען. אין טעאַטער איז אָבער געקומען איינער, אַ יידישער פּריץ, וואָס איז געווען אין שטעטל געשעפטלעך און עקסטרא פאַרבליבן צוליבן יידישן טעאַטער.

אַזוי ווי דער יידישער פּריץ איז געווען דער איינציקער באַזוכער, איז גימפּעל אַרויס פאַרן פאָרהאַנג און זיך געזעג-נט צו אים:

— געערטער הער, אַזוי ווי ס'איז היינט קיין פּובליקום נישט געקומען, וועלן מיר היינט נישט שפּילן.

אָנשטאָט זיך אויפצוהייבן און פאַרלאָזן דאָס טעאַטער, איז דער ייד אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען נאָענט צו דער בינע, און קלאָר און דייטלעך זיך אָנגערופן:

— איר האָט אַ טעות, איך בין איין פּובליקום, איך צאָל פאַר דער גאַנצער היינטיקער פאָרשטעלונג און שפּילט פאַר מיר.

(דערציילט פון אברהם ליטמאן)

.58 ער שפּילט דעם קעניג.

געוויינלעך האָט זיך יעדער אַקטיאָר זיין אַמפּלואַ: איינער שפּילט ליבהאָבער-ראָלן, אַן אַנדערער איז אַ פאָטער-ראָליסט, אַ דריטער שפּילט אינטריגאַנטן-ראָלן, ווידער אַן אַנדערער איז אַ כאַראַקטער-קאָמיקער.

פאַראַן אָבער שוישפּילער, וואָס האָבן זיך צוגעוויינט צו שפּילן ראָלן פון געוויסע טיפּן, ווי למשל, שמשים, רבנים, להבדיל גלחים א. ד. גל. און ווען עס קומט אַזאַ ראָל, נעמען זיי זי שפּילן, נישט קוקנדיק, וואָס מען קאָן געהערן צו דער זעלבער פּראָפעסיע, און דאָך זיין אַ גאַנץ אַנדערער כאַראַקטער, בעת זיי שפּילן תמיד די זעלבע טיפּן אויפן אייגענעם שטייגער.

אזוי, למשל, פלעגט דער אַקטיאָר טרייטלער שפּילן די ראָלן פון מלכים אין די שטרויענע היסטאָרישע אָפּערעטן פון פּראָפעסאָר האָראָוויטש און לאַטיינער. געוויינלעך פלעגט אין יעדער פון דידאָזיקע פּיעסן זיין אַ קעניג, און מ'האָט שוין געוווסט, אַז די ראָל פון קעניג געהערט טרייטלערן. טרייטלער איז שוין געווען אזוי זיכער אין זיין ראָל, אַז ער פלעגט קומען צו דער פאָרלעזונג פון דער פּיעסע און באַלד איינשלאָפן, וואָרום ער האָט דאָך געוווסט, אַז קיין אַנדערע ראָל ווי דעם „קעניג" וועט ער נישט שפּילן.

רופט מען אמאָל צוזאַמען די טרופּע, און מען לייענט פאָר אַ היסטאָרישע פּיעסע, אָבער זי געפעלט נישט, און מען באַשליסט פאָרלויפיק צו שטעלן אַן אַלטע געשפּילטע פּיעסע: גאָלדפאַדענס „קוני לעמעל".

באַלד, ווי מ'האָט זיך געזעצט לייענען די פּיעסע, איז טרייטלער איינגעשלאָפן. די אַקטיאָרן האָבן דערויף נישט געלייגט קיין אַכט, און נאָכדעם, ווי מ'האָט זיך איינגעטיילט מיט די ראָלן פון „קוני לעמעל", אין וועלכע אַלע זענען געווען געשפּילט, האָט מען אויפגעוועקט טרייטלערן.

טרייטלער האָט זיך אביסל פאַרשעמט, באַלד איז ער אָבער געקומען צו זיך און גאַנץ מונטער אַ זאָג געטון:

— און איך שפּיל אין דער פּיעסע „דעם קעניג"!...

(דערציילט פון יוליוס גוטמאַן)

59. אָט אַזוי דאַרף מען שפּילן.

אײנער פון די בעסטע יידישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע איז געווען דער יונג=פאַרשטאָרבענער סעם שנייער, וועלכער האָט אַ סך יאָרן געשפּילט צוזאַמען מיט קעסלערן.

ווי יעדער אַקטיאָר האָט ער געהאַט ראָלן, צו וועלכע ער האָט נישט געהאַט קיין חשק, נאָר אַבי ווי עס איז געשפּילט. צוזאַמזל האָט ביי אים געהאַט די ראָל „בן יוחאי" אין גוצקאָווס „אוריאל אקאָסטאַ".

אין לעצטן אַקט פון „אַקאָסטאַ" איז פאַראַן אַ סצענע,

ווען יהודית, די כלה פון בן־יוחאי סמט זיך, ווען בן־יוחאי דערזעט דאָס, דאַרף ער נאַטירלעך אויפציטערן, אָבער שנייער, וואָס האָט זיך באַצויגן קאַלט צו דער ראָלע, האָט זיין כלהס טויט אויפגענומען גאַנץ קאַלטבלוטיק. דאָס האָט קעסלערן, וואָס האָט געשפּילט „אוריאל אַקאָסטאַ" זייער פאַרדראָסן. נאָר ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט שנייערן ערשט נאָך דער פאָרשטעלונג.

ווען אַלע אַקטיאָרן האָבן שוין גענומען אַהיימגיין, איז קעסלער צוגעגאַנגען צו שנייערן, און כמעט אונטער דער נאָז אים אַ ברום געטון:

— שנייער, כ'האָב אייך עפּעס צו זאָגן.

— וואָס? — האָט שנייער פאַראינטערעסירט געפרעגט.

— כ'וויס, עפּעס אייער פרוי... — האָט קעסלער געפּלאָנטערט מיט דער צונג.

— וואָס, מיין פרוי? — האָט שנייער שוין מער פאַראינטערעסירט געפרעגט.

— כ'וויס עפּעס אַן אומגליק — זאָגט זיך קעסלער פאַמעלעך.

— וואָס פאַראַ אומגליק? — שרייט שוין שנייער אויס איבערגעשראָקן אויף טויט.

— נו, — רעדט זיך ווייטער קעסלער — עפּעס אַן אויטאָמאָביל...

— גאָט איז מיט אייך! — שרייט שנייער מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן, און זיין גאַנצער קערפּער וויגט זיך פון איפּרעגונג — זאָגט שוין וואָס איז געשען מיט מיין פרוי?

— גאָרנישט איז איר געשען — שרייט קעסלער צוריק — אָבער, ממזרק, יהודית איז אויף דער בינע אויך געווען אייער פרוי, טאָ פאַרוואָס, אַז איר האָט געהערט וועגן איר טויט, זייט איר געשטאַנען ווי אַ קאַלטער גזלן? אָט ווי אַזוי מ'דאַרף שפּילן די סצענע, אַזוי ווי איר האָט עס נאָר וואָס געמאַכט!

(דערציילט פון בועז יאַנג)

60. זאָגט שוין באַלד אַזוי!

דורך די צאַרישע רדיפות געגן יידישן טעאַטער, האָבן זיך אַ סך אַקטיאָרן צוגעוווינט אַרויסצורעדן פיל יידישע ווערטער מיט פּתחן, אַז ס'זאָל קלינגען „דייטש", וואָרום נאָר אויף אַזאַ אופן איז געווען מעגלעך דורכצושמוגלען דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד.

דערציילט מען וועגן דעם פאָלגנדיקן קוריאָז:

דער רעזשיסער הייסט קומען אַלעמען צומאָרגנס אינדער־פרי אויף אַן איינמאַליקע פּראָבע אויף אַ פּיעסע, וועלכע גייט אין אָוונט, ווייל אַלע האָבן אין איר געשפּילט.

דאָ רופט זיך אָן איין אַקטיאָר:

— וואָס פאַראַ פּיעסע?

— דער „פאָטער" פון סטרינדבערג.

— איך בין נישט קיין געשפּילטער — ענטפערט דער אַקטיאָר.

— וואָס הייסט דו ביסט נישט קיין געשפּילטער, — חידושט זיך דער רעזשיסער — דו האָסט דאָך מיט מיר אַליין געשפּילט אין דער פּיעסע ערשט מיט אַ חודש צוריק.

— איך? — וווּנדערט זיך דער אַקטיאָר.

— נו, געוויס, דו האָסט נישט געשפּילט אין סטרינדבערגס „פאַטער"?

— אַ, „פאַטער", זאָגט שוין באַלד אַזוי!

(דערציילט פון זלמן רויטמאַן)

61. ווי אַזוי מ'פּאָפּולאַריזירט יעקב גאָרדינס פּיעסן.

אַ געוויסער אַמעריקאַנער אַקטיאָר איז געקומען קיין רומעניע און אויפגעפירט יעקב גאָרדינס פּיעסע, „דער ווילדער מענטש". נאָך דער פאָרשטעלונג איז ער אַרויס, ווי געוויינלעך, מיט אַ דרשה:

— האָכגעשעצטעס פּובליקום! איך בין געקומען צו אייך שפּילן נישט צוליב געלט. מיר האָבן גענוג געלט אין אַמעריקע,

הלוואי וואָלטן מיר נאָר אַזוי געוואָלט דאָרט שפּילן ווי יידן טראָגן אַקעגן די דאָלערס.

ניין, איך בין נישט געקומען אַהער צו אייך, יידן פון רומעניע, צוליב געלט, נאָר אין אַ מיסיאָן, אין אַ הייליקע מיסיאָן.

איר ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן אַ גרויסן שריפטשטעלער, אַ דראַמאַטישן קינסטלער יעקב גאָרדין. ער האָט געשריבן זייער פיל שיינע ווערק, דראַמען, עכטע קונסטווערק, נישט אַזוי ווי די שמירעכצן פון די לאַטיינער א. ד. ג. איז אָט דער קינסטלער יעקב גאָרדין איצט קראַנק, און ער ליגט אויפן שטאַרבבעט, האָבן מיר, די גרויסע יידישע בינע-קינסטלער פון אַמעריקע, באַשלאָסן, זיך אַרויסצולאָזן איבער דער וועלט, און באַקאַנט מאַכן די ברייטע יידישע טעאַטער-מאַסן, מיט די ווערק פון אונדזער גרויסן דראַמאַטורג יעקב גאָרדין. מיר האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט מיט דער מיסיאָן איבער אַלע טיילן פון דער וועלט. מיר איז אויסגעפאַלן דאָס שיקזאַל צו פאָרן קיין רומעניען, און דאָ פּאָפּולער צו מאַכן די ווערק פון איינציקן דראַמאַטישן קינסטלער-שרייבער יעקב גאָרדין, און דעריבער האָב איך היינט אויפגעפירט זיין מייסטערווערק „דער ווילדער מענטש", און אויך ווייטער וועל איך נאָר שפּילן די מייסטערווערק פון יעקב גאָרדין.

האָכגעשעצטעס פּובליקום! מאָרגן, פרייטיק, שבת און זונטיק קומט עפּעס איבעראַשענדעס. עס ווערט אויפגעפירט דורך מיר מיט דער גאַנצער קינסטלער-קאָמפּאַניע דאָס באַרימטע ווערק „מישקע און מאָשקע" פון יאָזעף לאַטיינער.

(דערציילט פון בערל סעגאַל)

62. דייז זון עקדת-יצחק!

דער גרעסטער טייל שפּעטער פּאָפּולער-געוואָרענע יידישע שוישפּילער, האָבן אָנגעהויבן זייער בינע-קאַריערע אין זייער קליינע ראָלן, די אַזוי גערופענע „דינער-ראָלן", וואָס באַשטייען פון מעלדן ווענען, אָדער זאָגן איין זאַץ.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי ווי דאָס איז דער ערשטער אַרויס־טריט פון אַקטיאָר אויף דער בינע, גייט עס זייער זעלטן אָפּ, אַז דער אַקטיאָר זאָל נישט באַקומען לאָמפּן־פיבער, און זאָל נישט אינגאַנצן פאַרגעסן וואָס ער האָט צו רעדן, אָדער אין בעסטן פאַל זאָל ער ווערן אַזוי צעטומלט, אַז ער דרייט איבער דעם זאַץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

אַזוי האָט איין אָנפאַנגער־אַקטיאָר געדאַרפט מעלדן אין דער פיעסע „אוריאל אַקאָסטאַ“ דעם העלד „אוריאל“, אַז זיין רבי ד״ר דע סילווא איז געקומען.

נו, האָט זיך דער אַקטיאָר אַרויסקומענדיק אויף דער בינע דערשראָקן, און אויסגערופן:

— אוריאל, ד״ר אַלמאַסאַדאַ איז געקומען!

(ד״ר אַלמאַסאַדאַ איז דער העלד פון גאָלדפאַדענס אַ פיעסע פון גירוש שפּאַניע.)

אַן אַנדערער אַקטיאָר, וואָס האָט געדאַרפט שפּילן אין „עקדת יצחק“ די ראָל פון מלאך, וואָס קומט אָנזאָגן שרהן, אַז איר זון יצחק איז גענומען געוואָרן אויף דער עקדה, האָט אַ רגע פאַרן אַרויסגיין אויף דער בינע זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין. די אַקטיאָרן האָבן אים אָבער מיט גוואַלד אַרויסגעשטופּט אויף דער בינע, און דאָ האָט ער מיט די לעצטע כּוחות אויסגערופן:

— שרה, דיין זון עקדת יצחק האָט מען שיר דערשאָסן.

(דערציילט פון איציקל גאָלדנבערג)

63. זיי ווילן קומען צום פּסוק.

אַן אַקטיאָר גייט צו צו אַ דראַמאַטורג, וועלכער האָט געהאַלטן ביים שרייבן אַ פּיעסע פאַר דעם טעאַטער, ווו דער אַקטיאָר איז געווען אַנגאַזשירט, און בעט אים:

— מיסטער [1], איך בעט אייך, זעט, אַז אונזער סטאַר זאָל אין דער פּיעסע דאַרפן וואָס אָפטער בייטן זיינע קאָסטיומען.

— וואָס אַרט אייך וויפיל קאָסטיומען ער וועט טראָגן? — פרעגט דער דראַמאַטורג פאַרוואונדערט.

---

1) הער.

— עס אַרט מיך שוין יאָ — ענטפערט אים דער אַקטיאָר — וואָס מער ער וועט לויפן הינטער די קוליסן זיך איבערצוטאָן, אַלץ אַ בעסערן טשאַנס[1]) וועלן מיר, די איבעריקע אַקטיאָרן, האָבן צו זאָגן עטלעכע ווערטער אויף דער בינע, וואָרום אַזוי לאַנג ווי ער איז אויף די ברעטער, לאָזט ער דאָך קיינעם נישט קומען צום פסוק.

(איבערגעגעבן פון חיים ערנרייך)

64. אַ קאָלעקטיווע „איבערזעצונג".

מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט דער פאַרשטאָרבענער דוד קעסלער איבערגעגעבן אַנשל שאָרן, אַז ער זאָל נאָר אים איבערזעצן איבסענס „פאָלקס-פיינט" (ד"ר שטאָקמאַן).

נאָרוועגיש, די שפּראַך אין וועלכער איבסען האָט געשריבן די פּיעסע, איז שאָרן פרעמד, און ער האָט דעריבער די יידישע איבערזעצונג געמאַכט פון דער דייטשער, דערביי האָט ער שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז די שפּראַך זאָל זיין עכט יידיש.

ווען קעסלער האָט גענומען לייענען די איבערזעצונג, האָט ער זיך פאַרקרימט:

— פע, פע, וואָס הייסט אַ בירגערמייסטער רעדט אַזאַ פּליינעם[2]) יידיש? עס פּאַסט נישט.

שאָר האָט געפּרוווט אויפווייזן קעסלערן, אַז דער בירגערמייסטער דאַרף יאָ אַזוי רעדן, וואָרום אויב מ'שפּילט די פּיעסע אויף יידיש, איז נישט קיין נפקא מינה ווער דער העלד איז, אָבער אַזוי ווי אין יענער צייט האָט מען אויף דער בינע געקנאַקט „דייטשמעריש", האָט קעסלער בשום אופן נישט געוואָלט נאָכגעבן, און פאַרלאַנגט, אַז שאָר זאָל „ענדערן" די איבערזעצונג. שאָר האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט, האָבן די אַקטיאָרן בעתן שפּילן גענומען אַליין רעדן „דייטש", יעדער זיין אייגענעם „דייטש". איינער - אַ קאָלעמעער, דער אַנדערער — אַ בראָדער, אַ דריטער — אַ לעמבערגער דייטש. קעסלער אַלס בירגערמייסטער האָט גערעדט — בערלינער דייטש...

(איבערגעגעבן פון חיים ערנרייך)

1) געלעגנהייט.
2) פּשוטן.

אינהאלט

1.	ווי עס ליגט די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק	דערציילט איזידאָר האָלענדער
2.	זיי ווילן זען דעם דיבוק	„ פאָליא וואָלטער
3.	ער האָט דערקענט מאַגולעסקאָן	איבערגעגעבן יוסף רומשינסקי
4.	ער וועט שוין פאַרשווארצט ווערן	דערציילט פערדינאַנד שטויב
5.	שטאַרבט נישט מיט זיין נאַטירלעכן טויט	איבערגעגעבן לעד פענסיל
6.	דער שמש רופט אין טעאַטער אַריין	דערציילט אברהם ליטמאַן
7.	ווי די יידן זעגען	„ בײלאַ בעלערינאַ
8.	פאַר עצות בין איך פאַרזאָרגט	„ שמחה פיעטרושקא
9.	רעדט אָנשטענדיקער!	„ פאָליא וואָלטער
10.	די חסידים פון „דבוק”	„ אברהם פישקינד
11.	מען פאָרט דאָך נישט גנבענען	„ פערדינאַנד שטויב
12.	„אט פאר זיי שפילט זשידאָווסקי טעאַטער!”	„ מענדל עלקין
13.	אַ שלעכטער שפילער	„ פאָליא וואָלטער
14.	ווי אַזוי מען דערקענט אַ שרייבער אַ קאָליקע	איבערגעגעבן ז. ל.
15.	מען חייסט נאָך נישט וואָס מען שפילט	דערציילט אהרן פריידענרייך
16.	ער וועט שרייבן דעם „יידישן מאָגן”	„ יוסף רומשינסקי
17.	די טעאַטערס רייסן זיך איבער אים	„ חיים ערנרייך
18.	„דערווייל זענען מיר נאָך די מערהייט”	„ משה נאַדיר
19.	די אַנדערע בעקער־יונגען קומען באַלד	„ יוסף גרינבערג
20.	אַהאַ, אוריאל אַקאָסטאַ!	„ יצחק גרודבערג
21.	מען כאַפּט „בולבעס”	
22.	זי האָט מיט וועמען צו סטראַשן	„ פאָליא וואָלטער
23.	זי קאָן שוין רויק אַהיימגיין	„ יוסף גרינבערג
24.	ער נעמט זיך אָן פאַרן רבין	„ אברהם פישקינד
25.	ער וועט ברענגען „מירעלע אפרת”	„ מ. קארפינאָוויטש
26.	אַקעגן גאָט קאָן מען קיין חכם נישט זיין	„ יוסף סטרוגאַטש
27.	דער פּוסק	„ יוסף קאַמיען
28.	אָפּגעפּאָנפּעט פופציק פראָצענט	איבערגעגעבן ז. ליבין
29.	גאָרדין איז גרעסער פון שעקספּירן	דערציילט זלמן רייזן
30.	די געשיכטע מיטן מאַי־קיפּער	„ אברהם פישקינד

31. די „הבימה" זאָל שפּילן רעליגיע	איבערגעגעבן ב. צ. גאָלדבערג
32. אויף ציוניסטישע לידער — קיין סענט	דערציילט אברהם ליטמאַן
33. יעדוואבס רעזשי	„ זישע קאַץ
34. צו וואָס מען באַקוקט אים	„ אהרן נאַגער
35. ער וועט שוין טון!	„ לעאָן גאָטליב
36. די ברכה פון א מאמע	„ זישע קאַץ
37. דער פּריסטאַוו זאָגט עדות	„ אהרן פריידענרייך
38. טשארלס דיקענס איז געקומען	„ משה בראָדערזאָן
39. אין טשיקאַגאָ איז נישטאָ קיין מיטוואָך	„ בעני ראָזענבוים
40. ער שפּילט אָלץ דעם פּריסטאַוו!	„ לעד פּענסיל
41. נעבעך אויף א פאַלשן אדרעס	„ פאָליא וואָלטער
42. נאָך נישט, ס'איז נאָך צייט	„ בערנאַרד פישמאַן
43. ווי אזוי א ישיבה-בחור פלעגט רעדן יידיש	איבערגעגעבן אַלטער עפּשטיין
44. פון אַמעריקע וויל מען ווייניקער	דערציילט מאַרק ארנשטיין
45. אויב שוין יאָ חזיר, טאָ זאָל שוין רינען איבער דער באָרד	„ „ „
46. וועט זיין נאָך א דראָנג	„ לעאָן קאָליש
47. הלואי זענען אַלע אַקטיאָרן טויב	„ איציקל גאָלדענבערג
48. א האַנטוכל פאַר צוועלף טויזנט דאָלאַר	„ איזידאָר האָלענדער
49. אייער מאַנס — הייערמאַנס	„ מאַרק ארנשטיין
50. צוויי בילעטן פאַר איין מענטש	„ פּעטער אמאַטין
51. „אויב שיין אָדער רעגן—א מענטש זאָל מען זיין"	„ געאָרג ראָט
52. ווען דאָס פּובליקום קומט	„ אייזיק אשכנזי
53. מען פאַלט אין חלשות	„ אבא קאָמפּאַניעעץ
54. „מיט בענעפיסן פאַרגעס איך זיך נישט"	„ חיים ערנרייך
55. די אַקטיאָרן האָבן נאָכגעגעבן!	„ שעפּטל זאַק
56. נאָר איין שפּילעכל.	„ „ „
57. איין פּובליקום	„ אברהם ליטמאַן
58. ער שפּילט דעם קעניג	„ יוליוס גוטמאַן
59. אַט אזוי דאַרף מען שפּילן	„ בועז יאַנג
60. זאָגט שוין באַלד אזוי!	„ זלמן רויטמאַן
61. ווי אזוי מ'פּאָפּולאַריזירט יעקב גאָרדינס פּיעסן	„ בערל סעגאַל
62. דיין זון עקדת-יצחק!	„ איציקל גאָלדענבערג
63. זיי ווילן קומען צום פּסוק	איבערגעגעבן חיים ערנרייך
64. א קאָלעקטיווע „איבערזעצונג"	„ „ „

טעאַטער־זכרונות

פֿון רעדאַקטאָר:

די יידישע ליטעראַטור איז זייער אָרעם אין מעמואַרן פֿון יידישן טעאַטער. בתּוך־הכּל זענען אין משך פֿון די 52 יאָר, וואָס דאָס יידישע טעאַטער עקסיסטירט, דערשינען און סעפּעראַטע אויסגאַבן 2 מעמואַרן־ווערק: בעסי טאָמאַשעווסקיס און לעאָן קאָברינס.

אין דער פּעריאָדישער פּרעסע זענען דאַקעגן געווען געדרוקט זייער פֿיל מעמואַרן פֿון אַ סך שוישפּילער. דערמיט ווערט געמאַכט דער ערשטער פּרווו אַרויסצוגעבן אין סעפּעראַטע אויסגאַבע זכרונות וועגן יידישן טעאַטער.

אַ טייל פֿון די דאָזיקע זכרונות זענען איבערגעדרוקט פֿון פּעריאָדישע אויסגאַבן, אַ טייל ווערן איצט פֿאַרעפֿנטלעכט צום ערשטן מאָל.

און איצט עטלעכע ווערטער וועגן די שרייבער:

יעקב גאָרדין דאַרף נישט, אַז מען זאָל אים פֿאָרשטעלן.

א. אײַזנשלאָס איז געווען אַ יידישער שרייבער און דראַמאַטורג אין גאַליציע און פּוילן. אַ סך פּיעסן זײַנע זענען אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין גאַליציע, פּוילן און אַמעריקא. ער איז געשטאָרבן אין 1925 אין לאָדז.

באָריס טאָמאַשעווסקי איז דער באַרימטער יידישער שוישפּילער, דער ערשטער יידישער **פּראָפֿעסיאָנעלער** שוישפּילער אין אַמעריקע, און מחבר פֿון זייער פֿיל אָפּערעטן.

יעקב זילבערט איז איינער פֿון די ערשטע יידישע אַקטיאָרן אין רומעניע און שפּעטער אין אַמעריקע.

אברהם לעווינסאָן איז אַ באַקאַנטער ציוניסטישער פּאָליטיקער אין פּוילן, וואָס איז געווען מיט יאָרן צוריק פֿאַר־

בונדן מיטן העברעישן און יידישן טעאַטער.

פּיטער גראַף איז איינער פֿון די ערשטע יידישע שוישפּילער אין גאַליציע. הײַנט צו טאָג איז ער אַ באַקאַנטער שוישפּילער אין אַמעריקע.

ב. ווײַנשטײַן איז איינער פֿון די עלטסטע יידישע אַר־בעטער־עסקנים אין אַמעריקע, וואָס האָט מיטגעמאַכט די ערשטע טעג פֿון יידישן טעאַטער אין אָדעס און שפּעטער אין אַמעריקע.

סעמיועל טאָרנבערג איז געווען אַ טאַלאַנטפֿולער אַקטיאָר, פֿאַר וועלכן יעקב גאָרדין האָט געשריבן ספּעציעלע ראָלן.

ש. קוטנער איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער באַרימטער הירשביין־טרופּע, און הײַנט פֿאַרנעמט ער אַן אָנגעזעען אָרט אין דער יידישער אַרטיסטן־וועלט אין אייראָפּע.

יעקב וואַקסמאַן איז אַן אַלטער טעאַטער־דירעקטאָר, דראַמאַטורג און טעאַטער־איבערזעצער. זײַנע זכרונות וועגן טעאַטער געהערן צו די אינטערעסאַנטסטע.

דאָראַ ווײַסמאַן איז די טאָכטער פֿון ערשטן יידישן פּראָפֿעסיאָנעלן סופֿלער ראובן ווײַסמאַן, זי איז איינע פֿון די פּאָפּולערסטע שוישפּילערינס אין דער יידישער טעאַטער־וועלט.

א. ג. קאָמפּאַנעץ איז איינער פֿון די לעצטע מאָ־היקאַנער פֿון אַלטן טיפּ יידישע שוישפּילער און דירעקטאָרן, וועלכע באַווײַזן זיך אָבער צוצופּאַסן צו די נײַע אומשטענדן.

א. לערמאַן איז אַ זשורנאַליסט, האָט געשריבן איינאַקטע פּיעסן און געווען אַמאָל אַ סופֿלער.

ווין, 20. אָקטאָבער 1928.

יעקב גארדין.

ווי אזוי איך בין געווארן א דראמאטורג

„דעוואניא“ איז דער נאמען פון דער שיף, וואס האט זיך אפגעשטעלט דעם 31 יולי 1891 קעגנאיבער דער פרייהייטס־סטאטוע. אויפן דעק פון דער שיף האט צווישן אנדערע גרינגע עמיגראנטן זיך געפונען א רוסישער ייד מיט א גרויסע שווארצע בארד און מיט א גרויסן פלאן צו גרינדן אין אמעריקע א נייע קאמוניסטישע קאלאניע...

און דער דאזיקער רוסישער ייד איז געווארן — א יידישער ליטעראט!

ווייסט איר, ווער דאס איז געווען?

איך שעם מיך א ביסל, נאר וואס זאל איך טון? מיר זענען דאך אייגענע מענטשן, און איך מוז אייך זאגן דעם אמת: דאס איז געווען טאקע איך אליין, אייער אלטער גוטער פריינט ר' יענקל ב"ר יחיאל מיכל הלוי גארדין.

די היסטאריע דערציילט, אז אלע גרויסע דערפינדונגען זענען געקומען דורך א צופאל. די פיניקאנער האבן דערפינדן א גרויסע זאך, ווען זיי האבן געקאכט אין פעלד קאשע... מיין טאלאנט צו שרייבן דראמען האב איך איינגעפונען, ווען איך האב אנגעהויבן טראכטן פון קאשע... פשוט, ווען איך האב אנגעהויבן טראכטן: ר' יענקל, וואס קייעט מען — הא?

אמת, אמעריקע איז א פריי לאנד, אבער קייען דארף מען דאך, זאלט איר מיר טויזנט מאל מוחל זיין.

אין רוסלאַנד האָב איך נישט געשריבן קיין יידישע אַרטיקלען, און בין געווען זייער ווייניק באַקאַנט מיטן יידישן טעאַטער. ווען מ'האָט מיר פֿאָרגעלייגט שרייבן פֿאַרן יידישן טעאַטער, האָב איך נאָר געוואוסט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ קלאַסישע יידישע אָפּערעטקע „טודרוס דור אָדער ברײַנדל קאָזאַק". דאָס איז דערפֿאַר, רבותי, ווײַל איך האָב מיך גערעכנט כמעט פֿאַר אַן אינטעליגענטן מענטש — און וועלכן אינטעליגענטן מענטש שטייט עס אָן צו אינטערעסירן זיך מיטן יידישן טעאַטער?

דער ערשטער, וואָס האָט מיר געגעבן דעם געדאַנק צו ווערן אַ דראַמאַטורג איז געווען ה' פֿיליפּ קראַנץ, וועלכער האָט מיך אויך צוזאַמענגעפֿירט מיט די פֿאָרשטייער פֿון דער יידישער בינע... מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט זיי האָב איך געמאַכט אין אַ רעסטאָראַן.

איך בין געווען זייער נײַגעריק צו זען אַ יידישן אַקטיאָר. אָנקוקן וואָס איז דאָס פֿאַרע חיה. איך האָב געמיינט, אַז ווי איך וועל נאָר זאָגן, אַז איך וויל שרײַבן אַ דראַמע, וועט דער יידישער אַקטיאָר שוין אָנהויבן שפּילן אַ ראָל. ער וועט אָפּווישן די נאָז מיטן אַרבל, וועט אַרויפֿשפּרינגען אויף אַ בענקל, און וועט רעקלאַמירן איינע פֿון די פּאָפּולערסטע פֿאָלקס־שירים, ווי:

„ציגעלע מיגעלע קאָטענקע, רויטע פּאָמעראַנצן,
ווען דער טאַטע שלאָגט די מאַמע, גייען די קינדער טאַנצן"..

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אָנשטאָט דעם האָב איך מיך באַגעגנט מיט אייניקע דזשענטל־לײַט, וואָס האָבן נישט נאָר געטראָגן זײַדענע הויט, און געהאַט נאָז־טיכלעך, נאָר וועלכע האָבן אויך גערעדט צו דער זאַך... בײַ אייניקע פֿון זיי האָב איך געזען אויגן, דורך וועלכע ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן דער פֿונק פֿון טאַלאַנט. אויף די פּנימער האָב איך געזען דעם אויסדרוק פֿון אינטעליגענץ.

— אַזוי גאָר? — האָב איך געטראַכט — אויב דער יידישער שוישפּילער איז אַזאַ מענטש ווי די שוישפּילער פֿון דער גרויסער וועלטליכער בינע, טאָ פֿאַרוואָס זאָל אויך דאָס יידישע טעאַטער נישט זײַן ווי אַלע טעאַטערס. אדרבא, מהיכא תיתא, מיר וועלן מאַכן זען...

די הערן אַדלער און מאַגולעסקאַ האָבן מיר פֿאַרבעטן אין זייער טעאַטער, און איך מוז אייך דערציילן ווי אַזוי מיין ערשטער באַזוך איז צוגעגאַנגען. איך האָב דאַמאָלט געוואוינט אין דער באַרימטער לודלאָוו־סטריט נעבן הויסטאָן. איך האָב אָנגעטון מיין רוסישן פּאַלטאָ, מיט מיין גרינגהאָרישן הוט, און ויצא יעקב: און יעקב גאָרדין איז אַרויסגעגאַנגען פֿון לודלאָוו סט. צו גיין צו דעם דאַמאָלדיקן יוניאָן־טעאַטער. אויפֿן וועג האָט מיר פּלוצלונג עמעס געגעבן אַ טראַסק איבערן קאָפּ... איך קוק מיך אַרום, אייניקע ווייסע חברהניקעס שטייען און רעדן גאַנץ קאַלטבלוטיק. היינט פֿון וואַנען קומט דער קלאַפּ? איך האָב נאָך נישט געקאָנט פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע ווי איך האָב געקריגן נאָך אַ גרעסערן גרוס פֿון אויבן... דאָ האָב איך באַמערקט ווי איינער פֿון די ווייסע חברהניקעס ציט אַרויף אַ גרויסן שטיין אויף אַ שטריק איבערן טעלעגראַף־דראָט... איך בין דאַמאָלט זייער ברוגז געוואָרן אויפֿן יידישן טעאַטער, און בין דערפֿאַר געקומען שוין צום דריטן אַקט. שפּעטער אָבער, ווען כ'האָב זיך דערמאָנט אין דעם צופֿאַל, האָב איך מיר געטראַכט: אצבע אלקים! דער חברה־מאַן מיטן שטיין האָט מיך געלערנט ווי אַזוי מ'דאַרף אין אַמעריקא זיין אַ קריטיקער...

איך בין שוין נישט בייז געוואָרן אויפֿן יידישן טעאַטער, ווען אַ ווייסער חברה־מאַן האָט מיר געגעבן מיט אַ שטיין...

נאָר דאָס, וואָס איך האָב געזען אין טעאַטער האָט מיך נאָך מער איבערראַשט ווי דער שטיין. איך האָב דערזען אַן אַלטן יידישן מילנער, אַ בלינדער, וואָס האָט געמאַכט אויף דער בינע קלאַסישע טריט, האָט געקנאַקט שרעקלעך קוגל־דייטש, און האָט געזונגען אַן אַריע פֿון אַן איטאַליענישער אָפּערע. איך האָב געהערט ביים מילנער אין דאָרף דאַווענען מנחה מיט אַ כאָר אַזוי ווי אין אַ גרויסן טעמפּל, צוויי יידן ר' יוקל און ר' שמוקל האָבן זיך געשלאָגן אויף אַ דועל מיט שווערדן... אַלע האָבן געשטעלט פּיסלעך און געשריגן ווי מ'שרייט ביי אונז אין רוסלאַנד אין די קליינע שטעטלעך: אין באָד אַריין! וו באַניו, וו באַניו!

דאָס פּובליקום האָט געפּיפֿן... אין טעאַטער האָט געשמעקט

ניש פֿריש... קינדער האָבן געקוויטשעט און יונגלעך זענען אַרומגעגאַנגען און האָבן געשריגן: סאָדע־וואַסער! אַפּעלסינען! אַפּעלסינען!

אַלץ וואָס איך האָב געזען און געהערט איז געווען ווייט פֿון ייִדישן לעבן! גראָב, אומעסטעטיש, פֿאַלש געווען און פֿאַרדאָרבן.
און איך האָב נישט לאַנג געטראַכט, בין אַוועקגעגאַנגען אַהיים און זיך געזעצט שרייבן מײַן ערשטע דראַמע, וועלכע מ'האָט אויפֿן ברית אַ נאָמען געגעבן „סיביריאַ“.

איך האָב געשריבן מײַן ערשטע פּיעסע, ווי אַ סופֿר אַ ירא־שמים שרײַבט אַ ספֿר־תּורה. נאַטירלעך בין איך אין מקווה נישט געגאַנגען, נאָר איך האָב געהיט מײַן פֿעדער, אַז יעדעס וואָרט זאָל זײַן ריין, און יעדער געדאַנק זאָל זײַן הייליק. איך האָב געשריבן מיטן בלוט פֿון מײַנע אָדערן און מיטן מאַרך פֿון מײַן קאָפּ.

— אָבער וואָס איז מכּה קופּלעטן, ר' יענקל? — איז געווען די ערשטע פֿראַגע, וואָס האָט מיך דערשראָקן אין מיטן שרײַבן.

— קופּלעטן! קופּלעטן! ווי קאָן עס זײַן אַ ייִדישע דראַמע אָן קופּלעטן? — האָט מען מיר געזאָגט.

— קופּלעטן ווילט זיך אײַך גאָר? — האָב איך געענטפֿערט — וואָט טאַבי האַנדיאַ קניש, און האָב זיי געגעבן אַ קופּלעט, אַ קופּלעט טאַקע מיטן נאָמען „וואָט טאַבי האַנדיאַ קניש“.

ווען איך בין געגאַנגען פֿאָרלייענען מײַן ערשטע פּיעסע, האָב איך מיטגענומען מײַנע דרײַ לאַנדסלײַט, אַז זיי זאָלן שטיין בײַ דער טיר און וואַרטן, וואָרום מ'האָט מיר געזאָגט, אַז אַלע ייִדישע אַקטיאָרן זענען גנבים, רוצחים, זיי וועלן אַרויסכאַפּן בײַ מיר די פּיעסע און וועלן אַנטלויפֿן... איך האָב דעריבער שטאַרק צוגעהאַלטן די פּיעסע, און זיך אַרומגעקוקט מיט ביידע אויגן... אָבער חס וחלילה, מ'האָט מיך גאָרנישט פֿאַרגוואַלדיקט. אַלץ איז אַריבער בשלום ביז די פּראָבן האָבן זיך אָנגעהויבן. דאָס ערשטע האָט מען אָנגעהויבן שמועסן דערפֿון, אַז „וואָט טאַבי האַנדיאַ קניש“ איז נאָך ווייניק, און מ'דאַרף אַרײַנשטעלן אַ קאָמאַריסקי, ווידער, האָט מען מײַן פּיעסע פֿאַרטײַטשט, און מײַן העלד ראַזענקראַנץ האָט אָנשטאָט די פּשוטע ווערטער „ר' בערל טאָרו־

טאַטאַ. פֿאַר וואָס ווילט איר מיך אומגליקליך מאַכן?" אַראָפּגעזאָגט אַן ערך אַזאַ מאָנאָלאָג: „הויכווירדיקער הער באַרעל טאַרעמטיטע, ווען דער לעווע פֿאַנגט אָן צו ברומען אין זיין קעפֿיג, ווען דער טיגער קנאַקט און שפּרינגט, ווען די לעמפּערטן רייסן און בייסן, דאַן זאָל די גערעכטיקייט אין הימל טריומפֿירן, און די רייניע יידישע פּאַטריאָטישע געפֿילע זאָלן הילכן: שמע ישראל."

די ערשטע צוויי פֿאָרשטעלונגען פֿון מיין ערשטער פּיעסע האָב איך נישט באַגעוואוינט, ווייל איך בין געווען קראַנק, נערוועז, באַליידיקט, אויפֿגערעגט, אומצופֿרידן. מיט מיין ערשט־געבוירן דראַמאַטיש קינד האָב איך מיך באַקענט ערשט נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען אַן אַנטשולדיקונגס־בריוו פֿון די הערן אַדלער, מאָגולעסקאָ, קעסלער און פֿיינמאַן.

ווי שלעכט מיין פּיעסע „סיביריאַ" זאָל נישט זיין, מוז איך פֿאָרט זאָגן, אַז אַלס אָנהויב איז דאָס געווען זייער גוט. מיין ערשטע פּיעסע איז געווען די טויב, וואָס האָט געבראַכט די בשורה, אַז דער מבול איז אַריבער. ס'איז שווער צו גיין אַליין מיט אַ ביינעם וועג, ס'איז שווער צו באַפֿרידיקן מיט מן פֿון הימל אַ פֿאָלק, וואָס איז געוואוינט געוואָרן אין מצרים צו קנאָבל, ס'איז אומגלעך צו דינען טריי אַן אידעאַל, ווען ס'ווילט זיך עסן און מ'דאַרף מורא האָבן טאָמער וועט מאָרגן נישט זיין וואָס צו עסן. ווען ס'וואָלט זיך אין רוסלאַנד באַוויזן אַ שרייבער מיט אַזעלכע שטרעבונגען, וואָלט ער נישט געשטאַנען אַליין, די בעסטע כחות פֿון דער יידישער ליטעראַטור וואָלטן אים געקומען צו הילף, ווען איך וואָלט אין אַמעריקע אויפֿגעהערט שרייבן, וואָלט קיינער נישט געפֿילט, אַז ס'פֿעלט עפּעס, אַ חוץ בלויז איך אַליין, אַז ס'פֿעלן מיר עטלעכע דאָלאַר...

איך וויל נאָר איבערגעבן איניקע כאַראַקטעריסטישע פֿאַקטן, ווי אַזוי די שוישפּילער האָבן אַ טעות אין אַ פּיעסע און ווי אַזוי דאָס פֿאָלק פֿאַרשטייט אַ פּיעסע: ווען איך האָב פֿאָרגעלייענט דעם „יידישן קעניג ליר", האָט איין שוישפּילער געזאָגט, אַז די פּיעסע וועט זיך האַלטן פֿון פֿרייטאָג ביז שבת. אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זי געזען ווארט אין ווארט אין דייטש פֿון

אַ שרײַבער הער שעקספּיר. אַ ייִדישער ליטעראַט האָט געזאָגט, אַז ס'איז גענומען פֿון אַ מעשהלע פֿון טורגעניעווס „שטעפּניאַק".

דער גרעסטער טייל פֿון עולם פֿאַרשטייט גאַרנישט וואָס פֿאַר אַ ראָל דער אויטאָר שפּילט.

נאָך דער ערשטער פֿאָרשטעלונג פֿון „קעניג ליר", האָב איך געהערט ווי אַן אַלטער ייִד האָט געזאָגט: „אַ גוט שטיק, ס'איז אַ מוסר פֿון לעבן".

— איך דאַנק אײַך — האָב איך אים געזאָגט מיט פֿרייד.

— וואָס איז מיט אײַך די שמחה?

— איך בין דער אויטאָר.

— וואָס הייסט אויטאָר?

— איך האָב עס געשריבן.

— נאָך וואָס האָט איר געדאַרפֿט איבערשרײַבן?

אַ ייִנגערמאַן האָט מיר אַ מאָל געבראַכט אַ פּיעסע אין 5 אַקטן; אויף 5 קלײנע שטיקלעך פּאַפּיר. ערשטער אַקט: דער העלד זינגט, זײַן געליבטע וויינט, דער כאָר טאַנצט, דער פֿאָטער בייזערט זיך און דער אינטריגאַנט קריצט מיט די ציין, דער קאָמיקער זינגט קופּלעטן. עס דונערט און בליצט. צווייטער, דריטער אַקט — אויך דאָס אייגענע.

— נו, און וואָס וועלן די אַקטיאָרן רײדן? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— די ייִדישע אַקטיאָרן זיינען שוין נישט קיין יאָלדן, זיי וועלן שוין ווייסן, וואָס זיי האָבן צו זאָגן — האָט ער מיר געענטפֿערט.

אַנדערע ווידער ברענגען אַ פּיעסע, אין וועלכער יעדער מאָנאָלאָג פֿאַרנעמט 4—5 בלעטלעך און מ'וואָלט זי געדאַרפֿט שפּילן 7 טעג נאָכאַנאַנד.

איך וויל אָבער וועגן דעם מער נישט רעדן, וואָרום איך האָב נאָר געוואָלט דערציילן ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ פֿאַרפֿאַסער פֿון ייִדישע דראַמעס.

א. אײַזענשלאס

ייִדיש טעאַטער אין די עסטערײַ-כישע באַראַקן-לאַגערס

I

אין דער צײַט פֿון װעלט-קריג האָבן מיר אַמבעסטן געקאָנט זעען, װי װײַט מיר אונטערשײדן זיך פּסיכאָלאָגיש פֿון די אומות העולם. בעת בײַ זײ זינגט מען נאָר װען עס איז פֿרײלעך אויפֿן האַרצן, װען אין שטוב איז ליכטיק, װען דער מאָגן איז פֿול, װען די געבליטן זענען צעשפּילט און ס'איז בכלל גוט אויפֿן געמיט, איז עס בײַ אונדז גאַנץ אַנדערש. דער ייִד קאָן זינגען אַפֿילו װאָ-מאָלט, װען אין שטוב בײַ אים איז פֿינסטער, װען זײַן מאָגן איז לײדיק און אויפֿן האַרצן בײַ אים איז טרויעריק... אדרבא, װען דער צער בײַם ייִד דערגרײכט שוין די העכסטע מדרגה, װען בײַם ייִד איז שוין באו מים עד נפֿש — ערשט דאַמאָלט זינגט זיך אים נאָך שטאַרקער...

דאַכט זיך, װאָס קאָן שוין זײַן ערגער װי, אַז מ'געפֿינט זיך גע ונד. װען מ'װאַלגערט זיך אַרום אין אַ װיסטן העק, װײַט פֿון דער הײם. און מ'ליגט אין בחפֿזונגדיק אויפֿגעשטעלטע שאַפּעס... אויסגעמישט ייִנג און אַלט, מענער און פֿרויען, װאו אַלץ ליגט במעט אויף דער הוילער פּאָדלאָגע... (נישט יעדער האָט זוכה געװען צו פֿאַרכאַפּן אַ שטרויזאַק מיט אַ קאָלדרע...) בעת אין דער הײם האָט מען איבערגעלאָזט גרויסע פֿאַרמעגנס און פּרעכטיקע אײַנריכטונגען. װעמען װאָלט עס אין אַזאַ צײַט נאָר געלעגן אין קאָפּ צו זינגען אָדער שפּילן טעאַטער ? ! בײַ אונדז אָבער איז

ער מיטגלעך געווען. מיר האָבן געזונגען! מיר האָבן געשפּילט!...

און די צענטליקער טויזנטער זענען מיר געווען צעשפּרייט איבער אַלערליי באַראַקן־לאַגערס פון גאַנץ בעהמיש־מעהרן, וואָס האָט צו יענער צייט נאָך געהערט צו עסטרייך. און איין באַראַקן־לאַגער פון מעהרן זענען געווען ביז איבער זעקסטויזנט נפשות. זעקסטויזנט מענטשן אָנגעלאָפן פון פאַרשידענע מקומות, פון אַלערליי קלענערע און גרעסערע שטעט און שטעטלעך פון גאַנץ גאַליציען, דערונטער איז אויך געווען אַ גרויסע צאָל רוסישע און רוסיש־פּוילישע בירגער, וועלכע האָבן צו יענער צייט געוואוינט אין איניקע גרעסערע גאַליצישע שטעט, ווי למשל קראָקע, פּשע־מישל, לעמבערג א. ד. גל. כמעט אַלע זענען מיר געווען נאַקעט און באָרפיס, אַנטלאָפן האַלבער נאַכט כמעט אין איין העמד פאַרן בסדר אָנרוקנדיקן שונא, די געוועזענע צאַרישע קאָזאַקן־באַנדעס, וועלכע האָבן צו יענער צייט געהאַלטן אין זייערע לאַפּעס כמעט דעם גרעסטן טייל פון גאַליציען.

ווי מ'האָט זיך איינגעבירגערט אין דער נייער היים, איבער־שלאָפנדיק נאָר עטלעכע וואָכן, האָבן זיך באַלד צוזאַמענגענומען עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז — „לא על הלחם לבדו יחיה האדם“... און האָבן צווישן זיך געבילדעט אַ מין קול־טור־קאָמיסיע, וואָס האָט קודם כל געדאַרפט זאָרגן דערפאַר, אַז דער עולם זאָל נישט אַריינפאַלן אין אַ מעלאַנכאָלישן אָדער אין אַ פאַרצווייפלטן צושטאַנד. עטלעכע מיטגלידער פון דער קאָ־מיסיע זענען אַוועק צום קאָמיסאַר פון באַראַקן־לאַגער, אַ מאַדיאַר, נישט קיין שטאַרקער אוהב ישראל און אים געבעטן, אַז ער זאָל דערלויבן אָפּהאַלטן פאָרלעזונגען, איינאָרדנען אָוונטן און דערלאָזן שפּילן טעאַטער. אויסהערנדיק די בקשה, האָט דער קאָמיסאַר אין אַ גאַנץ פריינדלעכן טאָן דערקלערט, אַז פערזענלעך איז ער גאָרנישט קעגן דעם, אַז מ'זאָל שפּילן טעאַטער, נאָר דאָס ליגט נישט אין זיין קאָמפּעטענץ, און וועגן אַזעלכע דערלויבנישן דאַרף מען זיך ווענדן צו דער באַצירקס־הויפּטמאַנשאַפט, און ווען זי וועט דערלויבן, וועט ער נישט מאַכן קיין שום שוועריקייט. **בנוגע** די פאָרלעזונגען און אָוונטן קאָן ער אַזעלכע דערלויבן, נאָר דערביי

האָט ער געגעבן אַנצוהערן, אַז זיי דאַרפֿן טראָגן אַ פּאַטריאָטישן כאַראַקטער...

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן תּיכּף אָנגעשיקט אַ בקשה אין דער באַצירקס־הויפּטמאַנשאַפֿט און געבעטן תּחנונים וועגן אַ דערלויבניש, אָנגעבנדיק, אַז פֿון אַרומגיין טאָג און נאַכט מעלאַנכאָליש און פֿאַרצווייפֿלט, וועט מען זיכער אַראָפּ פֿון זינען... און כּדי אויסצומיידן אַזאַ סכּנה, איז זייער געוואונטשן אַ דערלויבניש אויף טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, איז צוריקגעקומען אַ תּשובֿה, אַז הגם די צייט איז זייער נישט פּאַסיק צו שפּילן טעאַטער, דאָך ווערט געגעבן אַ דערלויבניש אויף יידישע טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, עס מוז אָבער אומבאַדינגט צוגעשיקט ווערן אין דער דייטשער שפּראַך צו צוויי עקזעמפּלאַרן פֿון די פּיעסן, וואָס זאָלן אויפֿגעפֿירט ווערן.

באַלד ווי די תּשובֿה איז אָנגעקומען, איז געוואָרן אַן אמתער „ליהודים"... ס'האָבן זיך תּיכּף געפֿונען פּראָפֿעסיאָנעלע אַרטיסטן, אַ קאָמיש פּאָרל, אַ געוויסער וואַלדבערג און זיין פֿרוי, וועלכע זענען טאַקע שפּעטער אַריבער אויף דער „יידישער בינע" אין ווין, אויך אַ כאַראַקטער־קאָמיקער — אַ געוויסער זילבער מיט אַ טאָכטער (זיי האָבן געזאָלט שפּילן אין לעמבערג), דאַן דער דירעקטאָר פֿון דער באַראַקן־שולע ה' לילקער און זיין פֿרוי, וועלכע פֿלעגן אין דער היים, גאַליציען, אויך מיטווירקן אויף אַמאַטאָרישע פֿאָרשטעלונגען. מיט איין וואָרט, עס איז באַלד צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ טרופּע כּדת משה וישׂראל...

דאָ האָט מען זיך אָבער פּלוצלינג אַרומגעזען, אַז אין גאַנצן לאַגער איז נישטאָ קיין איין איינציק יידיש טעאַטער־ביכל. ווייסנדיק גוט, אַז דאָס וועט מען אין ערגעץ, אַ חוץ אין ווין, נישט באַקומען, האָט מען אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיטן קאָמיסאַר, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ פּאַסיר־שיין, ד. ה. אַ דערלויבניש, אַז איינער פֿון אונדז זאָל אַריינפֿאָרן קיין ווין כּדי ברענגען עטלעכע טעאַטער־ביכלעך. דער קאָמיסאַר האָט אָבער בשום אופֿן אַזאַ דערלויבניש נישט געוואָלט אַרויסגעבן, און פֿאָרן אָן אַ דערלויבניש האָט פּשוט געהייסן זיך איינשטעלן דאָס לעבן.

די גאַנצע שמחה איז שיר נישט צושטערט געוואָרן צוליב דעם. געראַטעוועט די שלעכטע סיטואַציע האָט די שטרענגע רעזיזיע. וואָס ה' וואַלדבערג האָט געמאַכט ביי זיך אין קויבער, און דאָרט אויסגעפונען אַלטע ראָלי פון „דיעגאָ־פּראַנטשישקאָ“ פון דער אָפּערעטע „כּל נדרי“. ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן דערווייל אַן אָוונט פון געזאַנג און דעקלאַמאַציע, און דאָס פּאָרל וואַלדבערג זאָל אויספירן אַלע סצענעס פון דיעגאָ־פּראַנטשישקאָ, מ'האָט אויך אַוועקגעשיקט אַ בריוו צום ביכער־פאַרלאַג שלעזינגער אין ווין, און אים געבעטן, אַז ער זאָל אונז צושיקן אַלע שלום־עליכם איינאַקטער, איבערהויפּט דעם „דאָקטאָר“, און ביז דער דירעקטאָר און זיין פרוי זענען געווען זייער גוט איינגעשפּילט, און אויך עטלעכע פּיעסן פון גאָרדין און לאַטיינער...

אַ גוטן יידישן זינגער האָבן מיר געהאַט אין לאַגער, אַ געוועזענער קאַנדידאַט אויף אָבערקאַנטאָר. ער האָט געהאַט אַ שיינעם ליראַ־טענאָר, און געזונגען זייער אָנגענעם און סימפּאַטיש אַלערליי יידישע און דייטשע לידער.

באַלד האָט זיך אויך אָפּגעזוכט אַ סימפּאַטיש פרייליין, וואָס האָט געקענט פון אויסווייניק ראָזנפעלדס „גרינע“, און נאָך איינציקע קלענערע לידער און דעקלאַמאַציעס פון פרוג, פּרץ, א. אַ., מיט אַזויפיל קרעפטן האָט מען געקאָנט איינאָרדנען אַ גענוג גרויסן אָוונט.

ביים קאָמיסאַר האָט מען געפועלט, אַז ער זאָל אָפּגעבן אַ ספּעציעלן באַראַק, וואו מ'זאָל קאָנען אויפשטעלן אַ שטענדיקע בינע. אַדאַנק דער מיטהילף פון באַראַקן־פאַרוואַלטער, אַ מעהרישער גוי, גראָד נישט קיין שלעכטער, האָט מען באַלד אַוועקגעשטעלט צוויי פּראָפעסיאָנעלע טישלער, און אונטער די אָנווייזונגען פון די ה"ה זילבער און וואַלדבערג איז אין עטלעכע טעג אויפגעשטעלט געוואָרן אַ בינע מיטן גאַנצן קנאַק.

עס האָט זיך אויך באַלד געפונען אַ קונסטמאָלער, וואָס האָט אָפּגעמאָלט עטלעכע שיינע דעקאָראַציעס, געמאַכט אַ צימער מיט פענסטער, בלומען־טעפּ, אַ שפּיגל, אַן אויוון, א. אַז. וו. אַלע מאַטעריאַלן האָט, פאַרשטייט זיך, געגעבן די באַראַקן־פאַרוואַלטונג,

אָדער, בעסער געזאָגט, דער באַראַקן־פֿאַרוואַלטער, ביי וועמען די גאַנצע זאַך האָט זייער שטאַרק גושא חן געווען, און ער אַליין האָט זייער פֿיל מיטגעהאָלפֿן, אַז אַלץ זאָל אַרויסקומען על צד היותר טוב.

דער אינטערנירט האָט געדאַרפֿט זיין אינגאַנצן בחנם, אַזוי האָט בפֿירוש געזאָגט די דערלויבניש פֿון דער באַצירקס־הויפּטמאַנשאַפֿט, דאָך האָט דער קאָמיסאַר דערלויבט צו נעמען 20 העלער פֿאַר זיץ־ערטער און 10 העלער פֿאַר שטייען, דערפֿון האָט געדאַרפֿט אַ העלפֿט זיין פֿאַר די אנטוילגעמער אין אָוונט, און די צווייטע העלפֿט פֿאַר דער קאַסע פֿון דער קולטור־קאָמיסיע, כדי צו קאָנען פֿירן אַ ווייטערדיקע טעטיקייט. דער קאָמיסאַר האָט אויך אויף דעם אָוונט דערלויבט די שטאָטישע בירגער אַריינצוגיין אין באַראַקן־לאַגער, וואו קיין איינציקער מענטש האָט אַזוי נישט געקאָנט אַריין אָדער אַרויס אָן אַ ספּעציעלן פּאַסיר־שיין, וועלכער איז אויך נאָך שטרענג קאָנטראָלירט געוואָרן דורך דער זשאַנדאַרמעריע־וואַך, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען פֿאַרן אַריינגאַנג פֿון לאַגער. מ׳האָט אָנגעשריבן איייניקע איינלאַדונגס־קאַרטן, צוויי גרויסע פּלאַקאַטן, און איינער פֿון דער קולטור־קאָמיסיע איז אַריין אין שטעטעל. וואָס איז געווען דריי קילאָמעטער פֿון באַראַקן־לאַגער, פֿונאַנדערגעטיילט די איינלאַדונגס־קאַרטן צווישען דער פּני, דעם קולטוס־פֿאָרשטאַנד, דעם טעמפּל־פֿאָרשטאַנד, דעם ראַבינער, דעם יידישן בירגערמייסטער, דעם איינציקן יידישן דאָקטאָר און נאָך אַזעלכע חשובים... די צוויי פּלאַקאַטן האָט מען אויפֿגעהאָנגען אין די צוויי קאַפֿע־הייזער פֿון שטעטעל, וועלכע האָבן געדינט אַלס די פֿאַרזאַמלונגס־פּונקטן פֿון אַלע בירגער פֿון שטעטל, אויף די פּלאַקאַטן איז געווען אויסגעשריבן דאָס גאַנצע פּראָגראַם פֿון אָוונט, קיין פּרייזן זענען אין ערגעץ נישט אָנגעגעבן געוואָרן, נאָר בלויז פֿון אונטן איז געווען צוגעשריבן אַ קליין שורהלע — „אינטריט נאָך בעליבונג“.

דער אָוונט איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ זונטאָג זעקס אַ זייגער נאָכמיטאָג, דאָס האָט מען ספּעציעל געטון צוליב די שטאָטישע בירגער, וועלכע מ׳האָט דורכאויס געוואָלט האָבן אויפֿן

אָונט, די דערעפֿנונג איז געווען זייער אַ פֿייערלעכע, אַ ספּעציעל-צוגעגרייטער כאָר האָט קודם-כּל אָפּגעזונגען דעם עסטרײַכישן הימן, וואָס אַלע האָבן, פֿאַרשטייט זיך, אויסגעהערט שטייענדיק מיט אַנטבלויזטע קעפּ, דערנאָך האָט דער עולם פֿאַרנומען זייערע ערטער. די ערשטע דרײַ רייען זענען געווען אויסגעשטעלט מיט שטולן, וועלכע מ׳האָט צוזאַמענגענומען בײַם קאָמיסאַר, פּראָוואַל-טער, באַראָן-דאָקטאָר, שפּיטאָל, קאַנצעלאַריע, זשאַנדאַרמעריע א. אַז. וו.

די ערשטע רייע איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען באַזעצט פֿון דער באַראָן-לייטונג. אויפֿן ערשטן שטול איז געזעסן דער קאָ-מיסאַר. אָנגעטאָן יום-טובדיק. נעבן אים אויף אַ צווייטן שטול איז זיך געזעסן גאַנץ בכבודיק זײַן גרויסער הונט „מיראָלי“, וואָס איז געווען דרעסירט אַ לאַ „מאָריץ דער ערשטער“... און אָן וועלכן זײַן בעל-הבית האָט זיך אַ רגע נישט געקאָנט באַגיין, און מיט אים צוזאַמען געגעסן, געטרונקען און אַפֿילו געשלאָפֿן... דערנאָך זענען געזעסן דער פֿאַרוואַלטער מיט זײַן משפּחה, דער באַראָן-דאָקטאָר, דער שעף פֿון דער זשאַנדאַרמערע, די קאַנצעלאַריע-באַאַמטע א. אַז. וו. די איבעריקע צוויי רייען שטולן זענען געווען פֿאַרנומען דורך די שטאָטישע בירגער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די „פּני“ באַטראַכט אַז ערד עטלעכע און דרײַסיק פּערזאָן, בעת די אַלגעמיינע צאָל יידישע בירגער אין גאַנצן שטעטל איז נישט געווען קיין גאַנצע הונדערט...

דער אָונט איז אַראָפּ מיט אַ גוואַלדיקן דערפֿאָלג. דער זינ-גער האָט זייער שיין און גוט געזונגען, דאָס פֿרײַלין האָט שיין און גוט דעקלאַמירט, דאָס פּאָרל וואַלדבערג האָט אויסגעצייכנט געשפּילט, געזונגען און געטאַנצט. מ׳האָט געהאַלטן, אין איין פּאַטשן „בראַוואָ“ און שרײַען „ביס“, אַזוי, אַז דער אָונט. וואָס האָט זיך געזאָלט ענדיקן נײַן אַ זייגער — האָט זיך געענדיקט ערשט אַרום עלף. דער עולם איז אַוועק צופֿרידן ביז גאָר, און ווען דער קאָמיסאַר האָט בײַם אַרויסגיין געפֿרעגט זײַן הונט:

— נו, מיראָלי, וואַר דאָס שיין? — האָט דער הונט בהרחבהדיק עטלעכע מאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ און אַרויסגעשטעקט דערבײַ

זײַן לאַנגע און גרויסע צונג, מיט װעלכער ער האָט זיך פֿאַר גרויס תּענוג באַלעקט איבער דער גאַנצער מאָרדע...

דאָס פּראָגראַם האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע פֿינף טאָג, און יעדע נאַכט איז געװען איבערפֿולט, מ'האָט זיך דערײַבער גענומען גרײטן צו אַ צװײטן אָװנט, װאָס איז באַשטימט געװאָרן אױף פּורים. די צײַט איז געװען קורץ, בס"ה צװײ-דרײַ װאָכן, און ניט-האָבנדיק מער קײן שום מאַטעריאַל איז, פֿאַרשטײט זיך, װידער געװאָרן ניט הײמלעך...

דאָ האָט זיך אָבער װידער אָפּגעזוכט אַ נײַער „שטערן", דאָס איז געװען אַ געװיסער ה' מײזעלס, װאָס האָט געזאָלט זײַן פֿון אַ גאַליציאַנער װאַנדער-טרופּע. ער האָט געקענט װי אַ מזמור אױסנװײניק פֿון אױסנװײניק דעם אײנאַקטער „דער מאַן אונטערן טיש". באַלד זענען די ראָלן אױסגעשריבן געװאָרן, ס'האָט זיך אױך געפֿונען אַ שרײַבער, װאָס האָט אָנגעשריבן אַן אָריגינעלן אײנאַקטער, טאַקע פֿון באַראַקן-לעבן גופֿא, װאָס ענדיקט זיך מיט גאָר אַ לעבעדיקן שושנת יעקב... דער אײנאַקטער אָן שום ליטעראַרישן װערט, איז אָבער געװען זײער צוגעפּאַסט צו דער צײַט, און דאָס האָט גענוגט, אַז מ'זאָל אים שפּילן.

האָבנדיק שױן צװײ אײנאַקטערס, האָט מען װידער גענומען דעם זינגער, דאָס דעקלאַמירנדיקע פּרײליין און צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָגראַם. דער קאָמיסאַר האָט װידער דערלױבט די שטאָטישע בירגער אַרײַנצוקומען, מ'האָט װידער געשריבן אײַנלאַדונגען, פּלאַקאַטן א. אַז. װ., אַלץ װי בעתן ערשטן אָװנט.

אַראָפּ איז דער פּורים-אָװנט מיט נאָך אַ פֿיל גרעסערן דערפֿאָלג װי דער ערשטער.

די „טעאַטער-באַראַקע" איז שיר ניט צעלײגט געװאָרן פֿון שטאַרקן „בראַװאָ"-פּאַטשן און פֿון דעם כּסדרדיקן שרײַען „ביס". אַפֿילו דער בכּבֿודיקער „מיראַלי", װאָס איז אױפֿן ערשטן אָװנט געזעסן רואיק, שטיל און זיך געהאַלטן װי אַ בעסערער צושױער, האָט זיך דאָס מאָל ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און כּסדר געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַרױסשטעלנדיק אַלע װײַלע זײַן גרויסן לאַנגען צונג, און זיך באַלעקט פֿאַר גרויס תּענוג, שױן ניט װאַרטנדיק ביז זײַן

בעל=הבית וועט אים פרעגן ווי ס׳געפעלט אים.

זעענדיק, אַז מ׳קאָן אָפּשרײַבן ראָלן פון זכרון און אַז דאָס האָט נאָך אַפשר מער דערפאָלג ווי ווען מ׳זאָל די ראָל אָפּשרײַבן פון בוך, און וועלנדיק פּסח מאַכן אַ דריטן אָוונט, האָט מען באַשלאָסן, אַז יעדערער זאָל אָפּשרײַבן וואָס ער געדענקט. דאָס ערשטע איז געוואָרן דורך דעם שול=דירעקטאָר ה׳ ליקער מיט זײַן פרוי אָפּגעשריבן דער „דאָקטאָר" פון שלום=עליכם, דורך דעם פאָרל וואַלדבערג — „חיה=שמעיה" פון „שבת קודש", „שואליק" און „שײַנדעלע" פון „צווײַטן המן". „פרץ און מלכהלע" פון „אשה רעה", דורך ה׳ זילבער — „נחום גענזעלע" פון דער „גאָלדענער חתונה", „מרדכי נאָז" פון „בטלן", דורך ה׳ מײַזעל זענען אויך אָפּגעשריבן געוואָרן עטלעכע ראָלן. מיט אײַן וואָרעם איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצער ים מיט ראָלן, נאַטירלעך האָט יעדערער בײַם אָפּשרײַבן נישט קײן עילה געטון זײַן ראָל און מקצר ימים געווען די ראָל פון זײַן פּאַרטנער, דער „שרײַבער" האָט געמוזט דעריבער עפּעס צוגעבן, כּדי די רעפּליקעס זאָלן באַטש קלאַפּן... און אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ גאַנצער באַרג מיט פערטל, האַלבע און גאַנצע פּיעסן, וואָס האָבן צוזאַמען געהאַט אַ פּנים פון גראַם שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק...

קײן רעצענזענטן און קריטיקער זענען נאַטירלעך אין לאַגער נישט געווען, און ווען אפילו זײ וואָלטן יאָ געווען, וואָלטן זײ אויך זיכער נישט אויסגענוצט זײער טאַלאַנט. דאָס לעבן איז געווען זײער פאַרביטערט, קײן פרײלעכע גריסן פון דער היים האָט מען נישט געהערט, און הגם די צײַטונגען האָבן געהאַלטן אין אײן שרײַבן, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדנונג, האָט זיך דאָך יעדערער געשראָקן, אַז דער „אין בעסטן אָרדנונג" שטימט נישט אינגאַנצן מיטן אמת... דער עולם האָט זיך געוואָלט באַטויבן, פאַרגעסן אויף אַ ווײַל אין אַלע צרות, און דערצו האָט דאָס „טעאַטער=שפּיל" זײער פיל מיטגעהאָלפן...

די „טעאַטער=באַראַקע" איז וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער באַרימט געוואָרן. דערצו האָט זיך די טרופּע זײער גוט אײַנגעשפּילט. הגם עטלעכע פון די קרעפטן זענען שוין געהאַט אָפּגע=

פֿאַלן, זענען אָבער צוגעקומען נײַע... ווען דעם טעאַטער האָט מען אָנגעהויבן רעדן כּמעט איז אַלע לאַגערן פֿון גאַנץ בעהמען און מעהרן. אַלע האָבן דעם באַראַקן-לאַגער מקנא געווען און דער נאָמען פֿון דער טרופּע איז אַפֿילו דערגאַנגען ביז ווין. דער באַצירקס-הויפּטמאַן אַליין איז געוואָרן אַ גאַנץ אָפֿטער באַזוכער פֿון די טעאַטער-פֿאָרשטעלונגען, און ס׳האָט שוין אַפֿילו געהאַלטן דערבײַ, אַז די טרופּע זאָל קריגן אַ ספּעציעלע דערלויבניש אַרויסצופֿאָרן אויף אייניקע גאַסטראָלן אין די אַנדערע לאַגערס פֿון זעלבן באַצירק.

אויף ווי ווײַט דער נאָמען פֿון דער „טעאַטער-באַראַקע" איז געווען באַרימט, קאָן דינען אַלס פֿאַקט דאָס, וואָס בעת דער דאַמאָלדיקער באַרימטער גענעראַל באַראָן פֿאָן קעוועס (קייזער-לעבער פֿאַמיליען-מיטגליד), איז דורכגעפֿאָרן דאָס שטעטל, האָט ער זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַציע, כּדי צו קאָנען בײַ דער געלעגנהייט באַזוכן די „טעאַטער-באַראַקע" און ער האָט זיך דאַמאָלט טאַקע געלאָזט פֿאָרשטעלן די גאַנצע טרופּע. אַ דאַנק דעם דאָזיקן באַזוך איז דער באַראַק שפּעטער דערקלערט געוואָרן אַלס אומבאַרירבאַר, און אַפֿילו אין נויטיקסטן פֿאַל האָט מען זיך נישט געטאָרט מיט דעם דאָזיקן באַראַק באַנוצן צו קיין שום אַנדערן צוועק.

דער גורל האָט אָבער אַנדערש געוואָלט. געווען איז עס, דאַכט זיך, בעת דער צווייטער אינוואַזיע אין 1916. גאַנצע מחנות „פֿליכטלינגע" האָבן זיך געלאָזט פֿון גאַנץ מזרח-גאַליציען. מ׳האָט געדאַרפֿט האָבן גרויסע לאַגערן, וואו אַרײַנצונעמען די נײַע גרויסע שטראָמען היימלאָזע, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אומאויפֿהערלעכע כוואַליעס... און דאָ איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז דער לאַגער ווערט אויפֿגעלעזט, דאָס הייסט, אַז אַלע ביז-איצטיקע תּושבים פֿון לאַגער ווערן פֿונאַנדערגעשיקט גרופּנווייז אין די פֿאַרשידענע קלענערע און גרעסערע שטעט און שטעטלעך, ווי אויך אין די דערפֿער, כּדי צו מאַכן פּלאַץ פֿאַר די נײַע מחנות היימלאָזע.

די קולטור-קאָמיסיע האָט אויף גיך אָפּגעהאַלטן אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג, וואָרום די צײַט איז געווען קורץ. דער באַפֿעל

האט געזאגט, אז „ביז 48 שטונדן מוז דער באראקן-לאגער זיין פּאלקאם ריין פון די ביז יעצט איינגעבירגטע פּליטשלינגע“. די קולטור-קאמיסיע האט געהאט פיל ביכער און א ביסל געלט, ווארום מ׳דארף נישט פארגעסן, אז די „טעאטער-באראקע“ האט דעם גאנצן טאג אויך געדינט פאר א לעזע-האלע, וואו ס׳האבן זיך געפונען כמעט אלע עסטרייכישע און דייטשע טעגלעכע צייטונגען, זייער פיל וואך- און חודש-זשורנאלן. פון יידישע צייטונגען איז געווען „לעמבערגער טאגבלאט“ און „די בודאפּעסטער אלגעמיינע יידישע צייטונג“, נאר לעצטנס האט מען אויך אויסגעשריבן דעם „מאמענט“, „היינט“ און „הצפירה“ פון ווארשא. עס זענען אויך געווען זייער פיל אמעריקאנער צייטונגען, איבערהויפּט דער „פארווערטס“, וואס ס׳פלעגן צושיקן די אמעריקאנער צו זייערע קרובים אין לאגער. אין צווישנצייט, ווען ס׳זענען נישט פארגעקומען קיין טעאטער-פארשטעלונגען, פלעגן כמעט יעדע נאכט אפגעהאלטן ווערן גאנץ אינטערעסאנטע פארלעזונגען פון באראקן-דאקטאר, שול-דירעקטאר און אמאל אויך פון אנדערע לערער, וואס זענען כמעט אלע געווען מיטגלידער אין דער קולטור-קאמיסיע. די פארלעזונגען זענען געווען אויף פארשידענע טעמעס. דער אפּצאל פארן אריינגאנג איז געווען זייער א קליינער, כמעט די גאנצע הכנסה פון די טעאטער-פארשטעלונגען איז געגאנגען אויף ביכער. אויף אזא אופן האט די קולטור-קאמיסיע אין א גאנץ קורצער צייט זיך דערווארבן א זייער שיינע יידישע ביבליאטעק פון כמעט אלע יידישע שרייבער, און א שפּאר ביסל דייטשע און פּוילישע ביכער. אויף די ווענט פון דער „טעאטער-באראקע“ זענען געהאנגען בילדער פון די יידישע שריפטשטעלער. ווייל דאס האט אנגעהערט אלעמען, האט מען געוואלט, אז אלע זאלן זיך ארויסזאגן, וואס מ׳זאל דערמיט טון.

די פארזאמלונג האט זיך צעטיילט אין צוויי לאגערס, איינער האט געזאגט, אז אלץ זאל בלייבן אין לאגער. עס קומען דאך ווידער אן יידישע היימלאזע, וואס וועלן זיך פּשוט מחיה זיין מיט א יידיש ביכל, און ווארשיינלעך וועלן זיך געפינען פרישע „חברה“, וואס וועלן די אנגעהויבענע ארבעט ווייטער פירן... אנדערע זענ

אָבער געווען קאַטעגאָריש קעגן, און געטענהט, אַז מ'קאָן נישט וויסן ווער עס וועט אַריינקומען אין לאַגער (מ'האָט געשמועסט, אַז מ'ברענגט אין לאַגער געפֿאַנגענע רוסן), און איבערלאָזן אַט אַזוי אַלץ אויף הפקר, איז פּשוט אַ פֿאַרברעך. זיי האָבן דעריבער פֿאַרגעלייגט, אַז אַלץ זאָל ווערן אַפּגעשיקט קיין לעמבערג צום יידישן רעטונגס-קאָמיטעט, וואָס האָט צו יענער צייט אָנגעפֿירט מיט דער הילף- און רעטונגס-אַקציע כמעט אין אַלע קליינע שטעטלעך פֿון גאַנץ מזרח- און מיטל-גאַליציע. אין דער שפּיץ פֿון דעם דאָזיקן רעטונגס-קאָמיטעט איז געשטאַנען אַ געוויסער פּראָפֿעסאָר בראַמבערג. גובר געווען האָט די צווייטע מיינונג, און נאָך איינעם טאָג זענען אַלע ביכער מיטן גאַנצן געלט (איבער הונדערט קראָנען) אַפּגעשיקט געוואָרן קיין לעמבערג.

II

אַ גרופּע פֿון צוועלף הונדערט מאַן זענען געשיקט געוואָרן קיין לינדענבורג. ווי אין גאַנץ בעהמיש-מעהרן זענען אויך אין לינדענבורג געווען אַ יידישע און אַ קריסטלעכע געמיינדע, בערך ניין הונדערט היימלאָזע האָט איבערגענומען די קריסטלעכע געמיינדע און די איבריקע — די יידישע. עס מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז די ערשטע האָבן אויך פֿיל מער געזאָרגט פֿאַר די היימלאָזע, ווי די יידישע געמיינדע. די ערשטע עטלעכע וואָכן האָט מען פֿאַרבראַכט אין פֿאַרשידענע שטאַלן, שייערן, ברוי-הייזער א. ד. גל. מ'איז אָבער צופֿרידן געווען דערמיט, ווייל דאָס לעבן איז דאָ געווען פֿרייער, מ'האָט נישט געמוזט זיצן פֿאַרשפּאַרט ווי אין תּפֿיסה, נישט געוואוסט פֿון קיין פּאַסיר-שיין אַרויסצוגיין אין שטאָט, פּטור געווען פֿון דער זשאַנדאַרם-באַגלייטונג, פֿון די פֿאַרשידענע שטראָפֿן און פֿון די איבריקע צרות. כמעט אַלע היימלאָזע האָבן זיך געצויגן אין שטאָט גופֿא, ביסלעכווייז האָבן אויך צענדליקער היימלאָזע באַקומען פּריוואַט-וואוינונגען, פֿיל פֿון די לינדענבורגער בירגער האָבן אַפּגעגעבן וואוינונגען פֿאַר די היימלאָזע אינגאַנצן אומזיסט.

אויך מיט עסן איז דאָ געווען פֿיל בעסער, מ'איז פּטור געוואָרן פֿון דעם שלעכטן באַראַקן-עסן, יעדער איז געווען אַ בעל-

הבית פֿאַר זיך, געקאָכט און געגעסן וואָס ער האָט געוואָלט. די צוויי קראָנען אַ טאָג, וואָס יעדער קאָפּ האָט באַקומען האָבן צו יענער צייט געקאָנט ווי ס'איז קלעקן אויף אַ צופֿרידן לעבן.

אין די ערשטע צייטן האָבן די היימלאָזע בײַ אַלע אַרומ־גערופֿן צו זיך אַ געוויסן מיטגעפֿיל און מיטלייד. סײַ אין די עפֿנטלעכע, סײַ אין די פּריוואַט־געוועלבער, האָט מען זיי אַלץ פֿאַרקויפֿט ביליקער ווי די אײַנגענע בירגער. בײַ דער באַפֿעלקערונג, אפֿילו בײַ דער יידישער, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה פֿון יידישן לעבן, האָבן די גאַליציאַנישע יידן מיט זייער טראַכט און מנהגים, אויסגעזען ווי אומגליקלעכע וואַנדערער, וואָס קומען פֿון יענער זייט הרי חושך. שפּעטער איז דאָס אָבער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז מ'האָט פּשוט אַ גאַליציאַנישן ייד גאָרנישט געוואָלט פֿאַר־קויפֿן, נאָר ערשט מיט פּאָליצייאישע הילף האָט ער געקאָנט עפּעס קריגן.

עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז עס איז פּשוט שווער געווען פֿאַר אַ גאַליציאַנישן ייד דורכצוגיין אויפֿן מאַרק. פֿרײַטאָג צו נאַכטס, בעת די היימלאָזע פֿלעגן אַהיימגיין פֿון דער שול, זענען זיי אָנ־באַפֿאַלן געוואָרן פֿון קלענערע און גרעסערע קריסטלעכע בחורים, וואָס פֿלעגן זיי גוט שלאָגן און אָנרופֿן זיי מיט די שענדלעכסטע זידל־נעמען. דערפֿון האָט זיך דערוואוסט דער בירגערמייסטער, וואָס האָט תּיכּף געלאָזט אויספּויקן איבער דער גאַנצער שטאָט און אויך אויסגעהאַנגען פּלאַקאַטן, אַז ווער עס וועט באַליידיקן אַ היימלאָזן, דער וועט אַרעסטירט ווערן אויף צוויי וואָכן און, אַז די עלטערן זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די קינדער. נאַטירלעך האָט דאָס געהאָלפֿן און די שיקאַנען האָבן אויפֿגעהערט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז בײַ אַזעלכע פֿאַרהעלטנישן, האָט קיין רייד נישט געקאָנט זײַן וועגן שפּילן יידיש טעאַטער, אָדער מאַכן וועלכן ס'איז יידישן אָוונט. אַחוץ דעם איז עס געווען פֿיל שווערער, ווי אין פֿריערדיקן לאַגער. בעת דאָרט זענען אַלע היימלאָזע געווען קאָנצענטרירט אויף איין אָרט, איז מען דאָ געווען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, און אַ גרויסער טייל הינטער דער

שטאָט. כּמעט איבער אַ העלפֿט הײמלאָזע זענען אַ חוץ דעם געווען אַ גאַנצן טאָג באַשעפֿטיקט אין פֿאַרשידענע פֿאַבריקן, און ס'איז פּשוט שווער געווען צו באַקומען אַ שטיקל קבוע. דאָך האָבן זיך געפֿונען זײער פֿיל, וועלכע האָבן געבענקט און געלעכצט נאָך אַ ייִדיש וואָרט, און ווער רעדט נאָך אַ ייִדישן אָוונט.

ווען די לאַגע איז געווען אַזעלכע אין לינדענבורג, איז זי אָבער געווען אַ פֿיל בעסערע אין דעם קלײנעם שכנותדיקן שטעטל קאַסטעל, אינגאַנצן אײניקע קילאָמעטער ווײַט פֿון לינדענבורג, וואָס האָט אויך אָנגעהערט צום זעלבן באַציִרק. דאָ, אין דעם קלײנעם קאַסטעל, זענען אַרײַנגעשיקט געוואָרן ביז טויזנט הײמלאָזע אויך פֿון פֿאַריקן לאַגער, און אַלע זענען אײַנקוואַרטירט געוואָרן אין צווײ גרויסע צוקער=פֿאַבריקן. כּסדר צוזאַמען, און שוין זײַענדיק אָפּגעוואויגט פֿון טרוקענעם און נודנעם לעבן, האָבן זײ אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אײַנאָרדנען עפּעס אַ שטיקל ייִדישע פֿאַרשטעלונג. דער צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז עטלעכע ייִנגעלײַט פֿון קאַסטעל, דערונטער אויך אַ געוויסער ה' פּרולטער פֿון פּשעמישל (געזאָלט זײַן אַ שוישפּילער פֿון אַ גאַליציִשער וואַנדער=טרופּע), זאָלן זיך באַקענען מיט עטלעכע ייִנגעלײַט פֿון לינדענבורג, און זײ האָבן צוזאַמען אָנגעהויבן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פֿון אַ ייִדישער טעאַטער=פֿאַרשטעלונג.

פֿון דערשלאָגן זיך צו אַ „טעאַטער=באַראַקע" האָט נאַטירלעך דאָ קײן רייד נישט געקאָנט זײַן. אין קאַסטעל ווידער איז גאָר בכלל נישט געווען קײן שטיקל אָרט, וווּ מ'זאָל קאָנען אײַנאָרדענען אַ פֿאַרשטעלונג, אָדער בכלל וועלכן ס'איז אָוונט. אין לינדענבורג איז אפֿילו יאָ געווען אַ טעאַטער=זאַל, דער אַזוי=גערופֿענער זאַל אין „האָטעל צו קראָנע", וווּ עס פֿלעגן פֿאָרקומען גאַנץ אָפֿט קאָנצערטן ווי אויך פֿאַרשטעלונגען פֿון פֿאַרשידענע דײַטשע און בעהמישע (טשעכישע) דורכוואַנדער=טרופּעס, האָט מען אָבער גוט געוווּסט, אַז קײן „פֿליכטלינגע" וועט מען דעם זאַל נישט פֿאַרדינגען פֿאַר קײן שום געלט אין דער וועלט. דאָ איז אָבער פּלוצלינג ווידער געשען אַן אומגעריכטער צופֿאַל, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט צו שפּילן טעאַטער, און טאַקע אין לינדענבורג, און

כּאַקעֶ אין דעֶם גרויסן זאַל פֿון „האָטעֶל צו קראָנעֶ“.

און געֶשעֶען איז אָט וואָס: על פּי צופֿאַל האָט מעֶן זיך דעֶרוואוסט, אַז דעֶר הילפֿס־קאָמיטעֶט אין לינדעֶנבורג גרייט זיך אויף פּסח מיט עפּעֶס אונטעֶרצושטיצן די פּליכטלינגעֶ. באַלד זענעֶן אַוועֶק עטלעֶכעֶ מענטשן צום יידישן בירגעֶרמייסטעֶר, וואָס איז געוועֶן דעֶר פּרעזעֶס פֿון דעֶם הילפֿס־קאָמיטעט, און אים דעֶרקלעֶרט, אַז זיי וועלן קיין שום הילף אויף אַזאַ אופֿן נישט אָננעֶמעֶן, און בכלל נישט דעֶרלאָזן צו אַזאַ הילף. די היימלאָזעֶ זענעֶן נישט קיין שנאָרעֶר און זיי דאַרפֿן נישט, אַז מ׳זאָל פֿאַר זיי צוזאַמעֶנמאַכן געֶלט מיט דעֶר פּושקעֶ... דאַקעֶגן לייגן זיי פֿאָר, אַז דעֶר בירגעֶרמייסטעֶר זאָל זעֶען, אַז מ׳זאָל פֿאַר די היימלאָזעֶ פֿאַרדינגעֶן דעֶם זאַל פֿון „האָטעֶל צו קראָנעֶ“, וואו זיי וועֶלן אײַנאָרדנעֶן אַ יידישעֶ טעֶאַטעֶר־פֿאָרשטעֶלונג. וואָס קאָן אַרײַנברענגעֶן עטלעֶכעֶ הונדעֶרט קראָנעֶן, און דאָס געֶלט זאָל באַשטימט ווערן אַלס אונטעֶרשטיצונג פֿאַר די נישט־פֿאַרמעֶגלעֶכעֶ היימלאָזעֶ אויף פּסח.

דעֶר בירגעֶרמייסטעֶר האָט באַלד צוזאַמעֶנגעֶרופֿן אַ זיצונג פֿון הילפֿס־קאָמיטעֶט, פֿאָרגעֶלייגט דעֶם פּלאַן, וואָס איז אָן שום דיסקוסיעֶס אָנגעֶנומעֶן געֶוואָרן. באַלד צומאָרגנס האָט דעֶר בירגעֶרמייסטעֶר געֶגעֶבן אַ תשובה, אַז דעֶר פֿאָרשלאַג איז אָנגעֶנומעֶן געֶוואָרן, און דעֶם זעֶלבן טאָג איז עֶר אַוועֶק מיט אײנעֶם פֿון דעֶר „חברה“ צום אײגנטימעֶר פֿון האָטעֶל, און נאָך לאַנגעֶ אונטעֶרהאַנדלונגעֶן האָט מעֶן באַקומעֶן דעֶם זאַל אויפֿן עֶרשטן טאָג חוה״מ פּסח.

אָבעֶר דאָ האָט מעֶן זיך אַרומגעֶזעֶען, אַז מ׳געֶפֿינט זיך אין דעֶר זעֶלבעֶר לאַגעֶ ווי אין אָנהייב אין פֿריערדיקן לאַגעֶר, דאָס הייסט, אַז מ׳האָט נישט פֿון וואָס צו שפּילן. מ׳האָט אָנגעֶהויבן זוכן, נישטעֶרן, אָבעֶר נישט אין קאָסטעֶל און נישט אין לינדעֶנבורג האָט מעֶן נישט געֶקאָנט געֶפֿינעֶן קיין יידיש טעֶאַטעֶר־ביכל. מאַכן אַ אָוונט פֿון געֶזאַנג, דעֶקלאַמאַציעֶס און אײנאַקטעֶרס האָט מעֶן נישט געֶקאָנט, ווײַל ס׳האָבן געֶפֿעֶלט די געֶהעֶריקעֶ קרעֶפֿטן. פֿאָרן קיין ווין, וואָס איז געוועֶן אינגאַנצן פֿיר שעה רײַזעֶ פֿון

לינדענבורג, איז צוליב די שווערע קאָנטראָלעס אויפֿ׳ן וועג, געווען פּשוט אוממעגלעך אַפֿילו פֿאַר בירגער גופֿא. אויסשרייבן, אַז מ׳זאָל עפּעס צושיקן, איז שוין אויך געווען צו־שפּעט, אינגאַנצן נאָך צוויי וואָכן צו פּסח, און אַזוי איז מען ווידער געוואָרן פֿאַרצווייפֿלט, איז דאָך אָבער לא אלמן ישראל! און אַז מ׳זוכט גוט, געפֿינט מען. ביים שרייבער פֿון די שורות האָט זיך געפֿונען אַ געשריבענע איינגענע פּיעסע „די געשטערטע חתונה“, וואָס איז אויך אין איינגענעם יאָר אויפֿגעפֿירט געוואָרן פֿון דער „יידישער בינע“ אין ווין, און הגם די פּיעסע איז נישט געווען אַזוי לייכט אויפֿצופֿירן, איבערהויפּט צוליב׳ן גרויסן פּערסאָנאַל, האָבן זיך דאָך די „חברה“ געוואָרפֿן אויף איר, איבערהויפּט דער אויבנדערמאָנטער פּראָבלעמער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צוזאַמענצושטעלן אַ פּערסאָנאַל...

חברה האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. מ׳האָט איבערגעשריבן די ראָלן, געשאַפֿן אַ פּערסאָנאַל. דאָ האָט מען זיך ווידער אָנגעשטויסן, אַז מיר האָבן מער דאַמען ווי מענער, און מ׳האָט דעריבער געמוזט אין מענער־ראָל פֿאַרבייטן אויף אַ דאַמען־ראָל, און אָנשטאָט אַ „בערנאַרד“ איז געוואָרן אַ „בערטאַ“... אין אַ צווייטער מענער־ראָל, וואָס האָט דורכאויס געמוזט געשפּילט ווערן פֿון אַ מאַן, האָט זיך אַ דאַמע איבערטאָן אין מענער־קליידער און האָט שפּעטער זיך אין זיי אַזוי גוט געהאַלטן, אַז ס׳איז באמת שווער געווען צו דערקענען, אַז זי איז אַ דאַמע.

זעענדיק, אַז די ערשטע פּראָבעס זענען גוט אַוועק, האָט מען אָפּגעדרוקט און פֿונאַנדערגעקלעבט פּלאַקאַטן, און באַלד זענען אַלע בילעטן צוזאַמען געוואָרן, דערביי זענען דריי פֿירטל טאָקע געקויפֿט געוואָרן פֿון די פּליטלינגע גופֿא. „חברה“ האָט געאַרבעט מיט מסירת נפֿש, געהאַלטן כמעט דעם גאַנצן טאָג אין שטודירן די ראָלן, פּראָבן זענען געמאַכט געוואָרן צוויי מאָל אַ טאָג. אַן אָרט אויף די פּראָבן איז געווען זייער אַ גוטס. די קאָסטעלער יידישע געמיינדע, וואָס האָט באַקומען לויט אַן אָפּמאַך דרייסיק פּראָצענט פֿון דער הכנסה, אַלס אונטערשטיצונג פֿאַר אירע היימלאָזע, דערפֿאַר וויל אַלע אַקטיאָרשטשיקעס זענען געווען פֿון איר

געמיינדע, האָט אָפּגעגעבן איר גרויסן זיצונגס־זאַל אויף פּראָבעס. דעם ערשטן טאָג פּסח איז די גאַנצע טרופּע אַריינגעקומען צופֿוס פֿון קאַסטעל קיין לינדענבורג. דאָ האָבן זיי ערשט אָנגעהויבן די אמתע פּראָבעס אין טעאַטער. אין טאָג פֿון דער פֿאָרשטעלונג איז פֿאַרמיטאָג געמאַכט געוואָרן די גענעראַל־פּראָבע אין גרים, קאָסטיומען. אַלע נויטיקע רעקוויזיטן, קאָסטיומען האָט זייער גערן אויסגעבאָרגט דער לינדענבורגער אָבער־קאַנטאָר ה׳ גאָלדענבערג, אַליין אַ לעמבערגער.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזוי פֿיל הכנות, איז די פֿאָרשטעלונג אַראָפּ מיט אַ גרויסן דערפֿאָלג, און וועלכן ס׳האָט אַ גרויסן חלק געהאַט די פּיעסע גופֿא, וואָס איז געווען אַקטועל און צוגעפּאַסט פֿאַר דער דאָרטיקער סביבה. די שפּילער זענען אומגעהויער פֿיל מאָל אַרויסגערופֿן געוואָרן. דאָס שרייען „בוים“ און קלאַפּן „בראַוואָ“ האָט פֿאַרצויגן די פֿאָרשטעלונג ביז האַלב צוויי ביינאַכט... ערשט דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די רעכטע שמחה, די בירגער האָבן געהאַלטן אין איין שטעלן סאָדע־וואַסער מיט ווײַן, וואָס איז דאָרט דער בעסטער געטראַנק און כסדר זיך פּאָסמאַקעוועט — „אָ, די פּאָלנישע, די האָבן עס זער גוט געמאַכט“...

דער רושם, וואָס די פֿאָרשטעלונג האָט געמאַכט, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער בירגערמייסטער אַליין איז באַלד צומאָרגנס אַראָפּגעפֿאָרן אין דער באַצירקס־הויפּטמאַנשאַפֿט און געבעטן אַ דערלויבניש אויף צוויי פֿאָרשטעלונגען פֿון דער זעלבער פּיעסע.

די פֿאָרשטעלונגען זענען שוין אָבער מער נישט פֿאָרגעקומען, ערשטנס צוליב די שאַרפֿע ספֿקות, וואָס זענען אויסגעבראָכן צווישן דער טרופּע גופֿא פֿאַר די נישט־גלייכע האָנאָראַרן, וואָס זיי האָבן באַקומען פֿון קאָמיטעט, און צווייטנס, ווייל עטלעכע מאַמעס האָבן זיך זייער שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט, אַז זייערע טעכטער זאָלן שפּילן טעאַטער...

און הגם מ׳האָט שוין מער קיין טעאַטער נישט געשפּילט, האָט אָבער די איינע פֿאָרשטעלונג געבראַכט אַ גרויסע ענדערונג לטובֿת די הײַמלאָזע. פֿון דאַמאָלט אָן האָט מען גאָר אַנדערש געקוקט אויף די „פּאָלנישע“, זיך גאָר אַנדערש צו זיי באַצויגן, און זייער לאַגע איז געוואָרן פֿיל בעסער.

באָרים טאָמאַשעווסקי.

די געשיכטע פון „אלי-אלי"

מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק האָט פּראָפעסאָר הורוויטש פאַרפאַסט אַן אָפּערעטע מיטן נאָמען „ברכה", די פּרימאַדאָנע סאָפיע קאַרפּ האָט געשפּילט די ראָלע פון „ברכה".

אין דער פּיעסע קומט פאָר אַ סצענע ווי אַ ייִדיש מיידל ווערט געיאָגט פון אַנטיסעמיטן און פאַר אַ געוויסן חטא פאַרמשפּט מען זי געקרייציקט צו ווערן אין מיטן מאַרק; מ'בינדט צו דאָס ייִדישע מיידל צו אַ גרויסן הילצערנעם קרייץ און אַלע פאַרבייגייער שפּייען איר אין פּנים און וואַרפן אויף איר שטיינער.

פאַר דער קרייץ-סצענע האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעשריבן אַ גרויסן מאָנאָלאָג אויף עטלעכע בלעטער. אין דעם מאָנאָלאָג באַקלאָגט די אָרעמע „ברכה" איר אייגענע לאַגע און די פּלאָגן פון כל ישראל, קרעכצט און וויינט און קוועטשט עפּעס משוגהדיק פילאָזאָפישע ווערטער.

די אָרעמע סאָפיע נעבעך האָט זיך געמוטשעט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט, געלערנט דאָס גרויסע שטיק פילאָזאָפיע. עס איז איר אָבער געווען אוממעגלעך אויסצולערנען אַזויפיל זאַגעכץ, און זי האָט פּשוט געוויינט ביי די פּראָבעס און זיך געבעטן ביי מיר, אַז איך זאָל דעם גרויסן מאָנאָלאָג שניידן, מאַכן ווייניקער ווערטער.

אָבער דער פּראָפעסאָר, אַן איינגעשפּאַרטער רומענישער ייִד, האָט זיך איינגעעקשנט און ניט געוואָלט אַראָפּלאָזן אַפילו איין וואָרט.

די טעג זענען געפֿלויגן אַלץ גענטער צו דער פּרעמיערע. פֿאַרשטייט זיך אַז דער פּראָטאַגאָניסט איז געוואָרן מער נערוועז.

איך בין צוגעשטאַנען צום פּראָפֿעסאָר, אַז מ'זאָל מאַכן אָנשטאָט אַ מאָנאָלאָג אַ ליד.

דער פּראָפֿעסאָר האָט דאָס אויך נישט געוואָלט. מען דאַרף, — האָט ער געזאָגט, — באַוויינען די יידישע צרות, נישט באַזינגען...

אָבער איך בין צוגעשטאַנען שטאַרקער מיט גוטן און מיט בייזן, מיט דערקלערונגען און באַווייזן, אַז די פּיעסע וועט אַ סך געווינען, אויב סאָפֿיע וועט זינגען אַ שיין, יידיש האַרצרייסנדיק ליד.

דער פּראָפֿעסאָר האָט אונטערן נאָז געבורטשעט: „מיט וואָס איר ווילט", און איז מיט רציחה אַוועק פֿון טעאַטער אין אַ רומעניש ווינקעלע.

איך האָב געלאָזט רופֿן מיין כאָרמייסטער, אַ געוויסן סענדלער, אַ דאַרער יידישער יינגערמאַן, וואָס האָט זיך יאָרן־לאַנג געוואַלגערט ביי יידישע חזנים, אַ גאַנץ פּשוטער מוזיקער. איך האָב אים דערקלערט. אַז איך וויל האָבן אַ יידיש ליד, אַ האַרצרייסנדיק ליד, האַלב רומעניש, האַלב יידיש אַזוי, אַז סאָפֿיע קאַרפּ זאָל זיך קאָנען אויסציייכענען.

— גיט מיר — זאָגט סענדלער — ווערטער, און איך וועל שרייבן דערויף מוזיק.

ער האָט מיר געהאָלפֿן אויסזוכן דעם פּסוק פֿון תהלים „אלי אלי למה עזבתני", און איך האָב צוגעשריבן דעם יידישן טעקסט. די גאַנצע געשיכטע האָט געדויערט ביי מיר עטלעכע מינוט און סענדלער האָט זיך אַוועקגעזעצט טאַקע אין מיין גאַרדעראָבע שרייבן מוזיק. אין אַ 10 אָדער 15 מינוט האָט סענדלער מיר אַראָפּגעבראַכט דאָס פֿערטיקע ליד (אָט ווי אַזוי מ'זינגט עס היינט) און האָט מיר פֿאָרגעזינגען דעם היינטיקן פּאָפּולערן „אלי אלי".

דאָס ליד האָט מיך נישט שטאַרק איבערראַשט אַלס מוזיקאַליש ווערק, אָבער אין דער פּראַקטיק, די יידישע שוינקייט און די רומענישע קונצלעך, האָב איך געזען אַ גרויסן בייפֿאַל

בײַם טעאַטער־עולם.

דאָס ליד „אלי אלי“ איז אַרײַנגעזעצט געוואָרן אָנשטאָט דעם גרויסן מאָנאָלאָג, און „ברכה“ איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן מיט אַ ריזיקן דערפֿאָלג.

דאָס שטיק אַלײן פֿאַר זיך איז געווען אַ בילי̇קע מאַכערײַקע, עפּעס אַן איבערזעצונג פֿון דײַטש אָדער רומעניש. עס האָט זיך נישט געקלעפּט אײן סצענע צו דער אַנדערער. מיר האָבן אַלע חוזק געמאַכט פֿון דער פּיעסע, פֿון אונזערע ראָלן, פֿון דער מוזיק. און וואָס מער מיר האָבן חוזק געמאַכט, און וואָס מער מיר האָבן אָנגעקוקט ווי משוגע דעם עולם, וואָס קומט אין טעאַטער אַרײַן זען „ברכה“, אַלץ מער זענען זיי געקומען, אַלץ מער האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט דער בײַפֿאַל און די הכנסות. מיר האָבן זיך אַלע נישט געקאָנט קײן חשבון אָפּגעבן פֿאַרוואָס לויפֿן די יידן און צו וואָס שטופּן זיי זיך צו דער קאַסע און וואָס פֿאַר אַ וואונדער זעען זיי אין דער נאַרישער האַנדלונג פֿון „ברכה“.

נאָר אָט וואָס עס האָט פּאַסירט און האָט אונזערע אויגן געעפֿנט:

מאַדאַם דינה פֿײַנמאַן, אײנע פֿון אונזערע באַדײַטנדסטע דראַמאַטישע אַרטיסטינס, האָט שטאַרק חשק געהאַט צו שפּילן „ברכה“. עס איז, — האָט זי געטענהט, — אַ דראַמאַטישע ראָל און דעם גרויסן מאָנאָלאָג פֿון די זעקס בלעטער וועט זי אַראָפּזאָגן מיט גרויס געפֿיל אַז מ'וועט בײַ איר וויינען פּשוט ווי אום יום־כּפּור. און אײנמאָל זיצנדיק בײַ אַ גלעזל ווײַן, שטײט צו מיר צו דער פֿאַרשטאָרבענער פֿײַנמאַן, אַז מיר זאָלן אַרויפֿלאָזן די מאַדאַם פֿײַנמאַן שפּילן „ברכה“, און דאָס געשעפֿט איז געמאַכט געוואָרן. אויף דער אַנדערער וואָך האָבן מיר אַנאָנסירט אין אַלע יידישע צײַטונגען, אַז פֿרײַטאָג און שבת וועט אויפֿטרעטן צום ערשטן מאָל אין דער ראָלע „ברכה“ אונזער באַליבטע דראַמאַטיסטין דינה פֿײַנמאַן.

אַלע בילעטן זענען געווען אויספֿאַרקויפֿט, ווי אַלע מאָל. דער ערשטער אַקט איז בשלום אַריבער. די אַפּלאָדיסמענטן זענען געווען די אײגענע ווי אַלע מאָל.

אין צווייטן אַקט קומט פֿאַר די גרויסע סצענע, וואו ברכה שטייט צוגעבונדן צום קרייץ. מאַדאַם פֿיינמאַן רעדט דעם מאָנאָלאָג מיט פֿייער, מיט טעמפּעראַמענט און מיט גוסנדיקע טרערן. אין טעאַטער ווערט אומרואיק, עפּעס רודערט זיך. אפֿשר וויינט דער עולם אַזוי שטאַרק פֿון די רירנדיקע ווערטער? אָבער עס דערהערן זיך גאַנץ דייטלעכע שטימען פֿון דער גאַלעריע, פֿון באַלקאָן און פֿון אַלע ווינקעלעך איבערן טעאַטער — „אלי אלי“, „אלי אלי“!

מאַדאַם פֿיינמאַן שטייט אויף דער בינע אַ פֿאַרצווייפֿלטע און שרייט נאָך העכער אירע שיינע פֿראַזן פֿון מאָנאָלאָג. אָבער דאָס געשריי אין טעאַטער ווערט שטאַרקער און שטאַרקער, העכער און העכער, ביז עס ברעכט אויס ווי אַ ווולקאַן איבערן גאַנצן טעאַטער: „אלי אלי“! „מיר ווילן אלי אלי!“...

מאָריס פֿינקל, איינער פֿון אונזערע גרויסע קונסטלער אין יענער צייט, איז אַרויף אויף דער אָפֿענער בינע און געבעטן דעם חשובן פּובליקום זיך רויִק פֿאַרהאַלטן. מאַדאַם פֿיינמאַן איז אַ באַרימטע דראַמאַטיסטין און נישט קיין זינגערין, אָבער דער ענטפֿער פֿון גאַנצן עולם איז געווען מיט געוואַלדן און ליאַרעמדיקע געשרייען: „אלי אלי“! „מיר ווילן אלי אלי!“

פֿינקל איז פֿון דער בינע אַראָפּ אַן אויפֿגערעגטער, אַ פֿאַרצווייפֿלטער און געבעטן פֿיינמאַנען, אַז ער זאָל רעדן צום עולם. פֿיינמאַן מיט זיין קלינגענדיקער באַסאָווער שטים האָט אויסגעשריגן: „רבותי!“, און עס איז שטיל געוואָרן.

ער האָט דעם עולם איבערגעגעבן דעם גרויסן זין פֿון פֿילאָזאָפֿישן מאָנאָלאָג און ווי שיין מאַדאַם פֿיינמאַן דעקלאַמירט אים און וויפֿיל כּבֿוד עס איז פֿאַר יידן צו האָבן אַן אַרטיסטין ווי מאַדאַם פֿיינמאַן, וועלכע זאָל קאָנען איבערגעבן אַזאַ גרויס מייסטערווערק אין פּראָזע. און ווען פֿיינמאַן איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זיין רעדע, האָט דער עולם ערשט אויפֿסניי אָנגעהויבן שרייען מיט נאָך גרעסערע קולות „אלי אלי!“

איך האָב דערווייל אַראָפּגעלאָזט דעם פֿאָרהאַנג, ווייל ווייטער פֿירן די פֿאָרשטעלונג איז געווען אוממעגלעך. איך בין אַליין

ארויסגעגאנגען פארן פארהאנג און אנגעהויבן מיט גוטן, מיט א פאר ווערטער, און פרובירט אויסצוווירקן, אז דער עולם זאל זיך בארויקן, ווייל היינט איז אוממעגלעך מער צו זינגען „אלי אלי“, כּאָטש קאנען זיי יעדן מאָרגן ווידער אנהייבן „אלי אלי“ !

א שטורעם פון אפלאָדיסמענטן האָט אויסגעבראָכן. באלד אָבער אָבער אנגעהויבן פליען פראָטעסטן מיט גערויבענע הענט פון רציחה :

— איר וועט נישט שפילן ווייטער ! מיר וועלן נישט לאָזן שפּילן !“ — האָבן זיך געהערט הונדערטער שטימען — מיר ווילן „אלי אלי“ !

אין א ווינקעלע פון א לאָזשע איז געזעסן סאָפיע קאַרפּ איינגעוויקלט אין איר פעלץ, אז מ'זאָל זי נישט דערקענען. איך בין אריין אין דער לאָזשע. געכאפּט סאָפיען ביי די הענט און מיט געוואָלט זי ארויפשלעפּן אויף דער בינע.

אפּצומאָלן דאָס בילד פון דער גרויסער שמחה, וואָס ס'איז געוואָרן ווען סאָפיע איז ארויפגעקומען, איז פאַר מיר אוממעגלעך.

דער סוף איז געווען, אז סאָפיע האָט געמוזט אפּזינגען „אלי אלי“ — נישט איינמאָל, נאָר א סך, א סך מאָל, אונטער דונערנ־דיקע אפּלאָדיסמענטן, און דאמאָלט זענען מיר געוואָר געוואָרן, אז נישט דאָס שטיק „ברכה“ און נישט אונזער קינסטלערישער אנסאמבל, נישט אלע אונזערע דראמאַטישע און קאָמישע „קרעפּטן“ זענען געווען דער גרויסער דערפאָלג פון „ברכה“, נאָר דאָס פּשוטע לידל „אלי אלי“.

דעם דאנק פאַר „אלי אלי“, וואָס איז היינט פּשוט א פאָלקס־ליד און ווערט אויך געזונגען דורך די בעסטע און גרעסטע זינגער, פערדינען מיר ביידע — סענדלער און טאָמאַשעווסקי.

יעקב זילבערט

יידיש טעאַטער אין ירושלים

פֿון דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט שווימט מיר אַרויס אַנטקעגן זײַן פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט און מיר דאַכט זיך, אַז עס קוקן נאָך איצט אויף מיר זײַנע מילדע, גוטע אויגן. און די אויערן קלינגט מיר נאָך זײַן קול:

— פֿאַרשאַף מיר נישט קיין עגמת־נפֿש, מײַן קינד.

* * *

דאָס איז געווען באַלד נאָך מײַן חתונה, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט לאַנג זיך משמח צו זײַן און מיר מיט דער גאַנצער טרופּע זענען אַוועקגעפֿאָרן שפּילן טעאַטער אין קאַאירע (עגיפּטן).

מיר האָבן דאָרט געשפּילט טעאַטער און ווי ס'איז זיך דורכגעשלאָגן. עס איז מיר און מײַן יונגער פֿרוי געווען נישט שלעכט. מיר האָבן געהאַט וואָס צו עסן. מיר זענען נישט געווען עלנט און עס וואָלט זיך געלעבט גאַנץ גוט.

אָבער אײַן זאַך האָט מיך נישט געלאָזט רוען. איך האָב זיך געפֿילט נאָנט צו ארץ־ישראל, מיך האָט שטאַרק געצויגן אַהין. פֿון קינדהייט אָן האָב איך אַלץ געטרוימט אַמאָל צו זײַן אין דעם לאַנד פֿון אונזערע עלטערן, וווּ אברהם, יצחק, יעקב, שרה, רבקה און רחל האָבן געלעבט, וווּ דער בית־המקדש איז געשטאַנען. אַך, ווי מיך האָט געצויגן אַהין! און נאָך אַ לאַנגע אַרײַנרעדן מיט דער חברה, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן דאָס מײַניקע אויסצופֿירן. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, אינגיכן האָט אונז די שיף געבראַכט קיין יפֿו.

וואָס איך האָב געפֿילט, באַטרעטנדיק דעם באָדן פֿון אונזער לאַנד, האָב איך נישט בדעה צו דערציילן. איין זאַך געדענק איך נאָר, אַז איך האָב זיך געמוזט באַהאַלטן פֿון חברה, איך האָב זיך געשעמט מיט די טרערן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אויפֿהערן פֿליסן פֿון מיינע אויגן.

עס איז אָבער נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן, מ׳האָט געמוזט זאָרגן וועגן חיונה, און מיר זענען אַוועק אין שטאָט באַזאָרגן אונזערע געשעפֿטן. מיר האָבן זיך געקליבן אָנזאָגן דעם עולם, אַז מיר, יידישע אַקטיאָרן, זענען געקומען שפּילן יידיש טעאַטער אין אונזער אייגן לאַנד, אונטער אונזער אייגענעם בלויען הימל, און מיר האָבן זיך געריכט אויף אַ שיינעם קבלת־פּנים.

מ׳האָט אונז אָבער באַלד באַוויזן, אַז מיר האָבן זיך געניאַרט אין אונזער חשבון.

— איר קאָנט שפּילן טעאַטער, נאָר אויף לשון הקודש. אויף פּראָסט יידיש וועט מען אייך נישט לאָזן.

— אָבער, סטייטש, מיר קענען נישט קיין לשון־קודש, טאָ וואָס קומט אונז דערפֿאַר? — האָבן מיר געטענהט.

— מיר קאָנען אייך גאָרנישט העלפֿן. אויף יידיש וועט מען אייך נישט לאָזן שפּילן.

— אָבער די אויסגאַבן! עס האָט דאָך אונז אָפּגעקאָסט אַ מטמון מיט געלד. איר דאַרפֿט דאָך האָבן גאָט אין האַרצן!

רעד צו די ווענט. אַז עס איז זיי געגאַנגען אין אַ פּרינציפּ, איז דאָך נישט שייך. אָבער אין דער אמתן האָט אויף מיר די זאַך נישט געמאַכט קיין צו שטאַרקן איינדרוק. עפּעס איז מיר יפֿן אויסגעקומען ווי אַ פֿאַרער־חדר צו ארץ־ישראל. דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס אמתע, דאָס ריכטיקע לאַנד אונזערס. אָט אין ירושלים איז די זאַך עפּעס אַנדערש. דאָרט וועלן מיר זיין ווי אין דער היים. דאָרט הערשט דאָך דער אמת און יושר

די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען געפֿאָרן מיטן דיליזשאַנס דורך די פֿעלדער פֿאַרביי בערג און טאָלן, האָט מיין האַרץ זיך נישט אויפֿגעהערט צו וואַרפֿן פֿון דער גרויסער דערוואַרטונג, וואָס באַלד וועלן מיינע אויגן זען דאָס, וואָס עס איז ביז איצט פֿאַר

מיר געווען אַ חלום, אַ לעגענדע. איך האָב געפֿילט, ווי דאָס לײַב ציטערט אויף מיר.

און ווידער אַמאָל האָב איך זיך געדאַרפֿט באַהאַלטן פֿון מײַנע חברים. מײַן פּנים איז געווען נאָס פֿון טרערן, ווען איך האָב דערזען די מויערן פֿון ירושלים.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן באַטראַכט די שטאָט און פֿיל היסטאָרישע פּלעצער, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מ'זאָל זיך טאַקע באַלד אַ נעם טאָן אײַנאָרדנען אונזערע עסקים.

אין שטאָט האָט מען זיך דערוואוסט פֿון אונזער אָנקומען און אַ טייל פֿון דער אינטעליגענץ איז אונז אַרויס מקבל פּנים זײַן.

— מיר ווילן דאָ שפּילן טעאַטער, — האָבן מיר דערקלערט.

— זייער גוט, מירן אײַך העלפֿן מיט וואָס מירן קאָנען — האָט מען אונז פֿאַרזיכערט.

— וועלן מיר קיין שטערונג נישט האָבן?

— ווער וועט עס אײַך שטערן?

— פֿונדעסטוועגן וואָלט נישט געשאַדט, אַז איר זאָלט אַרײַנגיין צום רב, רבי שמואל סאַלאַנטער. אויב ער וועט אײַך געבן אַ הסכּמה, וועט איר שוין זײַן גאָר זיכער, — האָט איינער פֿון עולם אונז געראָטן.

מיר האָבן זײַן עצה באַלד אָנגענומען, און אַזוי ווי איך בין געווען דער אָנפֿירער (ווײַל איך האָב געקענט זינגען), איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל עס גיין זיך דורכרעדן.

אין פֿאָדער-צימער האָט מיך באַגעגנט אַ ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט אַ שוואַרץ פּנים, שוואַרצע אויגן און מיט אַ סאַמעטענער שוואַרצער יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ.

— וועמען דאַרפֿט איר דאָ? — האָט ער מיך געפֿרעגט מיט אַ חשד, קוקנדיק אויף מײַן ראַזירט פּנים.

— דעם רב דאַרף איך — האָב איך געזאָגט, וועלנדיק אים אויסמײַדן און גיין ווײַטער.

— איר קאָנט דעם רבין נישט זען, איר מוזט מיר פֿריער זאָגן, וואָס איר דאַרפֿט צו אים.

איך האָב דעם דאָזיקן ייד פֿײַנט געקריגן פֿון ערשטן אויגנ-

בלים. די אויגן זיינע זענען ארומגעלאפן אהין און צוריק, ווי ביי א ווילדער חיה, און אינגאנצן האט ער מיר דערמאנט אן א כלב, וואס היט דעם בעל־הביתס הויז. איך האב זיך געמאטערט צו זיין רואיק און העפלעך.

— איך בין אן אקטיאר און איך בין געקומען זיך דורכרעדן מיטן רבין וועגן דעם.

— וואס? וואס זייט איר? — האט ער געפרעגט מיט שרעק און מיט וואונדער אין קול — אן אקטיאר? וואס איז דאס אזוינס?

— מיר שפילן טעאטער. יידיש טעאטער.

— קאמעדיאנטשיקעס? בע־לע־כע!

— ניין, נישט קיין קאמעדיאנטשיקעס, נאר אקטיארן

— וואס טוט איר אבער דארט אין טעאטער?

— אט וועגן דעם וויל איך עס זיך דורכרעדן מיטן רבין. איך וועל אים שוין אלץ דערציילן.

— איר קענט אים נישט זען. איר דארפט מיר אלץ דער־ציילן — האט ער געזאגט מיט רוגזה.

— איך האב אייך, ר׳ ייד, גארנישט צו דערציילן. איך וויל זען דעם רב, — האב איך אויך געזאגט מיט רוגזה.

זעענדיק מיין עקשנות איז ער הייכער געווארן.

— גוט, איכל אים אנזאגן. ווארט דא א וויל.

אין א רגע ארום איז ער געקומען און געזאגט קורץ:

— איר קאנט אריין.

מיר איז אנטקעגן געקומען א ייד מיט א ווייסער בארד און מיט געדיכטע ווייסע ברעמען. ער האט געטראגן א ברייטן שטריימל און א לאנגע ווייסע זשופיצע.

— שלום עליכם! פון וואנען קומט א ייד?

איך האב אים געזאגט פון וואנען איך קום.

— און וואס אזוינס דארפסטו צו מיר, מיין זון? — האט ער געזאגט מיט א ווייכן, גוטן, ליבן קול.

— איך בין געקומען צו אייך, רבי, וועגן א הסכמה צו שפילן טעאטער.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? אַ פּורים־שפּיל אַזאַ?

איך האָב אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— ניין, רבי, עס איז נישט קיין פּורים־שפּיל.

— נו, זײַ מיר מוחל, מײַן זון, איך ווייס נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. זאָג מיר, וואָס טוט איר דאָרט. ווי רופט מען דאָס, וואָס איר שפּילט?

— „חורבן ירושלים“, „שולמית“.

— אַזוי, אַזוי? „חורבן ירושלים“? גוט, זייער גוט! ווער איז דאָס דער מחבר פֿון דעם?

— גאָלדפֿאַדען.

— אַ, גאָלדפֿאַדען! יאָ, איך ווייס פֿון אים. געלייענט זײַנע שירים. ער קאָן שרײַבן, אַ קלוגער מענטש. איז ווער שפּילט עס? איר אַליין?

— ניין, רבי, אַ גאַנצע טרופּע, אַ חברה.

— צו וואָס דאַרפֿט איר דאָס? — האָט ער נאַאיִוו געפֿרעגט.

— דאָס איז אונזער פּרנסה, רבי, מיר לעבן פֿון דעם.

— נשים זענען אויך דאָ צווישן אײַך?

— יאָ, רבי, עס זענען דאָ.

— דאָס טויג ניט. אַזאַ זאַך פּאַסט ניט פֿאַר ירושלים, מײַן זון. וואָס, איר האָט דאָרט ניגונים אויך?

— געווים, רבי. מיר האָבן דאָרט שיינע יידישע ניגונים.

— קענסט עס אויף אויסווייניק? — האָט ער געפֿרעגט, און אויף מיר אָנגעשטעלט די גוטע, מילדע אויגען.

— איך קען, רבי, אַ סך ניגונים אויף אויסווייניק.

— נו, זינג מיר וואָס ס'איז. לאָמיר הערן.

עס איז מיר געוואָרן אומבאַנגענעם. איך האָב זיך געשעמט צו זינגען אין זײַן אָנוועזנהייט.

— זינג, מײַן זון, זינג עפּעס — האָט ער געמאָנט.

איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט און אָנגעהויבן:

אין דעם בית המקדש אין אַ ווינקל חדר

זיצט די אלמנה בת ציון אַליין...

ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די דאַרע האַנט,

די אויגן פֿאַרמאַכט און דעם שטערן האָט ער שטאַרק צוזאַמענגעצויגן. איך בין ניט געווען זיכער אויב ער הערט מיך, אָבער ווען איך האָב געענדיקט, האָט ער די אויגן געעפֿנט, אָנגעשטעלט זיין בליק אויף מיר, געטראַכט אַ ווייל און געזאָגט:

— קענסט נאָך עפּעס?

— איך קען, רבי.

— זינג.

ציון, ציון,
מיין היילינק לאַנד,
ווי טייער ביסטו
ביי מיר.

— גוט, זייער גוט! אפֿשר קענסטו עס מאַכן אַביסל העכער?

— איך קען רבי. אָבער איר וועט מיר מוחל זיין, איך וויל וויסן וועגן שפּילן.

— מען קען ניש, מיין זון. עס פּאַסט ניש. אָט, ווען אָנשטאָט דער אשה זאָל שפּילן אַ בחור, וואָלט ניש אויסגעמאַכט. אָבער אַזוי קען מען נישט, און צו וואָס דאַרפֿסטו עס איינגאַנצן? דו זאָגסט מיר בעסער, פֿאַרוואָס ביסטו נישט קיין חזן? עס וואָלט דאָך שענער געווען ווי אַרומשלעפּן זיך איבער דער וועלט. קענסט עפּעס לערנען?

— אַ ביסל קען איך, רבי, נישט קיין סך.

— נו, איז וואָס? אַ חזן האָסטו דאָך געקאָנט זיין?!

— אָבער, רבי, מיר האָבן דאָך געהאַט גרויסע הוצאות, וואָס קאָנען מיר איצט טון? מירן דאָך, חלילה, אומגליקלעך ווערן — האָב איך זיך גענומען בעטן.

— נישקשה מיין זון, גאָט וועט דיר משלם זיין דערפֿאַר, וואָס דו וועסט נישט אָנטון קיין בזיונות אונזערע יידן.

— אָבער, רבי, מיר שלעפּן זיך אַהער אַזש פֿון קאַאיראָ. עס האָט אונז אָפּגעקאָסט אַ מטמון מיט געלט.

— איך קאָן דאָס נישט, מיין קינד. צו וואָס דאַרפֿסטו מיר פֿאַרשאַפֿן עגמת-נפֿש. פֿאָרט אייך געזונדערהייט פֿון דאַנען ערגעץ אַנדערשוואו. דאָ פּאַסט עס נישט.

און ער האָט אויף מיר געקוקט מיט אַזויפֿיל צער, און די גוטע אויגן זײַנען אים געווען אַזויפֿיל רחמנות און געבעט, אַז די ענגט האָבן זיך בײַ מיר אַראָפּגעלאָזט, איך האָב מער קיין מוט נישט געהאַט אים צו באַאומרואיקן.

אין האָטעל האָט מען מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיר.

— נו, וואָס?

— ער לאָזט נישט.

— ווער הערט אים? וואָס פֿאַר אַ דעה האָט ער? — האָט חברה געשריגן — מירן שפּילן טעאַטער און זאָל ער אונז עפּעס טון.

— ניין, ברידער, מיר וועלן נישט שפּילן קיין טעאַטער אין ירושלים. מ׳טאָר נישט.

— ס׳טײַטש? — האָבן אַלע געפֿרעגט פֿאַרוואונדערט.

— אַז דער רב הייסט נישט, דאַרף מען נישט, לאָמיר בעסער טראַכטן וועגן אַן אַנדערן פּלאַן.

נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל געבן אַ קאָנצערט אין אַ זאַל. און גאָט האָט מיר געהאָלפֿן: גאַנצע זעקסהונדערט פֿראַנק איז געווען די הכנסה.

— — — — — — — — — — —

און ביז איצט בין איך צופֿרידן, וואָס איך האָב אים געפֿאָלגט.

„פֿאַרשאַף מיר נישט קיין עגמת־נפֿש, מײַן זון“

ביז איצט קלינגט עס מיר נאָך אין די אויערן.

(איבערגעגעבן צום דרוק דורך אַלטער עפּשטיין)

אַבֿרהם לעווינסאָן

„אונזער ווינקל"

I

אַלס איינער פֿון די, וואָס זענען גאַנץ געשטאַנען צום קינסטלערישן יידישן טעאַטער אין כאַרקאָוו, וועלכער האָט מיטגעווירקט צו זיין אַנטוויקלונג, געזען זיינע שווערע חבלי־לידה, און די ליכטיקע תקופה פֿון זיין אויפֿבליאונג, וויל איך דאָ פֿאַרצייכענען עפּעס וועגן יענעם טעאַטער.

די גרויסע כוואַליע פֿון יידישע „ביעזשענצעס", וואָס האָט אין אָנהייב מלחמה פֿאַרפֿלייצט גאַנץ רוסלאַנד, האָט צווישן אַנדערע שטעט פֿאַרוואָרפֿן אויך אין כאַרקאָוו אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע אַרטיסטן. דאָס זענען געווען על פּי רוב שוישפּילער, וועלכע האָבן פֿאַר דער מלחמה געשפּילט אויף די בינעס פֿון גרויסע יידישע צענטערס (וואַרשע, לאָדז, ווילנע), וואָס זענען דערצויגן געוואָרן און האָבן דערצויגן די מאַסן אין גייסט פֿון אַלטן יידישן רעפּערטואַר און לויט די דאַמאָלדיקע השגות וועגן קונסט. צוזאַמען מיט די דאָזיקע אַקטיאָרן איז אַוועק אין רוסישן גלות אויך דער גייסט פֿון „בריינדעלע קאָזאַק", „וועלוול עסט קאָמפּאָט" און „אַ מאַן פֿון 3 ווייבער".

דער מזל פֿון יידישן קינסטלער האָט זיך ווייניק וואָס געענדערט פֿון דעם שנוי המקום. די יידישע אינטעליגענטישע קרייזן, די נאַציאָנאַלע, די עקסטרעם־לינקע זענען געווען פֿאַרנומען מיטן פּאָליטישן קאַמף אויף דער אַלגעמיינער און יידישער גאַס, און האָבן זיך באַצויגן מיט אַן אַבסאָלוטער גלייכגילטיקייט צום

פּראָבלעם פֿון יידישן טעאַטער און צום טייל פֿון יידישן קינסטלער. די מאַסן זענען געווען אינערט, אומרויִק, און האָבן נישט געהאַט קיין העכערע עסטעטישע פֿאָדערונגען ווי זייערע ברידער אין ליטע און אין פּוילן. די יידישע שוישפּילער האָבן באין ברירה געמוזט זיך נעמען צום אַלטן, געשמאַקלאָזן אָפּערעטן־רעפּערטואַר און אויפֿלעבן די עקלדיקסטע שונד־ליטעראַטור. עס זענען ווידער אויפֿגעשטאַנען פֿון קבר דער אכזריותדיקער גראַף מיטן געלען ממזר, מיטן מוראדיקן מאָנאָלאָג, מיט די געפּעפּערטע קופּלעטן, פֿון וועלכע דער עולם האָט געקליבן פֿולן נחת.

באַלד אָבער האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ נייער דערפֿרישנדיקער ווינט אין לעבן פֿון יידישן טעאַטער. די רוסישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך נאָר וואָס בלוטלאָז פֿאַרענדיקט, האָט אויך אין דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט און אין דער קינסטלער־וועלט אַרויסגערופֿן דעם אינערלעכן דראַנג פֿון איבערשאַצן אַלטע ווערטן. צוזאַמען מיט גאַנץ רוסלאַנד האָט פֿריי אָפּגעאָטעמט דער באַפֿרייטער יידישער קיבוץ, פֿאַר וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאָלדענע תקופֿה פֿון אַ ברייטער נאַציאָנאַלער שאַפֿונג. די ליטעראַטור — סיי די העבּרעאישע, סיי די יידישע — האָט אָנגעהויבן בליִען. עס איז אין אַ קורצער צייט געשאַפֿן געוואָרן אַ געדיכטע נעץ פֿון פּאָליטישע, קולטורעלע, און עקאָנאָמישע אַנשטאַלטן. בלויז די דראַמאַטישע קונסט איז געווען געפּענטעט מיט פֿאַראָסטע קייטן, וועלכע ס'האָבן פֿאַר איר געשמידט די „אומשטערבלעכע" הור־ווימשס און לאַטיינערס. אָבער אויך די דאָזיקע קייטן האָבן געמוזט פּלאַצן. צווישן די אַקטיאָרן, באַזונדערס פֿון דער כאַרקאָווער גרופּע, האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע, וועלכע האָבן געשפּילט אין דער קינסטלערישער טרופּע פֿון פּרץ הירשביין (זילבערבערג, שריפֿטזעצער, דאָלסקאַ א. א.), וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט דעם ערשטן היסטאָרישן נסיון געזונט צו מאַכן דעם יידישן טעאַטער, און וועלכע עס האָט באַהערשט אַ טיפֿע בענקעניש נאָך די פֿאַרלאָזענע קוואַלן פֿון ריינער יידישער קונסט. די דאָזיקע רענעסאַנס־שטימונגען, וועלכע האָבן געהאַט אַ באַזונדערס בולטן אויסדרוק ביי דער כאַרקאָווער גרופּע, האָבן אָבער געטראָגן אַ כאַאָטישן כאַ־

ראַקטער, וואָס איז נאָך מער צעשוואומען געוואָרן צוליב דעם שווערן מאַטעריעלן מצב, און וועלכן עס האָט זיך געפֿונען די צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע באַהעמע. עס האָט געפֿעלט אַ שטאַרקע האַנט, וואָס זאָל אָרגאַניזירן דאָס יידישע טעאַטער-וועזן, צענטראַליזירן און קאָאָרדינירן די טעטיקייט פֿון איינצלנע קינסטלער-גרופּעס אין פֿאַרשידענע שטעט, ליזן די עקאָנאָמישע און ריין-טעכנישע פּראָבלעמען, שאַפֿן אַ רעפּערטואַר, אויסראָטן דעם דעמאָראַליזירנדיקן גייסט פֿון אַלטן אונטערנעמער, און ועל כולם — שאַפֿן אַ מעכטיקן בעזעם, וואָס זאָל אויסקערן דאָס ביסל שונד און מיסט, וואָס האָט זיך אין אַ משך פֿון לאַנגע יאָרן אָנגעקליבן אויף דעם פֿאַרלאָזענעם הפֿקר-פֿעלד פֿון דער יידישער קונסט.

די ראָל פֿון אַזאַ אָרגאַניזיר-האַנט האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געשפּילט דער ערשטער (און לעצטער) קיעווער צוזאַמענפֿאָר פֿון די יידישע אַרטיסטן, וואָס איז צוגעגאַנגען צום יידישן טעאַטער-פּראָבלעם מיט אַ ברייטן פֿאַרנעם, און וועלכער איז געוואָרן אַן איבערגאַנגס-פּונקט צו אַ נייער ליכטיקער שעפֿערישער תּקופֿה.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט פֿאַראורטיילט אַלס איבערבלייבונג פֿון עבֿר די שעדלעכע פּריוואַטע טעאַטער-אונטערנעמונג, אַריינגעטראָגן אין דער טעאַטראַלער טעטיקייט דעם פּרינציפּ פֿון קאָאָפּעראַציע, אָפּגעשטעלט זיך אויף דעם דערציאונגס-פּראָבלעם פֿון די קינדער פֿון פֿאַרשטאָרבענע אָדער פֿאַראָרעמטע שוישפּילער, אָנגעמערקט וועגן צו ליזן די מאַטעריעלע, טעכנישע און רעפּערטואַר-פֿראַגן, ווי אויך די ספּעציעלע פֿראַגן פֿון עטיק און דיסציפּלין אין דער טרופּע, און אויסגעוויילט אַ צענטראַלע, וואָס זאָל אָנפֿירן די אַרבעט פֿון אַן אַלאוקראַאינישן אַרטיסטן-פֿאַרבאַנד אין גייסט פֿון די אָנגענומענע החלטות.

צום באַדויערן אָבער האָט די צענטראַלע נישט אויסגעפֿירט אירע פֿונקציעס. דער אומגעלונגענער באַשטאַנד פֿון אירע מיטגלידער, די פֿרעמדקייט פֿון די גײ-אויסגעאַרבעטע שטרענגע פּרינציפּן פֿאַר דער אומדיסציפּלינירטער אַקטיאָרן-מאַסע, און הויפּט-

זעלבער די שפעטערדיקע אומגינסטיקע פאליטישע געשעענישן
אין רוסלאנד, האבן גיך געבראכט דערצו, אז די צענטראלע איז
פאקטיש צעפאלן געווארן, און די ארטיקע גרופעס האבן אויפן
אייגענעם חשבון געמוזט אנפירן די ארבעט. צווישן זיי האט זיך
אויסגעצייכנט אלס די גרעסטע און אירע קינסטלערישע דער=
גרייכענישן די „כ א ר ק א ו ו ע ר ג ר ו פ ע“, וועלכע האט אונטער
דעם נאמען „א ו נ ז ע ר ו ו י נ ק ל“ אריינגעשריבן דאס שענסטע
בלאט אין דער געשיכטע פון דער יידישער דראמאטישער שאפונג
אין אוקראינא.

II

שווער און שמערצלעך זענען געווען די ערשטע טריט פון
„אונזער ווינקל“. איך האב שוין פריער אנגעוויזן אויף די באדינ=
גונגען פון געזעלשאפטלעכער אפאטיע און גלייכגילטיקייט, אין
וועלכער עס איז אויסגעקומען „אונזער ווינקל“ צו דעביוטירן פארן
יידישן עולם. און די מויער פון גלייכגילטיקייט צו יידישער קונסט,
וועלכע טיילט נאך עד היום אפ ווי אן אייזערנע מחיצה די יידישע
אינטעליגענץ פון דער יידישער בינע, איז געלונגען „אונזער ווינקל“
צו ברעכן, דערביי איז אבער „אונזער ווינקל“ געווען פארזיכטיק
אין דער ארבעט. נאך דער טרויעריקער תקופה פון יידישן בא=
לאגאניזם איז געווען א סכנה, אז דער נייער קינסטלערישער
טעאטער וועט לויטן געזעץ פון א נאטירלעכער רעאקציע ארויפגיין
אויפן וועג פון דער צווייטער עקסטרעמיטעט, אויפהייבן זיך אויף
א הויכן אלימפ פון קלאסישער אדער מאדערנער קונסט און פאר=
וואנדלט ווערן אין א „טעמפל“ פאר יחידי=סגולה, וואס איז נישט
צוגענגלעך פאר די ברייטע מאסן. ביי די באדינגונגען פון אוק=
ראאינישן יידישן לעבן, וואו ביז נישט לאנג איז אין אזא שטאט
ווי כארקאוו נישט געווען אפילו א גאנץ קליינער יידישער ישוב און
וואו דער נייער ישוב איז באשטאנען דאס רוב פון „ביעזשענצעס“,
וואלט אזא עקסטרעמער וועג געבראכט „אונזער ווינקל“ צו א
שנעלן אונטערגאנג אדער צו א צוריקקער צום אלטן שונד=רעפער=
טואר. „אונזער ווינקל“ האט דעריבער אויסגעוויילט דעם מיטל=
וועג פון א קינסטלערישן „פאלקס=טעאטער“. דאס ווארט „פאלקס=

טעאַטער“ איז נישט געווען בלויז אַ דעקאָראַטיווער נאָמען, נאָר האָט אויסגעדריקט דעם אמתן געזעלשאַפֿטלעכן מהות פֿון „אונזער ווינקל“. אין דער שפּיץ פֿון טעאַטער איז געשטאַנען אַ ליַיטונג פֿון שוישפּילער — פֿאַכמענער. זי האָט קאָנצענטרירט אין אירע הענט די פֿאַקטישע ליַיטונג פֿון טעאַטער, די דיסציפּלין לויט אַ שטרענגען אויסגעאַרבעטן רעגולאַמין, די טעכנישע און ווירטשאַפֿטלעכע אַרבעט; נעבן איר האָט עקסיסטירט אַ שטענדיקע ליטעראַריש-קינסטלערישע קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָרגט וועגן רעפּערטואַר. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אין מיניאַטור דאָס בילד פֿון ישעיהוס נבואה: דאָ האָבן געאַרבעט צוזאַמען פֿאָרשטייער פֿון אַלע פּאַרטייען און פֿון אַלע 5 אַרבעטער-קלובן (קלוב פֿון „הרצליה“, גראָסער, ראַטנער, באָראָכאָוו און ליבקנעכט). אין די דאָזיקע קלובן פֿלעגט מען האַלטן אָפֿטע פֿאָרטראָגן איבער קונסט און טעאַטער-ענינים, די יידישע אַרטיסטן פֿלעגן אויפֿטרעטן מיט דעם פֿאַרשידנסטן מוזיקאַליש-ליטעראַרישן רעפּערטואַר, דאָ פֿלעגט מען אויך פֿאַרקויפֿן צווישן די צאָלריַיכע מיטגלידער פֿון די קלובן אַבאָנאַמענטן און אויף אַזאַ אופֿן איז באַשאַפֿן געוואָרן אַ לעבעדיקער קאָנטאַקט צווישן דער ראַמפּע און דער יידישער גאַס. דער דאָזיקער געזעלשאַפֿטלעכער כאַראַקטער פֿון „אונזער ווינקל“ האָט אַרויסגערופֿן אַ דערשיַינונג, וועגן וועלכער מ'האָט ביַי אונז — ביז דער ווילנער טרופּע — געקאָנט נאָר חלומען. פֿיל פֿון דער אינטעליגענטער און דיפּלאָמירטער יוגנט זענען אָנגעקומען אין „אונזער ווינקל“, וואו זיי האָבן זיך געלערנט טעאָרעטיש (אין דער דראַמאַטישער סטודיע) און פּראַקטיש און געשאַפֿן נייַע קאַדרען פֿון צוקונפֿטיקע קינסטלער.

וואָס אָנבעלאַנגט דעם רעפּערטואַר, האָט „אונזער ווינקל“ היטנדיק שטרענג דעם פֿאָלקס-כאַראַקטער פֿון טעאַטער, אויפֿגעפֿירט פֿון איין זייט פּיעסן פֿון אַלטן יידישן ריין-ליטעראַרישן רעפּערטואַר, ווי די דראַמען פֿון פּרץ הירשביין („נבלה“, „פּוסטע קרעטשמע“, „דער לעצטער“), ש. אַש („גאָט פֿון נקמה“, „משיחס ציַיטן“, „דער לאַנדסמאַן“), קאָברין („דאָרפֿס-יונג“), „דאָקטאָר אַהון“ פֿון מ. גאָרדין א. א. גליַיכציַיטיק אָבער זענען אויפֿגעפֿירט

געוואָרן אויך פּיעסן פון דער אייראָפּעאישער נייער און קלאַסישער ליטעראַטור, ווי צ. ב. „די האָטעל־ווירטין“ פון גאָלדאָני, „זשאַן און מאַדלענאַ“ פון מירבאָ, „די המצאות פון סקאַפּען“ פון מאָליער, „היימאַט“ פון זודערמאַן א. א. דערביי זענען אָפט געהאַלטן געוואָרן קורצע פאָרטראָגן וועגן דעם ליטעראַרישן ווערט פון די פּיעסן און די פּערזענלעכקייט פון זייערע אויטאָרן.

באַזונדערס הויך איז אין „אונזער ווינקל“ אָוועקגעשטעלט געוואָרן די רעזשי. פּיעסן פלעגט מען רעפּעטירן וואָכן און חדשים, קינסטלעריש באַאַרבעטן די קלענסטע דעטיילן, דערצו האָט מען אַ חוץ די פּאַקטישע רעזשיסערן פאַרבעטן אויך די רעזשיסערן פון כאַרקאָווער רוסישן קינסטלערישן טעאַטער (סינעלניקאָווס אונטערנעמונג), ווי מ. טאַרכאַנאָוו, באַראָוו, ווילנער, מורסקי א. א., וועלכע האָבן מיט דעם רוסישן טעקסט אין האַנט רעזשיסירט די פּיעסן.

דאָס יידישע טעאַטער האָט אַרויסגעוויזן נישט נאָר אַן אויסערלעכע דיסציפּלין און זין פון פּינקטלעכקייט בנוגע די רעפּעטיציעס, צייט פון פאָרשטעלונג, דעקאָראַציעס און רעקוויזיטן, נאָר אויך אַן אינערלעכע דיסציפּלין און ערנסטע באַציאונג פון דער קינסטלער־קאָלעגיע צו אירע ראָלן און געמיינזאַמען שאַפן. אויף דער יידישער בינע האָט זיך באַוויזן אַ פּויזע, אַ דיקציע, אַ טעמפּאָ, אַ קינסטלעריש־באַאַרבעטער טיפּ און אַ מאַסן־סצענע. יעדע פאָרשטעלונג איז געווען אַ געשעעניש, וועלכע מ'האָט געקאָנט קריטיקירן, אָנווייזן אויף חסרונות און שאָטנס, אָבער וועלכע האָט געזאָגט אַ ניי וואָרט און אַנטפּלעקט נייע קינסטלערישע פאָרמען און געשטאַלטן.

עס איז נישט קיין ספק, אַז ביי אַ ווייטערדיקער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג וואָלט „אונזער ווינקל“ געוואָרן דער נאַציאָנאַלער ווינקל פון ריינער געלייטערטער קונסט, און וואָלט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון דראַמאַטישער שאַפונג.

אָבער די אָפטע פּאָליטישע טרייסלונגען, וועלכע זענען שפּעטער פאָרגעקומען אין אוקראַינע, האָבן אומגיכן אונטערגעגראָבן דעם קיום פון „אונזער ווינקל“. ביי די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען איז „אונזער ווינקל“ אויסגעקומען פון איין זייט זאָרגן וועגן זיין

מאַטעריעלן קיום און פֿון דער אַנדערער, צופּאַסן זיך — אונטערן דרוק פֿון אויבן — צו די פֿאָדערונגען און אַנשוויאונגען פֿון „פּראָלעטקולט“, און „אונזער ווינקל“ האָט אָנגעהויבן פֿאַלן. זיינע בעסטע כּחות האָבן אים פֿאַרלאָזן און פֿונאַנדערגעפֿאָרן זיך אין קיעוו, לינסע און פּוילן.

„אונזער ווינקל“ לעבט נישט מער, אָבער עס לעבט נאָך אין זכּרון פֿון זיינע שעפֿער די ליכטיקע טראַדיציעס, וועלכע ער האָט קולטיווירט אין דער יידישער געזעלשאַפֿט.

זלמן זילבערצווייג

יידישע אקטיארן אויף דער העברעאישער בינע

איך ווייס ניט, אויב דאס איז געווען די ערשטע העברעאישע פארשטעלונג אין דער וועלט. עס קאן זיין, אז אמעריקע האט נאך פריער געהאט העברעאישע פארשטעלונגען, נאר אין אייראפע איז דאס געווען דער אנהייב.

און געשען איז עס דוקא אין דער שטאט, וואס האט געגאלטן אלס א „בוזנעס"-שטאט, אלס א פעסטונג פון גשמיות, א מין אמעריקא — אין לאדז.

דער צופאל האט געוואלט, אז אין דער שטאט זאל וואוינען איינער פון די טאלאנטפולסטע יידיש-העברעאישע דיכטער, יצחק קאצענעלסאן, וואס האט אויסער לידער, דאמאלט שוין אויך געהאט אנגעשריבן איינציקע טעאטער-שטיק, דערונטער אויף העברעאיש „מכירת יוסף".

ביז צו יענער צייט פלעגט מען אויך אפט שפילן אויף העברעאיש, אבער די „פארשטעלונגען" זיינען ניט אריבער איבער די ברעטער פון דער שול. די פארשידענע חדרים-מתוקנים און שולן, אין וועלכע מען האט געלערנט העברעאיש, פלעגן נאכן שול-סעזאן פארשטעלן קליינע פיעסן אין פארשידענע שפראכן. און דערונטער אויך אויף העברעאיש. וויטער האט עס ניט דערגרייכט.

יצחק קאצענעלסאן איז געווען דער ערשטער, וואס האט צונויפגענומען איינציקע יונגעלייט מערסטנטייל העברעאישע לערער,

און טאקי איינציקע פון זיין פאמיליע, און מיט זיי איינשטודירט
זיין פיעסע „מכירת=יוסף“.

„מכירת יוסף“ איז איינגטלעך א פיעסע פאר יוגנט, איר
נאמען זאגט עדות אויף דער האנדלונג, וואס קומט אין איר פאר,
נאר זי איז באהויכט מיט קאצענעלסאנס איינגענטימלעכן דיכטע=
רישן טאלאנט, און זי האט איינציקע גרעסערע ראלן, וועלכע לאזן
זיך באמת מער דעקלאמירן ווי שפילן, און לויט די דאמאלטיקע
באגריפן איז די העברעאישע שפראך געווען זייער פאסיק דערצו
די דאזיקע פיעסע ראט קאצענעלכאן אויפגעפירט אין לאדז
אין זאל פון „הזמיר“, לערך אין יאר 1908. דער זאל האט דא=
מאלט געהאט 288 פלעצער, און אלע זענען געווען באזעצט. די
טרופע, וועלכע האט אויפגעפירט די פיעסע, האט זיך א נאמען
געגעבן „הבמה העברית“, און זי האט די פיעסע איינציקע מאל
איבערגעחזרט, אבער קיין דרייסטקייט צו שפילן אין א אמתדיק
טעאטער האט זי נישט געהאט.

די גרופע איז באלד פארשטארקט געווארן מיט נאך קרעפטן
(פון וועלכע, ס'איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז קיינער איז
נישט געווארן קיין פראפעסיאנעלער שוישפילער) און זי האט אויפ=
געפירט ארנאס פיעסע „מלחמה ואהבה“ אין לובאשיצקיס אי=
בערזעצונג. צו דער פיעסע האבן זיך שוין געפאדערט דאמען
אויך, און ווידער האט מען זיי גענומען פון די לערער=קרייזן.

אן ערך אין דער צייט האב איך אין לאדז געגרינדעט
א פאריין „לומדי שפת עבר“. דאס איז געווען אן אומפארטיי=
אישער פאריין, וואס האט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו
לערנען מיט זיינע מיטגלידער די העברעאישע שפראך. דער
פאראיין האט געשמעקט מיט „רעוואלוציע“, ווייל א העברעאישער
פאריין האט שוין דאמאלט עקזיסטירט, דאס איז געווען די חברה
„חובבי שפת עבר“, אין וועמענס שפיץ ס'זענען געשטאנען: עליא=
שעוו, א קוזין פון באריםטן קריטיקער בעל=מחשבות און ד״ר ש.
בערנשטיין, דער איצטיקער רעדאקטאר פון „דאס יודישע פאלק“
— אפיציעלער ארגאן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין
אמעריקע. אבער „חובבי שפת עבר“ איז געווען א שטרענג=

ציוניסטישער פֿאַרבאַנד און אַן אַריסטאָקראַטישער, אויב כ׳זאָל נישט װעלן זײַן נאָך האַרבער, און זיך אויסדריקן אַ „ביוראָקראַטישער“.

און „לומדי שׂפֿת עבֿר“ זענען די מיטגלידער דאַקעגן על פּי רוב געװען אַרבעטער, אַפֿילו אַפֿיציעלע בונדיסטן, װעלכע האָבן אָבער געװאָלט קענען העברעאיש און תּנ״ך. אונדזער פֿאַראײַן איז געװען אַן אומלעגאַלער, װײַל לויט די רוסישע געזעצן זענען מיר געװען צו יונג זיך צו לעגאַליזירן און בכלל איז לעגאַליזירן אַזאַ פֿאַרײַן נישט געװען פֿון די לײַכטסטע זאַכן. צוליב אונדזער אומלעגאַלקײַט, װאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מיר האָבן כּסדר איבערגעצויגן אונדזערע „קלאַסן“, זענען אונדזערע אויסגאַבן געװען זײער גרויס, און מיר זענען באַלד אַרײַן אין אַ דעפֿיציט, און כּדי אים צו דעקן איז באַשלאָסן געװאָרן צו מאַכן אַ פֿאָרשטעלונג.

איך בין דאַמאָלט געקומען מיטן געװאַגטן פֿאָרשלאַג צו מאַכן די פֿאָרשטעלונג אין אַ טעאַטער. נאַטירלעך האָט מען דאָס „משוגעת“ אויסגעלאַכט, אָבער סוף כּל סוף איז באַשלאָסן געװאָרן צו מאַכן די פֿאָרשטעלונג אין אַ טעאַטער. און עס האָט לאַנג גענומען, ביז מען האָט באַקומען די הסכּמה פֿון דער „חובֿבֿי שׂפֿת עבֿר“, אַז זי זאָל די פֿאָרשטעלונג אַרונטערנעמען אונטער איר פֿירמע, װײַל „לומדי שׂפֿת עבֿר“ איז דאָך געװען אומלעגאַל.

די פֿאָרשטעלונג איז פֿאָרגעקומען אין חנוכּה 1908 אָדער 1909 אינעם דאַמאָלטיקן „פּױלישן פּאָפּולערן טעאַטער“ (קאָנסטאַנטינער 18), און געשפּילט האָט מען צװישן אַנדערע לעבעדיקע בילדער דעם אײנאַקטער „חנה ושבעת בניה“. די אָנטײלנעמער זענען געװען יונגעלײַט פֿון 15—20 יאָר און אַזױ װי אין דער פּיעסע זענען פֿאַראַן אײניקע קינדער-ראָלן, האָבן מיר געהאַט אַ פֿאַרדרײטן קאָפּ צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַר זײ היסטאָרישע קאָסטיומען, און װען מען האָט טאַקע אַזעלכע נישט באַקומען, האָבן זיך די פּױלישע אַקטיאָרן מילעװסקי און סטעפּאַן יאַראַטש, װאָס האָבן דאַמאָלט געשפּילט אין יענעם טעאַטער, גענומען צום האַרצן אונדזער עגמת-נפֿש און אַלײן צוזאַמענגענײט גרויסע מענערישע קאָסטיומען און זײ פֿאַרװאַנדלט אין קינדער-קאָסטיומען.

דער מאַטעריעלער דערפֿאָלג פֿון דער פֿאָרשטעלונג איז געווען אַ גוטער, נאָר דער מאָראַלישער ניט. שולדיק אין דעם איז געווען די „חברה הספֿרדית" (שפּאַניאָלישע אויסשפּראַך).

און „חנה ושבעת בניה" שפּילט די הויפּטראָל אַ פֿרוי — „חנה". וואו נעמען מיר אָבער אַ פֿרוי צו שפּילן די ראָל? דערווייס איך זיך, אַז קיין לאָדז איז געקומען אין געסט פֿון פּאַלעסטינע אַ העך טורנער מיט זיינס אַ מיידל פֿון אַ יאָר 13—14. אויב זי קאָן יאָ שפּילען, אָדער ניט, האָט אונז ניט אינטערעסירט. פֿאַר אונז איז געווען גענוג, אַז זי קומט פֿון ארץ ישראל און קען העברעאיש. אָן צערעמאָניעס בין איך צוזאַמען מיט אונזער הויפּט־שפּילער יצחק קאַצענעלענבאָגען (דאַמאָלט — שילער אין גימנאַזיע, איצט — ד"ר מעדיצין אין ירושלים) אַרויף צום ה' טורנער און איינגעלאַדן דאָס מיידל צום שפּילן. עס איז געווען אַ שווערער ביסן, אָבער דאָך האָבן מיר דאָס אונזעריקע אויסגעפֿירט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלס געקומענע פֿון ארץ ישראל האָט זי גערעדט מיט דעם ספֿרדישן דיאַלעקט און דאָס פּובליקום האָט ניט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט פֿון דעם, וואָס זי האָט גערעדט. נאָך מער, ווען זי האָט יך „צעדראַמאַטעוועט" האָבן די „שוישפּילער", הערנדיק איר מאָדנע אויסשפּראַך, זיך אינגאַנצן פֿאַרגעסן... און ממילא איז דער גאַנצער עפֿעקט פֿון דער דראַמע געווען זייער אַ בלאַסער.

נאָך דער דאָזיקער פֿאָרשטעלונג האָט יצחק קאַצענעלסאָן ווידער פֿאַרגרעסערט די טעטיקייט פֿון זיין „טרופּע", און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיקל קאָנקורענץ צווישן זיין טרופּע און צווישן די יונגעלייט, מיט וועלכע איך האָב אויפֿגעפֿירט „חנה".

די בינע האָט דאָך אַ צוזאַמענגס־קראַפֿט, האָט זיך טאַקע נאָך דער ערשטער פֿאָרשטעלונג פֿאַרגלוסט די יונגעלייט ווייטער צו שפּילן. איך האָב דאַמאָלט געוואָרפֿן די לאָזונג צו שפּילן אַן אָפּערעטע אויף העברעאיש. מיר האָבן גענומען די פּיעסע „דוד וגלית" פֿון ד"ר זאַלקינד, געלאָזט מאַכען מוזיק צו איינינקע לידלעך, וואָס געפֿינען זיך דאָרט, אַריינגעשטעלט איינינקע לידלעך, צו וועלכע מיר האָבן אויסגענוצט באַקאַנטע מעלאָדיעס. אַזוי גע־

דענק איך, אַז אין ליד „נפֿל אויב“ האָבן מיר געזונגען מיטן זינגער־מאַרש פֿון „בר־כּוכבא“.

די אָפּערעטע האָבן מיר אונטער דער לייטונג פֿון דיריגענט זעלמאַן אויפֿגעפֿירט אין „הזמיר“ און אַזוי ווי עס פֿאָדערן זיך צו איר אַ כאָר און טענצערינס (די פּאַסטוכערינס), האָבן מיר מיט שווערע מי געווירקט אויף איינציקע סאָליסטינס פֿון „הזמיר“, אַז זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין דער אָפּערעטע.

אין דערזעלבער צייט, וואָס דער „הזמיר“ האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער מוזיק און אין דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור, ווייל ער פֿלעגט אָפֿט איינאָרדנען ליטעראַרישע אָוונטן, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט אַלע גרעסטע יידישע שרייבער, אָנהויבנדיק פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים, שלום עליכם, פֿרישמאַן ביז די יונגסטע שריפֿטשטעלער, — אין דערזעלבער צייט איז אַ טייל פֿון די „הזמיר“־מיטגלידער געווען אַסימילאַטאָריש געשטימט, באַזונדערס די דאַמען, און איבערהויפּט נאָך די סאָליסטינס. זיי האָבן געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף יידיש, האָבן שטענדיק גערעדט נאָר פּויליש, און אַזוי ווי העברעאיש איז דאָך אויך „געשטראָפֿט“ געווען מיטן יידישן אלף־בית, איז עס ניט געווען קיין לייכטע זאַך זיי צו באַוועגן צו שפּילן אין אַ העברעאישער אָפּערעטע.

צוליב דעם אַלזאָ, וואָס די סאָליסטינס האָבן ניט געקענט קיין העברעאיש, און בכלל האָבן זיי נישט געקענט, אָדער זיך געמאַכט ניט קענען, לייענען יידישע אותיות, האָבן מיר דעם טעקסט פֿון די לידער געמוזט אויפֿשרייבן פֿאַר זיי מיט לאַטיינישע אותיות, און מען האָט דעם טעקסט מיט די נאָטן אַריינגעלייגט אין די פּעקלעך, מיט וועלכע די זינגערינס האָבן צוגעקלאַפּט בעת די לידער און די טענץ. די ערשטע העברעאישע אָפּערעטע איז אַראָפּ מיט אַ גרויסן דערפֿאָלג, און איז טאַקע באַלד איבערגעחזרט געוואָרן.

נאַטירלעך האָבן די דאָזיקע פֿאָרשטעלונגען איינציקווייז דערצויגן אַ העברעאיש טעאַטער־פּובליקום, אָבער דאָס שפּילן העברעאיש האָט זיך פֿאָרט ניט גערוקט פֿון אָרט. ווידער האָט קאַצענעלסאָן געשפּילט „מכירת יוסף“ מיט אַ צוגעשריבענעם

אַקט, און ווידער אין „הזמיר"=זאַל פֿאַר 300 מענטשן.

ווען די „הבמה העברית" האָט דאָן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג זיך צו באַראַטן וואָס ווייטער צו טון, האָב איך אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַפּיקורסות.

איך האָב נעמלעך געזאָגט, אַז אין אַזאַ טעאַטער=שטאָט, ווי לאָדז, וואָס האָט געהאַט די בעסטע רוסישע, דייטשע, פּוילישע און יידישע טרופּעס, איז אַן אומזין צו שפּילן העברעאיש טעאַטער, אַזוי ווי מיר שפּילן. ביי אונז איז דאָך דער עיקר ה ע ב ר ע א י ש און דעריבער געמען מיר יעדן יונגנמאַן, וואָס קען העברעאיש, צו שפּילן ראָלן, בעת דאָס פּובליקום איז אויסן צו זען ש פּ י ל ן. מיין מיינונג איז דעריבער געווען, אַז אויסלערנען אַ שפּראַך קאָן מען גיכער, ווי אויסלערנען שפּילן. צום שפּילן, זיין אַן אַקטיאָר, מוז מען האָבן טאַלאַנט, און לערנען אַ שפּראַך איז אַ אַרבעט.

איך האָב דעריבער פֿאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן קומען אין פֿאַרבינדונג מיט די יידישע שוישפּילער, וואָס האָבן דאַמאָלט געשפּילט אונם יידישן טעאַטער, אַז זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין אונזערע פֿאָרשטעלונגען, און דאַמאָלט וועלן מיר קענען שפּילן טעאַטער ווי ביי לייטן.

מיין פֿאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן. איך בין אָבער ביי מיר ניט געפֿאַלן, און איינמאָל אין אָוונט, בעת מען האָט אין זאַנדבערגס „גרויסן טעאַטער" געשפּילט „אַ מענטש זאָל מען זיין" און דער רעזשיסער און פּרעמיער פֿון דער טרופּע יוליוס אַדלער איז געווען פֿריי, און זיך געזעצט ביים טישל אויבן אויף די טרעפּ, פֿאָרן אַריינגאַנג צום פּאַרטער, בין איך צו אים צוגעגאַנגען און אים געזאָגט, אַז איך וויל מיט אים רעדן.

אין יענער צייט צוגייין רעדן מיט אַדלערן האָט קיינער גישט געהאַט קיין דרייסטקייט, אַפֿילו די אַקטיאָרן, וואָס זענען געווען „חבר=לאַפּ" איינער מיטן אַנדערן, האָבן געהאַט צו אים גרויס דרך=ארץ. ווער רעדט נאָך די בינע=אַרבעטער. אַז אַזאַ איינעם פֿלעגט אויסקומען עפּעס צו וועלן פֿונם פֿאַרשטאַרבענעם דירעקטאָר זאַנדבערג, אָדער להבדיל פֿון אַדלערן, פֿלעגן אים פֿריער

ציטערן הענט און פיס.

איך ווידער, בין געווען אַ בחורל פון אַ יאָר 18, אַ דאַרער יונגערמאַנטשיק, ניט קיין גרויסער מקפיד אויף מלבושים, און ס'איז זיך דעריבער לייכט פאָרצושטעלן דעם „געוואַלטיקן“ איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף אַדלערן מיין ווענדונג, אַז איך וויל מיט אים רעדן.

עס איז זיכער געווען פאַר אים אַ וויץ, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול הינטער דעם באַרימטן טישל אין „גרויסן טעאַטער“, און זיך געלאָזט מיט מיר שפּאַצירן איבער דער לאַנגער טעראַסע, וואָס פירט אַרויס ביז אין דער גאַס. די קנאה פון די „טעאַטער־פּאַטריאָטן“, וואָס פלעגן שטענדיק אין דרויסן שטיין. וועלכע דער פאַרוואַלטער פלעגט האָבן אַז אַרבעט זיי צו טרייבן, נעמענדיג צו הילף פּאָליציי — איז גאָרניט צו באַשרייבן, ווען זיי האָבן געזען, אַז אַדלער גייט „שפּאַצירן“ מיט עפּעס אַ יאָלד.

ווייזט אויס, אַז אַדלער האָט דערפילט, אַז ער האָט „אַריבערגעכאַפּט די מאָס“, און ער האָט זיך פאַרקירעוועט מיט מיר הינטערן פלויט פון אַנדערן העלפט הויף, וואו ס'איז געווען אַ באַר־אַנשטאַלט. דאָרט האָט אונז קיינער ניט געזען גיין און שמועסן.

מיט עפּעס אַ מערקווירדיקע עקשנות און זיכערקייט האָב איך גערעדט צו אַדלערן, און אים פאָרגעלייגט צו שפּילן מיט אונז „אוריאל אַקאָסטאַ“ אויף העברעאיש. איך האָב דאָס שטיק אויסגעקליבן צוליב עטלעכע טעמים: ווייל עס איז יידיש שטיק, אַ פּיעסע מיט אַ שטאַרקער אַקציע, אַ גרויסע ראָל פאַר אַן אַרטיסט, און ווייל אַדלער איז אין דער דאָזיקער ראָל געווען איינגעשפּילט און געהאַט אין איר אַ גרויסן דערפאָלג.

אין אָנהויב האָט זיך אַדלער אויסגעלאַכט. מאַטעריעל האָט ער זיך אין דעם ניט געניטיקט, מאָראַליש האָט ער ניט געזען קיין דערפאָלג, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין באַגריף אין דער העברעאישער שפּראַך, און ער האָט מיין פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן. איך בין אָבער געווען אַזוי באַגייסטערט פון מיין אייגענעם פאָרשלאַג, אַז איך האָב ניט געקענט באַגרייפן ווי אַזוי

מען קען אים אָפּוואַרפֿן און איך האָב זינט דאַן אַרלערן מער נישט אָפּגעלאָזן, ביז עס איז מיר געלונגען אים צו געווינען אַלס אַן „אונזעריקן“.

מיר האָבן באַלד אויפֿגעזוכט אַ העברעאישע איבערזעצונג פֿון „אוריאל אַקאָסטאַ“ און זיך גענומען אויסשרייבן די ראָלן. דאָס איז געווען איינער פֿון די מערקווירדיקסטע טעאַטער־עפּיזאָדן. די העברעאישע איבערזעצונג איז געווען אַ קאָלעקטיווע, אַזוי איז דייטלעך געשטאַנען אויפֿן שער־בלעטל: „מתורגם ע״י מורי הגמנסיה העברית ביפֿו“ (איבערזעצט דורך די לערער פֿון דער העברעאישער גימנאַזיע אין יפֿו). געדרוקט איז דאָס ביכל טאַקי אויך געוואָרן אין יפֿו. אָבער כאָטש עס איז געשטאַנען בפּירוש געדרוקט, אַז די איבערזעצונג איז אַ קאָלעקטיווע, פֿונדעסטוועגן האָבן מיר באַלד באַמערקט, אַז די איבערזעצונג, אָדער לכל המחות די רעדאַקציע איז געמאַכט געוואָרן דורך איין פּערזאָן, און דורך אַ פֿאַראינטערעסירטער פּערזאָן, און דהיינו — דורך איינעם, וואָס האָט געשפּילט איינע פֿון די ראָלן אין דער פּיעסע.

עס האָט זיך, געמלעך, אַרויסגעוויזן, אַז אין דער צייט, ווען אין דייטשישן אָריגינאַל און אויך אין אַלע איבערזעצונגען אין אַנדערע שפּראַכן איז די הויפּטראָל „אוריאל“, איז דאָ, אין דער העברעאישער איבערזעצונג אויסגעקומען, אַז די הויפּט־ראָל איז גאָר „דע סילוואַ“. די גאַנצע פּראָזע פֿון אוריאלן האָט געפֿעלט, עס איז נישט געווען כמעט קיין איינער פֿון זיינע באַרימטע מאָנאָלאָגן, און טאָמער איז עפּעס יאָ געווען צו רעדן, אָדער צו שפּילן, איז עס אין דער העברעאישער איבערזעצונג געווען באַשטימט פֿאַר דע־סילוואַן.

אַ פּנים, אַז דער איבערזעצער אָדער דער רעדאַקטאָר פֿון דער איבערזעצונג האָט געהאַט עפּעס אַ שייכות צו דעם, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פֿון „דע־סילוואַ“, און ער האָט זיך פֿערזאָרגט מיט עולם־הזה...

פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען מיר האָבן אָנגעהויבן איבערצושרייבן פֿאַר אַרלערן די ראָל, האָבן מיר דערזען דאָס אומגליק, און מיר האָבן זיך געמוזט אַוועקזעצן און מאַכן אַ נייע איבערזעצונג. דער

גאַנצער טעקסט פֿון אוריאלס ראָל איז געוואָרן מנוקד (פּונקטירט, געפּינטלט), און אינדערהויך, איבער יעדן וואָרט איז געשריבן געוואָרן די יידישע איבערזעצונג.

די רעזשי פֿון דער פּיעסע האָט איבערגענומען יוליוס אַדלער. אַלע ראַליסטן געדענק איך נישט, נאָר עטלעכע פֿון זיי זענען מיר געבליבן אײַנגעקריצט אין זכּרון, ווי דער העברעאישער שרײַפֿטשטעלער אברהם פֿראַנק, וועלכער איז דאַמאָלט געווען צוריקגעקומען פֿון ארץ־ישׂראל און ער האָט געשפּילט די ראָל פֿון דע־כּילווא, שפּעטער האָט די ראָל געשפּילט דער סטודענט אברהם לעווינסאָן, דער שפּעטערדיקער „התאחדות"־פֿירער און פּוילישער סײם־דעפּוטאַט, דער העברעאישער לערער מנחם גנעסין, דער שפּעטערדיקער מיטגרינדער פֿון דער מאָסקווער „הבּימה" און דערנאָך רעזשיסער פֿון העברעאישן טעאַטער (תא"י) אין ארץ־ישׂראל, און דער אָנפֿירער פֿון דער לאָדזער „דראַמאַטישער קונסט" י. מ. מאָשקאָוויטש.

צו לערנען די ראָל מיט אַדלערן האָב איך איבערגענומען, אַלס דער „שדכן", און אַזוי ווי ער האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו מײַן העברעאישער אויסשפּראַך און צו די קלאַנגען פֿון די ווערטער, ווי אַזוי איך האָב זיי אַרויסגערעדט, איז געבליבן בהסכּם כּולם, אַז איך מוז סופֿלירן די פֿאָרשטעלונג, כאָטש איך האָב גאָר געהאַט שטאַרק חשק צו שפּילן אַ ראָל אין דער פּיעסע.

די פּרעמיערע פֿון „אוריאל אַקאָסטאַ" איז געגאַנגען אין „גרויסן טעאַטער". דאָס טעאַטער איז געווען פֿול געפּאַקט. עס האָט דאַמאָלט געהערשט אַן אויסערגעוויינלעכע יום־טובֿדיקע שטימונג. לאָדז איז ממש געגאַנגען כאָדאָראָם.

אַז אויף דער פֿאָרשטעלונג האָבן נישט געפֿעלט קיין קוריאָזן, איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, און איינעם פֿון זיי וויל איך דאָ דערציילן: אַלס פֿאָרשטייער פֿון דער חבֿרה „לומדי שׂפת עבֿר" האָב איך דאַמאָלט דערלאַנגט אַדלערן אַלס מתּנה זײַן בילד, געצייכנט פֿון לאָדזער מאָלער י. ווילענסקי. דאָס בילד האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוט, און בעת אַדלער האָט מיר געדריקט די האַנט אַלס דאַנק,

האָט ער מיר אין דער שטיל געזאָגט: „זילבערצווייג, זייט זיך מרחם און גייט אַראָפּ אין קאַסטן סופֿלירן דעם דאַנק.“

דער עולם האָט זיך זיכער נישט אָריענטירט, וואָס ער זאָגט מיר. אַלע זענען געווען זיכער, אַז דאָס דאַנקט ער מיר פֿאַר דער מתנה, וואָרום וועמען האָט עס געקאָנט אײַנפֿאַלן, אַז מיר האָבן באַצײַטנס צוגעגרייט אויף העברעיִש אַ דאַנק, וועלכן אַדלער האָט זיך פֿריער אויסגעלערנט, פּונקט אַזוי ווי די גאַנצע ראָל, און אַזוי האָבן מיר ביז דער לעצטער מינוט דערהאַלטן בײַם פּובליקום די אילוזיע, אַז אַדלער קען העברעיִש.

אַז אַדלערס קאָלעגן, די יידישע שוישפּילער, האָבן דערוואַרט, אַז אַדלער וועט האָבן אַ גרויסע מפּלה, איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, און דעריבער איז בײַ זיי די קנאה נאָך גרעסער געוואָרן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געזען, אַז ער איז מיט עברי ווייניק געשטרויכלט געוואָרן און דער דערפֿאָלג איז געווען אַזאַ גרויסער. דערווײַל האָט זיך די טרופּע פֿון „גרויסן טעאַטער“ געענדערט, אַדלער איז אַוועק גאַסטראָלירן קיין רוסלאַנד און אַלס ערשטער שוישפּילער פֿון „גרויסן טעאַטער“, איז אָנגעקומען דער יונגער אַרטיסט רודאָלף זאַסלאַווסקי, און אײַנמאָל אין אָוונט, ווען איך בין אַרונטערגעקומען הינטער די קוליסן פֿון „גרויסן טעאַטער“, גייען מיר אַנטקעגן די אַרטיסטן זאַסלאַווסקי, דער פֿאַרשטאָרבענער מאַרק מײַערסאָן און וואָלף זילבערבערג, און זאָגן מיר אָפּ אויף אויסנווייניק גאַנצע שטיקער פֿון „אשרי יושבי ביתך“ און „נשמת כל חי“. איך האָב זיך נישט פֿאַרשטאַנען אויף דעם וויץ, אָבער באַלד איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. איך האָב באַלד דערהערט פֿון זייערע גאַרדעראָבן דעקלאַמירן אויף העברעיִש גאַנצע שטיקער פֿון „אוריאל אַקאָסטאַ“.

בקיצור, חברה אַקטיאָרן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון יצחק קאַצענעלסאָן האָבן זיך אָרגאַניזירט און אײַנגעשטודירט אין קאַצענעלסאָנס איבערזעצונג „אוריאל אַקאָסטאַ“ אויף העברעיִש, און באַלד נאָכדעם זענען זיי אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ טורנע איבער פּוילן, ליטא און רוסלאַנד. דער דאָזיקער טורנע איז געווען אַזאַ טריומף, וועלכן ס'האָט זעלטן וועלכער יידישער שוישפּילער גע-

מאַכט אין זיין לעבן, און אַ צייט נאָכדעם האָבן די עלטערע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם טורנע, נישט געקאָנט באַפֿרייען פֿון דעם ישוב, אונטער וועלכן זיי זענען געשטאַנען צוליב די גראַנדיעזע קבלת־פּנימער אין דער דאַמאָלטיקער „משערטאַ“.

מיר, ווידער, האָבן נאָך לאָדז געשפּילט אין וואַרשע, און ערשט נאָכדעם, ווי אַדלער איז ווידער צוריקגעקומען קיין לאָדז, האָבן מיר אויפֿגעפֿירט ד״ר הערצלס „נייע געטאָ“ אויף העברעיִש מיט אַדלערן אין דער הויפּראָל. איצט איז אים שוין, נאַטירלעך, געווען פֿיל לייכטער זיך אויסצולערנען די ראָל אויף העברעיִש, אָבער איך האָב ווידער געמוזט זיין דער סופֿלער, צוליב דעם אויבנדערמאָנטן טעם.

דערווייל האָט זיך צו אונדז דערטראָגן אַ קלאַנג, אַז זאַסלאַווסקי מיט קאַצענעלסאָנען טראָגן זיך אַרום מיט אַ פּלאַן צו פֿאָרן קיין ווין אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס, דאָרט צו שפּילן העברעיִש טעאַטער. דער פּלאַן פֿון אַזאַ טורנע איז איינגענטלעך געווען מיינער, נאָר אַזוי ווי אַדלער איז ווידער נישט געווען אין לאָדז, האָב איך נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו באַראַטן. אָבער ענדלעך האָב איך זיך שריפֿטלעך פֿאַרשטענדיקט מיט אַדלערן אין מינסק, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַ אומגעהויערן פֿאַרלאַנג צו פֿאָרן שפּילן העברעיִש טעאַטער אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס. ווידער זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן זיצונגען און זיצונגען, און ענדלעך האָט די „חובבי שפת עבר“ באַשלאָסן, אַז מיר פֿאָרן קיין ווין שפּילן „אוריאל אַקאָסטאַ“ און „דאָס נייע געטאָ“. אין וועלכן עס האָט זיך אויך באַטייליקט דער פּראָפֿעסיאָנעלער יידישער אַקטיאָר הערשעל יעדוואַב.

מיר הייבן אָן מאַכן פּראָבן. אונדזער דאַמען־פּערסאָנאַל ווערט פֿאַרשטאַרקט מיט אַדלערס פֿרוי, די שוישפּילערין עמיליע אַדלער, וועלכע שפּילט דאָס מאָל די ראָל פֿון „יהודית“ און די יונגע שוישפּילערין שושנה, און נאָכדעם, ווי אונדזער פֿאַרוואַלטער, דער העברעיִשער פּעדאַגאָג ה׳ מלאַטעק (איצט אין משיקאַגאָ) פֿאָרט אַראַנזשירן אַלע צוגרייטונגען, פֿאָרן מיר אַלע, אַן ערך 25

פּערזאָן, צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

דאָס איז געווען אין אויגוסט 1913. אונזער אויסרעכענונג איז געווען, אַז מען וועט אונז „פֿאַרצוקערן“. עפּעס אַ קלייניקייט: העברעאישע טעאַטער פֿאַר די געסט פֿון קאָנגרעס, און דערצו נאָך הערצלס „נײַע געטאָ“. דערווײַל אָבער באַקומען מיר אַ ידיעה, אַז קיין ווין איז געקומען נאָך אַ העברעאישע טרופּע.

ווער איז דאָס, ווידער זאַסלאַווסקי? ניין, דאָס איז צמח מיט זײַן עולם. צמח האָט שוין דאַמאָלט געמאַכט איייניקע העברעאישע פֿאָרשטעלונגען אין וואַרשע און ביאַליסטאָק, און אַזוי ווי אין יענער צײַט איז אומעטום געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפֿאָלג אָסיפּ דימאָווס „דער אייביקער וואַנדערער“ (דאַמאָלט האָט מען טאַקע אויך אין לאָדז געשפּילט די פּיעסע אויף רוסיש. באָרים טאָמאַשעווסקי האָט גראָד דאָן גאַסטראָלירט אין לאָדז, און די פּיעסע איז אים אַזוי געפֿעלן, אַז ער האָט אַראָפּגענומען דעם מחבר אָסיפּ דימאָוו קיין אַמעריקע און אים געמאַכט פֿאַר אַ „ידישן“ שרײַבער), האָט אויך צמח אײַנגעשטודירט דעם „אייביקן וואַנדערער“ אויף העברעאיש מיט אַ גרופּע ליבהאָבער און איז מיט זיי אַרומגעפֿאָרן. און ווען עס איז אונטערגעקומען אַזאַ גוטער „קונה“ ווי דער ציוניסטישער קאָנגרעס, האָט ער זיך נישט געפֿוילט און איז אַראָפּגעפֿאָרן קיין ווין.

אָבער מיר האָבן זיך נישט דערשראָקן פֿאַר קאָנקורענץ. מיר זענען געווען זיכער, אַז עס וועט אין ווין זײַן גענוג פּובליקום פֿאַר אונז און פֿאַר צמחן. מיר האָבן אָבער געהאַט אַ גרויסן טעות אין אונזער חשבון. אַזוי ווי מיר זענען געקומען קיין ווין, האָט אונז אונזער געשעפֿטס־פֿירער אָנגעזאָגט די טרויעריקע בשורה, אַז צמחס טרופּע, וועלכע שפּילט שוין איייניקע טעג, מאַכט זייער שלעכטע געשעפֿטן, און עס וואָלט דעריבער גלײַך געווען אַזוי אײַנצואָרדנען, אַז ביידע טרופּעס זאָלן נישט שפּילן אין איין טאָג. מיר האָבן זיך נישט געוואָלט צוגלייבן, אַז עס איז טאַקע אַזוי, נאָר באַלד האָבן מיר זיך אויף אונזערע פּלייצעס איבערצייגט...

אונזער חשבון איז געווען, אַז די עטלעכע הונדערט דעלעגאַטן און די געסט וועלן באַזוכן אונזערע פֿאָרשטעלונגען, אָבער דער

חשבון איז געמאכט געווארן אן באלעבאס. יעדער דעלעגאט איז געווען אזוי פארטיי אויף די זיצונגען פון קאנגרעס גופא, פון די לאנדסמאנשאפטן און קאמיסיעס, אז נאר זייער ווייניק פון זיי האבן זיך אראפגעכאפט אויף אונזערע פארשטעלונגען, און מיר זענען מאטעריעל ארוים „בשן ובעין", אזוי, אז די, וואס האבן ניט מיטגענומען קיין אייגן געלט, האבן עטלעכע טעג גאנץ ליטיש געהונגערט...

צמח מיט זיין טרופע, אויף וויפיל איך געדענק, איז נאך פריער פארשוואונדן.

אדלער האט זינט דאמאלט פארלוירן דעם חשק צו שפילן העברעאיש, אונזער טרופע איז זיך צופאלן, קאצענעלסאן האט שפעטער אויפגעפירט זיינע א נייע פיעסע מיט ליבהאבער, און מיט'ן אנטייל פון שריפטשטעלער ב. עפעלבוים, וואס איז איצט אויך אין אמעריקא, און ערשט אין דער קריגס-צייט האב איך ווידער ארגאניזירט א העברעאישע טרופע, וואס האט געגעבן רעגולערע פארשטעלונגען. איין זאך זענען מיר געווען זיכער, אז צמח איז אינגאנצן פארשוואונדן פון דער ארענע.

צמח איז אבער באלד דערויף אוועק קיין רוסלאנד, און וואס עס איז געווארן מיט אים, און מיט זיינע פלענער פון א העברעאיש טעאטער, געהערט שוין צו דער געשיכטע פון דער „הבימה".

פּיטער גראַף

מאָמענטן פֿון אַקטיאָרן-לעבן

איצטער האָב איך אים שוין מוחל געווען, אָבער דאַן האָב איך אים געשאָלטן.

פּאַסירט האָט עס אַזוי:

ווי אַ בליץ האָט זיך צעשפּרייט די נײַעס, אַז ה' ווײַנשטאָק, דער „סטאַר" פֿון דעם יידישן טעאַטער אין לעמבערג, איז פֿאַרשוואונדן.

אין יענער צייט האָט מען אויפֿגעפֿירט מיט גרויס דערפֿאָלג „שלמה המלך". ה' ווײַנשטאָק האָט געשפּילט אַלס דער קעניג שלמה. די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג איז געווען אין אים פֿאַרקאָכט. מען האָט אים אַפּלאָדירט, מען האָט אים באַוואָרפֿן מיט בלומען, מען האָט אים פֿאַרגעטערט; און דערבײַ האָט דאָס טעאַטער געמאַכט זייער גוטע געשעפֿטן, עס איז געווען וואָס צו הערן. די אַקטיאָרן, די זינגער, האָבן געלעבט אַ טאָג. און דאָ מיט אַמאָל איז אַלעס אויס, עפּעס אַ קלייניקייט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון, וואָס מיר האָבן זיך צוקאָכט.

עס רעדט זיך גאָר אַזוי „מיר", אַז סך-הכּל בין איך דאַן אַלט געווען אַכצן יאָר, און מײַן שייכות צו דער בינע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב געזונגען אין כאָר, אונטער דעם דירינגענט עסקרייז, וועלכער האָט מיך געקענט נאָך פֿון דער סינאַגאָגע, וואו איך האָב געזונגען בײַם חזן. עסקרייז האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון מײַן קול-נגינה און ער האָט מיך אַרײַנגענומען אין טעאַטער-כאָר.

פֿון אָנהייב בין איך אים, עסקרייזן, אויך קיין פֿרײַנד נישט

געוועזן דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿון מיר געמאַכט אַ טעאַטער=מענש. איך האָב שטאַרק מורא געהאַט, אַז איך זאָל צוליב דעם ניט פֿאַרלירן די, וועמען מיין האַרץ האָט אויסגעוויילט, מיט וועמען איך פֿלעג אַרומשפּאַצירן בשתיקה אין די פֿאַרוואָרפֿענסטע ווינקעלעך פֿון שטאָט=גאָרטן. שווייגנדיק אַרומגעשפּאַצירט. אָבער מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שוועב אויף די פֿליגלען, אַז איך טראָג זיך הויך, אַזש אונטערן בלויען הימעל, וואָרום אויסער דעם, וואָס זי האָט געשטאַמט פֿון איינער פֿון די שענסטע, פֿרומסטע חסידישע פֿאַמיליעס אין לעמבערג, וואָס זי איז געוועזן אויסגעצייכנט, ווי מען זאָגט דאָס, אין יחוס, איז זי אַליין געוועזן אַ שיין מיידל, טאַקי גאָר אַ וואונדער=שיינע; אַ באַווייז האָט איר, אַז ניט נאָר איך, נאָר אַז פֿיל אַנדערע בחורים, העכערע, שענערע פֿון מיר זענען איר נאָכגעגאַנגען און אויסגעגאַנגען פֿאַר איר.

מילא, איך האָב געזינגט, מיט צרות און מאַטערניש געזינגט, ווייל כאָטש אַליין בין איך קאָן מען זאָגן אויך אַ שטיקל בעל=הבתישער בחור געוועזן, האָב איך אָבער געהאַט אַ פֿעלער, ניט קיין פֿיזישן חלילה, נאָר אַ גייסטיקן פֿעלער: איך האָב געהאַט אַ גוטע שטימע און מיר האָט זיך איינגעגעבן אויסצווויינען ביי דער מאַמען וואָס האָט געציטערט און געפֿלאַטערט איבער איר בן=יחיד, אַז זי זאָל מיך לאָזן זינגען ביים חזן, דאָס איז געווען מיט אַ צייט פֿריער און איך בין געוואָרן אַ משורר. אָבער דאָס איז געווען אַ גרויסע שטערונג; דאָס האָט מיך אַראָפּגעגנידריקט אין די אויגן פֿון מיין „געטין“; זי האָט זיך געבלאָזן אויף מיר, זי האָט זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז „זי“ זאָל נעמען אַרומגיין (די אָפֿיציעלע שפּראַך פֿון דער ליבע), מיט אַ זינגער. אָבער ווי שטייט דאָס אין פּסוק: „יגעתי מצאתי“, אַז מען זוכט געפֿינט מען. זי איז געוואָרן מיט גאָטס הילף מיינע, דאָס הייסט, זי האָט גענומען אַרומגיין נאָר מיט מיר, און מיר האָבן אָנגעהויבן חלומען וועגן... וואָס אַלע פֿאַרליבטע זינט די וועלט שטייט, חלומען; אָבער, אַז זי האָט דערהערט, אַז עס האַלט דערביי, איך זאָל נעמען זינגען אין טעאַטער=כאָר, נו, נו, האָט זיך עס אַ ביסל אָפּגעטון. עס איז קענטיק, אַז צו אַ מענטשנס פֿאַלן איז גאָר קיין שיעור ניטאָ.

געוואוסט האָב איך, אַז אויף מײַן מזל איז אויסגעפֿאַלן צו זינגען אין כאָר, דאָס אַליין. וואָרום, וואָס נאָך קאָן דערגרײכן אַזאַ קליין יידיש בחורל, ווי איך? אָבער נאָענט צו מײַן קליין אָרעם וועלטל איז געווען נאָך אַ וועלט, אַ ריינע, אַ שיינע, אַ צויבערלעכע, דאָרט, וואו די מענטשן זענען גאָר אַנדערש, אַזעלכע שיינע, וואונדערלעכע; נאָר צווישן מיר און זיי איז געשטאַנען אַ וואַנט: זיי זענען געווען די אַקטיאָרן, די אַרטיסטן, וואָס האָבן זיך יעדע נאַכט פֿאַרוואַנדלט אין קעניגן און פּרינצן, אין גאָלד און זילבער געקליידעט (אויף דער בינע פֿאַרשטייט זיך), וועמען דער עולם האָט באַשאָטן מיט אַפּלאָדיסמענטן, באַגריסט מיט הוראַ-געשרייען, אויף וועמען מען האָט געקוקט, ווי אויף געטער. וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט געקאָנט זײַן צווישן מיר, דעם זינגער, און זיי, די אַקטיאָרן?

אמת, ווען איך בין פֿאַרבליבן אַליין אין מײַן אייגן וועלטל, האָט מיר קיינער נישט פֿאַרווערט צו חלומען וועגן אַ צײַט, ווען איך וועל אויך שטיין פֿאַרן פּובליקום אין די קייזערלעכע בגדים, אַלע וועלן מיך באַוואונדערן, מען וועט פּאַטשן בראַוואָ, מ'וועט וואַרפֿן בלומען... געוויס האָט מיר קיינער נישט פֿאַרווערט צו טרוימען וועגן אַזעלכע זאַכן, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז דאָס זענען נאַרישע, אומגעלונגענע חלומות. אָבער געטראַכט האָב איך פֿאָרט און איך מוז אײַך זאָגן, אַז דאָס זענען געווען די שענסטע, בעסטע טרוימען מײַנע.

קיינער אָבער האָט נישט געטאָרט וויסן פֿון דעם. איך האָב עס געמוזט האַלטן פֿאַרבאָרגן טיף אין זיך. דעם קלענסטן צייכן האָב איך נישט געטאָרט געבן, אַז איך האָב אַזעלכע „אויסגעלאַסענע" געדאַנקען; זי, דאָס מיידל מיט די גאָלדענע האָר, מיט ראָזעווע פּולן פּנימל וואָלט אַזעלכע זאַכן נישט געדולדעט; אין איר קרייז האָט מען אויף אַקטיאָרן געקוקט ווי אויף בעטלערס, ווי אויף הפקר-מענטשן, וועמען מען טאָר אין קיין יידיש הויז נישט אַרײַנלאָזן. איך האָב אין יענער צײַט תמיד געקלערט ווי אַזוי איך זאָל קריגן די הסכּמה פֿון אירע עלטערן, עס איז מיר אָנגעקומען שווער צו געפֿונען חן אין זײַערע אויגן. איך האָב זיך גע=

מאַטערט צו זײַן אַ שטילער, רויִקער, פֿרומער, גאָטס־פֿאָרכטיקער בחור. װאָרום, אויב נישט, האָב איך זיך געמעגט געזעגענען מיטן געדאַנק װען־עס־איז מיט איר חתונה צו האָבן. איך האָב פֿרום, פֿון טיפֿן האַרצן געדאַװנט. אין מיטן פֿון אַ געשפּרעך פֿלעג איך פֿאַרלאָזן די קאָמפּאַניע, זיך שטעלן מיטן פּנים צום װאַנט און דאַװענען מנחה אָדער מעריב. איך בין מיט אַ כּיון געגאַנגען אין דער שול, װאו איר פֿאָטער האָט געדאַװנט און אים באַשײַנפּערלעך באַװיזן, װאָס פֿאַר אַ פֿרומער, גאָטס־פֿאָרכטיקער איך בין. און מײַנט איר, אַז עס האָט נישט געהאָלפֿן, אַז איך האָב נישט געכאַפּט אַ קניפּ אין בעקל דערפֿאַר — האָט איר אַ טעות...

אָט אַזוי האָב איך זיך געלעבט רויִק און פֿרידלעך. שבת, יום־טוב האָב איך געזונגען בײַם חזן; יעדן אָװנט אין טעאַטער; און דער פֿרײַער צײַט ראָמאַנסירט מיט מײַן כּלה (עס איז גאָר געװען אַ סוד).

ערשט, עס צוטראָגט זיך די בשורה, אַז װײַנשטאָק איז אַװעק אין מיטן פֿון דעם גרױסן דערפֿאָלג, װאָס שלמה המלך האָט געהאַט.

— װאָס טוט מען? — האָט אײנער דעם אַנדערן געפֿרעגט.

— טאַקע, װאָס טוט מען? — האָט אײנער דעם אַנדערן געענטפֿערט.

— אַזאַ חרפּה, עס װעט דאָך זײַן אוממעגלעך צו װײַזן די אױגן פֿאַר לײַטן.

— און װאָס װעלן מיר עסן? איצט װעט אונז אויסקומען צו ליגן די צײן אויפֿן פּאָליצע.

— נאַ, גײ פֿאַרלאָז זיך אויף אַ מענטשן; װער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן אויף אים?

זאָגן, אַז די זאַך האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט, קאָן איך נישט. פֿאַר קײן הונגער האָב איך קײן מורא נישט געהאַט, בײַ מײַן פֿאָטער אין הויז האָב איך געפֿונען פֿון שענסטן און בעסטן. מיר האָט נאָר פֿאַרדראָסן, װאָס מײַן כּלה װעט זײַן אַנטױשט. זי האָט געקויפֿט אַ בילעט אויף דעם אָװנט, זי האָט זיך געװוּס אויסגעפּוצט צוליב דעם און דאָ מיט אַמאָל אויס פֿאָרשטעלונג; אָט אַזוי טראַכט איך מיר. ערשט, איך הער אַ געשרײ:

— גראַף! וואו זײַט איר?

דאָס איז געווען דעם דירינגענטס הילכיקער קול.

— דאָ בין איך, הער עסקרייז!

— אַהער צו מיר די מינוט!

עס איז מיר איינגעפֿאַלן דאָס האַרץ, עפּעס אַזוי שטרענג, מיט אַזאַ כּעס האָט ער נאָך צו מיר קיינמאָל נישט גערעדט.

— גראַף, שנעלער אַהער!

ער האָט מיך אַרײַנגענומען אין זײַן קליין חדרל, האָט אַרויפֿגעלייגט זײַנע הענט אויף מײַנע אַקסלען, אײַנגעשטעלט אויף מיר די גרויסע אויגן און אַ זאָג געטאָן:

— הער גראַף, זי שפּילן הײַנט שלמה המלך.

— וואַ־אָ־אָס? — האָב איך אויסגעשריגן און בין געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט.

— זי שפּילן הײַנט שלמה המלך.

— אָבער, הער עסקרייז!

— קיין וואָרט מער! זי שפּילן הײַנט שלמה המלך.

איך האָב גענומען אײַנטענהן מיט אים, עס זענען מיר אַרויס טרערן אין די אויגן. איך האָב זיך בײַ אים געבעטן, אַז ער זאָל מיך אָפּלאָזן, ווי קום איך צו אַזאַ ראָל? נאָר איין גאָט איז מײַן עדות, אַז איך האָב געוואָלט, ער זאָל מיך נישט אָפּלאָזן פֿאַר קיין פֿאַל און נאָר הײַנט שפּילן. ער זאָל מיך גויטן איבערגוואַלט שפּילן די ראָל.

— אָבער, וואָס וועט זײַן, אַז זיי דאַרט וועלן זיך דערוויסן, אַז איך בין געוואָרן אַן אַקטיאָר, דאָס מײַנט דאָך דאָס: אויס כּלה, אויס גליק און אויס לעבן, — האָב איך בײַ זיך געטראַכט, אָבער אַ צווייטע שטימע האָט אין מיר געשריגן:

— גראַף, נעם אָן די ראָל, שפּיל! טאָרסט נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט.

— נאַ, אָט איז די ראָל, קוקט עם דורך, די געזעגנגע קענען זי דאָך, גרייטן זי זיך צו — האָט עסקרייז געזאָגט, דערלאַנגנדיק מיר אַ געשריבענעם העפֿט.

פֿאַרפֿאַלן, איך האָב גענומען. אַ בּרירה האָב איך געהאַט?

אָבער וויפֿיל איך האָב זיך נישט געמאַטערט אַרײַנצונעמען די ווערטער אין מײַן מוח, האָט זיך מיר נישט אײַנגעגעבן. די געדאַנקען מײַנע האָבן זיך געדרייט, געטראָגן ווי אַ שטורם. מײַן גאַנץ וועזן איז אין איין רגע צוטרייסלט געוואָרן. מיט אַמאָל האָט זיך עס אויף מיר אַראָפּגעלאָזט. גאָט מײַנער! איך, אַ יונגל, אַ זינגערל אַלס שלמה המלך, אין אַ קרוין און אין אַ קעניגלעכן מאַנטל! טויזנטער אויגן וועלן קוקן נאָר אויף מיר, וועלן זיך אײַנעסן אין מיר, וועל איך עס אָבער אויסהאַלטן? וועל איך נישט חלשן? זאָל איך אַמאָל נאָר נישט אַוועקשטאַרבן אויפֿן אָרט פֿאַר שרעק און אויפֿרעגונג? וואָס וועט דער טאַטע זאָגן און זי, מײַן קליין מיידל? קען עס זײַן, אַז אַלץ וועט זײַן געענדיקט, אַז איך וועל שוין מײַנע אויגן נישט טאָרן ווײַזן פֿאַר איר? אפֿשר אַרויסדרייען זיך, אַוועק און לאָזן דאָס אַלעם הינטער זיך? לוינט זיך עס צוליב זײַן אַן אַקטיאָר פֿאַרלירן די, וואָס איז מיר טײַערער ווי מײַן לעבן?

איך האָב געקוקט אין די שוואַרצע פּינטעלעך, און אַ קאַלטער שווייס האָט זיך מיר געגאָסן איבערן לײַב, איך האָב אָנגעהויבן ציטערן ווי פֿון גרויס קעלט.

— גאָט, איך זאָל אַקאָרשט נאָר נישט קראַנק ווערן — האָב איך צו זיך געזאָגט מיט שרעק.

איך וואָלט אפֿשר נישט איבערגעטראָגן די יסורים ווען איך זאָל קראַנק ווערן און נישט שפּילן די ראָל, ווען איך זאָל דורכלאָזן די געלעגנהייט, איך האָב אין זיך מיט מײַן גאַנצער נשמה געוואוסט, אַז שפּילן „שלמה המלך" מוז איך, אַז דאָס איז דאָס העכסטע, וואָס דאָס לעבן האָט מיר געקענט געבן.

פּלוצלינג איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַזאַ געדאַנק:

איך וועל שפּילן שלמה המלך, אָבער אַזוי גוט, איך וועל עס מאַכן אַזוי שיין, אַז זי וועט באַצויבערט ווערן. זי וועט דערזען, אַז איך בין אַ טאַלאַנט, אַן אַרטיסט. און זי וועט נישט קענען בײַשטיין דעם נסיון. זי וועט קומען צו מיר, זי וועט פֿאַלן אויף מײַן האַלז און וועט זאָגן:

— גראַף, איך בין דײַנע, זײַ אַן אַקטיאָר, מיר איז אַלץ אײנס,

איך האָב דיך ליב.

די דאָזיקע מחשבה האָט מיך גערעטעוועט. אין דעם האָב איך דערזען מיין איינציקע הילף. וואָרום אויף אַזאַ אַרט וועל איך דאָך דערגרייכן צוויי זאַכן מיט אַמאָל: איך וועל שפּילן טעאַטער, איך וועל זיין אַן אַקטיאָר, און זי וועט מיך נאָך מער, נאָך שטאַרקער ליבן האָבן; וואָס קען דען זיין בעסער? דער גאַנצער שרעק איז מיטאַמאָל אַוועק; איך בין געוואָרן ביי זיך שטאַרק און זיכער; איך בין געווען גרייט צו קעמפן פאַר מיין מזל, און איך האָב באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז צו זיגן.

איך בין געשטאַנען מיט דער קרוין אויפן קאָפּ, מיט דעם שווערן לאַנגן מאַנטל אויף די אַקסלען און איך האָב געפילט, אַז אַלע מיינע גלידער זענען געלייַמט, אַז איך בין נישט בכח זיך אַ ריר צו טון. דאָרט, אויף יענער זייט, האָט דער לאַר געזונגען, דער עולם האָט אָנגעפילט יעדן ווינקעלע, אַלעס איז געווען גרייט, נאָך איין קליינע ווייַלע און איך וועל דאַרפן ערשיינען.

ערשיינען! — עס איז גרינג צו זאָגן! אַז סך=הכל איז מיר די צונג געווען פאַרטרוקנט ווי אַ האָלץ, די ליפּן זענען מיר געווען אָפּגעשטאָרבן, איך האָב דעם גאַנצן נישט געקענט אַ ריר טון, און קאָפּ איז געווען פּוסט און ווייסט, אָן דער מינדעסטער מחשבה. איך האָב קיין וואָרט נישט געוואוסט פון דעם, וואָס איך וועל דאַרפן זאָגן, נאָר איין זאַך האָב איך געפילט און געוואוסט, אַז איך גיי אַריינפאַלן אין אַן אָפּגרונט, אַז אַלעס איז פאַר מיר געענדיקט; באַלד וועט זיך אויפהויבן אַ גוואַלד, אַ טומל, מען וועט מיך מיט חרפה פון דער בינע אַראָפּיאָגן און דאַן?...

— דער קעניג קומט! דער קעניג קומט! — האָב איך דערהערט פון יענער זייט וואַנט.

מיין צייט איז געקומען, קיין צוריק=וועג איז נישט געווען; אַזוי ווי פון עמיצן אונטערגעשטויסן, אַזוי בין איך אַרויס אין דער עפנטלעכקייט.

פון יענער רגע אָן בין איך נישט געווען איך; דער, וואָס איז דערשינען אונטער אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן, איז נישט געווען דער אַלטצייטיקער בחור; יענער איז ערגעץ פאַרבליבן; דאַ

איז געשטאַנען אַן אַנדערער, איך ווייס נאָר, אַז דער אַנדערער האָט טיף אַפּגעצויגן דעם אָטעם, אַז אים האָט געשווינדלט פֿאַר די אויגן, און די פֿיס אונטער אים האָבן זיך געוויגט, און אַז יענער האָט אַ טראַכט געטאָן: „מען מוז זיך שטעלן אויף איין פֿוס". וואָרום אויב ניט, וועט ער פֿאַלן. דאָס האָט אָבער געדויערט איין רגע, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז אייביקייט. דער זעלבער כח, וואָס האָט מיר אַ שטויס געטאָן אויף דער בינע, האָט מיר איצט ווייטער אַ יאָג געטאָן:

„איך דאַנק אייך, מיינע קינדער,
פֿיל גליק אייך אַ יעדן באַזונדער!"

די שטימע איז געווען מיינע, אָבער איך בין אויף איר קיין בעל-הבית ניט געווען; איך האָב אַפֿילו ניט געוואוסט, צי הערט עמיצער, אָדער ניט; צי איז עס גוט, אָדער שלעכט; נאָר דאָס, וואָס איך שטיי אויף איין פֿוס, העלפֿט מיר, איך פֿיל, אַז דאָס ברענגט מיך צו זיך.

אַ געדאַנק האָט מיר אַ בליץ געטאָן:

— זי הערט!

און איך בין פֿריילעך רויִק, זיכער געוואָרן.

און מיר האָט גענומען וואַקסן דער חשק צו געפֿעלן; מיר האָט זיך געוואָלט ווערן דער הערשער איבער די אַלע, וואָס זיצן און קוקן אויף מיר מיט אָנגעשטרענגטע בליקן. איך האָב געוואוסט, אַז זיי מוזן מיך באַוואונדערן, זיי מוזן ווערן מיינע קנעכט. מיין שטימע האָט זיך צושפּרייט; זי האָט באַקומען איר קלאַנג און אייביקייט; דער ציטער איז אַוועק, איך שטיי שוין אויף ביידע פֿיס, און מיר איז גוט. איך פֿיל מיט מיין גאַנצן וועזן, אַז דאָ, צווישן די פֿיל הונדערטער אויגן, זענען אויך דאָ אירע צוויי בלויע, גוטע, מחיהדיקע אויגעלעך, און דאָס זינג איך פֿאַר איר.

אַ קוויטש, אַ גרילצעגדער געשריי, האָט זיך דורכגעטראָגן דורך דער לופֿט, עפּעס האָט מען עמיצן אויפֿגעהויבן און אויף די הענט אַרויסגעטראָגן; אָבער דאָס איז ניט ווילטיק, דאָס קימערט מיך ניט. איצט בין איך אַן אַקטיאָר; איך בין שלמה המלך, איך טראָג אַ קרוין אויפֿן קאָפּ. מיין ווייטסטער חלום, די

אוממעגלעכסטע פֿאַנטאַזיע איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. איך שוועב אין דער לופֿטן. מיר איז גוט, עס גייט אין אַקט נאָכן אַנדערן, און מיר האָט זיך עפּעס צעשפּילט, עס האָט זיך דורכגעריסן, אַזוי ווי אַ וואַנדערער, וואָס האָט געבלאָנדזשעט אין אַ פֿינצטערן וואַלד, און איז פּלוצלינג אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, און אַז עס איז געקומען צו שלמה המלכס ליד:

„איך בין געווען גרויס,
אַצינד בין איך קליין,
וואָס העלפֿט מיין שרייען
און מיין געוויין!“

דאָט זיך עס ווי אַ פֿלאַקער צעגאָסן; איך האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן ווער און וואו איך בין; מיט מיין גאַנצער נשמה האָב איך אַרויס־געיאָמערט דאָס דאָזיקע ליד, און מיר האָט עפּעס געזונגען, גע־וויינט און געפֿרייט זיך אין איין און דערזעלבער צייט...

* * *

— ווייסט, וואָס עס האָט פּאַסירט? — האָט מיר איינגע־רוימט אין אויער אַ חבֿר פֿון כאָר.

— וואָס האָט פּאַסירט? דערצייל! — האָב איך אויסגעשריגן אין שרעק.

איך בין נאָך געשטאַנען אין דער קרוין און אין דעם קע־ניגלעכן מאַנטל, מיין פּנים האָט מיר געברענט און אינגאַנצן בין איך געווען נאַס, ווי אַ דאָן.

— זי האָט דאָך געחלשט.

— ווער?

— דינע.

— ווען?

— נאָך אין מיטן פֿון דעם ערשטן אַקט.

די קנעכלעך האָבן זיך מיר אונטערגעבויגן. איצט ערשט האָב איך זיך דערמאָנט אַן דעם הילכיקן געשריי.

— וואו איז זי איצט?

— מען האָט זי אַוועקגענומען אַהיים.

פֿון האַרצן האָט זיך מיר אַ קרעכץ אַרויסגעריסן. איצט,

בין איך געווען זיכער, איז אַלץ פֿאַרלוירן. זי האָסט, זי פֿאַראַכטעט מיך, ווייל איך בין אַן אַקטיאָר, — אַלץ איז פֿאַרלוירן.

— מען האָט מיך אָבער נישט געלאָזט זײַן לאַנג אומעטיק, פֿאַרצווייפֿלט. עס זענען געקומען דער פֿאָר-דירינגענט און די אַקטיאָרן. מען האָט מיך געטרייסלט, געפּאַטשט איבער דער פּלייצע און געשריגן:

— פֿיין, זייער גוט געשפּילט! עס וועט זײַן פֿון דיר אַ לײַט, גראַף!

— ווירקלעך — האָט עסקרייז געזאָגט, קנײַפּנדיק מיר די באַק — אַזוינס פֿון אײַך נישט ערוואַרטעט.

זײַנע קאָמפּלימענטן האָבן מיר געוואַרעמט דאָס האַרץ. די אַפּלאָדיסמענטן, דער „הוראַ“-געשריי איז געקומען פֿון אַ פֿרעמדער וועלט. איצט האָב איך זיך אַזוי געגנויטיקט אין אַ וואַרעם וואָרט; איך בין דאָך געווען אַזוי יונג, אַזוי ריין און אומשולדיק.

איצט דערמאָן איך זיך אָפֿט און טראַכט, וואָס עס האָט געקאָנט זײַן די אורזאַך, פֿאַרוואָס איך האָב שפּעטער — קומענדיק אַהיים, און ליגנדיק אין בעט, ווען מען האָט דאָס ליכט פֿאַרלאָשן — געוויינט; אַ לאַנגע צײַט האָבן זיך מיר זודיגע טרערן געגאָסן איבער די באַקן און אַ שלוכצן האָט זיך געריסן פֿון האַרצן. איך קאָן עס פֿאַר קיין פֿאַל נישט באַגרייפֿן; אָבער איך געדענק, אַז איך האָב ביז טאָג קיין אויג נישט צוגעמאַכט און האָב אַלץ געוויינט. איז דאָס געווען די גרויסע אָנשטרענגונג, וואָס האָט מײַנע יונגע נערוון צעטרייסלט? אָדער דאָס איז געווען דערפֿאַר, ווייל איך האָב דערפֿילט אינסטינקטיוו, אַז די וועלט פֿון קינדהייט, פֿון יוגנט-חלומות, האָט זיך פֿאַר מיר אויף אייביק געענדיקט, און אַז מיט דעם ערשטן איפּטריט אויף דער בינע, האָב איך אויך געמאַכט דעם ערשטן טריט אין דער פֿרעמדער, בייזער וועלט? אָדער ווייל איך האָב דערשפּירט די אַלע ליידן, צרות, פֿרייד, און מאַטערנישן, וואָס מיר וועט אויסקומען דורכצולעבן אין מײַן קאַריערע אַלס יידישער שוישפּילער?

איך ווייס דאָס נישט!

אָבער איך געדענק, אַז נאָך מײַן ערשטן אומערוואַרטעטן דערפֿאָלג, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געוויינט.

(איבערגעגעבן צום דרוק דורך אַ ל ט ע ר ע פּ ש ט ײַ ן)

ב. ווײַנשטײַן

די ערשטע יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין אַמעריקע

אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר אין ניו־יאָרק אַליין 10 גרויסע יידישע טעאַטערס מיט 17 טויזנט זיץ־פּלעצער. אין די 10 יידישע טעאַטערס טרעטן אויף אַן ערך 170 אַקטיאָרן און אַקטריסעס, צוזאַמען מיט די מוזיקאַנטן, כאָריסטן, בינע־אַרבעטער, שניידער, אַפּישן־מאָלער, בילעטערן, קאָנטראָלערן ווערן אין די דאָזיקע 10 יידישע טעאַטערס באַשעפטיקט ביז 700 פּערזאָן. ס'איז אַלזאָ אַ גאַנצע אינדוסטריע און ווי גרויס ס'איז די צאָל פון די יידישע איינוואוינער אין ניו־יאָרק קאָן מען זען דערפון וואָס די 10 יידישע טעאַטערס זענען באַזעצט כמעט יעדן אָוונט.

ווען איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק אין יאָר 1882, איז די צאָל יידישע איינוואוינער אין ניו־יאָרק געווען אַ זייער אומבאַדייטנדיקע. אין די יאָרן 1881 און 1882, באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, זענען אַהערגעקומען אַ דרייסיק—פערציק טויזנט יידישע אימיגראַנטן פון קיעוו, אָדעס, באַלטאַ און אַנדערע שטעט אין דרום־רוסלאַנד. ביי די דאָזיקע יידן איז געווען זייער ליב דאָס יידישע טעאַטער, וואָס אברהם גאָלדפאַדען האָט געבראַכט צו זיי פון רומעניען.

צווישן די אַלע יידישע אימיגראַנטן, וואָס זענען דאַמאָלט אַהערגעקומען, איז אָבער נישט געווען קיין איינציקער יידישער אַקטיאָר, נאָר איניקע דילעטאַנטן, וואָס האָבן אין דער היים זיך אַמאָל באַשעפטיקט אַלס ליבהאָבער אין יידישע טעאַטער־

פאָרשטעלונגען.

דער ערשטער איניציאַטאָר צו שפּילן יידיש טעאַטער אין ניו-יאָרק איז געווען אַ געוויסער איזראַעל באַרסקי. אין באַלטאַ, פון וואַנען ער איז געקומען, איז ער געווען אַן אינטעליגענט, אין ניו-יאָרק האָט ער זיך פאַרנומען מיט שניידעריי, און ער טאַקע האָט עס שפּעטער געגרינדעט דעם ערשטן שניידער-פאַרבאַנד אין ניו-יאָרק. איזראַעל באַרסקי, וועלכער האָט זיך אויך גערופן „בן-עולם", איז געווען אַ ייד, וואָס האָט זיך ליב געהאַט מישן אין קהלשע געשעפטן. ער איז געווען אַ שרייבער, אַ רעדנער און איינמאַל איז אים איינגעפאַלן צונויפצושטעלן אַ טרופּע און איז טאַקע דורך-אים אַליין געוואָרן אַן אַקטיאָר. ער האָט אויך אַנטדעקט די צוויי ברידער גאָלובאָק, פון וועלכע דער יונגערער איז דערגאָר געוואָרן אַ גוטער קאָמיקער. אין באַרסקי'ס טרופּע איז אויך געווען אַ געוויסער מ. ספּעקטאָר און זיין פרוי, אַן אָרעמער גימנאַזיסטקע. די נעמען פון די איבריקע אַקטיאָרן אין דער דאָזיקער ערשטער טרופּע אין אַמעריקע געדענק איך ניט. פרויען אַקטריסעס האָט די טרופּע געהאַט זייער ווייניק, קיין פּיעסן האָט זי אויך ניט געהאַט. האָט איזראַעל באַרסקי גענומען שרייבן גאָלדפאַדנס פּיעסן פון קאָפּ. די ערשטע פּיעסן, וואָס באַרסקי האָט צונויפגעשמירט זענען: „שמענדריק", „קאָלדוניע", „די כשוף-מאַכערין", „די קונע-לעמעלם" און איניקע שמאַטעס, וועלכע ער האָט אַליין אָנגעשריבן.

רעפּעטיציעס האָבן די אַקטיאָרן געמאַכט אין „ניגער-הויז", דאָס איז געווען אַ גרויס הויז אויף עליזאַבעט-סטריט. אַמאָל האָבן דאָרט געוואוינט ניגערס, שפּעטער האָבן זיך אַריינגעצויגן יידישע אימיגראַנטן און אויך באַרסקי האָט דאָרט געוואוינט.

די פּיעסע „שמענדריק", וואָס די טרופּע האָט איינגעשטודירט, האָט ניט געהאַט קיין שום ענלעכקייט צו גאָלדפאַדנס קאָמעדיע מיטן זעלבן נאָמען. און ווען ס'איז געקומען צו זוכן אַ טעאַטער, וואו צו שפּילן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז ניט קיין לייכט שטיקל אַרבעט. ענדלעך נאָך אַ סך זוכן, האָבן די אונטערנעמער פון דער טרופּע געפונען אַן אָרט אויף דער באַוערי.

דער נאָמען פֿון טעאַטער איז געווען „באָוערי גאַרדען“, נומער 113½ באָוערי. דאָס איז געווען אַ לאַנגע שמאָלע שענק, וואו ס'האָט זיך געפֿונען אַ שטיקל בינע, און דאָרטן פֿלעגן אַרויסטרעטן ביליקע ענגלישע וואָדעוויל-אַקטיאָרן. ווער ס'האָט נאָר געטרונקען אַ גלאָז ביר פֿאַר אַ ניקל, האָט געהאַט דאָס רעכט אַרײַנצוגיין זען שפּילן דעם וואָדעוויל. די אונטערנעמער פֿון דער יידישער טרופּע האָבן דעם דאָזיקן „זאַל“ אָפּגעדונגען אויף אַ פֿרײַטאָג צו נאַכט, אָבער ערשט פֿון 10 אין אָוונט, וואָרום ביז 10 זאָלן קאָנען אַרײַנקומען די שטענדיקע געסט. אַרום 10 האָט מען געענדיקט דעם וואָדעוויל, פֿינסטער געמאַכט אין טעאַטער, אַלע צושויער זענען אַרויס, און דאָס יידישע פּובליקום איז אַרײַן זען „שמענדריק“, וואָס איז אַנאָנסירט געוואָרן אויף פֿליג-בלעטער, וועלכע זענען פֿאַרטיילט געוואָרן צווישן די אימיגראַנטן דורך די אַקטיאָרן, דעם מחבר און זײַערע קרובים.

די פֿאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן שוין נאָך האַלב עלף. ווען דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן, איז אַרויסגעקומען אויף דער בינע דער יונגער גאָלובאָק, אָנגעטאָן אַלס „שמענדריק“ צוזאַמען מיט אַ חבר, וואָס האָט געטראָגן אַ ברעט, אויף וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעזעצט, גענומען הוידען זיך און זינגען „אויף דעם הויכן באַרג און אויפֿן גרינעם גראָז“.

דער עולם אין „טעאַטער“, וואָס איז געזעסן אַרום די טישלעך, האָט גענומען שטאַרק אַפּלאָדירן. פּלוצלונג אָבער איז געוואָרן אַ טומל אין טעאַטער. די בופֿעט-לײַט האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז דער עולם זאָל קויפֿן ביר. דאָס פּובליקום האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט, וואָרום מ'האָט באַצאָלט פֿאַר בילעטן און אויסגעבן נאָך אויף ביר אויך, איז שוין געווען צופֿיל. ס'האָט געדויערט אַ שטיקל צײַט ביז ס'איז ווידער שטיל געוואָרן און „שמענדריק“ האָט גענומען ווײַטער מאַכן זײַנע שטיקלעך אויף דער בינע, אָבער דאָ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ פּראָטעסט מצד דעם פּובליקום, וואָרום די רייד וואָס די אַקטיאָרן האָבן גערעדט, האָבן זיך געקלעבט ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט, און דער גרעסטער טייל פֿון די באַזוכער, וואָס האָט געזען „שמענדריק“ אין רוסלאַנד

האט אויסגעדריקט אומצופרידנהייט. די „שוישפילער“ אויף דער בינע האבן דערוויל צוליב דער גרילצעריי פון פובליקום, פארלוירן דאס לשון. כ'וואלט זיכער געקומען צו א סקאנדאל ווען דער רעזשיסער גיט זיך נישט אן עצה און שיקט נישט ארויף אויף דער בינע איינעם א זינגער מיט א פלעשל משקה אין האנט דער זינגער האט זיך אוועקגעשטעלט זינגען „גראפינטשיק, גאלובטשיק“, דער עולם האט באלד אין אלץ פארגעסן און מ'האט אנגעהויבן אפלאדירן און אזוי האט מען מיט מי קוים דורכגעפירט די ערשטע יידישע טעאטער-פארשטעלונג אין ניו-יארק.

איזראעל בארסקי האט זיך אבער ווייניק געזארגט וועגן דורכפאל פון זיין ערשטער פארשטעלונג, ער האט גענומען איינשטודירן די „כשוף מאכערין“ פון גאלדפאדען, אבער דא האט זיך אנגעהויבן א צרה: מ'האט נים געקענט קריגן קיין פרוי צו שפילן די הויפטראל פון „מירעלע“, האט מען אויסגעזוכט א יונגעמאן, א זינגער מיט א שיינעם סאפראן, וואס האט זיך אונטערגענומען צו שפילן די ראל פון „מירעלע“, דאס איז געווען דער איצטיקער באקאנטער שוישפילער באריס טאמאשעווסקי.

די צווייטע פארשטעלונג, וואס איז פארגעקומען אין זעלבן זאל, איז שוין אראפ מיט מער דערפאלג. דער יונגער טאמאשעווסקי האט געהאט א גרויסן דערפאלג מיט זיין זינגען און שפילן. יעדעס מאל וואס ער האט געשפילט, איז דער זאל געווען געפאקט. דאס איז געווען די ערשטע גרינדונג פון יידישן טעאטער אין ניו-יארק

אין 1883 איז אנגעקומען אין ניו-יארק די ערשטע ווירקלעכע יידישע טרופע אונטער דער דירעקציע פון משה זילבערמאן און זיין פרוי. אין דער טרופע זענען געווען מ. קארפ, מ. היימאוויטש, פרוי היימאוויטש (איצטיקע פרוי אדלער), דער שרייבער יאזעף לאטיינער און נאך איניקע ארטיסטן. די דאזיקע טרופע האט שוין געהאט פיעסן, מוזיק א. ד. גל. די ערשטע צייט האבן זיי געשפילט אין מאנהעטן ליסעאום, אויף דער פערטער סטריט און נאכדעם האט מען דעם זעלבן „באוערי גארדן“ איבערגעבויט און געמאכט דערפון א רעגולער טעאטער, וואס האט זיך גערופן „אריענטאל טעאטער“.

סעמיועל טאָרנבערג.

ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַן אַקטיאָר

דערצויגן בין איך געוואָרן אין לאָדז, ביי רייכע, אָבער זייער פֿאַנאַטישע עלטערן. זייער ציל איז געווען מיך צו מאַכן פֿאַר אַ רב. איך האָב געלערנט ביי גרויסע גמרא־מלמדים, וואָס האָבן נביאות געזאָגט, אַז פֿון מיר וועט אַרויס אַ גרויסער עלוי, און שפּעטער ווען די זעלבע מלמדים האָבן פֿאַרזיכערט מיין פֿאָטער, אַז איך קען שוין לערנען פֿאַר זיך אַליין, האָב איך צו 13 יאָר אָנגעהויבן גיין אין בית־המדרש אַריין. די השכּלה האָט אָבער צו יענער צייט אויך אָנגעהויבן אַריינצודרינגען ביי אונז אין שטאָט, און זי האָט אינגיכן אויך אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען אַ חשוב אָרט ביי די בית־המדרש בחורים. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און איך האָב זיך באַקענט מיט אַ יונגען משכּיל, בערנשטיין, אַ קורלענדער, וואָס האָט מיר אָנגעהויבן לערנען דייטש און חכמת הבוכהאַלטעריע. ער האָט מיר אויך באַקענט געמאַכט מיט אַ גאַנץ אַנדערן קרייז מענטשן, צווישן וועלכע ס'זענען געווען מער ליטוואַקעס און רוסישע ווי פּוילישע יידן.

די דאָזיקע געזעלשאַפֿט האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף מיינע מיינונגען און איבערצייגונגען און אויף מיין אַרט לעבן, וואָס האָבן זיך שטאַרק געענדערט, און אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיך חברה צו מיר צוגעזעצט, אַז איך זאָל גיין מיט זיי אין יידישן טעאַטער. נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת האָב איך מסכּים געווען און בין מיט זיי געגאַנגען זען גאָלדפֿאַדענס „בר־כּוכבא“.

שילדערן דעם איינדרוק וואָס די פֿאָרשטעלונג האָט אויף מיר געמאַכט, בין איך נישט אימשטאַנד. איך ווייס נאָר, אַז פֿון דאַזיקן טאָג אָן האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ נײַ געפֿיל און נײַע געדאַנקען, וואָס האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין מײַן מוח — איך בין געוואָרן גאָר אַן אַנדערער.

מיט דער הילף פֿון מײַנע חברים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ גרויסע יידישע ליטעראַטור, און הגם מענטשן פֿון דעם טיפּ ווי מײַן פֿאָטער פֿאַראַכטן זי, איז אָבער שוין פֿאַראַן אַ גרויסע מאַסע, וואָס לייענט די ליטעראַטור און אַנטוויקלט זיך דורך איר. איך האָב זיך באַלד באַקענט מיט אַ געוויסן מוכר-ספֿרים און ער האָט מיר צוגעשטעלט די ביכער פֿון די בעסטע שרײַבער. מיט אַן אַפּעטיט פֿון אַ וואָלף, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די ווערק פֿון זיידע, שלום-עליכם, מ. ספּעקטאָר, משה לייב ליליענבלום, מיכל גאָרדאָן און י. ל. פּרץ. שפּעטער איז אַרויס „דער וועקער“, אַ זשורנאַל מיט אַ נאַציאָנאַלער טענדענץ, רעדאַגירט פֿון ליליענבלום, און דער דאָזיקער זשורנאַל האָט אויף מיר געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז ער האָט צוריצט מײַן פֿאַנטאַזיע, און איך האָב אָנגעהויבן חלומען וועגן ווערן אַ העלד ווי בר-כּוכבא און צוזאַמענקלײַבן דעם שארית ישראל און מיט גוואַלט אָפּנעמען דאָס הייליקע לאַנד בײַם טערק...

ביסלעכווײַז האָב איך אָנגעהויבן פֿאַרלירן דעם אינטערעס צו „שור שנגח את הפּרה“, און „ביצה שנולדה ביום טוב“, און ס'האָט מיך מער געצויגן צום קרײַז פֿון מײַנע נײַע באַקאַנטע, וואו מ'האָט דעבאַטירט איבער יעדע נײַע דערשײַנונג אין דער יידישער ליטעראַטור, און ווען דאָס יידישע טעאַטער איז אַוועק פֿון לאָדז, האָב איך אָנגעהויבן באַזוכן דאָס דײַטשע און פּוילישע טעאַטער, און הגם די שוישפּילער מיט זייערע שטיק זענען מיר אין גויישן טעאַטער בעסער געפֿעלן געוועזן ווי די יידישע, האָב איך דאָך געבענקט נאָך די לעצטע — ס'האָט מיר געפֿעלט דאָס „יידיש“, די שפּראַך אין וועלכע איך האָב אָנגעהויבן דענקען.

אַ גאַנץ יאָר האָט עס מיך געצויגן, מײַן האַרץ האָט געפֿילט אַן אומגעהויער בענקעניש ביז איך האָב ענדלעך דערזען אַז אַפֿיש,

וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט די פֿרײלעכע בשורה, אַז אַ ייִדישע טרופּע איז געקומען.

אײנער פֿון מײנע נײַע באַקאַנטע, אברהם יצחק דיבאָווסקי, האָט שױן דאַמאָלט געהאַט אַ דריסת־הרגל צו די אַקטיאָרן, ווײַל ער האָט געהאַט איבערזעצט עטלעכע גוטע פּיעסן פֿון רוסיש, וואָס זענען אָבער קײנמאָל ניט אױפֿגעפֿירט געוואָרן אױף דער ייִדישער בינע — אַ דאַנק אים בין איך באַקאַנט געוואָרן מיטן דירעקטאָר שליפֿערשטײן, אַ טאַלאַנטפֿולער אַקטיאָר און ער געווען נאָר אַ גרױסער זשוליק (זאָל ער מיר מוחל זײַן), איך האָב זיך מיט אים פֿונאַנדערגערעדט און אים פֿאַרטרויט בסוד סודות, אַז הגם איך בין נאָך יונג, פֿונדעסטוועגן פֿיל איך, אַז איך וואָלט אױך געקענט גאַלמאַכן אזא מין העלד אָדער אַן אַלטיטשקן, און טאַקע תּוך כּדי דבור האָב איך אים געוויזן ווי אַ העלד גײט און ווי אַ זײדע רעדט. איך האָב אים פֿאַרטרויט, אַז איך בין גרײט אַפֿילו מײַן לעבן אַוועקצוגעבן, אַבי כאָטש אײנמאָל אַרויסצוטרעטן פֿאַר אַ פּובליקום. ער האָט, ווײַזט אױס, נישט פֿאַרשטאַנען מײנע געפֿילן און האָט מיך גענומען ווי מ'זאָגט אױף „זיבער", מיך געהײסן ברענגען געלט און מכבּד זײַן אַלע אַקטיאָרן. בקצור, ער האָט מיך פּשוט געהאַלטן — ווי מ'זאָגט אױפֿן אַקטיאָרישן לשון — פֿאַר אַ יאָלד.

איך האָב גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, אַז מ'האַלט מיך פֿאַר אַ „יאָלד", אָבער איך האָב זיך געמאַכט נישט ווײסנדיק, וואָרום איך האָב נישט געוואָלט פֿאַרלירן דעם צוטריט צו די מענטשן, וועלכע איך האָב פּשוט פֿאַרגעטערט. שליפֿערשטײן האָט מיר אײנגערעדט, אַז אַזוי ווי אין מײַן אײגענער שטאָט וועל איך קײנמאָל נישט קענען מײַן ציל דערגרײכן און אױפֿטרעטן אױף דער בינע — מחמת מײַן פֿאַמיליע וועט עס נישט דערלאָזן — בכן זאָל איך בעסער זען קריגן געלט און צוזאַמען מיט זײַן טרופּע אַוועקפֿאָרן קײן לאָנדאָן אָדער קײן אַמעריקע, וואו איך וועל קענען נישט געשטערט ווערן אַן אַקטיאָר.

איך האָב אין שליפֿערשטײנס ווערטער נישט געצווײפֿלט. ווײַל איך האָב געזען, אַז זײַן טרופּע נויטיקט זיך אין געלט, בין

איך אוועק אהיים, ארויסגענומען פון מיין פאטערס קאסע א היפשע סומע, און בין געלאפן צום דירעקטאר אנזאגן אים די גוטע בשורה, אז מיר קענען זיך גרייטן אין וועג אריין. דא האב איך אבער ערשט דערזען וואס פארא פארשוין דער דאזיקער דירעקטאר איז. ער האט מיך קאלטבלוטיק אויסגעהערט און מיר געזאגט, אז פארן קענען זיי איצט נישט, גאר איך זאל אים געבן א טייל פון דער סומע, וואס איך האב, אויב נישט, וועט ער מסרן און פאליציי מיין פאטער, אז איך גיי אנטלויפן.

זיינע רייד האבן מיך געטראפן ווי א דונער. איך האב זיך אפילו נישט געשראקן פאר זיינע מסירות, ווארום מיין פאטער וואלט גרייט געווען צו פארלירן דאס געלט, אבי איך זאל בלייבן אין דער היים, אבער, אז איך זאל ווערן געפירט מיט פאליציי און זיך אזוי באנארישן — איז מיר נישט אנגעשטאנען, און כ'האב זיך בעסער מיט אים אויסגעגליכט און אים געגעבן לא יתרץ־געלט...

באלד נאכדעם האב איך אראפגעווארפן פון זיך דעם ייד, און ארויפגעצויגן דעם דייטש, ד. ה. איך האב זיך אנגעטון אין קורצע מלבושים. א שמיקל צייט האב איך זיך נאך ארומגעדרייט, און ענדלעך בין איך אוועקגעפארן קיין אמעריקע, וואו איך האב געהאפט, אז מיין חלום וועט מקוים ווערן און איך וועל ווערן אן אקטיאר. דעם דירעקטאר שליפערשטיין האב איך געזאגט, אז איך וועל אויף אים ווארטן אין דייטשלאנד, ווייל איך האב אלץ מורא געהאט, אז ער וועט ביי מיר צונעמען מיין געלט. שפעטער האב איך זיך דערוואוסט, אז ער האט מיך געזוכט אין אלע גרויסע שטעט איבער גאנץ אייראפע און האט זיין געלט — ד. ה. מיין געלט — אינגאנצן פארפארן.

דאר דערלעבט אן אים א נקמה!

* * *

קומענדיק קיין אמעריקע האב איך מיך געפילט שרעקלעך עלנט, איך האב דא נישט געהאט קיין באקאנטע, קיין פאמיליע און פון נאטור בין איך געווען א בושת־פנים. צו די אקטיארן האב איך מיך געשעמט צו צוגיין, מיין געלט האט זיך אויסגע־

לאָזט, און אַזוי איז אַוועק אַ גאַנץ יאָר, און מײַן חלום איז נאָך אַלץ נישט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן — פֿאַרקערט, איך האָב זיך איצט געפֿילט ווײַטער פֿון מײַן שײנעם חלום, ווי בעת איך בין געווען אין דער הײם.

דאָס איז געווען גראָד דעמאָלט ווען יעקב פּ. אַדלער האָט געשפּילט אין דער 8-טער סטריט פּיפּלס טעאַטער. איך האָב מיך דעמאָלט געדרײט בײַ טאָג און בײַ נאַכט אַרום די טירן פֿון יענעם טעאַטער, ביז איך האָב צוגעצויגן צו מיר די אויפֿמערקזאַמקײט פֿון אַ יונגנמאַן, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר פֿון טעאַטער. ער האָט זיך מיט מיר פֿונאַנדערגערעדט, און איך האָב תּיכּף אויסגעגאָסן פֿאַר אים מײַן ביטער האַרץ און אים פֿאַרטרויט וואָס פֿאַר אַן אידעאַל איך האָב, וואָס ס'איז דער אײנציקער צוועק פֿון מײַן לעבן. ער האָט מיר געגעבן יעקב פּ. אַדלערס אַדרעס און מיר פֿאַרזיכערט, אַז אַדלער זוכט שטענדיק נײַע אַקטיאָרן. איך האָב זיך אַזוי ווידער 8—9 טעג אַרומגעדרײט בײַ אַדלערס הויז, ביז איך האָב ענדלעך דאָך באַשלאָסן אַרויפֿצוגײן צו אים, און אים איבערגעבן מײַן פֿאַרלאַנג.

אַרײַנקומענדיג האָב איך אים געטראָפֿן מיט אַ קלײן ביכעלע אין האַנט, זיצנדיק בײַ אַ קלײן טישל. זײַן פּנים האָט זיך אַביסל אויסגעצויגן און מיט זײַנע גרויסע אויגן האָט ער מיך שטרענג אָנגעקוקט (איך בין דעמאָלט אַלט געווען 17 יאָר און בין נישט געוואוינט צו רעדן מיט פֿרעמדע מענטשן). זײַן בליק האָט מיך אינגאַנצן צעטומלט, און ווען איך האָב קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— איך וויל... איך וויל...

האָט אַדלער אונטערגעכאַפּט:

— ווערן אַן אַקטיאָר.

דערויף האָב איך צומישט געענטפֿערט:

— נײן, אַ סופֿלער.

אַדלער האָט אַראָפּגענומען פֿון מיר זײַן שטרענגען בליק און זיך צו מיר פֿרײַנטלעך געווענדעט:

— קענט איר לײענען דײַטש?

װען איך האָב אים געענטפֿערט, אַז קײן גרױסער מומחה אין דײַטש בין איך ניט, נאָר לײענען פֿליסיק קען איך, האָט ער מיר דערלאַנגט דאָס ביכל „ראַנצױ“ פֿון ערקמאַן—שאַטריאַן. איך האָב איבערגעלײענט הױך עטלעכע בלעטלעך, און אַדלער איז געבליבן צופֿרידן פֿון מײַן דײַטש און געזאָגט:

— איך רעכן, אַז איר װאָלט געקענט זײַן אַ ײדישער סופֿלער.

פֿון דאַמאָלט אָן איז אַדלער געװען זײער פֿרײַנטלעך צו מיר און איך האָב פֿאַר אים סופֿלירט אַ סך פּיעסן, אָבער נאָר װען ער פֿלעגט זײַן שטודירן בײַ זיך אין שטוב. מײַן אַביציע און מײַן מאָגן זענען אָבער ניט געװען באַפֿרידיקט פֿון דער דאָזיקער אַרבעט, און כ׳האָב מיך שױן געהאַט אינגאַנצן מיאש געװען װען ס׳איז צו דערגרײכן מײַן ציל.

איך בין אַװעק קײן ניו־הײװען, װאו איך בין אַרײַן אין אַ געשעפֿט, און האָב אָנגעהױבן פֿאַרדינען געלט, אָבער עפּעס אַ קראַפֿט האָט מיך געצױגן צום טעאַטער און האָט אָפּגעריסן מײַנע געדאַנקען פֿון געשעפֿט. איך האָב זיך דאָרט באַקענט מיט עטלעכע אינטעליגענטע יונגעלײַט, און ס׳איז אונדז אײַנגעפֿאַלן צו גרינדן אַ „דראַמאַטישן פֿאַרײן“, מיר האָבן געדונגען אַ זאַל און אױסגעבױט אַ בינע, די דעקאָראַציעס האָב איך אַלײן געמאַכט פֿון ציץ, און יעדן שבת בײַנאַכט געשפּילט טעאַטער. װי מאָגער דער ײדישער רעפּערטואַר איז געװען, איז ער אונדז דאָך ליב געװען, װײַל מיר האָבן צוגעצױגן די אױפֿמערקזאַמקײט פֿון די בעסערע קלאַסן ײדן און די אינטעליגענץ, װאָס האָט זיך מיט אונדז אינטערעסירט, און האָבן אױף מיר געזאָגט נביאות, אַז איך װעל אַמאָל זײַן אַ „סטאַר“ אין ײדישן טעאַטער.

איך האָב בײסלעכװײַז אָנגעהױבן פֿאַרנאַכלעסיקן מײַן געשעפֿט און מיטן גאַנצן פֿײַער פֿון מײַן יוגנט זיך גענומען צום שפּילן. איך האָב מיט מײַנע חברים שטודירט די ראָלן, אױפֿגעפֿירט די פּיעסן, צוזאַמענגעשלעפּט יעדע װאָך די קרעפֿטן בין... כ׳האָב זיך װידער „פֿאַרטרעמפּעװעט“ און װען ס׳איז אױסגעבראָכן אין 1894 דער קריזיס, בין איך צוריקגעקומען קײן ניו־יאָרק.

געקומען צופֿאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק בין איך אַרײַן צו יעקב אַדלערן. ער האָט דאַמאָלט געהאַלטן דאָס קלײנע טעאַטער „רומעניע אָפּערא־הויז“, װעלכעס ער האָט משנה־שם געװען אויף „אַדלערס טעאַטער“. װי אַדלער האָט מיך דערזען, האָט ער מיך תּיכּף דערקענט און זיך פּשוט מיט מיר דערפֿרײט. איך האָב אים דערצײלט װאו איך בין געװען די גאַנצע צײט, און אים געזאָגט צוליב װאָס איך בין געקומען.

אַדלער האָט אַבּיסל פֿאַרצויגן מיט דעם שטערן און מיט באַרויערן מיר געענטפֿערט, אַז הגם דאָס טעאַטער איז זײַנס, מוז ער זיך פֿונדעסטװעגן משאל עצה זײַן מיט די איבריקע אַקטיאָרן, װאָרום זײ שפּילן אַלע אויף מאַרקן, נאָר ער איז כּמעט זיכער, אַז די אַקטיאָרן װעלן קיין נײַעם נישט צולאָזן.

איך האָב אַזאַ דערקלערונג בשום אופֿן נישט געקענט פֿאַר־שטײן.

— נישט צולאָזן? — האָב איך געטענהט — טאָמער האָב איך אָבער טאַלאַנט, טאָמער קאָן פֿון מיר װערן אַ גוטער אַקטיאָר, באַנײַען זײ דאָך פּשוט אַ פֿאַרברעך, אַז זײ אונטערדריקן מיך? איך בין בײַ זיך זיכער, אַז אַן אַקטיאָר װעט נישט דערלאָזן, אַז ס'זאָל חלילה אומקומען אַ טאַלאַנט, אָט דאָס איז דאָך די אמתע ליבע צו דער קונסט, די פֿאַרגעטערונג פֿון דער קונסט, אַז מען זאָל נישט דערלאָזן פֿאַרלאָשן װערן דעם געטלעכן פֿונק; אָט דערמיט אונטערשײדן זיך דאָך די קינסטלער, װאָס זענען באַשאַפֿן געװאָרן בצלם אלקים, פֿון אַלע אַנדערע בשר ודמס.

אָבער יעקב אַדלער האָט אַ שמײכל געטון איבער מײַן נאַאיװיטעט און מיך געטרײסט:

— װאַרט אויס, ס'קען אפֿשר זײַן, אַז ס'װעט זיך מיר אײַנ־געבן זײ איבערצוצײַגן, דערװײַל איז מײַן עצה, אַז אַזױ װי איר זײַט אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, זאָלט איר זיך מאַכן נוצלעך אויף אַן אַנדערן אופֿן, ביז ס'װעט קומען אײַער „אָטשערעד“, און איר װעט קענען אַרויף אויף דער בינע.

און װי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער אַרויסגענומען אַ גאַנצן פּאַק באַפּירן און זײ מיר דערלאַנגט.

— גייט אַראָפּ אונטן אין קאַנצעלאַריע, און קוקט דורך די פּיעסן, זעט וואָס מ'קען פֿון זיי מאַכן.

איך האָב אַראָפּגעטראָגן דעם פּאַק ליטעראַטור אין קאַנצעלאַריע און גענומען עס לייענען, מיין אַנטוישונג איז געווען געוואַלדיק: אַזאַ שוישפּילער, אַזאַ קינסטלער ווי אַדלער זאָל האַלטן אַזאַ באַרג שמאַטעס פֿאַר פּיעסן!

איך קען מיך שוין ניט דערמאָנען וועמענס מייסטערווערק דאָס זענען געווען, איך געדענק נאָר, אַז אַ סך פֿון זיי, דורכלייענענדיק גאָר עטלעכע שורות, האָב איך געמוזט אַוועקוואַרפֿן. טאַטע ליבער, איז דאָס געווען אַ אויסלייגן און אַ מין לשון — באַהיט זאָל מען שוין ווערן!

נאָר גאָרניט, איך בין געזעסן אין קאַנצעלאַריע, און האָב זיי צושריבן. און האָב אַלץ געוואַרט ביז מיין אָטשערעד וועט קומען, און איך וועל שוין האָבן די זכיה צו שטיין אויף דער בינע, און ב'האָב זיך ווירקלעך דערוואַרט: מ'האָט אויפֿגעפֿירט אַ פּיעסע „די רוסישע נאַגייקע", פֿאַרפֿאַסט פֿון... איך געדענק שוין ניט ווער דער מחבר איז געווען, נאָר דאָס געדענק איך, אַז מיר האָט מען געגעבן אַ ראָל אַזוי גרויס ווי אַ כזית. פֿאַר מיר איז ניט געווען קיין חלוק, אבי אַ ראָל, אבי שטיין אויף דער בינע, און באַווייזן פֿאַר אַ גרויסן עולם מיין טאַלאַנט, דאָס איז געווען מיין איינציקער געדאַנק און מיין איינציקע האָפֿנונג, מער האָב איך גאָרניט געדאַרפֿט. עפּעס אַ קליינינקייט זיין אַן אַקטיאָר! — צוליב דעם בין איך דאָך אַוועקגעפֿאָרן פֿון מיינע עלטערן און מיין היים, וואו איך האָב אַזוי גוט געלעבט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז הגם כ'האָב געהאַט אַ קליינע ראָל, האָב איך אָבער געמאַכט גרויסע הכנות צו איר, ראשית האָב איך ניט נאָר מיין ראָל, נאָר די גאַנצע פּיעסע אויסגעלערנט אויף אויסווענדיק, דערנאָך האָב איך גענומען ערנסט טראַכטן ווי אַזוי איך זאָל אויסזען אין מיין ראָל און אין וואָס פֿאַר אַ טאָן איך זאָל רעדן. עטלעכע נעכט בין איך צוליב דעם ניט געשלאָפֿן, איך האָב געוואָלט אין די ווערטער אַריינשטופּן אַלץ, וואָס ס'איז געווען אין מיר, כדי צו ווייזן, אַז אין מיר לעבט ווירקלעך אַן אַקטיאָר.

איך בין שוין במעט געווען אינגאנצן פארטיק, און האב שוין מיט הארצקלאפעניש געווארט אויף דעם ווילטיקן מאמענט פון מיין לעבן, ווען כ'וועל ארויסטרעטן צום ערשטן מאל אויף אן אמתער בינע, איז אבער פלוצלינג געקומען צו מיר אדלער, און ביי מיר געבעטן אנטשולדיקונג, אז איך זאל אים צוריקגעבן די ראל, ווייל ס'איז געקומען צו אים עפעס אן אקטיאר, וועלכן ער דארף זייער נייטיק האבן, און אויב ער וועט אים ניט געבן א ראל צו שפילן, וועט ער אים פארלירן.

באין ברירה האב איך גענומען און אפגעגעבן די ראל, וואס האט מיך געקאסט אזוי פיל געזונט, אזוי פיל ארבעט און אזוי פיל שלאפלאזע נעכט.

איך בין ווייטער געזעסן אין קאנצעלאריע און ווייטער קאפירט און קארינירט ווערק פון דראמאטישע דיכטער, וואס האבן אפילו ניט געקאנט אנשרייבן קיין לאהובי-ידידי-בריוועלע. די ארבעט האט מיך שוין אנגעהויבן עקלען, און איך האב שוין געוואלט אוועקפארן, ווי ס'האט זיך געמאכט, אז אדלער האט אפגעקויפט א מייסטערווערק פון א געוויסן דייטש אדאלף פיליפ מיטן נאמען „דער רב הכולל", און דארט האט זיך גראד געמאכט א קליינע ראל פאר מיר. איך בין דערמיט אויך געווען צופרידן, אבי ס'זאל שוין קומען מיין אמשערע...

דאס איז געווען סוכות אין יאר, דאכט זיך, 1895. אדלער איז דאמאלט געווען צוקריגט מיט יעקב גארדינען, און אים אויף להכעיס האט אדלער אויפגעפירט די דערמאנטע פיעסע פון דייטשן מחבר מיט גלאנץ און פראכט, ווי דער שטייגער ביים אויפפירן שמאטעס. אין דער דאזיקער פיעסע איז מיר געווען באשערט צו שפילן מיין ערשטע ראל אין ניו-יארק. מיין ראל האט זיך אנגעהויבן אין צווייטן אקט, און דאך בין איך געקומען אין טעאטער אריין זיך אנטאן און גרימירן ארום 6 פארנאכט, ד.ה. א שעה דריטהאלבן איידער די פארשטעלונג האט זיך אנגעהויבן.

איבערגעבן דאס, וואס איך האב איבערגעלעבט בעת איך בין געשטאנען אויף דער ניו-יארקער יידישער בינע פאר אן עולם און ארויסגעזאגט מיינע געציילטע ווערטער — בין איך צו שוואך.

אַ רגע האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך ווער אײַנגעזונקן אין דער ערד, באַלד האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שטיי גאָרנישט אויף דער ערד, איך פֿיל נישט אונטער מײַנע פֿיס קיין האַרטן באָדן. נאָר איך שוועב אין דער לופֿט און פֿלי אין הימל אַרײַן. דאָ האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס פּובליקום לאַכט און באַלד ווידער, אַז ס'איז זייער צופֿרידן מיט מײַנע פֿאַר ווערטער. אי־בערהויפּט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַלע אַקטיאָרן שטייען אין די ווינקעלעך און קוקן זיך צו צו מײַן שפּילן און דעריבער האָב איך מורא געהאַט אויסצודרייען דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן, נאָר עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט געווען — קיינער האָט זיך מיט מיר נישט אינטערעסירט; אַפֿילו אַדלער אַליין אויך נישט. איך האָב דערוואַרט, אַז ער, וואָס האָט מיר אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט, וועט זיך כאָטש פֿאַראינטערעסירן מיט מײַן שפּילן, און וועט שטיין הינטער די קוליסן און זיך צוקוקן — איך האָב אָבער געהאַט אַ טעות. בעת איך בין אַראָפּ פֿון דעת בינע, האָב איך נאָר באַגעגנט אַ צוויי דריי אַקטיאָרן מיט פֿאַר־קרומטע פּנימער, איינער האָט זיך צו מיר געווענדעט מיט פֿאַלגנדיקער פֿראַגע:

— ווער האָט אײַך אײַנגערעדט, אַז איר זײַט אַן אַקטיאָר? איר רעדט דאָך אויף דער בינע פּונקט ווי מ'רעדט בײַ זיך אין דער היים!

אַן אַנדערער, וואָס האָט זיך געבוסן די ליפּן פֿאַר כעס, איז צוגעלאָפֿן צו מיר מיט אַ געשריי:

— וואָס ווילט איר פֿון טעאַטער? וואָס קענט איר? זינגען נישט, טאַנצען נישט, וואָס דען — רעדן? רעדן קען מײַן באָבע אויך.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ שיינער שלום עליכם פֿאַר אַ נײַעם קאָלעגע, אַ חוץ דעם האָב איך נאָך פֿון אַלע זײַטן געהערט שטאָר־ווערטלעך און חוזק.

דער מאָמענט איז געווען דער ערשטער ווען איך האָב זיך פֿאַרטראַכט און זיך אַליין געפֿרעגט, אויב איך מאַך אפֿשר נישט קיין פֿעלער, צי לוינט זיך אַזוי פֿיל מקריב צו זײַן און לײַדן צוליב

א בינע, וואס געפינט זיך אין אזא טרויעריקן מצב, ווארום איר דארפט נישט פארגעסן, אז פאר מיינע 7-8 וואכן ארבעט ביי די פיעסן און ראלן שרייבן און פארן שפילן, האט אויף מיין חלק אויסגעמאכט א קימא לן פון ווייניגער ווי 2 דאלאר א וואך. אין מיין פארצווייפלונג האב איך מיך געווענדעט צו מאשקאוויטשן, ער איז נישט געווען איבערראשט ווען איך האב אים דערציילט ווי די קאלעגן האבן מיך אויפגענומען, און ער האט מיך געטרייסט, אז באלד וועלן קומען אנדערע צייטן, ווען ס'וועט זיין ארט אויף דער בינע פאר אמתע טאלאנטן. ער האט מיר אויך פארטרויט א סוד, אז יעקב גארדין קומט צוריק פון „טאליא“ צו אדלערן, און ער, גארדין, באמיט זיך צו רעפארמירן דאס יידישע טעאטער און שאפן אינטעליגענטע שוישפילער און א בעסערן רעפערטואר.

נאך דעם שמועס מיט מאשקאוויטשן און פון דער ידיעה, אז גארדין נעמט איבער די קינסטלערישע פירונג פון אדלערס טעאטער, האט זיך אין מיר דערוועקט די אמביציע צו ווייזן זיך אין א ראל פארן רעפארמאטאר, פאר גארדינען. פערזענלעך האב איך אים נישט געקענט, זיין נאמען האב איך נאר געוואוסט פון זיינע סקיצן, וואס האבן זיך געדרוקט אין דער דאמאלטיקע „ארבעטער-צייטונג“ און פון זיין „סיביריא“, וואס איך האב געהאלטן פאר דאס איינציקע און הערלעכע ווערק אויף דער יידישער בינע.

די צייט איז געקומען. גארדין איז אריין צו אדלערן אין טעאטער, און עפעס מיט צוויי-דריי פראבעס האט מען אויפגעפירט „די ברידער לוריא“.

קיינער האט מיך פאר גארדינען נישט פארגעשטעלט, און אליין האב איך מיך געשעמט צו אים צוצוגיין רעדן, — איך בין נאר געשטאנען פון ווייטנס און באוואונדערט זיין אינטעליגענט אויסזען. מ'האט מיר געגעבן צו שפילן די ראל פון „דאקטאר“ (די ראל ווערט איצט געשפילט פון א געוויינלעכן כאר-ריסט). איך בין געקומען אין טעאטער זייער פרי, האב זיך גענומען גרימירן און מאכן הכנות ווי מיר וואלט פארגעשטאנען

צו שפּילן „אָטעלאָ“ אָדער „האַמלעט“. יעדע אײנצלהײט, יעדער דעטאַל, יעדע קלײניקײט פֿון דער דאָזיקער ראָל האָב איך פֿריִער גענױ באַטראַכט און באַרעכנט, און מיט גרױס ערנסט האָב איך אָפּגעשפּילט די ראָל.

ניט קוקנדיק דערױף, װאָס איך האָב אינגאַנצן געהאַט צו זאָגן עטלעכע װערטער, בין איך מיט אַ הדרת־כּבֿוד צוגעטרעטן צו מײַן אױפֿגאַבע און געװאָלט עפּעס באַשאַפֿן פֿון דער ראָל. נאָכן דריטן אַקט, בעת איך בין געגאַנגען צו זיך אין גאַרדעראָב, בין איך פֿאַרבײַגעגאַנגען אַדלערס גאַרדעראָב — דאָרט איז געזעסן גאָרדין, און האָט מיט אים עפּעס גערעדט, װען איך בין צוגעקומען האָב איך דערהערט, אַז זײ רעדן טאַקע װעגן מיר. װען אַדלער האָט מיך דערזען, האָט ער געזאָגט עפּעס צו גאָרדינען אױף רוסיש, װאָרום ער האָט אַ פּנים געמײנט, אַז איך פֿאַרשטײ ניט קײן רוסיש. גאָרדין האָט אים דאַן אױך אַ פֿרעג געטון אױף רוסיש:

— װאו האָט איר אים גענומען? דער יונגערמאַן איז אַן אַרטיסט מיט טאַלאַנט! האָט איר געזען װי גענױ ער האָט אױסגעאַרבעט די דעטײלן און װי אַזױ ער האָט געשפּילט די ראָל פֿון „דאָקטאָר“!

זײ האָבן נאָך װײַטער עפּעס גערעדט װעגן מיר, אָבער איך האָב שױן מער גאָרניט געהערט. דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהױבן שװינדלען און מײַנע אױגן האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט טרערן. איך האָב געװאָלט צוגײן צו גאָרדינען און אים אױסדריקן מײַן דאַנק. איך האָב אים געװאָלט זאָגן, אַז אַזױ װי ער אַלײן איז אַ גרױסער קינסטלער, דערפֿאַר קאָן ער זען דעם „הײליקן פֿונק“ בײַ אַנדערע, אָבער איך האָב צוריקגעהאַלטן מײַנע געפֿילן. װאָס האָבן אין מיר געשטורעמט, און בין אַװעק צו זיך אין גאַרדעראָבע. דאָ האָב איך זיך אַװעקגעשטעלט פֿאַרן שפּיגל און זיך אָנגעהױבן רײצן מיט מײַן אײגענעם שאָטן:

— אַהאַ, זעסטו, מ'האָט מיך פֿאָרט אָנערקענט!

איך בין איצט געװען שטאָלצער װי װען איך װאָלט געשפּילט אַ גרױסע ראָל. איצט בין איך געװען זיכער, אַז איך טױג פֿאַר

דער בינע, וואָרום ווען אַ מענטש ווי גאָרדין, אַ געניטער אין טעאַטער־קונסט, האָט געקאָנט באַמערקן מיין פּעאיקייט אין אַזאַ קליינער ראָל — איז דאָך אַ סימן, אַז ס׳איז עפּעס דאָ אין מיר. איך האָב — פאַרשטייט זיך — ווייטער געאַרבעט, ערנסט געאַרבעט איבער זיך, שטודירט מיינע ראָלן, אפילו די קלענסטע און געזען באַשאַפן עפּעס פון זיי.

פון דאַמאָלט אָן, זינט גאָרדין האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן מיר, האָט מען זיך אָנגעהויבן שטאַרק צוקוקן צו מיר און צו מיין שפּילן. מ׳האָט מיר אָנגעהויבן געבן גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן, מ׳האָט אפילו אָנגעשריבן ספּעציעלע ראָלן פאַר מיר.

אונזער קליין טעאַטערל האָט זיך גערעכנט פאַר אַ טעמפּל פון דער קונסט, און מיר, די אַקטיאָרן, האָבן געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף די אַנדערע טעאַטערס, וואָס האָבן זיך נאָך געבאָדן אין שונד, און הגם מיר אַלע האָבן כמעט געליטן נויט און זייער אָפט פשוט געהונגערט, איז עס דאָך געווען די שענסטע, די דערהאָבנסטע צייט אין מיין לעבן.

מיין חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן — איך בין געוואָרן אַן אַקטיאָר.

ש. קוטינער.

זכרונות וועגן דער הירשביין־טרופּע

דאָס איז געווען אין אָדעס אין 1909. אין שטאָט זענען דאַמאָלט געשטאַנען 2 יידישע טרופּעס: סאַבסײַס אָפּערעטן־טרופּע און די הירשביין־טרופּע, און פּונקט אַזוי ווי גײַסטיק זענען זיי געווען ווײַט פון זיך, אַזוי גאָנץ זענען זייערע בנינים געווען אויגנס פון אַנדערן, בסך־הכּל איין גאַס. פאַרשטייט זיך, אַז אין יענער צײַט האָט הירשביינס טרופּע מער ווי אַ מאָראַלישן דער־פאָלג בײַם בּיסל יידיש־העברעאישע שריפטשטעלער און אָרעם און אַ קליינעם טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, נישט געהאַט, בעת סאַבסײַס טרופּע האָט געמאַכט זייער גוטע געשעפטן, פונ־דעסטוועגן האָבן די אַרטיסטן פון יענער טרופּע מקנא געווען די אַרטיסטן פון הירשביינס טרופּע, וואָס האָבן געשפּילט כמעט פאַר ליידיקע בּענק, און וואָס האָבן געלעבט אין זייער שלעכטע באַדינ־גונגען. ווי גרויס איז אַלזאָ געווען זייער קנאה, ווען איינמאָל אין אָוונט האָב איך פּלוצלונג באַקומען אַ וויזיט־קאַרטע פון פּרץ הירשביינען גופא מיט פאָלגענדע ווערטער:

„געערטער ה' ק., איך הב אײַך געזען און איר גע־פעלט מיר אַלס אַ טאַלאַנטירטער אַקטיאָר. אפשר וואָלט איר געוואָלט אַרײַנטרעטן צו אונז אין טרופּע?

פּרץ הירשביין“.

איבערגעבן וואָס פאַרע שמחה איך האָב איבערגעלעבט אין די מינוטן ווען איך האָב באַקומען די דאָזיקע וויזיט־קאַרט,

איז מיר שווער, איך האָב פּשוט געמיינט, אַז איך בין אויפֿן זיבעטן הימל און נישט זאָגנדיק קיין שום וואָרט, האָב איך צו־מאָרגנס 11 אין דער פֿרי אַגשטאָט אויף פּראַגע צו סאַבסיין אין טעאַטער זיך פֿאַרקערעוועט אין טעאַטער „האַרמאָניע", וואו הירשביין האָט געשפּילט. דאָ האָט מען מיך זייער וואַרעם אויפֿגענומען.

אַזוי ווי איך האָב בדעה זיך דאָ נאָר אָפּצושטעלן אויף דער צײַט, ווען מ'האָט זיך באַמיט צוריק אויפֿצובויען די הירשביין־טרופּע, וואָס איז זיך שפּעטער צופֿאַלן, וועל איך לאַנג נישט שילדערן, ווי אַזוי ס'האָבן אויסגעזען אונזערע פֿאָרשטעלונגען. איך וועל אויך נישט רעדן וועגן די באַדינגונגען, בײַ וועלכע די טרופּע איז אַנטשטאַנען, וואָרום ווען איך בין אין איר אַרײַנגעטרעטן, האָט זי שוין עקסיסטירט, ד. ה. זיך געמאַטערט אַ געוויסע צײַט.

אינגאַנצן פֿאַרשווײַגן די אויסערגעוויינלעכע דיסציפּלין, די אומגעהויערע איבערגעגעבנקייט פֿון דער גאַנצער טרופּע צו איר אויפֿגאַבע, איבערהויפּט פֿון די אָנפֿירער פֿון דער טרופּע, הירשביין און בן־עמי, קאָן איך אָבער אויך נישט. הירשביין, וואָס איז געווען דער גרינדער פֿון דער טרופּע האָט פֿאַר איר אַוועקגעגעבן זייער אַ סך לעבן. ער האָט געוואַלט איבער די פֿאָרשטעלונגען ווי אַ געטרײַע מאַמע איבער איר איינציק קינד, און איבערגעליטן אַלערליי קאַפּריזן און אומגעדולד פֿון די אַרטיסטן און אַפֿילו זיך נישט אָפּגעהאַלטן פֿון זײַן אַ פּשוטער סצענאַר, אַבי אויפֿבויען אַ בעסער יידיש טעאַטער. די טרופּע איז אייגנטלעך באַלד געווען אַ טויט־געבוירן קינד, זי האָט אָבער די גאַנצע צײַט געהאַט בײַ דער האַנט אַ לייב־דאָקטאָר, וואָס האָט מיט אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען זי דערהאַלטן בײַם לעבן, דאָס איז געווען דער פֿאַרוואַלטער ה' יאַקובזאָן. אייגנטלעך איז דאָס געווען זייער אַ פּסעוודאָנים, וואָרום יאַקובזאָן איז געווען פּאָליטיש „נישט כשר", און דאָס, וואָס ער האָט געגאָלטן אַלס פֿאַרוואַלטער בײַ אַ טרופּע, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו זײַן אויף דער פֿרײַ. אויב ער האָט דאָס אויך אויסגענוצט ווײַטער צו פֿירן זײַן רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז קיינעם נישט געווען באַוואוסט,

נאָר, אַז ער איז געווען איבערגעגעבן דער טרופּע בלב ונפֿש, דאָס האָט מען געקענט ליכט זען. בײַ יעדער קאַטאַסטראָפֿע פֿלעגט ער תיכּף אָפּשלאָגן די שוועלן בײַ די יידישע „פּני“, און יעדעס מאָל האָט ער שוין אָפּגעזוכט אַ מעצענאַט, וואָס זאָל געבן די מעגלעכקייט נאָך אַביסל צו זשיפּן און ווײַטער האָפֿן אויף בעסערע צײַטן.

די טרופּע איז צו יענער צײַט באַשטאַנען פֿון פֿאָלגנדיקע קרעפֿטן: בן-עמי (דראַמאַטישע ראָלן), זילבערבערג (רעזשיסאָר), קאַן (כאַראַקטער), לאַזאַר פֿריד (יוגנטלעכע), קוטנער (כאַראַקטער), אַשין (עלטערע ראָלן), טאַנסקי (פּראָסטאַקעס), ב. שאַפּיר (סופֿלער), שוואַרצער (געהילף-רעזשיסער), פּרץ הירשביין (רעזשיסער און סצענאַריוס), געמי (כאַראַקטער), מאַגילנער—בודקינאַ (מוטער), עסטרין (לירוקערין), דאַלסקאַ (דראַמאַטישע ראָלן), אָרלאָווסקאַ (דראַמאַטישע ראָלן), באַשינאַ (קאָמיקערין) און נאָך 2 אַקטיאָרן. רעזשיסאָרן זענען געווען פּרץ הירשביין און בן-עמי. אַ פּיעסע פּלעגט מען געוויינלעך אײַנשטודירן אין משך פֿון 2—3 חדשים. דערבײַ פֿלעגט בן-עמי פֿריער זיך אָנצייכנען אַ גענוי רעזשי-בוך מיט אַלע דעטאַלן, נאָר ער האָט אויך יעדעס מאָל איינגעהערט די מיינונגען פֿון די אַרטיסטן.

אין אָדעס האָט מען זיך אַזוי אָפּגעמוטשעט אַ גאַנצן ווינטער, ערשט ווען בן-עמי האָט זיך שוין מתיר געווען, און אויפֿגעפֿירט צו זײַן בענעפֿיס גאָרדינס „גאָט, מענש און טײַוול“, האָבן די געשעפֿטן זיך אַביסל פֿאַרבעסערט, און אויף זײַן בענעפֿיס איז דאָס טעאַטער געווען אויספֿאַרקויפֿט. די אויפֿפֿירונג האָט זיך זייער אויסגעצייכנט לגבי דער אויפֿפֿירונג פֿון דער זעלבער פּיעסע אויף די אַנדערע יידישע בינעס און אין רוסישן טעאַטער, וואו זי איז דאַמאָלט געשפּילט געוואָרן, און מ׳האָט טאַקע זייער געריימט אונזער שפּילן, אָבער גראָד דאַמאָלט האָט זיך געענדיקט דער קאָנטראַקט מיטן טעאַטער, און די טרופּע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין וואַרשע, דאָ האָט די טרופּע אין אָנהייב געמאַכט נישט שלעכט, זי האָט אָבער נישט געפֿונען קיין געהעריקע אונטערשטיצונג פֿון דער יידישער אינטעליגענץ און פֿון

דער קלײנער הכנסה, וואָס איז יאָ געווען, האָבן די דירעקטאָרן פֿון טעאַטער אויך גענוג אַראָפּגעגבט, אַזוי, אַז ס'איז כמעט גאָרנישט געבליבן פֿאַר די אַקטיאָרן. דער צער און עגמת-נפֿש פֿון דער טרופּע צוליב די שרעקלעכע קריטיקס פֿון ד"ר מוקדוני, זענען גאָרנישט צו באַשרײַבן.

אין וואַרשע איז מען דערווײַל נישט געזעסן ליידיק, און אונטער דער פּערזענלעכער לײַטונג פֿון פֿאַרשטאָרבענעם י. ל. פּרץ האָט דוד הערמאַן אײַנרעזשיסירט „די גאָלדענע קייט", נאָר וועגן אויפֿפֿירן די פּיעסע האָט גאָרנישט געקענט זײַן קיין רייד, וואָרום אין משך פֿון דער צײַט, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין וואַרשע, האָבן מיר באַוויזן נאָך טאָג-טעגלעכע פּראָבן אײַנצושטודירן אַזש דעם גאַנצן האַלבן ערשטן אַקט.

פֿון וואַרשע זענען מיר געפֿאָרן קיין מינסק, באָברויסק, וואו די געשעפֿטן זענען געווען נישט שלעכט. פֿון דאָרט זענען מיר געפֿאָרן קיין דווינסק, דאָ האָט די קאַסע געפּוסטעוועט מיטן גאַנצן קנאַק, און דאָ איז אויך די טרופּע זיך צופֿאַלן.

איך געדענק אַזוי ווי איצט יענע שרעקלעכע מינוטן, ווען אין אַ נומער פֿון האָטעל אויפֿן ערשטן שטאָק זענען זיך צונויפֿגעקומען אַלע אַקטיאָרן, וועלכע דער פֿאַרוואַלטער האָט צונויפֿגערופֿן. אַ רגע האָט געהערשט אַ שטילקייט, אײַגנטלעך האָט מען געפֿילט אין דער לופֿטן, וואָס ס'גרייט זיך, אײַגנטלעך האָט די טרופּע שטענדיק געשוועבט צווישן לעבן און טויט, אײַגענטלעך האָט מען יעדן טאָג געקענט דערוואַרטן די קאַטאַסטראָפֿע, אָבער פֿאַרט האָט זיך קיינעם נישט צוגעגלויבט, אַז ס'וועט אַמאָל קומען דער דאָזיקער שרעקלעכער מאָמענט, און ער איז אָבער פֿאַרט געקומען. יאַקובזאָן האָט מיט אַ געקינסטלטע רואיקע שטים אָפֿיציעל דערקלערט, אַז פֿון הײַנטיקן טאָג אָן איז זיך די טרופּע צופֿאַלן, און יעדער וועט באַקומען געלט צו פֿאָרן וואוהין ער וויל. הירשביין איז בעת מעשה געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ פֿאָטער, וואָס וויל מיט גוואַלט אין זיך דערשטיקן די טרערן נאָך אַ געשטאָרבענעם בן-יחיד. אַלע זענען נאָך דער דערקלערונג געבליבן ווי געליימט. יענע עטלעכע מינוט האָט געהערשט אַ שטילקייט ווי אויף אַ בית-עלמין.

יעקב וואַקסמאַן

קריסטן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע

דער ערשטער קריסט, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער יידישער בינע, איז געווען מאַקאַר אָסיפּאָוויטש רעזניקאָוו. גערופן האָבן אים די אַקטיאָרן „מאַקאַרקאַ". מאַקאַר אָסיפּאָוויטש איז געווען אַ יונגער פּויער פון טווערסקער גובערניע, און האָט אין זיינע קינדער־יאָרן געדינט ביי אַ יידישן קצב אין פּעטערבורג, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט רעדן יידיש מיט אַלע פּיפּטשיקעס, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, דערצו האָט ער געהאַט אַ שיינע באַריטאָן־שטימע און ווען די יידישע טרופּע פון גאָלדפאַדען, אונטער דער ליייטונג פון ה' צוקערמאַן האָט אָנגעהויבן שפּילן אין פּעטערבורג אין 1881 אין טעאַטער פון קרעסטאָווסקים גאָרטן, איז מאַקאַר געווען אַ בינע־אַרבעטער אין יענעם טעאַטער. ווען ס'פלעגט דער טרופּע פעלן אַ ראַליסט האָט מען זיך באַנוצט מיט מאַקאַרן. זיין ערשטער דעביוט איז געווען אין דער ראָל „זרח" אין גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע". ווען די טרופּע איז אַוועקגעפאָרן פון פּעטערבורג, האָט מען מאַקאַרן נישט מיטגענומען, וויל ער איז געווען אַ גרויסער שכור. מאַקאַר איז פאַרבליבן אין פּעטערבורג, אָבער שוין נישט אַלס בינע־מאַשיניסט. נאָר אַלס קופּלעטיסט אין פאַרשידענע עפנטלעכע באַלאַגאַנען, וואו ער פלעגט זינגען רוסישע אַנטיסעמיטישע און יידישע לידלעך.

ווען אין 1883 איז אָפיציעל פאַרווערט געוואָרן דאָס יידישע

טעאַטער אין רוסלאַנד, איז די יידישע טרופּעס זענען געצוואונגען געווען צו שפּילן „דײַטשמעריש“, פֿלעגן זיך די יידישע טרופּעס פֿאַרזען מיט אײנע אָדער צווײ דײַטשע אַרטיסטקעס, וואָס האָבן קײן באַדײַטנדיקע ראָל אין טעאַטער-לעבן נישט געשפּילט, זײ פֿלעגן זעלטן אויפֿטרעטן אין נאָר קלײנע ראָלן, דערפֿאַר האָבן זײ אָבער געבראַכט גרויס נוצן דעם יידישן טעאַטער דערמיט, וואָס אַ דאַנק זײער דײַטש-קריסטלעכע אָפּשטאַמונג איז לײַכטער געווען צו באַקומען אַ דערלויבניש צו שפּילן „דײַטשעס“ טעאַטער.

ווען דאָס יידישע טעאַטער איז אַ דאַנק דעם מאַניפֿעסט פֿון 17 אָקטאָבער 1905 ווידער דערלויבט געוואָרן אין רוסלאַנד, טרעפֿן מיר שוין אויף דער יידישער בינע אײניקע קריסטן פֿון רומעניע, וואָס האָבן זיך שוין גערעכנט פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעלע יידישע שוישפּילער. אַזוי למשל, האָט געשפּילט אין בערג-שטײנס טרופּע די דײַטשע אַקטריסע עלזאַ, וואָס האָט זיך אַזוי אײַנגעלעבט אין דער יידישער שפּראַך, אַז זי האָט אויסגעפֿירט באַדײַטנדיקע ראָלן אין גאָרדינס רעפּערטואַר. די אַרטיסטן ווײַנגאָלד, בידעסקאַ, בריסטעווסקאַ (רומיש-רומענער) האָבן זיך גערעכנט פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעלע יידישע אַרטיסטן אין רומעניע, און האָבן געשפּילט אין פֿאַרשידענע יידישע טרופּעס אין רוס-לאַנד און אין פּוילן. ווײַנגאָלד האָט זיך מגייר געווען אין בודאַ-פּעסט און שפּילט אין פּוילן, און בידעסקאַ האָט זיך מיט אײניקע יאָר צוריק מגייר געווען אין רוסלאַנד און האָט דערנאָך געפֿירט אַלײן אַ יידישע טרופּע אין קרים. בריסטעווסקאַ שפּילט עד היום אויף דער יידישער בינע.

פֿון פּאָליאַקן קענען נאָר פֿאַרצײכנט ווערן צווײ פּערזאָן: רוזינסקי און זשיטקאָווסקי. בײדע געפֿינען זיך אין אוקראַינע. זשיטקאָווסקי פֿירט אַלײן אַ יידישע טרופּע און רעכנט זיך פֿאַר אַ טאַלאַנטפֿולן אַקטיאָר.

אַ פֿאַקט איז, אַז בעת פֿאַר די רומענישע אַקטיאָרן, אַפֿילו פֿאַר די, וואָס האָבן זיך מגייר געווען, מוזן די ראָלן געשריבן ווערן מיט לאַטײַנישע אותיות, שרײַבן די פּאָליאַקן פֿרײַ יידיש, און בשעת הדחק פֿאַרפֿאַסט זשיטקאָווסקי אַלײן אַ קופּלעט...

דאָס אַרט שפּילן פֿון די קרימינעלע אַקטיאָרן אויף דער יידישער בינע האָט נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי האָבן מער אָדער ווייניקער באַהערשט די יידישע שפּראַך, דאָך אַרײַנגעבראַכט אַ דיסאַנאַנס אין די אויפֿפֿירונגען. אין זייער שפּילן האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן אַ נישט אויפֿריכטיקייט, עפּעס אַ געקינצלטקייט. אַמבולטסטן האָט זיך דאָס געפֿילט ווען אַזאַ אַקטיאָר האָט פֿאָרגעשטעלט אַ טיפּ פֿון אַ פּשוטן ייד אָדער חסיד. דאַ האָט מען געזען פֿאַר זיך אַפֿילו דעם גויישן אַקטיאָר מיט אַלע קנייטשלעך און נאָכקרימענישן אַ ייד, ווי מ'איז געוואוינט צו זען אויף אַן אַנטיסעמיטישע פֿאָרשטעלונג. ס'האָט זיך ליכטיק געלאָזט מערקן, אַז די גאַנצע יידישע סביבה איז אים פֿרעמד, און ער אַליין פֿילט זיך פֿרעמד אין דער ראָל. דערפֿאַר זענען זיי אָבער שטאַרק צוגוט געקומען אין די אָפּערעטן פֿון טיפּ לאַטײַנער — טאָמאַשעווסקי, ווען זיי האָבן געקנאַקט דײַטש.

אין דער צײַט פֿון דער דײַטש=עסטרײַכישער אָקופּאַציע אין פּוילן, האָבן די דירעקטאָרן פֿון די יידישע טעאַטערס אין וואַרשע אײַנגאַזשירט פֿון דײַטשלאַנד דײַטשע אַקטריסעס פֿאַר די נײַע אייראָפּעאישע אָפּערעטן. קודם כל האָט מען געצילט דערמיט אַבוסל צו פֿאַרדײַטשן די יידישע שפּראַך, כדי די דײַטשע אָפֿיצערלער זאָלן באַזוכן דאָס טעאַטער.

די באַקאַנטסטע פֿון די דײַטשע אַקטריסעס זענען געווען פֿינאַ סערבע און מיצי האָפּע. פֿינאַ סערבע אַ געבוירענע דײַטשקע פֿון ברעסטוי האָט מיט אַן אמת געוואָלט שפּילן יידיש, און האָט פֿיל געאַרבעט, אַז זי זאָל די שפּראַך באַהערשן, איז אָבער דאָס אוממגליק געווען די האַרטע „ל“ וואָס די דײַטשן קענען נישט אַרויסרעדן, ווײַל ס'איז בײַ זיי אַזאַ אות נישט פֿאַרהאַן. און אַנשטאָט „כלה“ איז בײַ איר אויסגעקומען „קאַליע“ א. ד. גל. מיצי האָפּעס יידיש איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט שוין געקענט אַרויסרעדן „חתונה האָבן“, „בחור“ און נאָך עטלעכע העבּרעאישע ווערטער. די דאָזיקע 2 אַרטיסטקעס האָבן על פּי רוב געשפּילט „יידיש“ אין וואַרשעווער טעאַטער „צענטראַל“ און פֿון מאָמענט, וואָס די דאָרטיקע טרופּע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „קאָמעדיע — דראַמ. טרופּע, זענען די צוויי דײַטשקעס צוריקגעפֿאָרן אין זייער פֿאָטערלאַנד.

דאָרזי ווייסמאַן

די ביטערע ווירקלעכקייט

די גרעסטע צרות, די גרעסטע שוועריקייטן אין מײַן אַרטיסטישער קאַריערע האָב איך שטענדיק געהאַט מיטן וויינען. איך האָב פֿאַר קיין פֿאַל נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען קיין טרערן דאַן, ווען מען האָט עס באַדאַרפֿט. פֿון מײַן פֿריסטער קינדהייט אָן האָט זיך מיר שטענדיק זייער ליכט אײַנגעגעבן צו ברענגען דאָס פּובליקום צום לאַכן. אָן דער קלענסטער אָנשטרענגונג האָב איך געקאָנט מאַכן, אַז דער טעאַטער זאָל רוישן פֿון געלעכטער, אָבער וויינען — דאָס האָט זיך מיר זייער שווער אײַנגעגעבן.

מעגלעך, ווען איך וואָלט זײַן נישט קיין יידישע אַקטריסע, ווען דער מזל וואָלט מיך פֿאַרוואָרפֿן צווישן גוים, וואָלט איך פֿון דעם דאָזיקן פֿעלער מײַנעם גאָרנישט געליטן. בײַ זיי נויטיקט מען זיך נישט אין קיין טרערן. דאָרט פֿאַרלאַנגט מען פֿרייד און לוסט. דער, וואָס קאָן עס געבן, איז אויפֿן ריכטיקן פּלאַץ.

האָט אָבער דער מזל געוואָלט, אַז איך זאָל דווקא זײַן אַ יידישע אַקטריסע, און בײַ אונז נויטיקט מען זיך אין אַ טרער מער, ווי אין וואָס־נישט־איז אַנדערש. דערפֿאַר איז טרויעריק די לאַגע פֿון דעם שוישפּילער אָדער שוישפּילערין, וואָס קאָן נישט וויינען און מאַכן אַנדערע צו וויינען.

עס איז מעגלעך, ווען בײַ אונז וואָלט זײַן אַ בעסערע אָרדנונג, ווען יעדער וואָלט טון נאָר דאָס, צו וואָס ער איז אַמבעסטן פֿעאיק, אַז איך וואָלט פֿון דעם נישט געליטן, וואָרום עס איז דאָ פּונקט אַזאַ גרויסער פֿעלד אויפֿן געביט פֿון קאָמיזם, ווי אויפֿן דראַמאַטישן געביט. בײַ אונז אָבער מוז דער שוישפּילער טון אַלץ, וואָס

מען הײסט אים. מען מוז זײַן צו אַלץ פֿעאיק. קײן זאַך דאַרף נישט זײַן צו שװער. און פֿאַר אַ מענטשן, װאָס פֿילט אין זיך אַ פֿונק פֿון גאָט אין האַרצן, איז דאָס אַ גרױסער אומגליק.

מאַכן זיך װײַנען, גלאַט אַזױ קרימען דעם פּנים, העלפֿט נישט. דאָס פּובליקום דערפֿילט באַלד, אַז עס איז געמאַכט, און איז נישט צופֿרידן. מען פֿאַרלאַנגט אמתע בלוטיקע טרערן, אַז עס זאָל צופּן בײַ דער נשמה.

אָבער ניט ברעכט אײַזן. איך האָב געדאַרפֿט מאַכן װײַנען און האָב עס געטון. די צושױער האָבן צוזאַמען מיט מיר געװײַנט. אָבער, גאָט מײַנער! װאָס פֿאַר אַ מיטלען איך האָב עס באַדאַרפֿט אָנװענדן כּדי אַרױסצוטרײַבן טרערן פֿון מײַנע אױגן.

איך קום אין טעאַטער אַ פֿרײלעכע, אַ לוסטיקע; קײן סימן פֿון טרױער איז אין מײַן נשמה נישטאָ. אַלץ לעבט און בליט פֿאַר מײַנע אױגן. די יוגנט האָט שױן אין זיך אַזאַ כּח: זי באַפֿאַרבט אַלץ אין די ליכטיקסטע לױטערסטע קאָלירן. און דאָ װײס איך, אַז באַלד, אין עטלעכע מינוט אַרום, װעל איך דאַרפֿן יאָמערן. װאָס-זשע טוט מען? פֿאַל איך אױף אַ פּלאַן:

איך האָב אַ פֿרײַנדין, מיט װעמען איך בין צוזאַמען אין שול געגאַנגען. איך ליב זי מיטן גאַנצן האַרצן. מיר װאָלטן אײנע פֿאַר דער אַנדערער אין פֿײַער געגאַנגען. איז אָט, מאָל איך זיך אױס, װי זי, מײַן פֿרײַנדין, גײט איצט אין גאַס און אַן אױטאָמאָביל טראָגט זיך אָן, זי פֿאַלט אין אַ טײַך בלוט, זי ליגט אין גאַס אױף די האַרטע שטײנער און קרעכצט אַזױ הילפֿלאָז! די אױגן פֿאַרלױפֿן מיר מיט טרערן. די ליפּן ציִען מיר. איך אונטערדריק אין זיך קױם מיט צרות דאָס שלוכצן, און אַז איך קום אַרױס אױף דער בינע, װען איך דאַרף רעדן, טענהן און יאָמערן, טראַכט איך אַלץ װעגן מײַן אומגליקלעכער פֿרײַנדין. איך טראַכט װעגן אירע צעשמעטערטע גלידער און דאָס פּובליקום װײַנט צוזאַמען מיט מיר.

איך האָב פֿײַנט לװיות, די טרױער-פּראָצעסיעס. דער שװאַרצער טױטן-װאָגן יאָגט אױף מיר אָן אַ שױדער. איז װען איך דאַרף פֿאַרגיסן טרערן, מאָל איך זיך באַלד אױס אַ לויה, איך זע

פֿאַר זיך דעם פֿאַרגליװערטן פּנים פֿון דעם מת און איך וויין מיט ביטערע טרערן.

אַט פֿון דעם דאָזיקן מיטל ווייסן פֿיל פֿון מיינע קאָלעגן שוישפּילער. אָפּט שפּאַסט מען דערפֿאַר אויף מיין חשבון:

— דאָרא, וועמען האָט איר שוין היינט באַגראָבן? וועמען האָט איר דערהרגעט?

יאָ, אין דער יוגנט איז אַזוי שווער צו וויינען, ווען מען דאַרף. די פֿרייד, די לעבעדיקייט פֿאַרטרייבט יעדן שוואַרצן שאָטן פֿון די געדאַנקען. איבערהויפּט נאָך, ווען אַלע אַרום איך זענען געזונט, צופֿרידן און גליקלעך.

* * *

מיט דער צייט האָב איך זיך גענומען פֿאַרבעסערן אין דער הינזיכט פֿון וויינען.

מיין מוטער האָט זיך גענומען פֿילן נישט געזונט. מיר האָבן מיט שרעק אָנגעהויבן מערקן, אַז זי ווערט שוואַכער, מאָגערער, בלאַסער.

— וואָס איז דיר, מאַמע, פֿילסטו זיך שלעכט? — האָב איך איר אָפּט געפֿרעגט.

— וואָס פֿאַלט דיר איין, מיין קינד, איך בין געזונט — האָט זי געענטפֿערט מיט איר גוטן ליבן שמייכל אויף די ליפּן.

אָבער זי האָט מיך נישט געקאָנט נאַרן. מיינע אויגן האָבן געזען און באַמערקט די ענדערונג, וואָס עס קומט פֿאָר אין איר. איך בין געוואָרן אומרויִק. פֿון די געדאַנקען איז ביי מיר נישט אַרויס אויף איין מינוט, אַז זי ליידט, אַז זי באַהאַלט עס פֿאַר אונז. אַ פֿאַרגעפֿיל פֿון עטוואָס שרעקלעכעס האָב איך דערשפּירט, און איך פֿלעג זיך אָפּט באַגיסן מיט זודיקע טרערן.

דאַן האָב איך זייער גערן גענומען טראַגישע ראָלן. מיין צו־וויטאָגט האַרץ האָט געזוכט אַן אָרט, וווּ עס זאָל קאָנען זיך אויסשטילן, באַרויִקן...

די יוגנט, די איינגעבוירענע לעבנס־לוסטיקייט, פֿאַרבט אָבער אַלץ אָפּ אין העלע, ליכטיקע קאָלירן.

איך האָב זיך געמאַטערט צו פֿאַרגעסן. איך האָב פֿאַרטריבן

די בייזע פֿינסטערע מחשבות. איך האָב זיך געפּרובט איינרעדן, אַז דאָס איז נאָר אַזוי אַ לייכטע קראַנקהייט, וואָס וועט באַלד אַריבערגיין. און ווידער אַמאָל האָט מיין נשמה אויפֿגעשטראַלט. איך האָב געזונגען, געטאַנצט און געמאַכט דאָס פּובליקום הילכיק לאַכן.

נאָר אָט האָט דער דאָקטאָר אַנגעזאָגט די בשורה, אַז די קראַנקייט איז אַ געפֿערלעכע, אַז מען דאַרף זיין געגרייט צו אַליין. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאָדנע האַרצברעכענדע שפּיל:

זי, די קראַנקע מוטער אונזערע, האָט אין אונזערע אויגן געווען זוכן צו באַגרייפֿן, וואָס עס האַלט מיט איר. זי פֿלעגט זיך איינעסן אין מיר מיט אירע בליקן און איך פֿלעג דאָרט לייענען די פֿראַגע:

— קינד מיינס, וואָס האַלט עס מיט מיר?

איך האָב געוואוסט, אַז פֿאַר קיין פֿאַל טאָר זי נישט דערשפּירן, וואָס עס האַלט, אַז דאָס קאָן איר דערהרגענען און איך האָב געמאַכט אויף זיך די גרעסטע אָנשטרענגונג צו זיין אַזוי ווי שטענדיק, דאָס מיינט: לוסטיק און פֿריילעך.

איך האָב דאַן באַדאַרפֿט זיין אַ גוטע אַקטריסע... איך האָב זי געמוזט מאַכן גלויבן, אַז קיין געפֿאַר איז פֿאַר איר נישטאָ, אַז אַלץ איז גוט, אַז עס וועט זיין, ווי שטענדיק; אָבער איין גאָט אין הימל ווייסט, ווי שווער מיר איז אָנגעקומען די דאָזיקע שפּיל.

אין יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן צו שפּילן „דער מסור". און עפּעס אַזוי ווי פֿון הימל וואָלט עס באַשערט געווען, אַז איך זאָל דאָרט קריגן אַ ראָלע פֿון אַ מאַכטער, וועמענס מאַמע עס איז קראַנק און שטאַרבט אַוועק. איך האָב באַדאַרפֿט וויינען, יאָמערן, און איך האָב עס געטון זייער גוט. אַלע האָבן מיך פֿאַר דעם שטאַרק געלויבט; אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט, צוליב וואָס איך האָב דעם דערפֿאָלג; ווי אַזוי און צוליב וואָס מיין טרויער איז געווען אַזוי טיף און אויפֿריכטיק. דאָ האָב איך נישט געשפּילט קיין טעאַטער, דאָ האָב איך דורכגעמאַכט אַ שטיק פֿון מיין אייגענערווירקלעכקייט. די געמאַכטע וויינען און די ליידן פֿון דער בינע-מוטער האָבן מיר דערציילט וועגן די ליידן, די יסורים, וואָס מיין אמתע מאַמע פֿילט. אין יענער צייט, ווען עמיצער האָט

צו מיר געזאגט: „פריילין ווייסמאן, וועמען האט איר שוין היינט באגראבן?" — פלעגט מיר א שוידער אריבער איבערן לייב, ווייל אין זיך האב איך דאך געוואוסט, אז איך האב אין דער אמתן געזעען מיין מוטער ראנגלנדיק זיך מיטן מלאך־המות, אז דאס האב איך אין געדאנק געזעען איר טויטן קערפער.

און עס איז געקומען יענער שרעקלעכער מאמענט; דאס איז געווארן א ביטערע, פינסטערע ווירקלעכקייט.

* * *

און איצט דארף איך זיך שוין מער נישט אויסמאלן פאר־שיידענע אומגליקן, ליידן, טויט און לויות; אין מיין מארך לעבט עס שטענדיק; וואו איך גיי און וואו איך שטיי טראגט זיך פאר מיר דאס בילד פון מיין מוטער; איך זע זי אין אירע יונגע יארן, אין איר בליאונגס־צייט, און איך זע זי אין אירע יסורים; אויף מיר קוקן שטענדיק אירע טונקעלע גוטע, מילדע אויגן, און פאר מיין בליק שוועבט שטענדיק יענער מאמענט, ווען מען האט זי אין דעם שווארצן קבר אויף אייביק אראפגעלאזט.

און קומט א מאמענט, ווען איך דארף שפילן א טראגישע ראלע, וואו מען דארף וויינען, קאן איך דאס טון זייער גוט.

יא, איצט קאן איך זייער גוט וויינען.

(איבערגעגעבן צום דרוק דורך אלטער עפשטיין)

א. ג. מאַסמאַניעץ

קוריאָזן פֿון אַמאָל

.1

„סדום ועמורה" אין באַנאַפּאָליע

אַחוץ די גרויסע שוועריקייטן צו באַקומען אַ דערלויבניש פֿון דער צאַרישער מאַכט צו שפּילן יידיש טעאַטער, איז איינס פֿון די גרעסטע צרות געווען אַמאָליקע צייטן צו באַקומען אַן אָרט, אַ לאָקאַל צו שפּילן. מערסטנטייל האָט מען זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַ „סאראי" (שפּייכלער), אַ שטאַל, אָדער אין בעסטן פֿאַל — אַן איינפֿאָר-הויז. אין די 80-ער און 90-ער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט האָבן אפילו נישט אַלע גרויסע רוסישע שטעט געהאַט ספּעציעל אויפֿגעבויטע טעאַטערס, בפרט איז עס פֿאַר אַ יידישער טרופּע נישט געווען בנמצא. דערפֿון האָט עס זיך גענומען, וואָס יידישע אַקטיאָרן האָבן מערסטנס פֿאַרבראַכט זייער לעבן אין די וואַגאָנעס, פֿאָרנדיק פֿון איין אָרט צום אַנדערן שפּילן טעאַטער. דורכמאַכן אַ שטרעקע פֿון טויזנטער ווי אָרסט — ביים איבערפֿעקלען פֿון איין שפּיל-אָרט צום צווייטן — איז געווען אַ טעגלעכע דערשיינונג. מ'האָט פּשוט געזוכט ערגעץ אַן אָרט, וווּ מ'זאָל קאָנען שפּילן יידיש טעאַטער. טאַקע נאָך אַ סך טעג זוכעניש בין איך איינמאָל אַזוי אַנגעקומען קיין באַנאַפּאָליע, פּאַדאָליער גובערניע. דאָס דאָזיקע שטעטל געפֿינט זיך אינמיטן צווישן שטעטל גאַלטע און שטאָט אַריאָל. די דריי שטעט געפֿינען זיך אין אַ נאָענטער שכנות און גרעניצן זיך מיט אַנאַנדער דורך אַ בריק, וועלכן מ'האָט באַדאַרפֿט אַריבערגיין פֿון איין

שטעטל אין צווייטן. נישט געפֿינענדיק קיין פּאַסנדערן אָרט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין מיטלסטן — אין באַגאָפּאָליע, רעכענענדיק צוזוציִען אַן עולם פֿון ביידע שטעטלעך פֿון דער רעכטער און פֿון דער לינקער זייט.

דער בעל־הבית פֿונם גרעסטן טייל הייזער אינעם דאָזיקן שטעטל איז געווען דער „אוריאַדניק" גופֿא. די דערלויבעניש צו שפּילן טעאַטער האָב איך פֿונם אוריאַדניק באַקומען פֿאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל פֿון יעדער פֿאָרשטעלונג. אַזוי, אַז קיין מניעה איז נישט געווען. דערפֿאַר אָבער איז נישט געווען מעגלעך צו באַקומען אַ לאָקאַל פֿאַר די ספּעקטאַקלען. נאָך לאַנגע זוכענישן האָב איך געפֿונען אַ שפּייכלער, וועלכן איך האָב געדונגען פֿאַר אַ פּעטע מטבע און מיר האָבן זיך גענומען בויען אַ בינע. די בינע איז געבויט געוואָרן אויף ליידיקע פֿעסלעך און „קאָזלעס", אויף וועלכע ס'זענען אויסגעלייגט געוואָרן לאַנגע ברעטער. פֿאַרמיק־ווערגדיק מיט דער „בינע" האָבן מיר אויפֿגעשטעלט די דעקאָראַציעס און „אינסטאַלירט" די רעפֿלעקטאָרן, וואָס זײַנען באַשטאַנען פֿון נאַפֿט בלעך־לאָמפּן. דער עולם צוזאַמען מיט די שפּילער האָבן זיך שטאַרק געריכט צו דער דערעפֿנונגס־פֿאָרשטעלונג.

שבת־צונאַכטס — דער שפּייכלער איז געפּאַקט פֿון עולם, אַ שפּילקע צו דער ערד נישט צו וואַרפֿן. די אַקטיאָרן גרייטן זיך פֿיבערהאַפֿט צו „עקידת יצחק" פֿון גאָלדפֿאַדן. דער ערשטער אַקט איז אַדורך מיטן גאַנצן קנאַק. דער עולם פּאַטשט „בראַוואָ" און קנאַקט קערלעך אַזש ס'גייט אַ רויך. נאָר בײַם צווייטן אַקט, בעת דער סצענע וואָס שטעלט פֿאָר די „נאַטור־קאַטאַסטראָפֿע", דאָס איבערקערעניש פֿון סדום־עמורה, האָט זיך אַ פֿעסל פֿון צווישן די, אויף וועלכע די בינע האָט זיך געפֿונען, אַ קער־געטאָן מחמת אַ צו שטאַרקע באַוועגונג פֿון אַן אַקטיאָר בעתן שפּילן, און די בינע איז אײַנגעפֿאַלן צוזאַמען מיט די אַרטיסטן. דאָס פֿײַער פֿון די אַראָפּגעפֿאַלענע לאָמפּן האָט אַרומגעכאַפּט די דעקאָראַציעס, און דער זאַל איז אָנגעפֿולט געוואָרן מיט אַ שטינקנדיקן רויך.

דאָס פּובליקום, וואָס האָט אין אָנהייב געמיינט, אַז דאָס שפּילן מיר נאָר, אַז די „איבערקערעניש" פֿון „סדום" ווערט

„רעאַליסטיש" געשפּילט און האָט דעריבער שטאַרק אַפּלאָדירט, האָט זיך צום סוף, דערזעענדיק די אמתע געפאַר, מיט אימפּעט געלאָזן צו די טירן. די קולות און געשרייען זענען געגאַנגען עד לב השמים. די אַרטיסטן: גוזיק (אברהם), לאה קאָמפּאַניעיעץ (שרה), אַבעלמאַן (תובל) און איך אַלס „לוט דער שכור" — זענען מיר קוים אַרויסגעקראָכן פון אונטער די ברענענדיקע פּעסער און קלעצער, און אין די היסטאָרישע קאָסטיומען מיט צעשמירטן גרים אויף די פּנימער, זיך געלאָזט לויפן איבערן גאַנצן שטעטל צו זיך אין „האָטעל" באַגלייט פון אַ גאַנצער מחנה „ווייסע־חברהניקעס", וועלכע האָבן אונדז נישט געקאַרגט קיין פאַרפוילטע קאַרטאָפלעס, מייערן און אַנדערע... „שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן"... פון דער טעאַטער־געביידע איז קיין זכר נישט געבליבן אין משך פון צוויי שעה. אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן אויף קויל. אַ גליק, וואָס די „איבערקערעניש פון סדום ועמורה" האָט נישט געשאַדט קיין מענטשן. און דאָס אַלץ איז געשען צוליב אַן איבערגעקערט פּעסל....

2.

אַ מעשה מיט אַ פּריסטאַוו

אין יענע צייטן האָט מען געשפּילט יידיש טעאַטער אונטער אַזאַ מין שילד: רוסיש־דייטשער קאָנצערט (אָדער: קוואַרטעט) „שולמית", „קאָלדוניא" א.א.וו. דער פּריסטאַוו אָדער אומפּראַווניק 1) האָט די דאָזיקע „קאָנצערטן" טאָלערירט און דער אוריאַדניק 2) פונ'ם שטעטל האָט פאַר כאַבאַר 3) „אַוועקגעקוקט". דערביי איז די דירעקציע פון דער גאַסטראָלירענדער טרופּע פונדעסטוועגן תמיד געווען פאָרזיכטיק און בעת דער פאָרשטעלונג איז איינער פון „אַנסאַמבל" געשטאַנען אויף שמירה, כדי ווען ס'וועט נויטיק זיין, צו „געבן צונג", אַז ס'גייט אַ „קנעפּל".

האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז אין שטעטל בערעזאָווקע (כערסאָנער גובערניע) האָט מען אַ געוויסן „שטאָט־גאַסט", וועלכע

1, 2) פּאָליציי־פאָרשטייער, 3) עוחד

יעדעס שטעטל האָט פֿאַרמאָגט, אָפּגעזאָגט צו געבן אַ „קאָנטראַ-מאַרקע" 4) אין טעאַטער אַרײַן. האָט ער זיך נישט געפֿילט און איז אַוועק אין דערבײַאיקן שטעטל צום סטאַנאָווי 5) און פֿאַרמסרט די טרופּע, אַז מ'שפּילט ייִדיש טעאַטער.

דער פּריסטאַוו, דערהערנדיק אַזאַ מעשה האָט ער זיך פֿונאַנדערגעשריגן: „ס'טײַטש, זשידאָווסקי טעאַטער? מאַקאַיאַ מערזאַסט!" 6), האָט ער זיך בכבודו ובעצמו מטריח געווען אויף אַן אינספּעקציע צו אונדז אין כּלומרשטן רוסיש-דײַטשן טעאַטער אַרײַן. גראָד האָט מען אין יענעם אָוונט געשפּילט גאָלדפֿאַדענס אָפּערעטע „שולמית" און דער אדון איז אַרײַנגעפֿאַלן פּונקט צו דער סצענע פֿון ערשטן אַקט, ווען אבשלום און שולמית זינגען דעם ליבעס-דועט „בײַם ברונעם". מאָמענטאַל האָט מען אונדז, מיר און מײַן פֿרוי, (אבשלום און שולמית), צו-ווייסן געטון וועגן באַזוך פֿון דעם „חשובֿן" גאַסט און אין איין רגע זענען מיר ביידע נאָר אָן אַ פֿאַרוואָס, אינמיטן געזאַנג, נישט געוואָרן... די בינע איז געבליבן ליידיק.

דער פּריסטאַוו האָט פֿאַרנומען אַ שטול אין ערשטן „ריאַד" 7) אָנשטעלנדיק אַ פּאָר שאַרפֿע אויגן און אַ פּאָר שפּיציקע אויערן, כּדי צו זען און הערן דאָס פֿאַרבאָטענע „זשידאָווסקי" שפּיל... נאָך נאָך אייניקע מינוטן בין איך, אבשלום, דער היסטאָרישער העלד, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיפּישן קאַצאַפּ, אָנגעטון אין אַ רויטע, באַלאַצקע רובאַשקע, 8) אַ פּאָר גרויסע שטיוול מיט אַ בעזעם אין האַנט און אַזוי „טראַנספֿאָרמאַטאָריש" איבערגעטון בין איך אַרויס אויף דער בינע און, לאָזנדיק זיך אין אַ פֿײַערדיקן רוסישן האָפּאַק 9) האָב איך גענומען זינגען דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿאָנישע לידל: „יאַ-זשע פּאַריען ניע דוראַק זנאַיו לאַדיט ס'קיעם אי קאַק" 10). נאָך דעם דאָזיקן „נומער" איז אַרויף אויף דער בינע „שולמית", אָנגעטון אין אַ מאַלאָרוסישן קאָסטיום,

---

4) פֿרײַבילעט, פּאַספּאַרטו, 5) פּאָליציי-פֿאָרשטייער 6) אַזאַ חוצפּה! 7) ריי, 8) העמדל, 9) טאַנץ, 10) איך בין נישט קיין יאָלד, איך ווייס וואָס כ'האָב צו טאָן.

מיט אַ פּאָר עמערס וואַסער אויף קאראמיסלעס (11 און גענומען זינגען דאָס קליינרוסישע פאָלקס-לידל: „אוי, קאזאלא מענע מאַטי"... (12 דעם פּריסטאַווס פּריערדיקע אַנטוישונג און שפּעטערדיקע באַגייסטערונג איז נישט צו באַשרייבן. צו זיין אַפּלאָדירן האָט קיין סוף נישט גענומען. ער האָט בעת דעם אַנטראַקט מיר געדריקט די האַנט און פייערלעך באַשטעטיקט, אַז אונדזער „שולמית" איז אַ בשרער קאָנצערט... דער מסור האָט פאַר אַ פאַלשן „דאָנאָס" (13 באַקומען זיין פסק: ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 8 טעג אַרעסט.

(11 הענגערס, (12 די מאַמע האָט מיך געהייסן, (13 מסירה.

א. לערמאן.

ווי אזוי יידן זענען געבליבן אין קאפאטעס צוליב טעאטער

געווען איז עס אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע. אין א זומערדיקן פרייטאג האט דאס שטעטל ראדזימין זיך א וויג-געטון. אויפן מארק-פלאץ, נעבן דער פאסט, האט זיך באוויזן א פלאקאט, געשריבן מיט רויטע בלייפעדער-שריפט. גע-שטאנען איז דארט אט-וואס:

„סענסאציאן איבער סענסאציאן. מארגן, שבת, פינקט-ליך 9 אוהר אבענדס, ווערט אין זאל פון די פייערלעשער שטאטפינדען דער בענעפיס און עהרען-אבענד פון בעריהמטען קאמיקער און קינסטלער ארטיסט ל. עס ווירד געגעבען אין גראסעס פראגראם מיט פיעל געזענגע און טענצע. אויסער דיזעס אלעס ווירד געשפילט פילע קאמישע איינאקטערס אונד סצענעס. אם שלוס — קאנפעטי און פאסט. ביטע צאהלרייך צו בעזוכען, ווארום אזא געלעגענהייט טרעפט איינמאל אין פיל יאהרען“.

די טרופע אונטער דער לייטונג פון ארטיסט נארפלום, האט זיך געפונען אויף גרויסע געהאקטע צרות. די אקטיארן האבן געחלומט פון א שטיקל חמץ, דעריבער איז באשלאסן געווארן צו מאכן א טורנע איבער דער פראווינץ. די ערשטע „שטאט“ איז געווען טאקע ראדזימין.

האט מען פארזעצט א זילבערנעם זייגער, און שבת פארנאכט איז מען מיט דער לעצטער קאלייקע (צופאר-באן) ארײנגעפארן

קיין ראַזוימיין.

ווי נאָר די טרופּע איז אָנגעקומען, איז זי גלייך פֿאַרפֿאָרן אין טעאַטער אַריין. עס איז פֿאָרגעשטאַנען אַ סך אַרבעט: פֿאַרקויפֿן בילעטן, אויסשטעלן די דעקאָראַציעס און שאַפֿן קאָסטיומען.

מיט פֿאַרקויפֿן בילעטן — האָט מען זיך גלייך אַן עצה געגעבן. מען האָט אַריינגעזעצט נעבן די „קראַסאַוויצע“ אַ ליטוואַטשקע פֿון דור דורות, וועלכע האָט געשפּילט אין דער טרופּע דראַמאַטישע ראָלן.

מיט קאָסטיומען אָבער איז געווען אַ שלעכט עסק. וואו נעמט מען קאָסטיומען? די טרופּע איז געווען אַזוי אָרעם, און אַ שטיקל קאַפּאָטע איז אין יענער צייט געווען אַזאַ לוקסוס, אַז די טרופּע האָט דערפֿון נישט געקאָנט חלומען אַפֿילו.

צום פּראָגראַם האָט מען געדאַרפֿט האָבן גאַנצע 8 קאַפּאָטעס מיט יידישע היטלער. וואו נעמט מען עס?

האָט זיך די טרופּע אַוועקגעזעצט באַראַטן, און קיין עצה נישט געפֿונען. מיטאַמאָל האָט זיך אויפֿגעשטעלט דער פּאַט-קאָמיקער און מיט זיין הייזעריק שטימעלע האָט ער אויסגערופֿן:

— ס'איז דאָ! כ'האָב עס! פֿאַרלאָזט אייך אויף מיר, איך וועל מיין ראָל אויסשפּילן ביזן סוף!

נישט לאַנג קלערנדיק האָט זיך דער פּאַט-קאָמיקער אַוועק-געשטעלט פֿאַרן טעאַטער און אַ געשריי-געטון צום פֿאַרזאַמלט עולם:

— ווער פֿון אייך וויל אַריינגיין אומזיסט אין טעאַטער?

ווער וויל דאָס נישט גיין אומזיסט אין טעאַטער? איז חופּיל מענטשן עס זענען געשטאַנען אין דרויסן, אַזוי פֿיל האָבן אַרומ-גערינגלט דעם פּאַט-קאָמיקער, און געשריגן, אַז זיי ווילן אַריינגיין.

זעענדיק, אַז עס האַלט שמאָל, אַז מען קאָן אים צוטראָגן צוזאַמען מיט דער טעאַטער-שאָפּע, האָט דער פּאַט-קאָמיקער צוגעגעבן:

— ווער עס וועט ברענגען אַ קאַפּאָטע מיט אַ חסידיש היטעלע צוזאַמען, וועט קאָנען אַריינגיין אין טעאַטער!

האָבן זיך געמאָלדן 12 שטעטלשע יונגעלייט, טעאַטער-מע-

לאַמאַנען, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען צו ברענגען קאַפּאָטעס מיט היטלען.

פֿון וואַנען האָבן די יונגעלייט גענומען קאַפּאָטעס מיט היטלען? הערט=זשע:

דער זינגער איז שוין געווען נאָך 11, די טאַטעס זייערע זענען שוין געשלאָפֿן, זענען דאָך זייערע קאַפּאָטעס פֿריי געווען, טאָ פֿאַרוואָס זאָלן די קאַפּאָטעס נישט „שפּילן“ טעאַטער? די טאַטעס וועלן דאָך סיי=ווי=סיי נישט וויסן דערפֿון, ווייל אײדער זיי וועלן זיך אויפֿכאַפּן, וועלן דאָך די יונגעלייט באַוויזן צוריקצולייגן די קאַפּאָטעס...

אַלזאָ, דאָס שווערסטע פּראָבלעם איז געוואָרן געלייזט. די אַקטיאָרן זענען געווען צופֿרידן, און דער פּאַט=קאָמיקער האָט טריומפֿירט.

מיט איין זאַך האָט עס אָבער ווייטער געהאַלטן שמאָל: דער עולם האָט געקויפֿט ווייניק בילעטן. נעכע די „קראַסאַוויצע“ איז געזעסן אין דער קאַסע און געזונגען אַ האַרצרייסנד ליד. געגלייבט האָט זי, אַז מיט איר זינגען וועט זי צוציען דעם עולם און אים אַריינגנאַרן אין טעאַטער אַרײן...

די אַקטיאָרן זענען געווען פֿאַרביטערט. דער זינגער איז שוין געווען 1 ביינאַכט, דער זאַל=אײַנגעמיטער האָט זיך געבייזערט, אַז ער וועט נישט לאָזן ברענגען אַזוי לאַנג די עלעקטרי, האָט מען זיך אָפּגעבעטן ביי אים אויף נאָך אַ שעה און ערשט אַרום 2 האָט זיך געעפֿנט דער פֿאָרהאַנג.

מילא איז געווען אַ פֿאָרשטעלונג, — זאָל זיך איין גאָט דערבאַרעמען. די קאַסע איז געווען פּוסט. עס האָט אפֿילו נישט געקלעקט צו באַצאָלן פֿאַרן זאַל; וואָס=זשע וועט נאָך זיין מיט הוצאות צוריקצופֿאָרן קיין וואַרשע?

איז געוואָרן אָפּגעשמועסט ביי חברה אַקטיאָרן, אַז אײדער וואָס=ווען זאָל מען זיך געבן אַ רוק=אַרויס און „אַנטלויפֿן“ דעם אײַנגעמיטער פֿאַרן זאַל...

איז ער אָבער געווען אַ חכם אַ גוי, דער „דירעקטאָר“. ווי גאָר ער האָט געזען, אַז די פֿאָרשטעלונג האַלט ביים סוף, איז ער

אַרײַן צו די אַקטיאָרן און אַ געשרײַ־געטוּן:

— פּאַנאָוויע אַרטישטשי, פּראָשע פּלאַטשיטש! (מײַנע הערן אַקטיאָרן, זײַט מוחל און באַצאָלט).

זענען אַלע בלײַך געוואָרן ווי די וואַנט. מען האָט געפּרוּווט אײַנטענהן מיט אים:

— פּאַניע לעבּן, האָט רחמנות, מיר האָבן אַפֿילו נישט אויף הוצאות צוריק, נעם עפּעס ווייניקער.

דער ערל איז אָבער געווען קאַלט ווי אײַז. די פֿולע סומע זאָל מען אים געבן, אויב נישט וועט ער גענומען די קאַפּאָטעס פֿאַר אַ חשבון.

האָבן די אַקטיאָרן זיך נישט לאַנג געלאָזט בעטן. ווילסט די קאַפּאָטעס? נאַ, נעם זיי דיר, אַבי לאָז אונדז אַרויס!

אַזוי איז טאַקע געווען, דער גוי האָט גענומען די קאַפּאָטעס, און חברה אַקטיאָרן האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן פֿון טעאַטער, כּדי צו־פֿוּס זיך לאָזן לויפֿן קײַן וואַרשאַ.

קודם־כּל האָט מען עקספּעדירט די אַקטריסעס, אָבער ווען די אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פֿון טעאַטער, זענען די יונגעלײַט אָנגעקומען מיט אַ טענה:

— וואו זענען אונדזערע קאַפּאָטעס?

— גייט צום דירעקטאָר! — האָט דער פּאַט־קאָמיקער אויסגערופֿן — ער וועט עס אײַך אומקערן.

זענען זיי געלאָפֿן צום דירעקטאָר, האָט ער געענטפֿערט:

— פֿאַרוואָס דען נישט? באַצאָלט פֿאַרן טעאַטער, וועל איך אַרויסגעבן די קאַפּאָטעס!

האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געשרײַ מיט אַ געוויין, אַז עס איז געווען גאָטס רחמנות צו הערן...

גאָר גיי טו עפּעס, אַז מען קאָן גאָרנישט העלפֿן, די אַקטיאָרן האָבן אַליין געהאַט פֿולע אויגן מיט טרערן.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ שרעק, וואָס פֿאַרע פֿרימאָרגן דאָס שטעטל ראַדזימין האָט געהאַט.

ווען די אײַנגעטימער פֿון די קאַפּאָטעס האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט

פֿון זייער זיסן שלאָף און געוואָלט זיך אָנטאָן האָבן זיי דערזען,
אַז די קאַפּאָטעס זענען נישטאָ.

האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ פֿריש געוואַלד:

— אַ שטיק ראַדזימין — אָן קאַפּאָטעס!

— — — — — — — — — — — — — — —

דעם גאַנצן כּעס האָבן די טאַטעס אויסגעלאָזט צו די זין. פּעטש זענען געפֿלויגן אויף רעכטס און אויף לינקס.

די ייִדן זענען, נעבעך, אַרומגעגאַנגען אָן די קאַפּאָטעס, ביז יעדער האָט זײַן קאַפּאָטע געמוזט אויסלייזן בײַם טעאַטער־דירעקטאָר פֿאַר גוט געלט.

אינהאלט:

יעקב גארדין — — — ווי אזוי איך בין געווארן א דראמאטורג 5.

א. אײזנשלאס — — — יודיש טעאטער אין די עמטרייבישע באראקן-לאגערס 11.

ב. טאמאשעווסקי — — די געשיכטע פון „אלי אלי" 27.

יעקב זילבערט — — יודיש טעאטער אין ירושלים 32.

אברהם לעווינסאן — — „אונזער ווינקל" 39.

זלמן זילבערצווייג — — יודישע אקטיארן אויף דער העברעאישער בינע 46.

פעטער גראף — — — מאמענטן פון אקטיארן-לעבן 59.

ב. ווײַנשטיין — — — די ערשטע יודישע טעאטער-פארשטעלונג אין אמעריקא 69.

סעמועל פארנבערג — ווי אזוי איך בין געווארן אן אקטיאר 73.

ש. קומנער — — — זכרונות וועגן דער הירשביין-טרופע 86.

יעקב וואכסמאן — — קריסטן אויף דער יודישער בינע 90.

דארא ווײַסמאן — — די ביטערע ווירקליכקייט 93.

א. ג. קאמפאניעץ — קוריאזן פון אמאל 98.

א. לערמאן — — — — ווי אזוי יודן זײַנען געבליבן אן קא-פעטעס צוליב טעאטער 103.